STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01867

FRAGMENTN FUN A LEBN

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאַפּאָרט

פראַגמענטן פון אַ לעבן...

מעלבורן 1967

FRAGMENTS OF A LIFE

By

O. RAPOPORT

(All rights reserved).

Copyright, O. RAPOPORT

MELBOURNE **AUSTRALIA.**

Printed by Autoprint Pty. Ltd., 256 High St., St. Kilda.

דאָס דאָזיקע בוך איז סובסידירט
געוואָרן דורך פּריינט סענדער
בורשטין און זיינע זין, און איז
געווידמעט דעם זכרון פון זייער
פאַרשטאָרבענער פרוי און מוטער
פייגע בורשטין ע״ה.

דער מחבר

אַ יישר כח אַלע מיטגלידער פון בוך־קאַמיטעט, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן דאָס בוך.

דער מחבר

פראַגמענטן פון אַ לעבן...

א) ווי איך האָב זיי געזען
(די יאַפּאַנער אין שאַנכיי און אין שאַנכייער געטאָ)

אַלע פּליטים, וועלכע זענען געווען אין יאַפּאַן, האָבן זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבן פון דער גוטסקייט און פיינקייט, פונם טאַקט און פון דער איידלקייט פון די יאַפּאַנער. זיי רעדן נאָך אַפילו היינט וועגן לעבן אין יאַפּאַן, ווי וועגן אַ מעשהלע, וווּ אַלץ איז גוט און שיין.

די דאָזיקע באַגייסטערטע אָפּשאַצונג פון יאַפּאַן און פונם יאַפּאַנישן פאָלק איז ביי די פּליטים געווען אַזוי אַלגעמיין, אַז מען האָט געמוזט אָננעמען, דאָס זי האָט אַן אָביעקטיוון גרונט.

איך באַדויער זייער וואָס אויך איך האָב נישט דורכגעלעבט דאָס דאָזיקע יאַפּאַן־מעשהלע (מיט איר שלעכטן סוף). און מיין באַדויערן איז אַ טאָפּלטעס: ערשטנס, וואָלט מיר, אין מיין גייס־טיקער ווירטשאַפט פון די לעצטע יאָרן, גאָר שטאַרק צונוץ געקומען אַביסל איבערגעלעבטע שיינקייט; און צווייטנס, וואָלט אפשר אין מיין איצטיקן אַרטיקל וועגן די יאַפּאַנער, ווי איך האָב זיי געזען, פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטיילט געווען דאָס ליכט מיטן שאָטן.

אָבער מיר איז שוין באַשערט, ווי ס'שיינט, צו זען תמיד מער דעם שאָטן אַפילו דאָרט, וווּ, לויט אַלעמענס גבית עדות, איז דאָ גאָר אַ סך ליכט.

די וועלט באַווייזט זיך מיר תמיד פון איר שאָטן־זייט.

* * *

ווען איך וואָלט אַפילו בכלל געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך צו געבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער פּסיכאָלאָגיע אָדער וועגן כאַראַקטער פון אַ פאָלק, וואָלט מיר אויך נישט געווען געקאָנט קומען אויפן געדאַנק צו וועלן געבן אַ סינטעטישן באַגריף וועגן

דער פּסיכאָלאָגיע און דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלק, וועמענס שפּראַך און פאָלקלאָר איך קען נישט, וועמענס מנהגים, ליטעראַטור און געשיכטע איך קען נאָר פון לייענען אַ ביכל אָדער צוויי; בפרט אַז איך גלויב נישט, עס זאָל מעגלעך זיין צו געבן אַ וויסנשאַפטלעך־זיכער בילד פון דעם כאַראַקטער און דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ פאָלק, וועמענס שפּראַך און פאָלקלאָר, וועמענס ליטעראַטור, געשיכטע און מנהגים מען קען אפילו יאָ. דאָס איז אוממעגלעך אפילו בנוגע דעם אייגענעם פאָלק, דעם איינציקן, וואָס מען קען אינטים, פון אינעווייניק.

און דאָס איז אַזוי פאַרשטענדלעך!

אויב עס איז שווער צו כאַראַקטעריזירן אַן איינצלנע פּערזאָן, וועלכע ברעכט אָפּט דורך די סכעמע, וואָס מען האָט געצייכנט וועגן זיין כאַראַקטער און פּסיכאָלאָגיע און ער האַנדלט פּונקט להיפּוך פון דעם, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן לויט דער סכעמע, טאָ וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן אַ פאָלק, דער דאָזיקער אומענדלעכער סטיכיע, וואָס נעמט אַן אין משך פון זיין געשיכטע אַזויפיל סתירהדיקע געשטאַלטן?!

איז דען דאָ אַ מער זיכערע זאַך פון דעם „כאַראַקטער" פון אַ כעמישן שטאָף? זיינע אייגנשאַפטן זענען אַזוי קלאָר, זיין רעאַקציע אויף פאַרשידענע איינווירקונגען אַזוי זיכער, און דאָך, מישט אים אַביסל אוים מיט אַ צווייטן שטאָף, און די רעאַקציעס זענען שוין גאָר אַנדערע, ווי פריער.

שטעלט אַ מענטשן אָדער אַ פאָלק אין אַנדערע באַדינגונגען און ער באַקומט ווי אַן אַנדער כאַראַקטער, אַן אַנדער פּסיכאָלאָגיע, זיי רעאַגירן גאָר אַנדערש, ווי געוויינלעך, אַנדערש, ווי לויט דער בעסטער געניאַלסטער סכעמע.

דאָס דאַרף מען האָבן אין זינען תמיד, באַזונדערס ביים לייענען די דאָזיקע אויפצייכנונגען וועגן די יאַפּאַנער „ווי איך האָב זיי געזען".

דער מענטש, ווען ער זעט עפּעס, — בפרט זאַכן, וואָס רירן אים אָן מער ווי אויבערפלעכלעך, — מוז ארויסטראָגן וועגן דעם זיין אורטייל, ער מוז דאָס איינפאַנגען אין אַ סכעמע: דער יאַפּאַנער, למשל, איז אַזאַ און אַזאַ.

אָבער בשעת־מעשה דאַרף דער קאָנטראָלירנדיקער פאַרשטאַנד וויסן, אַז דער יאַפּאַנער איז מסתמא אויך אַנדערש. יערנפאַלס

קאָן ער זיין אויך אַנדערש. איז ער דאָך נישט טויטער פאַר אַ כעמישן שטאָף.

* * *

וואָס האָב איך פאַרן קריג געוווּסט פון די יאַפּאַנער? נאָך ווייניקער ווי פון די כינעזער. וועגן די לעצטע האָב איך געוווּסט ווייניק, אָבער כאַראַקטעריסטישעס, פּערזענלעך־אינטימעס. איך האָב געוווּסט וועגן זייערע צעפּ און קליינינקע פּרויען־פיסעלעך. איך האָב זיך זיי פּלאַסטיש פאָרגעשטעלט אין זייער אייגנאַרטיקייט; איך האָב געלייענט אין איבערזעצונגען לי־טאַי־פּעס דיכטונג און לאַ־אָ־טצעס פילאָזאָפישע אַפאָריזמען און איך האָב געהאַט בליצ־אַרטיקע אַריינבליקן אין זייערע נשמות און מוחות.

דאָס איז געוויס זייער ווייניק, אָבער דאָך אומענדלעך מער, ווי וועגן די יאַפּאַנער, וועגן וועלכע איך האָב געוווּסט, אַז זיי זענען קליינטשיקע, אַז זיי האָבן געוווּנען דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג און האָבן באָמבאַרדירט טשאַפּעי און האַנקיו אין 1932 און אין 1937, ד. ה. קיין שום פּערזענלעכעס, קיין שום אינטימעס.

יאָ, איך האָב איינמאָל איבערגעלעבט עפּעס אינטימעס אין שייכות מיט יאַפּאַן, אָבער דאָס דאָזיקע אינטים־איבערגעלעבטע איז אין תוך געווען אַלגעמיין־מענטשלעך.

ווען אַמעריקע האָט אין 1924 אָנגענומען דאָס געזעץ, וואָס פאַרבאָט די יאַפּאַנישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע, איז אַ יאַפּאַנער באַגאַנגען כאַריקירי אויפן שוועל פון אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין טאָקיאָ. דער דאָזיקער פּראָטעסט איז געווען רירנדיק אין זיין קינדישקייט, און דאָס האָט ביי מיר אויסגעלייזט אַ שאַרף געפיל פון מיטלייד (ווער פאַרשטייט זיך נאָך אַזוי ווי אַ ייד אויף נאַציאָנאַלער באַליידיקונג!) און כ׳האָב אָנגעשריבן אַ נאָטיץ וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. און הגם די דאָזיקע נאָטיץ האָט מיט איר ליריק אַרויסגערופן אַנטציקונג ביי יונגע פּאָעטן, איז אין דער דאָזיקער ליריק נישט געווען קיין שפּור פון יאַפּאַניש־אינטימעס, — די יאַפּאַנער זענען מיר געווען אַ סך פרעמדער פאַר די כינעזער.

דעם ערשטן אומפּערזענלעכן צוזאַמענטרעף מיט די יאַפּאַנער האָב איך געהאַט אין ווילנע, אין 1940, ווען איך האָב זיך דער־וווּסט, אַז פון אַלע לעבעדיקע קאָנסולאַרע טירן, אין וועלכע יידן האָבן געקלאַפּט נאָך וויזעס, האָט זיך ברייט צעעפנט די טיר בלויז

פון יאפּאַנישן קאָנסול. ווי אַלע, בין איך אויך געשטאַנען פאַר א רעטעניש: א קאָנסול זאָל געבן טראַנזיט־וויזעס טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין לעבעדיקע ענדוויזעס, וועלכע האָבן איבערהויפּט נישט קיין ענדוויזעס? האָבן מיר דאָ פאַר זיך א דערשיינונג פון אומנאָרמאַלן הומאַניטאַריזם אויפן דיפּלאָמאַטישן געביט אָדער זענען ריכטיק די קלאַנגען, אַז בעת דער קאָנסול האָט געגעבן די וויזעס, האָט מען די רייעס פּעטענטן פאָטאָגראַפירט, כדי די פאָטאָגראַפיעס אויסצונוצן אין אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן שפּיל: יידן ווילן אַנטלויפן פון ראַטנפאַרבאַנד און יאפּאַן איז ברייטהאַרציק־הומאַניטאַר?! איז דאָס א גוט־אויסגערעכנטע טאַט אָדער א טאַט פון נישט־אויסגערעכנטער גוטסקייט?

און נאָכאַמאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט די יאפּאַנער אין וולאַדיוואָסטאָק.

איך און נאָך א גרופּע פון זעכצן מענטשן, וואָס האָבן פאַרזוימט צו באַקומען די יאפּאַנישע וויזע אין קאָוונע, האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון יאפּאַנישן קאָנסולאַט אין וולאַדיוואָסטאָק, — אָבער אומזיסט.

א מאָדנעם איינדרוק האָט געמאַכט דער יאפּאַנישער קאָנסולאַט אין וולאַדיוואָסטאָק. איך וואָלט אפילו געמעגט זאָגן — אַן אומהיימלעכן: מען האָט געקאָנט אָפּזיצן און אָפּשטיין לאַנגע שעהן און קיינעם נישט זען און נישט הערן. זעלטן־ווען פלעגט זיך דורכגליטשן א שאָטן און פאַרשווינדן שנעל אין א טיר ביים דערזען אונדז — די לעבעדיקע. און אַמאָל, ווען א טיר פלעגט זיך עפענען און א יאפּאַנער פלעגט דערזען די וואַרטנדיקע וויזע־פּרעטענדענטן, — פלעגט זיך דער שאָטן א כאַפּ טאָן צוריק. אַנשטאָט אַרויסצוואַרפן אָדער האַרט אָפּצוזאָגן — פלעגט מען אונדז אויסמיידן און אָן א שיעור באַדויערן.

און די סיטואַציע איז געוועזן מאָדנע. ביז נישט לאַנג צוריק פלעגט מען דאָרט נישט נאָר געבן וויזעס אין קאָנסולאַט, נאָר מען פלעגט אַפילו אַרויספאָרן מיטן שטעמפּל צום וואָקזאַל, און וויזעלאָזע פלעגן באַגליקט ווערן מיט יאפּאַנישע וויזעס. און ווען מיר, כמעט די לעצטע גרופּע וויזעלאָזע זענען אָנגעקומען, האָט מען נאָך אויך געגעבן וויזעס די ערשטע דריי, אָבער דאַן האָט מען געקלונגען צום „אינטוריסט״ צי מיר פאָרן צומאָרגנס אָפּ, און היות

דער „אינטוריסט" האָט געהאַט אַ סך רובלדיקע פּאַסאַזשירן*), פֿון וועלכע ער האָט געוואָלט פּטור ווערן, האָט ער געענטפֿערט, אַז מיר פֿאָרן סײַ־ווי־סײַ נישט און מען קאָן וואַרטן מיטן פּאַרטיילן די וויזעס, און אין צוויי טעג אַרום האָט דער קאָנסול דערקלערט, אַז ער האָט אַ פֿאַראָרדענונג מער קיין וויזעס נישט צו געבן.

פֿון לאַנגן פֿאַרשפּילטן קאַמף פֿאַר דער יאַפּאַנישער וויזע, זענען פֿאַרן דאָזיקן אַרטיקל אינטערעסאַנט בלויז פֿאָלגנדיקע פּרטים: דער סעקרעטאַר פֿון יאַפּאַנישן קאָנסולאַט האָט גענומען שוחד און נישט דערפֿילט דעם צוזאָג און נישט צוריקגעגעבן דאָס געלט: ער האָט צוגעזאָגט און צוגעזאָגט, אָפּגעשלעפּט און אָפּגעשלעפּט און קיין וויזעס נישט געגעבן, הגם אונדז האָט געדראָט צוריקגע־שיקט צו ווערן קיין סיביר. פֿון דעם יאַפּאַנישן הומאַניטאַריזם אין קאָוונע איז אין ווּלאַדיוואָסטאָק פּלוצלונג געוואָרן אויס. און חוץ דעם: די יאַפּאַנער און — שוחד? ווי גראַמט זיך דאָס?!

אָבער דאָס שענסטע איז געווען פֿאָלגנדעס: ווען מיר זענען ענדלעך אויסגעלייזט געוואָרן דורך שאַנכײַער פּערמיטן, האָט דער יאַפּאַנישער קאָנסול צוריקבאַקומען זײַן גוט האַרץ און צוויי פּערזאָן פֿון אונדזער גרופּע פֿון די זיבעצן האָבן באַקומען וויזעס און אַ דריטע פּערזאָן, אַ רב, איז דורך דעם קאָנסול אַרײַנגעטראָגן גע־וואָרן אין אונדזער גרופּע. און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל אַרײַנגעבליקט טיפֿער אין דער נשמה פֿון דעם יאַפּאַנער.

אונדזער גרופּע פֿון די זיבעצן, וואָס איז געקומען קיין ווּלאַ־דיוואָסטאָק דאָן, ווען דער קאָנסול האָט נאָך געהאַט רעכט צו געבן וויזעס, האָט באַקומען אַ צוזאָג פֿון אים, אַז מיר וועלן די וויזעס קריגן. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך וויזעלאָזע, לגבי וועלכע דער קאָנסול האָט נישט געהאַט קיין שום התחייבותן. צו זיי האָט

---

*) פֿון ווילנע האָט מען געמוזט פֿאָרן מיטן „אינטוריסט", און דער „אינטוריסט" האָט גענומען בלויז אַמעריקאַנער דאָלאַרן פֿאַר פֿאָרן מיט סאָוויעטישע באַנען. די, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין דאָלאַרן, האָבן זיך געלאָזט אויף אייגענער אחריות אויף בילעטן, געקויפֿט פֿאַר רובלס און באַקומען דעם נאָמען „רובל־דיקע". דערפֿאַר אָבער האָבן זיי נישט געקאָנט פֿאָרן קיין יאַפּאַן מיט דער יאַפּאַנישער שיף, ווײַל די דאָלאַרדיקע פֿלעגן האָבן שיפֿס־קאַרטן פֿון ווילנע אָן. האָבן זיך אָנגעקליבן אין ווּלאַדיוואָסטאָקער „טשעלוסקין"־האָטעל אַ סך „רובלדיקע".

געהערט דער רב צ., וועלכער האָט נושא חן געווען ביים קאָנסול צוליב זיינע קליינע קינדער און אפשר אויך צוליב זיין הדרת פּנים און זיין רעדנער־טאַלאַנט.

דער קאָנסול האָט ארויסגעגעבן די דריי וויזעס מיט א פריער־דיקער דאַטע, — מיט א דאַטע פון פאַרן פאַרבאָט צו געבן וויזעס. און ביים געבן די וויזע דעם רב, האָט דער קאָנסול א קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— איר געהערט דאָך צו דער גרופּע פון די זיבעצן? און אז דער רב האָט געענטפערט: „יאָ!", האָט ער א שמייכל געטאָן און געגעבן די וויזע. ער האָט געוווסט, אז דאָס איז ליגן, אָבער ער האָט, ווייזט אויס, געמוזט זיין שווינדל לעגאַליזירן פאַר זיין געוויסן פאָרמעל, אויסערלעך.

און נאָך עפּעס: אויב דער קאָנסול האָט געקאָנט פעלשן די דאַטע פון דער וויזע־אויסשטעלונג, איז דאָך לייכטער געווען צו פעלשן די דאַטע אויף עטלעכע טעג פריער, איידער אויף זיבן וואָכן פריער. האָט דער קאָנסול נויטיק געהאַט אזא לאַנגע צייט ביז ער איז דורכגעקומען מיט זיין געוויסן?

דאָס אַלץ האָט אויסגעזען ווי א שפּיל פון קינדער, א קאָנ־ווענציאָנעלע שפּיל, וו: די כללים פּענטען די פרייע באַוועגונגען און מען קאָן זיך פון זיי באַפרייען בלויז דורך אַנדערע קאָנווענ־ציאָנעלע כללים. לגבי די זיבעצן האָט ער דאָס וואָרט נישט גע־האַלטן, אָבער אויב ער וויל עמיצן געבן א וויזע — פּלוצלונג, נאָך זיבן וואָכן, ווען זי איז שוין 90 פּראָצענט נישט נויטיק — רעדט ער זיך איין, אז יענער געהערט צו די זיבעצן. און דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט טאָן אין דער געהעריקער צייט — אויסשטעלן די וויזעס לויט דער דאַטע, ווען ער האָט זיי צו־געזאָגט צו געבן, — קאָן ער פּלוצלונג אין זיבן וואָכן אַרום, אָבער ער קאָן דאָס נישט פאַר אַלע, נאָר פאַר דריי, לויטן פער־זענלעכן קאַפּריז.

מאָדנע מענטשן, אין די באַציאונגען מיט וועלכע מען באַ־וועגט זיך ווי אויף וואַסער — פונקט אזוי אומזיכער.

זיבן וואָכן זענען מיר געווען אין וולאַדיוואָסטאָק און זיבן וואָכן האָט געדויערט דער קאַמף פאַר דער יאַפּאַנישער וויזע, און די איינדרוקן וועגן די יאַפּאַנער זענען געווען שטאַרק און פיל. קיין וואָרט, ווי דאָס איז אָנגענומען ביי די ווייסע דזשענטלמענס,

איז ביי די וואָלאַדיוואָסטאָקער געלע דזשענטלמענס נישט געווען: דאָס וואָרט איז ביי זיי עלאַסטיש, — עס ווערט נישט, חס ושלום, געבראָכן, נאָר עס ווערט אויסגעצויגן, אויסגעצויגן ביז עס צעגייט אין דער לופטן פון דינקייט, ביז עס גיט אָפּ די נשמה פון אויסצערונג. דאָס וואָרט איז נישט געבראָכן געוואָרן, נאָר עס איז אויסגעגאַנגען.

מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז מען האָט צו טאָן מיט מענטשן פון שטימונגען, און אפשר איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס ריכטיק, אָבער קיינער פון אונדז איז נישט געווען זיכער, צי די שטימונגען ווערן נישט דיקטירט דורך אויסרעכנונגען.

וועלכע? ווער ווייס!

* * *

קיין יאַפּאַן, ווי געזאָגט, בין איך נישט אַריינגעפאַלן, דערפאַר אָבער האָב איך דערזען די יאַפּאַנער אין שאַנכיי, — נישט אין אַ מעשהלע, נאָר אין דערווירקלעכקייט.

און די ווירקלעכקייט, ווי באַקאַנט, איז אַזוי ווייט פון אַ מעשהלע! סיידן אין זעלטענע מאָמענטן, ווי כדי נאָך מער אונטערצושטרייכן די ווירקלעכקייט.

אויך די דאָזיקע מאָמענטן זענען געווען.

שאַנכיי, די דאָזיקע שטאָט הינטער שטעכיקן דראָט, האָט אָפּט, נאָך פאַרן פּאַציפישן קריג, געהאַט קאָנוווּלסיעס פון בלאָקאַדעס; עס פלעגן אָפּט פּאָרקומען אַטענטאַטן אויף די פאַרהאַסטע יאַפּאַנער, און די שטאָט פלעגט זיך דערוויסן וועגן זיי דורך די בלאָקאַדעס.

איינמאָל, ווען די בלאָקאַדע האָט מיך פאַרכאַפּט נעבן „גאַרדען ברידזש", בין איך געווען אַן עדות פון אַן עקלהאַפטער סצענע, וועלכע יאָגט נאָך היינט אָן אויף מיר אַ שרעק, ווען איך דערמאָן זיך אין איר. אַ כינעזישער שאָפער פון אַ לאַסט־אויטאָ האָט פאַרשפּעטיקט אויף אַ סעקונדע זיך אָפּצושטעלן, איז צוגעגאַנגען אַ יאַפּאַנישער זעלנער, אַרויסגעבעטן דעם כינעזער פונם אויטאָ און מעטאָדיש־קאַלטבלוטיק גענומען שלאָגן אין פּנים, נישט געאײַלט, אַ מינוט צען. אָבער דאָס שרעקלעכע איז געווען נישט דאָס שלאָגן, נאָר דער אופן פונם שלאָגן. פאַרן ערשטן פּאַטש האָט דער זעלנער אוועקגעשטעלט דעם כינעזער אין אַ געהעריקער פּאָזיציע, מיט די הענט אויסגעצויגן אַראָפּ, ווי סטרונעס. ביים ערשטן פּאַטש האָט דער כינעזער אַ כאַפּ געטאָן די הענט צום פּנים. האָט דער יאַפּאַ־

נער רואיק ווידער געבראַכט אין אָרדנונג די הענט פון געפּאַטשטן און ווידער אַ פּאַטש געטאָן. די נישט־דיסציפּלינירטע כינעזישע הענט האָבן זיך ווידער פריינטלעך אַ ריס געטאָן צום פּנים, כדי צו פאַרגיטיקן אים פאַרן פּאַטש מיט אַ גלעט, כדי צו פאַרשטעלן דאָס אומבאַשיצטע מענטשלעכע אָפענע פּנים. און אַזוי האָט געדויערט אַ גוטע צען מינוט. דאָס איז נישט געווען קיין שלאָגן, נאָר אַן אַקט פון דערציאונג. דער יאַפּאַנער האָט דעם כינעזער געוואָלט דערהויבן צו זיך: ווען אַ יאַפּאַנישער עלטסטער וואָלט געווען באַוויליקט צו שלאָגן אים, וואָלט ער, דער טרעגער פון דער העכסטער ציוויליזאַציע, שוין געווען געוווסט ווי צו שטיין, — ער וואָלט נישט געכאַפּט די הענט צום פּנים, ווי דער ווילדער כינעזער.

יאָ, דאָס איז געווען אַן אַקט פון דערציאונג, און דעריבער איז דאָס דורכגעפירט געוואָרן מיט אַזויפיל געדולד, ווי דאָס פאַר־דערט די שווערע קונסט פון דערציאונג.

צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט דעם גאַנצן אומגליק פון אַן עווענטועלן יאַפּאַנישן זיג. אין דאָזיקן אומשולדיקן שלאָגן — אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע מעשים טובים פון די יאַפּאַנער אויפן ווייטן מזרח און פון די דייטשן אין אייראָפּע — איז געווען אַ דראָאונג פאַר דער וועלט: די גאַנצע טעמפּקייט פון דער וועלט האָט אוזורפירט דאָס רעכט פון דערציאונג און זיך גענומען איבער־דערציען די מענטשהייט לויט איר מוסטער.

אַלע פּליטים, וועלכע זענען געווען אין יאַפּאַן פאַר דער מלחמה, פלעגן געבן דעם זעלבן ענטפער, ווען איך פלעג איבער־רייסן זייער מעשהלע מיטן אויבן־באַשריבענעם פאַקט:

— זיי זענען געוווינט צום שלאָגן אין פּנים: זיי שלאָגט מען אויך אין פּנים און זיי בויגן זיך דערביי, זיי זענען דאַנקבאַר דער פּאָליציי פאַר דער דערציאונג.

און קיינער פון זיי האָט נישט געפילט, אַז גראָד אין דער דאָזיקער פאַרענטפערונג ליגט דער גרויל, די געפאַר. די רוסישע פּויערים זענען יאָרהונדערטער געשלאָגן געוואָרן דורך די רוסישע פּריצים און זיי האָבן דאָס אויך אַריבערגעטראָגן מיט געדולד. אָבער די רוסישע פּויערים האָבן פון דעם שלאָגן נישט געמאַכט קיין קולט. די יאַפּאַנער אָבער האָבן געמאַכט פון דעם אַ קולט, אַ צערעמאָניאַל, אַ קולטור־אויפטו, וועלכן זיי האָבן זיך פאַרנומען

איבערצופלאַנצן אין דער וועלט, זי זאָל זיך בוקן און שמייכלען, ווען מען פּאַטשט זי אין פּנים. אַט־אָ די איינרערעניש פון מאָראַ־לישע קנעכט, אַז זיי זענען אַ הערן־ראַסע, אַז זיי זענען מחויב צו דערציען די וועלט צום דיסציפּלינירטן אַריבערטראָגן פּעטש אין פּנים, אָט דאָס איז די העסלעכסטע און געפערלעכסטע אינם יאַ־פּאַנער.

אַן אויסוווּרף מיט אַן „אידעאַל" איז דער ערגסטער סאָרט אויסוווּרף.

און נאָכאַמאָל האָב איך עפּעס געלערנט וועגן די יאַפּאַנער בעת אַ בלאָקאַדע, און ווידעראַמאָל, על־פּי־צופאַל, ביים „גאַרדען־ברידזש".

די בלאָקאַדע האָט געדויערט לאַנג און ביי אַלע גאַסן, וואָס צעצווייגן זיך פון „גאַרדען־ברידזש", זענען אומגעדולדיק געשטאַ־נען ריזיקע מחנות מענטשן און געוואַרט, די שטאָט־קאָנוווּלסיע זאָל אַריבערגיין. לעבעדיקע מענטשן, נישט קיין יאַפּאַנער, קאָנען נישט שטיין אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי די יאַפּאַנער, אַפילו נאָכדעם, ווי די גלעקלעך פון דער בלאָקאַדע האָבן אַזוי באַפעלעריש גע־קלונגען, און מענטשן זענען געטראָטן פון איין פוס אויפן צווייטן, געמאַכט אַ טריט פאָראויס אָדער אַ טריט צוריק און אַמאָל טאַקע אַריבערגעלאָפן פון איין ראַג צום צווייטן. אַ יאַפּאַנישער זעלנער מיט אַ נאַגאַן אין דער האַנט איז דערפון געווען אומגליקלעך. און אפשר פאַרקערט: גליקלעך. פילנדיק דאָס געווער אין דער האַנט, האָט ער געלעכצט נאָך אַקציע, נאָך ממשותדיקער מאַכט, נאָך דער־ציאונג. און ער איז אַרומגעלאָפן מיט די קרומע פיסעלעך פון איין אָרט צום צווייטן, דראָענדיק מיטן אויסגעשטרעקטן נאַגאַן, שלאָגנ־דיק מיט אים, צווינגענדיק צוריקצוטרעטן אויפן ריכטיקן אָרט, אויף דער ריכטיקער פוס, ווי אַזוי מען איז געשטאַנען ביים ערשטן קלאַנג פון די אַלאַרם־גלעקלעך.

דער עולם האָט זיך אַמוזירט, געלאַכט, נישט געקוקט אויף דער בולטער געפאַר פון דאָזיקן שיסנדיקן אויטאָמאַט, וואָס קאָן יעדע מינוט קומען אין באַוועגונג. און עס איז געווען פון וואָס צו לאַכן: קאָמיש אויך אין זיין אומבאַוועגלעכקייט, שוין לויט זיין טעמפּן אויסזען, איז די דאָזיקע מאַלפּעאַרטיקע אָדער מענטשנ־אַרטיקע בריאה געווען צענפאַך לעכערלעכער אין דער באַוועגונג. דאָס האָט געטריפּעט מיט די פיסעלעך פון אָרט צו אָרט מיט אַן

אומדערזעטלעכן פארלאנג צו ווייזן זיין מאכט, צו דערציען, צו ארדנען די וועלט לויט זיין אידעאל: פולע אומבאוועגלעכקייט, פולע דיסציפלין לגבי דעם קלענסטן צייכן פון דער מאכט.

דאס דאזיקע בילד איז געווען סימבאליש אין א טאפלטן זין: פון איין זייט איז עס געווען סימבאליש אין זיין גרוילקייט: א געפערלעכע קאלאסאלע מאלפעארטיקע באשעפעניש איז באפאלן די מענטשהייט און איז גרייט זי אומברחמנותדיק צו דערציען לויט איר מאלפישן אידעאל; אבער פון דער צווייטער זייט איז אויך געווען סימבאליש די האלטונג פון דער באדראטער מענטשהייט: נישט געקוקט אויף איר טעראריזירטן, געפארפולן צושטאנד, האט זי געפונען אין זיך גענוג מענטשלעכע כוחות צו ווידערשטעלן זיך מיט הומאר קעגן הומארלאזן באוואפנטן מעכאניזם.

די דאזיקע סצענע האט מיר באוויזן די געפאר, די אוממענטש־לעכע טעמפקייט פונם יאפאנישן מיליטאריזם; אבער אויך זיין אנמאכט.

צום ערשטן מאל איז ער אין מיינע אויגן געווארן לעכערלעך. און ווען א זאך ווערט קאמיש, פארלירט זי די מאכט איבער דאס ארומיקע.

איך האב שפעטער געזען און געפילט נענטער און בולטער די געפאר פון יאפאנישן מיליטאריזם; אבער ווי נאר איך פלעג זיך דערמאנען אין יענער סצענע ביים „גארדען־ברידזש״, פלעג איך מוזן לאכן.

ליידער, פלעג איך זיך נישט תמיד דערמאנען אין דער דא־זיקער סצענע. די מאלפעארטיקע באשעפעניש איז איבערגעגאנגען פון דראאונג צו מעשים און עס איז נישט געווען קיין צייט און קיין געמיט פאר דערמאנונגען.

* * *

די, וואס זענען געווען בארוישט פון דער יאפאנישער מעשהלע, האבן אינגאנצן פארלארן די פעאיקייט צו זען די ווירקלעכקייט. די פארביקייט פון דעם קימאנא־שטראם האט זיי געבלענדט די אויגן פאר די סצענעס ביים „גארדען־ברידזש״. די שטילקייט פון די יאפאנישע גאסן (די פליטים האבן נישט געהאט קיין ווערטער פאר א לויב־געזאנג!) האט זיי נישט געלאזט הערן דעם חיהשן ריטש פונם יאפאנער זעלנער, וועלכער פלעגט שטיין אויף דער וואך אויף דעם „גארדען־ברידזש״ און געבן א דערלויבעניש יעדן

טראַמוויי צו פאָרן ווייטער. און עס פלעגט זייער זעלטן טרעפן, אַז די דערלויבעניש זאָל געגעבן ווערן מיט אַ נאָרמאַלן קול, — כמעט תמיד פלעגט דער זעלנער לאָזן שטיין דעם טראַמוויי אַ מינוט — כדי צו ווייזן און געניסן זיין מאַכט — און דאַן געבן אַ ריטש, ווי אַ ווילדע בעסטיע, — דעם ריטש פון דער יאַפּאַנישער חיה־רעה, בעת זי וואַרפט זיך אויף איר רויב.

די פאַרסמטע פון דער מעשׂהלע פלעגן אַפילו טענהן (אמת, די גאַר נאַרישע!), אַז אַזאַ פאָלק קומט לעבנסרוים, עס קומט זיי... אַזאַ קולטור! און אַז איך פלעג זיי ווייזן די קולטור, וואָס ריטשעט און שלאָגט, פאַרקנעכטעט און דערציט צו קנעכטשאַפט, ווייל קנעכטשאַפט איז איר אידעאַל, ווייל קנעכטשאַפט ליגט אין איר בלוט זינט אומצאָליקע דורות, פלעגן די ענטוזיאַסטן האָבן אַ סטערעאָטיפּן תירוץ: די אמתע יאַפּאַנער זענען דאָרט; דאָ, קיין שאַנכיי, שיקט מען דעם אָפּפאַל פון פאָלק.

געוויס, רויבן רויבט מען מיט די נעגל, נישט מיט די אויגן, אָבער אָן אַ רויב־פייערל אין די אויגן, לאָזט מען נישט אַריין די נעגל אין אַ לעבעדיקן קערפּער, נאָר מען האַלט זיי באַהאַלטן אין די קישעלעך. און ווי שיין עס זאָלן נישט זיין די אויגן און די פעל פון אַ חיה, — אויב זי באַנוצט די נעגל אירע, איז זי אינגאַנצן אַ רויב־חיה, און אויב מען קאָן איר נישט אָפּשניידן די נעגל און אויסרייסן די ציין, שטעכט מען איר דורך די שיינע פעל און מען לעשט אויס אירע שיינע אויגן.

געוויס, עס איז אַ פּראָבלעם: ווי אַזוי קאָנען הויזן צוזאַמען אין איין מענטשן, אין איין פאָלק עלעמענטן פון מעשׂהלע און ברוטאַלסטער געוואַלט. אָבער די פּראָבלעם קאָן נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט פון דער סתירה, און אויב די מעשׂהלע יאַפּאַן האָבן איבערגעלעבט טויזנטער, האָבן די רויב־חיה יאַפּאַן איבערגעלעבט מיליאָנען. און אויך די הונדערטער פוילישע פּליטים, וואָס זענען פאַרכישופט געווען פון יאַפּאַן, איז באַשערט געווען אַ שווערע דערוואַכונג פונם כישוף־חלום.

עס איז געקומען דער פּאַציפישער קריג.

* * *

לויט דער דערפאַרונג פון די יעניקע, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די יאַפּאַנישע אָקופּאַציע פון אַ כאַרבין, למשל, האָט מען דערוואַרט דאָס שרעקלעכסטע. און די ווייס־רוסישע עמיגראַציע־

קרייזן מיט זייער אָרגאַן „נאָוואָיע וורעמיא" האָבן גענומען שאַרפן די נעגל און זיי האָבן זיך שוין אויף פּאָראויס באַלעקט: זיי האָבן שוין אַזוי לאַנג נישט פאַרזוכט קיין לעבעדיק בלוט, — עס איז זיי אויסגעקומען צו שפּייזן זיך מיט פּאָגראָם־דעראַינערונגען און מיט דער נבלה פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן...

מען האָט אַרעסטירט עטלעכע יידן, איינער צי צוויי זענען געשטאָרבן אין דער יאַפּאַנישער „געסטאַפּאָ"־תפיסה, אין „ברידזש־הויז", וואָס איז באַרימט געוואָרן נאָך דער מלחמה, ווען מען האָט פאַרקוקט אין די שטילע, טונקעלע יאַפּאַנישע ווינקעלעך, אָבער קיין מאַסן־פּאָגראָם אויף יידן, ווי מען האָט דאָס דערוואַרט גלייך פון אָנהויב, איז גלייך נישט פאָרגעקומען.

מען דאַרף אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז מיר האָבן בשעתו נישט געוווסט אַלע פאַלן פון געוואַלט און אכזריות מצד די יאַפּאַנער: זיי האָבן ליב שטילקייט, שאָטן. בלויז ווען עס פלעגט טרעפן אַ באַקאַנטן, פלעגט מען זיך עפּעס דערוויסן. און פון די דאָזיקע באַקאַנט־געוואָרענע פאַלן איז דאָ איינער, וואָס כאַראַקטעריזירט ביז גאָר די יאַפּאַנער.

ביים איינגנטימער פון מעבלירטע צימערן ל. (אגב אורחא, איינער פון די אויפריכטיקסטע ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור; ער פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע ביבליאָטעק מיט ביכער נישט נאָר פון פאַר פערציק יאָר, נאָר אויך פון דער לעצטער צייט), האָבן די איינוווינער ־ יאַפּאַנער צוגענומען דאָס הויז. ער האָט זיך מיט זיי געמשפּט ביי דער „נעווי". אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען דער פאָרשטייער פון יאַפּאַנישן הויז־קאָמיטעט האָט עפּעס געלייקנט, האָט הער ל. געזאָגט, אַז ער קאָן ברענגען אַ באַווייז, וואָס באַווייזט, אַז ער, ל., איז גערעכט. ווי נאָר ער האָט דאָס געזאָגט, האָט דער יאַפּאַנער געכאַפּט אַ שווערן אַש־בעכער און אַזאַ זעץ געטאָן דערמיט אין פּנים פון ה' ל., אַז דער אַש־בעכער איז צעשפּרונגען און ה' ל. איז געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער, אַ האַלב־טויטער. און די ריכטער זענען געזעסן מיט יאַפּאַנישער אָפּוועזנהייט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען.

צומאָרגנס, ווען פרוי ל. איז געקומען אין איר געוועזן הויז, האָט איר דער שלעגער געכאַפּט קושן די האַנט, ווי געוויינלעך, ווי פאַר דער מלחמה, און זי אַפילו, ווי תמיד, אָנגערופן „מוטער".

— ווי אַזוי קאָנסטו מיך רופן „מוטער", אַז דו האָסט שיער

נישט דערמאָרדעט מיין מאַן ? — האָט אים פּרוי ל. געפרעגט, צוריקבאַפנדיק איר האַנט.

— אַז ער האָט מיך באַליידיקט פאַר מיין העכערער מאַכט,

— האָט איר דער יאַפּאַנער געענטפערט מיט זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט.

זאָגן ליגן איז ביי אים נישט קיין זינד; אַז די ריכטער, זיין העכערע מאַכט, ווייסן, אַז ער זאָגט ליגן, איז אויך גאָרנישט, אָבער זאָגן דאָס טאָר מען נישט. און אויב מען זאָגט יאָ, מעג ער מאָרדן אין די אויגן פון די ריכטער, פון זיין העכערער מאַכט, און קיינער פּרוווט אים גאָר נישט שטערן. און ער מאָרדעט אַ מענטשן, ביי וועמען ער האָט נישט איינמאָל געגעסן ברויט און וועמענס פרוי ער רופט־אָן, פון פאַרערונג, „מוטער".

עס איז שווער אַזעלכע מענטשן צו רופן „ציוויליזירטע", עס איז שווער צו באַטראַכטן זיי אַלס קולטור־מענטשן, — עס שמעקט נאָך צופיל מיט אור־וואַלד פון זיי, מיט ווילדע זיטן, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט מיט דער פאַרפליכטנדיקער אוניווערסאַלער לאָגיק פון קולטור, לויט וועלכער עס איז אַ גרעסערע זינד און אַ גרעסערע חרפּה צו זאָגן אַ ליגן, ווי צו הערן אַ באַשולדיקונג אין זאָגן ליגן, לויט וועלכער ריכטער וואָלטן זיך קאָמפּראָמיטירט, ווען זיי רעאַגירן נישט אויף כוליגאַניזם אין זייער אַנוועזנהייט, בעת זיי דערפילן זייערע פליכטן.

אָבער אין אַלגעמיין האָבן די שאַנכייער יידן אין אָנהויב, ביזן געטאָ, געהאַט אַן אַנגענעמע אַנטוישונג. אין דאָזיקן פאַל איז אונדז שטאַרק צונוץ געקומען די יאַפּאַנישע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיך מיר אַנטפּלעקט אין וולאַדיוואָסטאָק: די לאַנגזאַמקייט, די אומאַנטשלאָסנקייט, דאָס וועלן צוויי זאַכן מיטאַמאָל: אי האַנדלען געמיין, אי איינהאַלטן אַ פריינטלעכן פּנים.

ווי עס שיינט, איז דאָ צוגעקומען נאָך אַ סיבה: עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען אַ ויתרוצצו, וועלכן מען וועט נאָך דאַרפן אויס־פאָרשן און פעסטשטעלן זיינע סיבות. עס זענען דאָ אַ סך באַווייזן פאַרן דאָזיקן ויתרוצצו.

ערשטנס, האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען: ווידעמאַן, היטלערס פּערזענלעכער משולח, איז אַראָפּגעפלויגן קיין שאַנכיי, דערשפּירנדיק דעם ריח פון נייע קרבנות; ער זאָל האָבן געוואָלט איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון שאַנכיי, און דאַן — ס'איז דאָך

אָבער צו־קלאָר וואָס דאָס וואָלט באַדייט פאַר אַלע שאַנכייער יידן, פאַר אַלע יידן פון ווייטן מזרח, עס וואָלט צוערשט געשאַפן גע־וואָרן אַ צענטראַלע געטאָ און דאַן — אַ צענטראַלער מאַידאַנעק.

און נישט נאָר קלאַנגען האָבן עדות געזאָגט וועגן די פּלענער (הגם קלאַנגען זענען אויך אַ גוטער עדות: זיי קאָנען זיין ריזיק, ווי שאָטנס, אָבער די ריזיקסטע, אומרעאַלסטע שאָטנס ווערן גע־וואָרפן דורך עפּעס אַ ממשותדיקן קערפּער), — עס האָבן גענומען רעדן די אויסגלאַסענע צייטונגס־שפּאַלטן: געבעלסעס שטימע האָט זיך אַרויסגעהערט פון דער יאַפּאַניש־קאָנטראָלירטער ענגלי־שער, כינעזישער און רוסישער פּרעסע (פון די ווייסע עמיגראַנטן) אין שאַנכיי.

אָבער ווי געזאָגט, — עפּעס האָט געהאַמעוועט די אַפּעטיטן פון די מענטשן־פרעסערס: ווידעמאַן איז צוריקגעפאָרן, — מען האָט אַפילו געשמועסט אַז נאָך אַ פּעטש־אויסטויש מיט די יאַפּאַ־נער, — שאַנכיי האָט ער נישט באַקומען און אָנשטאָט אַ געטאָ פאַר אַלע יידן ערגעץ אויף אַן אינדזל נעבן שאַנכיי, איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן אַ דיסטריקט פאַר מלוכהלאָזע פּליטים אין האָנקיו, אונטער דער הערשאַפט פון אַן „אידעאישן” אַנטיסעמיט — קובאָטאַ.

דער פּעטער ביסן איז דורך עפּעס אַרויסגעריסן געוואָרן פון קובאָטאַס מויל, — אָבער ער האָט באַשלאָסן כאָטש אָפּצולעקן אַ ביינדל. און די געשיכטע (אָדער, ריכטיקער: די פּראַקטיק) פון דיסטריקט האָט מיר געוויזן די יאַפּאַנער אין זייער גאַנצער טעמפּ־קייט און קליינלעכקייט, אין זייער נישטיקער דעגענערירטקייט. וואָרום ווי טראַגיש עס זאָל נישט האָבן געווען צייטנווייז דער דיסטריקט, — אין אַלגעמיין איז ער געווען מער לעכערלעך, אומ־עסטעטיש אין זיין נישטיקער קליינלעכקייט, אין זיין קליינלעכער רשעות.

ווען מען דערמאָנט זיך, וואָס די דייטשן, יאַפּאַנס שותפים צו דעם אַלוועלטלעכן רויב־צוג, האָבן געטאָן מיט די יידן און מיט די קרבנות זייערע פון אַנדערע פעלקער, מוז מען די יאַפּאַנער געבן דעם נאָבל־פּרייז פאַר הומאַניטעט; און נישט איינמאָל האָבן מסתמא די ווייט־מזרחדיקע ווידעמאַנס זיך געשעמט פאַר די דאָ־זיקע פּושערס, וואָס מאַכן זיי אַזוי שלעכט נאָך.

אָבער עס גייט מיר דאָ נישט אין באַהאַנדלען דעם דיסטריקט

אויפֿן פֿאָן פֿון טרעבלינקע, נאָר ווי אַזוי די יאַפּאַנער האָבן זיך באַוויזן אין דיסטריקט, ווי אַזוי איך האָב זיי דאָרט געזען.

דאָס, וואָס די דייטשן האָבן געמאָרדעט און געפּייניקט מיליאָנען און די יאַפּאַנער צענדליקער טויזנטער, באַפֿרייט נישט די לעצטע פֿון דער פֿאַרברעכער־באַנק; און דאָס, וואָס די יאַפּאַנער האָבן נישט געמאַכט קיין מאַידאַנעק, קאָן זיי נישט רייניוואַשן פֿון דער האַנקיו־שולד.

דער דיסטריקט האָט געבראַכט טויט, קראַנקהייטן, נויט; דער דיסטריקט האָט אַ טרויעריקע געשיכטע, וואָס דאַרף נאָך געשריבן ווערן, און אין דער דאָזיקער געשיכטע זענען דאָ טונקעלע זייטן (אַחוץ שוואַרצע) וואָס דאַרפֿן נאָך אויסגעפֿאָרשט ווערן (און די אויספֿאָרשונג וועט וואַרפֿן שאָטנס נישט נאָר אויף די יאַפּאַנער, נאָר אויך אויף געוויסע יידן), — אָבער דאָ באַהאַנדל איך איין זאַך: ווי אַזוי האָב איך געזען אין דאָזיקן דיסטריקט די יאַפּאַנער.

איך האָב זיי מער געזען אין זייער נישטיקייט, ווי אין זייער גרויזאַמקייט.

דער הויפּט־סימן פֿון דיסטריקט איז געווען — זינלאָזיקייט.

וואָס האָבן זיי דערמיט אויסן געווען און וואָס האָבן זיי דערמיט געוואונען?

די פּראָקלאַמאַציע וועגן שאַפֿן דעם דיסטריקט האָט גערעדט וועגן מיליטערישער נויטווענדיקייט; אָבער דערין קאָן קיינער נישט גלויבן. אַ סך מער אייראָפּעער — און אַ סך מער פֿאַרדעכטיקע — זענען געבליבן אויסערן דיסטריקט; און צווישן זיי אַ סך יידן — די יידיש־רוסישע רעזידענטן. די, וועלכע וואָלטן געהאַט אַן אינטערעס — און אַ מעגלעכקייט — צו שעדיקן יאַפּאַנישע מיליטערישע אינטערעסן, וואָלטן זיך געוווען געקאָנט אַן עצה געבן מיטן פֿאַרלאָזן דעם דיסטריקט: צי מיט אַ ספּעציעלן פּאַס, צי אָן אַ ספּעציעלן פּאַס.

די סברא פֿון חכמי לעזשאַנקע, אַז די יאַפּאַנער האָבן געמאַכט דעם דיסטריקט, נוצנדיק די פּליטים אַלס פּאַנצער פֿאַר זייערע מיליטערישע אָביעקטן (פֿאַר זייער קריגס־אינדוסטריע, וואָס האָנקיו איז פֿול געווען מיט אירע קליינע אונטערנעמונגען), כדי מען זאָל זיי נישט באָמבאַרדירן, — ווער וועט דאָס שטעלן אין סכנה די אומשעצבאַרע לעבנס פֿון יידישע פּליטים? — די דאָזיקע סברא ליגט זיך עפּעס נישט אויפֿן שכל. אמת, זי איז אין סטיל

פון די יאפאנער, ווי איך האָב זיי געזען, אָבער דאָך איז שווער צו גלויבן, אַז אַפילו מיט זייער טעמפּקייט זאָלן זיי זיך דער־טראַכטן צו אַזאַ נאַרישקייט.

בלייבט די האַלבע דערקלערונג פון אויבן: דער דיסטריקט איז די פּאַרזעעניש פון אַ קאָמפּראָמיס צווישן גרויסע אויגן און אַ קאַליע געוואָרענעם מאָגן. און די צווייטע העלפט פון דער דערקלערונג באַשטייט אין דעם, אַז דער דיסטריקט איז איינער פון די קליינע רויב־צוגן פון די יאַפּאַנישע גרויסע רויבער; אַ שטיקל עקספּראָפּריאַציע פון יידישן פאַרמעגן; אַ ספּעקולאַציע מיט אַביסל דירות און געשעפטן.

אויב קיין מאַידאַנעק האָט זיך נישט געלאָזט מאַכן (צוליב אינערלעכע שטערונגען), האָט מען כאָטש געוואָלט נאָכהינקען דעם שותף און פאַרדינען דערביי אַ פּאָר גראָשן.

דער געלט־מאָמענט האָט בכלל געשפּילט איינע פון די גרעסטע ראָלעס אין דער געשיכטע און אין דער פּראַקטיק פון דיסטריקט (איך קאָן זיך דאָ אָבער נישט אָפּשטעלן דערויף גענויער). למשל, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג איבערגעריסן דער ליבעראַלער קורס, וואָס האָט אָן אַ שיעור פּליטים געלאָזט זיצן „אומלעגאַל" אויסערן דיסטריקט, און די ריינקייט־ליבנדע יאַפּאַנער האָבן גענומען איינ־זעצן מענטשן אין שמוציקע, פּאַרלייזיקטע שטייגן, ווו זיי זענען קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס און געשטאָרבן, האָט מען שטאַרק געשמועסט, אַז דער שאַרפער קורס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די רוסישע יידן האָבן נישט געוואָלט געבן קיין געהעריקע סומעס קובאָטאַן אָדער דער „נעווי" (ווייל דער רויב־צוג איז געווען אַ טאָפּלטער: לטובת דעם יאַפּאַנישן כלל און לטובת די יחידים פון דער „ביוראָ פאַר מלוכהלאָזע פּליטים"; אין פּרט פון געלט נעמען האָט די יאַפּאַנישע מוראַשקע גענומען אַרויסווייזן אינדיווידועלע סימנים פון לעבן, ווי איך האָב דאָס שוין געהאַט דערפּאַרן אין וולאַדיוואָסטאָקער קאָנסולאַט).

הכלל, דער רויב־צוג קעגן אַ צענדליק טויזנט פּליטים (פון וועלכע אַ באַדייטנדיקער טייל איז געווען אָרים, אָן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן גערויבט ווערן, אויב נישט רעכענען די פּערזענלעכע באַוועגונגס־פרייהייט און די ביסל ריינערע לופט אין דער פראַנ־צויזישער קאָנצעסיע) איז איינגעהילט געוואָרן אין דער פראַזע פון מיליטערישער נויטווענדיקייט.

אָבער די יאַפּאַנער וואָלטן נישט געווען קיין יאַפּאַנער, ווען זיי בלייבן ביים ערשטן נוסח. האָבן זיי טאַקע באַלד פאַרגעסן וועגן דער מיליטערישער נויטווענדיקייט און דערקלערט דורך קור־באַטאַס (דעם געטאָ־אָנפירערס) מויל, אַז דער דיסטריקט האָט בלויז איין אויפגאַבע — גליקלעך צו מאַכן די יידן, שאַפן פאַר זיי אַ קליין ארץ־ישראל, דערפאַר אָבער אַ מוסטערהאַפטס. און דערביי האָבן זיי געגעבן אַ יאַפּאַנישן באַוויז פאַרן אמת פון זייערע רייד: דעם איינציקן פּאַרק, וואָס האָט זיך געפונען אין דיסטריקט, האָט מען פון אים קינסטלעך אויסגעשניטן: די פּליטים זאָלן אין יאַפּאַנישן ארץ־ישראל נישט אָטעמען מיט קיין פרישער לופט...

די דאָזיקע זינלאָזע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז נישט נאָר צעקריגט אויף הונדערט פּראָצענט מיט די פאַקטן, נאָר איז פאַר זיך גופא אַ טעאָרעטישע זינלאָזיקייט, איז אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר די יאַפּאַנער. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע איז ווירקזאַם בלויז אין איין פּרט — זי העלפט אונדז דערקענען דעם יאַפּאַנער, וואָס איז פון איין זייט אַזוי געהיימנישפול, אַזוי פאַרשלאָסן הינטער זיין שמייכעלע, און פון דער צווייטער דעקט ער דורך אים אויף אַזוי פשוט, אַזוי לייכט זיין נישט־קאָמפּליצירטן וועזן.

דער יאַפּאַנער שטייט נאָך אַמנאָענטסטן — פון אַלע פעלקער — צו דער געזעלשאַפט פון די מוראַשקעס. קאָנט איר זיך דען פאָרשטעלן אַ מוראַשקע, וואָס בלייבט שטיין און נעמט עפּעס קריטיש באַטראַכטן? דער יאַפּאַנער האָט נישט קיין קריטישן חוש: דאָס, וואָס די מאַכט זאָגט, איז הייליק, איז זיכער, איז געוויס, איז נישט אונטערגעוואָרפן דער פראַגע פון פאַרשטאַנד, פון לאָגיק, פון פאַקטן.

נישטאָ נאָך אַזאַ פּרימיטיווע און נאַבלעסיקע און זינלאָזע פּראָפּאַגאַנדע, ווי די יאַפּאַנישע. ביי זיי איז רעכט געווען צו דערטרינקען יעדן טאָג אַ טאָפּלטע צאָל אַמעריקאַנער שיפן, וויפיל עס פאַרמאָגט דער גאַנצער אַמעריקאַנער פלאָט; זיי קאָנען זאָגן, אַז צוליב אַמעריקעס מפּלה ביי פאָרמאָזאַ, זענען די אַמעריקאַנער געווען געצווונגען צו פאַרנעמען די פיליפּינען, און צוליב דער מפּלה ביי די פיליפּינען, זענען זיי, נעבעך, געווען געצווונגען צו פאַרנעמען איוואָדזשימאַ, און צוליב זייער מפּלה ביי איוואָדזשימאַ, זענען זיי

געווען געצוווּנגען צו פאַרנעמען אַקינאַווע. זיי קאָנען זאָגן, אין איין און דער זעלבער טעלעגראַמע, אַז די שאָדנס פון שונאס באָמ־באַרדירונג זענען געווען גרויס, אָבער מען האָט פון דער זעלבער באָמבאַרדירונג קיין שאָדנס נישט געליטן.

מען וואָלט געקאָנט צונויפשטעלן פון די צייטונגס־טעלעגראַמעס פון דער יאַפּאַניש־ענגלישער "The Shanghai Times" אַ קאָלאָסאַלע וויצן־זאַמלונג, אַ המשך פון באַרימטן ראָמאַן „באַראָן מיונכהאַו־זען". גייט מען צו צו די דאָזיקע טעלעגראַמעס פון אייראָפּעאישן שטאַנדפּונקט (אַפילו נעמענדיק אין באַטראַכט די דייטשע קריגס־פּראָפּאַגאַנדע פון דער מפלה־עפּאָכע), דאַכט זיך אָפּט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט צעשאָטענעם זאַץ אָדער מיט דער פּראָ־דוקציע פון אַ משוגענעם, — אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע ווערט געמאַכט פון יאַפּאַנער פאַר יאַפּאַנער און וויכטיק איז, עס זאָל זיין געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס, נישט קיין נפקא מינה וואָס — אַלץ וועט געגלויבט ווערן, מיט אַלע סתירות און זינלאָזע באַרימערייען. אַפילו דאָס, אַז אַ טויטער יאַפּאַנישער פּילאָט האָט צוריקגעבראַכט זיין עראָפּלאַן אויפן פּלי־פּלאַץ — זיין קערפּער איז געווען טויט, אָבער זיין סאַמוראַאישער גייסט האָט געפירט דעם עראָפּלאַן.

און היות די יאַפּאַנער האַלטן זיך העכער פאַר אַנדערע, קומט זיי גאָר נישט אויפן געדאַנק, אַז דאָס וואָס טויג פאַר זיי, טויג נישט פאַר אַנדערע. זיי האַלטן, אַז אויב עס טויג פאַר זיי, טויג דאָס פאַר אַנדערע אַוודאי. אויב דער יאַפּאַנער שטייט אויס־געצויגן ווי אַ סטרונע, ווען מען שלאָגט אים אין געזיכט, דאַרפן אַנדערע אויך שטיין אַזוי ביים שלאָגן זיי; אויב דער יאַפּאַנער גלויבט, אַז ער איז העכער פאַר אַנדערע, דאַרף דער אייראָפּעער אויך גלויבן אין דעם; און אויב די יאַפּאַנער ווילן גלויבן, אַז דער דיסטריקט אָן פּאַרק וועט זיין פאַר די יידן אַ קליין ארץ־ישראל, דאַרף דער ייד אויך גלויבן אין דעם. דעם יאַפּאַנער שאָקירט שוין דער בלויזער געדאַנק, — ווי מאַיעסטעט־באַליידי־קונג! — אַז דער ייד אַנאַליזירט זיינע רייד און באַציט זיך קריטיש צו זיי. פאַר אַזאַ יאַפּאַנער, ווי גאָיאַ, למשל, (אַ מאַכט־האָבער איבער די געטאָ־יידן) איז געווען קלאָר, אַז אויב מען האָט געהייסן די יידן גיין אין קליין ארץ־ישראל, וווּ מען גרייט פאַר זיי אַ גן־עדן, און די יידן ווילן נישט גיין, זענען זיי פאַרברעכער.

ווער דערוועגט זיך דאָס ספק אין דעם, וואָס אַ יאַפּאַנער זאָגט? נאָך מער: ווען גאיא זאָל וויסן, אַז די מעשה מיט דער טובה פאַר יידן איז אַ ליגן, וואָלט ער אויך געווען זיין אויפגעבראַכט, להשמיד ולהרוג: אויב דער יאַפּאַנער זאָגט, דאַרף מען דעם ליגן אָראָפּשלינגען, ווי אַן אמת, אָט אַזוי ווי זיי, די יאַפּאַנער, טוען עס.

פונקט ווי דער יאַפּאַנער זאָגט און הערט נישט טראַכטנדיק, אַזוי טאָר אויך דער אייראָפּעער נישט טראַכטן, ווען ער הערט עפּעס פון אַ יאַפּאַנערס מויל. דאָס בלויזע הערן איז גענוג, אינם זין פון דער יידישער שפּראַך, ווו „הערן" באַדייט אויך — „פאָלגן".

און דערפון נעמט זיך, וואָס ווען דער יאַפּאַנער האָט די מאַכט, קאָן מען מיט אים נישט פירן קיין וויכוח, מען קאָן נישט אונטערהאַנדלען, עס איז אוממעגלעך צו פירן אַ דיסקוסיע.

איך האָב הונדערט מאָל געהערט פון די רוסיש־יידישע שתדלנים אין שאַנכיי, ווי אויך פון אַנדערע, וואָס האָבן פּרובירט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די יאַפּאַנער:

— אַז מען קאָן מיט זיי נישט רעדן, — זיי ענטפערן גאָר־נישט, זיי זאָגן גאָרנישט צו, זייער „יאָ" איז קיין „יאָ" נישט, זייער „ניין" — קיין „ניין" נישט.

נישט אין זייער דיפּלאָמאַטישן שווייגן ליגט די שווערקייט זיך צונויפצורעדן מיט זיי, — די שווערקייט ליגט אין זייער פאַרוווּנדערונג, אין זייער צאָרן, וואָס מען דערוועגט זיך גאָר צו וועלן מאַכן אַנדערש נאָכן הערן זייער באַשלוס, זייער באַפעל, וואָס מען הערט און מען הערט נישט.

— ווי אַזוי דערוועגן זיך די יידן צו ספק, אַז מען וועט פון דיסטריקט מאַכן אַ גן־עדן?

די יידן האָבן אַ סך הומאָר; די יאַפּאַנער גאָרנישט. און ווען קובאָטאַ זאָגט זיינע דיפּלאָמאַטישע ליגנס אומנויטיקערהייט — פאַרוווּנדערן דאָס די יידן פאַר זייער לאַך־געברויך.

און יאַפּאַנער זענען געזעסן אינם „בּיוראָ פאַר מלוכהלאָזע פּליטים" און טויט ערנסט זיך פאַרנומען מיט זינלאָזע זאַכן, און די יידן האָבן נישט אויפגעהערט צו לאַכן. די יאַפּאַנער האָבן געהאַט די מאַכט איבערצורייסן צייטנווייז דעם דאָזיקן געלעכטער און פאַרבייטן אים אויף טרערן, — אָבער אינגאַנצן טויטן דעם יידישן געלעכטער זענען זיי נישט געווען בכוח.

און דאָס האָט זיי געריי‏צט און געערגערט.

* * *

אָקוראַ, איינער פון די יאַפּאַנישע קריגס־פאַרברעכער אין דיסטריקט, האָט געזאָגט מיט פיל פאַרווונדערונג און עמפּערונג:

— איך פאַרשטיי נישט וואָס די יידן מאַכן אַזאַ טומל מיט די אַרעסטן! וואָס טוט מען זיי אין דייטשלאַנד און וואָס טוט מען זיי דאָ?! מען זעצט זיי איין אויף אַ וואָך, אויף אַ חודש, און זיי מאַכן אַזאַ גוואַלד!

קוקנדיק פון דער אַקס־פּערספּעקטיוו, איז ער זיכער געווען גערעכט; אָבער דער יאַפּאַנער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז עס איז אויך דאָ אַ מענטש־פּערספּעקטיוו; און פון דאָזיקן קוק־ווינקל זעען זיינע מעשים אויס גאַנץ אַנדערש. אַרויס־גייענדיק פון היטלערס שטאַנדפּונקט, האָט אָקוראַן בפירוש געקומט פון אונדז אַ גרויסער רעשט; אָבער פון פּראָסט־מענטשלעכן שטאַנד־פּונקט קומט אונדז אַ גאַנץ שפּאָרער רעשט.

גרויסע רשעות, ווי געזאָגט, איז אין האַנקיוער געטאָ געווען בלויז צייטנווייז, אָבער קליינלעכע רשעות האָט געבליט אונטער זאַרגעוודיקע הענט.

די יאַפּאַנער האָבן פאַרשפּאַרט אין דיסטריקט, אָבער גלייכ־צייטיק געגעבן ספּעציעלע פּעסער אַרויסצוגיין אויסערן דיסטריקט פאַר די־יעניקע, וועלכע האָבן געאַרבעט און געהאַנדלט אין אַנדערע שטאָט־טיילן. אָבער אָט־אָ־די פּעסער זענען געוואָרן דער הויפּט־קוואַל פון טאָג־טעגלעכער דיסטריקט־פּיין.

איך שרייב דאָ נישט נישט די געשיכטע פון דיסטריקט און נישט די געשיכטע פון דער יאַפּאַנישער דיסטריקט־פּראַקטיק. איך וויל נאָר געבן דעם לייענער אַ שטיקל באַגריף וועגן די יאַפּאַנער אין זייער געטאָ־פּראַקטיק.

ביי דער „ביוראָ פאַר מלוכהלאָזע פּליטים” שטייט אַ לאַנגע ריי אויף צו פּראָלאָנגירן די אָפּגעלאָפענע ספּעציעלע פּעסער. די ביוראָ עפנט זיך 10 אַזייגער, אָבער דער עולם קלייבט זיך שוין זייט 6־7 פרי, ווייל די פּראָלאָנגאַציע איז פאַרבונדן מיט אַזעלכע שיקאַנעס מצד דעם יאַפּאַנישן באַאַמטן גאָיאַ, אַז פון צוויי הונדערט מענטשן קאָנען אָנקומען אַ טאָג בלויז עטלעכע אָדער עטלעכע צענדליק — לויט גאָיאַס שטימונג — און יעדער איינער וויל זיין פון די ערשטע, אפשר וועט אים געלינגען צו באַקומען די פאַר־

לענגערונג און זיין ווידער א חודש צייט א שטיקל פּריוער מענטש, נישט פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ.

דער עולם פּרעגלט זיך אויף דער זון, ווייקט זיך אין רעגן אָדער ווערט בלוי פון קעלט, דורכשטופּנדיק די צייט מיט מעשיות וועגן גאַיאַס משוגעתן, מיט וויצן אויפן חשבון פון דעם „קעניג פון די יידן”, ווי גאַיאַ האָט באַוויליקט זיך צו רופן.

מיטאַמאָל — אַ באַוועגונג פון דער ריי. גאַיאַ קאַטשעט זיך פון דער ווייטנס. מען שטעלט זיך אויס גלייך, ווי די סטרונעס, און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פון וואַרטן אויף גאַיאַן, זענען די ערשטע אין דער ריי מקנא די לעצטע: טאָמער געפעלט נישט גאַיאַן עמיצנס נאָז אָדער עמיצנס אַ שוך, איז סכנות נפשות.

— דער מלך גייט! — קאָן זיך איינער נישט איינהאַלטן, און אַלע לאַכן אונטער אין פּנים פון דער אָנקומענדיקער געפאַר, פאַרן אַרויפציען אויף זיך אַן ערנסטע מינע.

ער קאַטשעט זיך צו אויף די קרומע פיס, וואַרפט זיינע ווילדע, משוגענע בליקן אויף זיין פאָלק, נעמט־אויף ווי אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט די אַראָפּגעצויגענע היט און די פאַרנייגונגען (אַנ־דערע פּליטים, על־פּי־רוב די דייטשע, האָבן זיך אויסגעלערנט צו בוקן נישט ערגער פאַר די יאַפּאַנער; דאַקעגן זענען דאָ אַזעלכע, באַזונדערס צווישן די פּוילישע פּליטים, וועלכע קומען ספּעציעל אָן קאַפּעלושן און קוקן פאַר זיך אָן בוקעניש, מיט רעזיגנירטער עקשנות: וואָס עס וועט זיין — וועט זיין!).

און אינגיכן הויבט זיך אָן די אַרבעט, וואָס באַשטייט על־פּי־רוב אין שרייען און פּאַטשן, אין טרעטן מיט די פיס אַלטע לייט, — מענער און פרויען, — פאַר אַ פּלעקעלע אויפן פּאַס, פאַר נישט ענטפערן, פאַר ענטפערן, פאַר דאַנקען, פאַר נישט דאַנקען, פאַר שטיין גלייך, פאַר שטיין קרום, פאַר קענען ענגליש און פאַר נישט קענען ענגליש, און סתם אַזוי, ווייל אַזוי ווילט זיך אים, גאַיאַן, דעם מלך פון די יידן, און אַ מלך מעג זיך פאַר־גינען קאַפּריזן.

האָט ער ביי איינעם צוגענומען אַ פּאַס, ווייל ער איז אַ לערער פון ענגליש (אַ שפּראַך פון שונא!), האָט ער ביים צווייטן צוגענומען דעם פּאַס, ווייל ער קען נישט קיין ענגליש, און „אַלע, וואָס פאָרן אין שטאָט אַריין, דאַרפן קענען ענגליש”.

דאָס פאַרלענגערן דעם פּאַס איז געווען אַן אמתע אָפּקומעניש פאַר די גליקלעכע פּאַס־באַזיצער. מען פלעגט אַריינגיין אין קאַמער פון אַ ווילדן משוגענעם, וואָס איז פּעאיק געווען אויף אַלץ. ער האָט געהייסן אָפּגיסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער אַ יונג מיידל פאַר קומען אין דער שאַנכייער אויגוסט־היץ אין שאָרטס, — גאָיאָס מאָראַל האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט אַן עלטערן מענטשן געפּאַטשט אין פּנים דערפאַר, ווייל די פּראָפעסיע פון ספּעציעלן פּאַס האָט נישט געשטימט מיט דער פּראָפעסיע פון רעזידענט־סערטיפיקאַט, — פאַר דער יאַפּאַנישער באַאַמטן־אינטע־ליגענץ איז צו שווער צו באַגרייפן, אַז אַן אינזשיניער לויטן פאַך קאָן זיך אין שאַנכיי פאַרנעמען מיט אַן אַנדער פּראָפעסיע. ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון ביוראָ אַ שילערין, ווייל זי האָט אָנגע־שריבן אין דער דעקלאַראַציע צו פּראָלאָנגירן דעם פּאַס מיט אַ יאָר עלטער, ווי זי איז פאַרשריבן געווען אין ספּעציעלן פּאַס, און אַלע דערקלערונגען פון דער שילערין, אַז דער פּאַס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק, — האָבן נישט געהאָלפן, — דאָס לעבן דאַרף זיך צופּאַסן צום ביוראָקראַטישן פּאַפּירל, די פּאַפּירלעך מוזן שטימען, נישט דאָס לעבן, די פּאַפּירלעך האָבן רעכט, נישט דאָס לעבן: אַן עכט־יאַפּאַנישער שטאַנדפּונקט, ווייל אַ גרעסערן ביוראָקראַטיזם, ווי עס הערשט ביי זיי, איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן.

אָבער דאָס ערגסטע אין דער דאָזיקער באַהאַנדלונג איז געווען דאָס, וואָס זי איז באַגלייט געווען מיט דערציאונג. דאָס איז געווען נישט סתם ווילקיר, נישט סתם ברוטאַלקייט, — גאָיאַ האָט זיך גענומען די מיסיע צו דערציען די פּליטים.

ער, דער פאָרשטייער פון פאָלק, וואָס האָט באַקומען דעם שם פון סאַמע ליגנערישסטן אויף דער וועלט, ווייל עס האָט יאָרן־לאַנג געפירט אַן אַגרעסיווע מלחמה אין כינע און געשריען, אַז טשאַנג־קאַי־שעק דערלאָזט נישט צו קיין שלום, — ער, דער דאָזיקער גייסטיקער קריפּל, האָט געשלאָגן אַן אַ שיעור מענטשן דערפאַר, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכט (און אָפטמאָל מיט רעכט!), אַז מען זאָגט אים נישט דעם אמת. דער יאַפּאַנער מעג זאָגן ליגן מיטן פאַרלאַנג אָפּצונאַרן און צו פאַרשקלאַפן דעם קרבן; אָבער דער יידישער פּליט, וועלכן ער וויל פאַרשקלאַפן, טאָר נישט זאָגן

קיין אומשולדיקן ליגן, וואָס פאַרשקלאַפּט קיינעם נישט, נאָר גיט אים, דעם פּליט, אַ פּיצל באַוועגונגס־פרייהייט.

ער, דער פאָרשטייער פון אַ פאָלק, וואָס האָט אויסגערויבט גאַנצענע פעלקער אויף אומצאָליקע מיליאַרדן, האָט גענומען שלאָגן און צונעמען די פּעסער דערפאַר, ווייל פּליטים, וואָס האָבן פאַר־דינט גראָשנס, האָבן גענומען שטיצע ביים „דזשאָינט". נעמט מען שטיצע, — האָט ער געטענהט, — דאַרף מען נישט פאַר־דינען; פאַרדינט מען — דאַרף מען נישט קיין שטיצע. ווען אַ פאַמיליע פון דריי פּערזאָן האָט פאַרדינט אין אָקטאָבער, 1944, עלף טויזנט סי. אר. ביי־דאָלאַר (דאָס האָט געקלעקט, אָן מליצה, קוים אויף טרוקן ברויט) און גענומען שטיצע, וואָס האָט צוגעגעבן צום ברויט וואַסער אויף קאַשע, האָט ער געשלאָגן און צוגענומען דעם פּאַס, ווייל מען האָט צופיל.

עס פאַלט מיר, נאַטירלעך, נישט איין צו פירן אַ זאַכלעכע דיסקוסיע מיט גאָיאַן. איך האָב באַטראַכט אַלס דערניידערנדיק צו ענטפערן אים אפילו דאַן, ווען ער האָט מיך דערפאַר געפּאַטשט, בפרט איצט, ווען איך האָב שוין איבערגעלעבט נישט נאָר זיין קעניגן, נאָר אויך זיין אימפּעריע. איך וויל דאָ נאָר מאַכן אַן אויספיר פון די אויבנגעבראַכטע פאַקטן וועגן דער טיפּישער יאַפּאַ־נישער צביעות און דער יאַפּאַנישער העסלעכער אָרגאַניזם, — צו וועלן דערציען און לערנען מאָראַל די קרבנות פון זיין אוממאָ־ראַלישקייט.

— מען טאָר נישט נעמען קיין שטיצע! — האָבן זיי גע־האַלטן אין איין לערנען די פּליטים, וועלכע האָבן נישט געהאַט צו לעבן און גענומען געלט, געשיקט דורך זייערע פאָלקס־ברידער; און אין דער זעלבער צייט זענען זיי גופא געזעסן אָניפּן קאַרק פון כינעזישן פאָלק, אים אויסגערויבט און געלאָזט שטאַרבן פון הונגער מיליאָנען, און גלייכצייטיק האָבן זיי זיך אויך נישט גע־שעמט צו טיילן זיך מיט די „דזשאָינט"־געלטער, געשיקט פאַר די פּליטים.

ווען מען וועט אַמאָל דערציילן גענוי די געשיכטע פון גאָיאַס און אָקוראַט מעשים אינם „ביורא פאַר מלוכהלאָזע פּליטים", וועט מען האָבן פאַר זיך אַ טיפּישן אויסשניט פון דער געשיכטע פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, — אַן אויסשניט פון דעם לייכטערן טייל פון דער דאָזיקער געשיכטע. און איך האָב באַקומען

אַ ריכטיקן באַגריף וועגן גייסט פון „בושידאָ", פון יאַפּאַנישער ריטערלעכקייט, און זיין ווערט! מען נעמט שוצלאָזע עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס זענען געלאָפן פון פייניקונגען און טויט צען טויזנט קילאָמעטער און מען רויבט ביי זיי צו די פרייהייט, אַ גרויסן טייל פון זייער פאַרמעגן (ביי די, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ פאַרמעגן), מען רויבט ביי זיי צו אַ טייל פון זייער שטיצע, וואָס מען שיקט זיי פון אויסלאַנד, און מען האַלט פאַר זיי רעדעס, אַז אין נאָמען פון מאָראַל דאַרפן זיי נישט נעמען קיין שטיצע, אַז זיי האָבן צופיל און זיי עסן צופיל ברויט, אויב דער פאַר־דינסט סטייעט קוים אויף ברויט.

ווען מען האָט די יאַפּאַנער גענומען באַמבאַרדירן ווי געהעריק, האָבן זיי גענומען דעקלאַמירן פאַר דער וועלט, אַז זיי זענען די איינציקע נאַציע, וואָס רעכנט זיך אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען מיט מאָראַל. די וועלט האָט דאָס אָנגענומען אַלס שלעכטן וויץ נאָך איר דערפאַרונג מיט יאַפּאַן זייט 1932 ביז 1944; פאַר מיר אָבער זענען נישט נויטיק געווען די גרויסע פּאָליטישע גע־שעענישן, כדי אָפּצושלאָגן ווי געהעריק די דאָזיקע פּאַיאַצישע (הגם ערנסט־געמיינטע) דעקלאַראַציע. פאַר מיר איז גענוג געווען די מאָראַל פון דיסטריקט, פון „ביוראָ פאַר מלוכהלאָזע פּליטים".

ווען דאָס באַפרייטע כינע וואָלט גענומען באַצאָלן יאַפּאַן כאָטש איין פּראָצענט, וואָס איר קומט פאַר די גרויזאַמע עוולות לגבי דעם כינעזישן פאָלק, וואָלט יאַפּאַן זיכער געווען אויפגעהויבן אַ „מאָראַלישן" געשריי ביזן הימל; אָבער נעמען עטלעכע טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן זיי נישט געטאָן און וועלכע זענען נישט געווען בכוח זיי צו טאָן קיין שלעכטס און טרעטן זיי מיט די פיס — אין מאָראַלישן און פּראָסט־פּשוטן זין פון דאָזיקן וואָרט, — דאָס איז לויטן יאַפּאַנישן יושר אין אָרדנונג.

און דאָ קאָן נישט העלפן דער תירוץ, אַז גאָיאַ, „דער קעניג פון די יידן", איז געווען אַ משוגענער. געוויס, ער איז געווען אַ משוגענער, אַ גייסטיקער קריפּל, אַ דעגענעראַט. זיין אופן פון אַר־בעטן, זיינע ווילדע שטיק, זיין רופן זיך „דער קעניג פון די יידן", זיין גרויסקייט־מאַניע (ער האָט איינמאָל געזאָגט: „וואָס איז פאַר מיר דער אימפּעראַטאָר? אַ קליין קאַרטאָפעלע"), זיינע רעדעס, — דאָס אַלץ האָט נישט געלאָזן דעם מינדסטן ספק, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ גייסטיק־קראַנקן מענטשן. אָבער אויב אין אַ מלוכה־

אַמט בושעוועט אַנדערטהאַלבן יאָר אַ משוגענער (און נישט איינער, און נישט אויף איין אָרט, — ווייל אין אַנדערע יאַפּאַנישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר אַנדערע פעלקער זענען אויך געווען אַזעלכע גאָיאַס!), איז דאָס נישט קיין צופאַל. אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען אויך געווען אַ סך משוגענע באַאַמטע. מען קלייבט ספּעציעל אויס אַזעלכע, אָדער ריכטיקער: עס קומט פאָר דער נאַטירלעכער אָפּקלייב פון די ערגסטע, ווייל אַ משוגענער רעזשים נויטיקט זיך פאַר זיינע משוגענע מעשים אין משוגענע אינסטיטוציעס, אין משוגענע באַאַמטע. און נאָר אַזעלכע גאָיאַס פון אַזעלכע מלוכות, מעגן זאָגן מיט פולן רעכט: „די מלוכה — דאָס בין איך".

אין דער „ביוראָ פאַר מלוכהלאָזע פּליטים" זענען פאַר מיר צערונען אַ סך לעגענדעס וועגן יאַפּאַן: וועגן דער אָרגאַנישער העפלעכקייט, וועגן דעם אָרגאַנישן טאַקט פון די יאַפּאַנער און וועגן נאָך אַזעלכע גוטע, אָבער נישט ווירקלעכע זאַכן.

זייערע גוטע מידות זענען פּונקט אַזוי ביליק און נישט דויערהאַפט, ווי זייערע אַנדערע עקספּאָרט־סחורות.

דאָס איז די העפלעכקייט און דאָס איז דער טאַקט פון אַ קאַץ, וואָס גייט אַרום אויף די קישעלעך, אויסבאַהאַלטנדיק די נעגל, כדי צו קאָנען דערנענטערן זיך אומבאַמערקט צום רויב.

ווען זיי דערגרייכן דעם ציל, ווען דאָס פויגעלע געפינט זיך שוין אין זייערע נעגל, פאַרלירן זיי דעם טאַקט. דאָס האָבן אין אַ ריזיקן פאַרנעם דערקענט די כינעזער און אין אַ קלענערן — די יידישע פּליטים אין שאַנכיי.

ווען גאָיאַ האָט אַמטירט און געשלאָגן אויף דער גאַס, אין אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1944, איז מיין זון געגאַנגען פאַרלענגערן זיין פּאַס צו קאָנען גיין אין שולע. (דאָס איז געווען אומגעפער צוויי וואָכן נאָכדעם ווי גאָיאַ האָט מיך געשלאָגן און אָפּגענומען ביי מיר דעם פּאַס פאַר האָבן צופּיל הכנסה). האָט ער געהייסן מיין זון קומען מיטן טאַטן. איך בין געגאַנגען. האָט ער אונדז געהייסן אַרויפגיין אין ביוראָ און דאָרט, אין קעגנוואַרט פון מיין זון, מיך גענומען זידלען; מיך און די וואָכנשריפט („נאַשאַ זשיזן"), ווו איך האָב געאַרבעט: די צייטונג פירט שמוציקע פּראָפּאַגאַנדע, זי קריטיקירט; איך בין קיין שרייבער נישט; די צייטונג איז אַ צייטונג פאַר מאַלפּעס; און איך בין אַ שרייבער פאַר מאַלפּעס.

אפשר א 15 מינוט האָט ער געאיבט זיין מאַלפּישע צונג. און איך האָב געשוויגן.

דער יאַפּאַנער, וואָס האָט אַזאַ דרך־ארץ פאַר עלטערן, האָט ספּעציעל געשיקט רופן דעם טאַטן, כדי דער זון זאָל הערן ווי מען זידלט זיין טאַטן (אמת, איך בין געווען צופרידן, וואָס דער זון מיינער האָט געזען ווי איך ענטפער נישט און איך בעט נישט און איך נייג זיך נישט, אָבער עס גייט מיר אין גאָיאַס כוונה).

און אין דער „דזשואיש סקול" פון שאַנכיי האָט מען אויף א פּורים־פאָרשטעלונג איינגעלאַדן אויך דעם לערער פון יאַפּאַניש, וועלכער איז געקומען מיט זיינעם א פריינט. ווען מען האָט געגומען זינגען „התקוה" און דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפ־געשטעלט, האָבן די צוויי יאַפּאַנער געוואָלט זיך אויפהויבן, אָבער דאַן זיך ארומגעזען, אַז לגבי דעם יידישן הימן מעג מען זיין נישט העפלעך און די באַוווסטזיניקע גראָבקייט האָט גובר געווען דעם איינגעבאָרענעם טאַקט, באַווייזנדיק בולט, ווי ווייט ער איז איינגעבאָרן און ווי ווייט ער איז קעציש־פאַלש...

ווען די אויסזיכטן אויף געווינען די מלחמה זענען געוואָרן גאָר שלעכט סיי פאַר יאַפּאַן, סיי פאַר איר שותּף, דייטשלאַנד, זענען די יאַפּאַנער געוואָרן אביסל מילדער אויך אין שאַנכייער געטאָ. גאָיאַ, דער קעניג פון די יידן, איז אוועק און אין דעם „ביוראָ פאַר מלוכהלאָזע פּליטים" האָט מען אויפגעהערט שלאָגן און מען האָט לייכטער געמאַכט א האָריטשקע אויף די געזעצלעכע באַגרעניצונגען.

און ערשט דאָ האָט מען געזען ווי נישטיק און קליינלעך עס זענען די דאָזיקע „וועלט־דעראָבערער".

די יאַפּאַנער האָבן דערקלערט, אַז פּליטים, וועלכע נעמען נישט קיין שטיצע ביים „דזשאָינט", וועלן באַקומען האַלב־יעריקע פּעסער אויף צו באַוועגן זיך פריי אין דער גאַנצער שטאָט א גאַנצן טאָג. די יאַפּאַנער האָבן אַזוי אַרום נעגעבן פּרעמיעס רייכע לייט און שפּעקולאַנטן, וועלכע האָבן זיך נישט גענויטיקט אין דער גראָשנדיקער שטיצע פון „דזשאָינט".

נאָך עקלדיקער איז געווען די צווייטע „הנחה".

אינם דיסטריקט איז געווען א שטיקל פּאַרק. האָט מען אים דערקלערט אויסערן „תחום" — יידן - פּליטים האָבן אים נישט געטאָרט באַזוכן. איז ביי דער סאַמע גסיסה געקומען א מאַניפעסט,

אן אמנעסטיע: קינדער ביז פופצן יאָר קאָנען גענומען אביסל לופט אין פּאַרק; אויב קלענערע קינדער מוזן גיין מיט מוטערס (און מאַמעס האָבן אַ טבע אַלט צו זיין מער פון פופצן יאָר), מוזן די מוטערס אַרויסנעמען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש; מענטשן, וואָס האָבן געשמדטע העלזער און ווילן גענומען אביסל לופט, נישט געקוקט אויף זייער הויכן עלטער (פון זעכצן יאָר און ווייטער) מוזן אויסקויפן בילעטן.

אויב מען קאָן נישט צורויבן די לופט ביי דער וועלט, טאָ זאָל מען כאָטש ביזן לעצטן מאָמענט האַנדלען מיט דער לופט צום אָטעמען אין דער יידישער געטאָ...

עס זענען געגנוג די דאָזיקע צוויי לעצטע אַקטן, כדי צו שפּירן (ממש שפּירן...), ווי געפּלאָנט עס איז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק מיט טעמפּן ביוראָקראַטיזם, מיט קליינלעכער רשעות.

איך האָב אין שאַנכיי געזען ביי די יאַפּאַנער בלויז שאָטן: די איינציקע העלע פּונקטן האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס מען האָט זיך געריכט אויף מער פינסטערניש.

אָבער איינמאָל, אַלס אויסנאַם, איז מיר באַשערט געווען צו זען אויך עפּעס ליכטיקס. איינמאָל בלויז, דערפאַר אָבער איז דאָס דאָזיקע זעלטענע ליכט געווען אַזוי בלענדנדיק, אַז איך ווער נאָך היינט ווי בלינד, — פון איבעררײַשונג און אַנטציקונג, — פונם ליכט־שפע, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם.

און וועגן דאָזיקן ליכט וויל איך דערציילן צולעצט.

אָנהויב 1944 האָט קובאָטאַ גענומען צוריקציען אַ סך „עקסטענשנס".

די יאַפּאַנער האָבן געמאַכט אויסנאַמען — נישט פאַר אַלע מלוכהלאָזע פּליטים האָט געגאָלטן די „מיליטערישע נויטווענדי־קייט"; עס זענען געווען „עקזעמשנס" — אויסנאַמען אָן אַ טערמין, אויף „אייביק", זיך באַנוצנדיק מיט דער טערמינאָלאָגיע פון די מיליטאַריסטן פון אַלע לענדער; דאַן זענען געווען „עקסטענשנס" — פּראָלאָנגירונגען צו וווינען אויסערן דיסטריקט, וואָס מען פלעגט דאַרפן פאַרלענגערן יעדן חודש. און אָט־אָ די „עקסטענשנס" האָט קובאָטאַ גענומען צוריקציען. וואַרשיינלעך איז ער נישט דורכגעקומען מיט די רוסישע יידן וועגן דער סומע, וואָס ער האָט געוואָלט פאַר זיך אָדער פאַר דער מאַכט אָדער פאַר ביידע צוזאַמען, — קיין אַנדער סיבה, אַ מער ערנסטע, איז נישט געווען. אויך

ביי מיר האָט ער צוגענומען די „עקסטענשן", ווייל איך האָב זיך געפונען אויף דער רשימה פון די, וואָס האָבן באַדאַרפט עוואַקו־אירט ווערן צוזאַמען מיט אַ טראַנספּאָרט ענגלענדער. „איר האָט געוואָלט פאָרן צו אונדזערע שונאים", האָט ער געטענהט, ווי פאַר־זענלעך באַליידיקט.

היות הונדערטער מענטשן האָבן געוווינט אומלעגאַל, — מיט אויסגעגאַנגענע „עקסטענשנס" און בכלל אָן „עקסטענשנס", — אויסערן דיסטריקט, האָב איך אויך באַשלאָסן צו בלייבן אומ־לעגאַל, בפרט אַז קיין דירות זענען נישט געווען.

אָבער דאָ איז אומגעריכט אויסגעבראָכן דער שטורעם: די „ביוראָ פאַר מלוכהלאָזע פּליטים" איז אויף אָן אמת בייז גע־וואָרן. איך — צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע — בין אַרויסגערופן געוואָרן צו אָקוראָן (צו איינעם פון די בייזע הינט אין „ביוראָ") און באַקומען אַ צעטל אין פאַרלויף פון דריי טעג אַריבערצוציען זיך אין דיסטריקט. און די סאַקראַ (ראשי תיבות פאַר Shanghai Ashkenasi Collaboration Relief Association) האָט געטענהט, אַז זי האָט קיין צימערן נישט.

וואָס־זשע טוט מען?

היות איך האָב געמוזט גיין צו דער זשאַנדאַרמעריע נאָך אַ דערלויבעניש זיך איבערצוציען און אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג פון דער זשאַנדאַרמעריע (וואָס האָט צו טאָן אויך מיט נייטראַלע אויסלענדער), האָב איך געהערט, הערשט אַ גאַנץ אַנדער באַצי־אונג אויך צו מלוכהלאָזע פּליטים, האָב איך באַשלאָסן צו טאָן, וואָס אַנדערע טוען, און בעטן די דערלויבעניש אַריבערצוציען זיך זאָל גילטיק זיין אַ 2־3 וואָכן.

איך בין צום ערשטן מאָל אין לעבן אַריין אין אַ יאַפּאַנישער זשאַנדאַרמעריע, אין צימער וואָס פאַרנעמט זיך מיט דערלויבענישן צו בייטן די אַדרעסן, און כ׳האָב דערזען צוויי באַאַמטע, איינער אַ הויכער, אַ גרויער, אַ שיינער, גאָר נישט ווי קיין יאַפּאַנער לויטן אויסזען, און דער צווייטער — אַ קליינטשיקער, ווי אַ קינד, אַ שוואַרצער. מער האָב איך פונם קלייניקן נישט געזען, ווייל דאָס פּנים איז געווען כמעט אינגאַנצן צוגעדעקט מיט זיינע דלאָניעס, באַזונדערס די אויגן.

איך בין צו צום קלייניקן און שוואַרצן: אַ מענטש — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, — וואָס זיצט אין אַ ביוראָ פון אַ

יאפּאַנישער זשאַנדאַרמעריע אין מלחמה־צייט און האָלט פאַרמאַכט די אויגן און דעקט זיי נאָך צו מיט די הענט און זיצט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, וואָס איז ווי שווער פון געדאַנקען, קאָן נישט זיין קיין שלעכטער מענטש. אַזאַ מענטש מוז האָבן אַן אינערלעך לעבן, אַ נשמה, וואָס פאָדערט פּלוצלונג אורלויב פונם נישט פּאַסיקן אַרום, און ער פאַרמאַכט די אויגן, דעקט זיי צו פאַר דער וועלט, און גיט איר אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצוכאַפּן אין אַן אַנדער וועלט.

צוגייענדיק צום קליינינקן באַאַמטן האָב איך באַמערקט, אַז פאַר אים ליגט אַן אָפן בוך. און פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט מיר קאָלעגע פ. דערציילט (ער האָט געהאַט צו טאָן מיט דער זשאַנדאַרמעריע וועגן איבערציען זיך מיט אַ צייט צוריק), אַז דאָרט איז דאָ אַ מאָדנער זשאַנדאַרם: אַ קליינינקער, אַ שוואַרצער, וואָס לייענט ביכער אַפילו גייענדיק אין גאַס און ער האָט ליב צו רעדן מיט יעדן וועגן ביכער און ער האָט ליב צו טאָן אַ טובה.

איך בין צופרידן געווען, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן טאַקע צו אים אין די הענט.

עס האָט געדויערט אַ שיינע ווײַלע, ביז דער מעדיטירנדיקער זשאַנדאַרם האָט דערפילט, אַז עמיצער וואַרט. ער האָט אַראָפּגענו־מען די הענט פון פּנים, האָט געעפנט אַ פּאָר שוואַרצע, טיפע, אומעטיק־ווייכע אויגן און געפרעגט מיט אַ קול פון אַ מענטשן־פריינט, וואָס איך וויל.

ער האָט גענומען דעם פּאַפּיר פון אַקוראַן, מיר געגעבן בלאַנקען אויסצופילן, געבעטן פאָטאָגראַפיעס.

איבערגעלייענט די אויסגעפילטע בלאַנקען, הייסט ער מיר נאָך צושרייבן מיין פּראָפעסיע. דערזעען, אַז איך בין אַ שרייבער, איז ער געוואָרן ווי אויפגעלעבט.

— אויף וועלכער שפּראַך שרייבט איר?

— אויף יידיש.

— אויף דער שפּראַך פון תנ״ך?

איך האָב אים דערקלערט, אַז יידן האָבן צוויי שפּראַכן, און איך שרייב אויף דער נייער פאָלקס־שפּראַך.

— איר זענט אַ ציוניסט?

אַריינגיין אין אַ לאַנגן שמועס מיט אים האָב איך נישט

געקאָנט: ערשטנס, צוליב דער שפּראַך, אויף וועלכער מיר האָבן ביידע שרעקלעך גערעדט; צווייטנס, דאָס אָרט; דריטנס, ווי גיט מען אים צו פאַרשטיין די קאָמפּליצירטקייט פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, די אינטימע צרות פון אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג? האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האַלט דאָס יידן דאַרפן האָבן אַן אייגן לאַנד.

— ציוניזם איז זייער אַ שיינע אידייע... זייער אַ שיינע, — און זיינע אויגן האָבן גענומען לייכטן מיטן אָפּלויכט פון אויפֿבליצנדן וואַרימען געדאַנק.

ער האָט גענומען רעדן וועגן ציוניזם מיט אַזאַ וואַרימקייט, ווי דאָס וואָלט געווען זיינער אַ נאָענטער ענין. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געלייענט וועגן ציוניסטישן געדאַנק אין פאַרשידענע זשורנאַלן, אַז ער וואָלט וועלן וויסן מער וועגן יידן און ציוניזם. צי שרייב איך אויך וועגן דעם?

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שרייב, אָבער נאָר אויף יידיש און רוסיש.

— וווּ שרייבט איר?

— דאָ אין שאַנכיי, אין „נאַשאַ זשיזן‟, אַ יידישער זשורנאַל אויף רוסיש, אָבער מיט אַ יידישער זייט און אַן ענגלישער.

— אפשר קאָנט איר מיר געבן אייערע ביכער?

— זיי זענען דאָך אויף יידיש און רוסיש?!

— איך וועל אפשר אַמאָל לערנען רוסיש, און אפשר יידיש, וועל איך דאַן לייענען אייערע ביכער.

איז דאָס געווען די יאַפּאַנישע העפלעכקייט? איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון דערוואַקסענער קינדישקייט? יעדנפאַלס איז דאָס געווען רירנדיק.

— און אפשר איז דאָס אַן אויספאָרשונג פון אַ זשאַנדאַרם?

— איז מיר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אָבער איך האָב אים באַלד פאַרשעמט אָפּגעוואָרפן.

איך האָב אים צוגעזאָגט צו ברענגען מיינע ביכער.

ענדלעך בין איך דערגאַנגען צו מיין ענין. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַ דערלויבעניש מיט אַ טערמין ביז דריי וואָכן אויף איבערצוציען זיך, ווייל מיין דירה, וואָס איך דאַרף באַקומען, איז נאָך נישט פאַרטיק און מיין פרוי איז קראַנק. און איך האָב אים דערלאַנגט אַ באַשייניקונג פון אַ דאָקטאָר.

— געווים, געווים, — האָט ער געזאָגט מיט דער גרעסטער ווייכקייט אין קול, — איר וועט באַקומען אַ צייט פון דריי וואָכן. קומט נאָך דער דערלויבעניש אין אַ 4־5 טעג אַרום.

* * *

אויפן אָקורא־פּראָנט איז דערווייל געוואָרן אַלץ ערגער. ער האָט אָנגעהויבן מיט איינזעצן אויף אַ טאָג און איז שוין דער־גאַנגען ביז אַ וואָך און געדראָט פאַר יעדן פאַרשפּעטיקטן טאָג צוצוגעבן אַ טאָג אַרעסט. ער האָט שוין אויך באַשטראָפט פאַר פאַרלעגנגערונגען, באַקומענע פון דער זשאַנדאַרמעריע. יעדנפאַלס האָט שוין איין פרוי באַקומען דערפאַר געפּאַטשט.

האָב איך געגומען מיינע רוסישע ביכער (דעם יידישן ביכל האָב איך נישט געגעבן, ווייל עס איז דערשינען פאַר דער פּאַצי־פישער מלחמה און איז נישט דורכגעגאַנגען די צענזור, און איצט האָב איך נישט געוואָלט אַרונטערפאַלן מיט מיין פּאָליטישן פאַר־וואָרט, וואָס רעדט וועגן ברוינעם וואַרשע, דער זשאַנדאַרן־צענזור), אָנגעשריבן אַ דעדיקאַציע („דעם פריינטלעכן לעאָפּאָלדאָ היראָקאַוואַ — ער האָט מיר געהאָט געגעבן זיין נאָמען — צו באַקענען זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור דורך לערנען רוסיש") און אַוועק בעטן אַ טובה צו קירצן די צייט פון דער דערלויבעניש פון דריי וואָכן אויף צוויי.

ווי איך האָב פאַראויסגעזען, האָב איך געדאַרפט פירן אַ קאַמף פאַר רעדוצירן די צייט — ער האָט נישט געקאָנט פאַר־שטיין פאַרוואָס, ער האָט זיך געפילט ווי באַליידיקט:

— וואָס אַרט אייך? די דירה וועט דאָך אַזוי גיך נישט זיין פאַרטיק. איך קאָן אייך געבן אויף לענגער.

איך האָב ענדלעך אויסגעקעמפט אויך די דאָזיקע „הנחה" אין מינוס (אָ, ווו נעמט מען אונדזער שלום עליכמען צו באַאַרבעטן די דאָזיקע עכט־יידישע סיטואַציע, ווען מען בעט צוריקציען אַן אויסגעבעטענע הנחה ...).

איבערצייגט, אַז איך האָב שוין דעם ענין מיטן אַריבערציען זיך דערליידיקט אויפן בעסטן אופן, בין איך אַוועק אין דער „סאַקראַ", אין דער דאָזיקער פאַר־אָפּטיילונג פונם אָקורא־גאַיאַ־ניהנום, און געמאָלדן, אַז אין דריי־פיר טעג אַרום באַקום איך די דערלויבעניש אַריבערצוציען זיך, זיי זאָלן צוגרייטן אַ צימער פאַר מיר.

מיט אַן אמתן פאַרגעניגן בין איך געגאַנגען אָפּנעמען אין באַשטימטן טאָג די דערלויבעניש זיך אַריבערצוציען אין געטאָ: נאָך די גלייכגילטיקע און בייזוויליקע יידישע פּנימער אין „סאַקראַ" און אין דער שטאָט, איז מיר אַזוי אַנגענעם געווען צו זען אַ פּנים, וואָס קוקט אויף מיר מיט מיטגעפיל און גרייטקייט צו העלפן.

אָבער סיי דער קולמינאַציע־פּונקט פון מיינע געטאָ־צרות, סיי דער קולמינאַציע־פּונקט פון לעאָפּאָלדאַ היראָקאַוואַס מענטשלעכ־סטער האַנדלונג זענען נאָך פאַרגעשטאַנען.

ווי נאָר איך בין אַריין אין צימער, האָט זיך דער קליינינקער יאַפּאַנער אויפגעהויבן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיר; גענומען דעם אָנגעגרייטן פּאַפּיר און מיט פאַרצווייפלונג אין דער שטים געזאָגט:

— איך האָב די דערלויבעניש נישט אויסגעשטעלט. איך קאָן זי געבן נאָר אויף דריי טעג, ווייל אַזוי איז די פאַראָרדענונג פון אַקוראַן. גייט צו אַקוראַן און דערציילט אים, אַז די דירה איז נאָך נישט פאַרטיק, וועט ער פאַרלענגערן.

דער נאַאיווער לעאָפּאָלדאַ היראָקאַוואַ! אַקוראַ, וואָס לויערט אויף אַ קרבן, — דער דאָזיקער אַקוראַ וועט מיר פאַרלענגערן דעם טערמין!

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב קיין רעכט נישט צו ווענדן זיך צו אַקוראַן; איך קאָן זיך בלויז ווענדן צו דער „סאַקראַ".

— גוט, ווענדט זיך צו דער „סאַקראַ".

איך האָב אים געזאָגט וועגן דער „סאַקראַ" בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב זיך אינסטינקטיוו געשעמט פאַר מיין יידישער הילפלאָזיקייט, פאַר מיין אינדיווידועלער הילפלאָזער דערשראָקנקייט און פאַרלוירנקייט. אָבער זיין ענטפער האָט מיך גלייך אויסגע־ניכטערט: איך האָב דערזען די „סאַקראַ"־פּנימער מיט זייער „הילף־גרייטקייט" בכלל און בפרט לגבי מיר, ווען זיי האָבן מיט אַ באַזונדער הנאה געפּייניקט און געלאָזט פּייניקן (פאַרוואָס און ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען — געהערט נישט דאָ).

איך בין געווען אויסער זיך: ווען איך קריג די דערלוי־בעניש אויף אַ צען טעג וואָלט איך נאָך אויך נישט געווען זיין

זיכער מיט אַן אָרט, ווו זיך אַריבערצוציען, בפרט אין דריי טעג אַרום? דאָס הייסט פּשוט גיין מיט דער פאַמיליע אויף דער גאַס!

איך האָב אָנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אַליין:

— וווהין וועל איך גיין אין דריי טעג אַרום? נאָך מיט אַ קראַנקער פרוי!?

— טאָ לאָזט ליגן ביי מיר דעם פּאַפּיר און קומט נאָך אים, ווען די דירה וועט זיין פאַרטיק. שרייב איך אויס — מוז איך געבן מאַקסימום דריי טעג צייט.

— איך מוז דאָך אָבער תיכף אַרויסנעמען די דערלויבעניש, אויב נישט, וועל איך האָבן גרויסע צרות פון אַקוראַן.

היראָקאַווא, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, האָט זיך פלוצלונג אַוועקגעזעצט, גענומען עפּעס שרייבן און מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע. איך לייען איבער און פאַרשטיי נישט:

„וואַרט היינט אין שטוב צווישן 12 און 3".

וואָס מיינט ער? וויל ער מיר צושיקן די דערלויבעניש, וואָס ער וויל מיר איצט נישט אַרויסגעבן?

— איר וועט מיר צושיקן אַהיים די דערלויבעניש? — פרעג איך אים שטיל, ווי אַ פאַרשווערער.

— ניין.

— טאָ צוואָס זאָל איך בלייבן אין דערהיים?

— אויב איר פאַרשטייט נישט, קאָן איך נישט העלפן, — ענטפערט ער מיר אויך אַזוי שטיל, צונעמענדיק דאָס צעטעלע און צעררייסנדיק עס.

און אין זיין שטים איז אַזאַ טרויער! איך פיל, אַז אַ מענטש שטרעקט מיר אויס אַ האַנט פון הילף, נאָר מיין באַוווסטזיין איז אַזוי פאַרנעפּלט, אַז איך טאַפּ אין דער פינסטער און קאָן זי נישט אָנכאַפּן.

וואָס טוט מען? איך וועל גיין אין דער פאַרהאַסטער „סאַקראַ", פּרווון מישב זיין זיך מיט זיי און קומען מאָרגן נעמען די דערלויבעניש.

— איך וועל גיין אין „סאַקראַ" פרעגן נאָכאַמאָל וועגן דער דירה און מאָרגן קום איך נעמען די דערלויבעניש.

— גוט.

און דערביי גיט ער אויף מיר אַ קוק מיט יענעם בליק, מיט וועלכן אַ זייטיקער זעט בעסער און טיפער דעם צושטאַנד פון

א צווייטן, וואָס נישט נאָר ער ווייס נישט וואָס צו טאָן, נאָר וואָס ווייס אפילו נישט וואָס אין אים טוט זיך.

אין „סאַקרא״ האָב איך בלויז געפּטרט, ווי שטענדיק, א סך צייט און נערוון, אָבער נישט נאָר נישט געקריגן קיין עצה, ווי דאָס פלעגן באַקומען יחידי־סגולה, — גבירישע אָדער רבנישע פּראָטעזשעס, — נאָר בכלל נישט געהאַט וועמען צו דערציילן מיין ענין, קיינער האָט נישט געהאַט קיין מינוט צייט פאַר מיר.

פון „סאַקרא״ בין איך אוועק אין דער פּליטים־קיך עסן מיטאָג. געקומען אהיים פון קיך, דערציילט מיר מיין פרוי א מערקווירדיקע געשיכטע:

— אַרום האַלב צוויי בייטאָג איז אריינגעקומען א קליינינקער יאַפּאַנער אין א צעריסענעם מיליטערישן מאַנטל אָן קנעפּ. ער איז געווען זייער אומגליקלעך, וואָס ער האָט דיך נישט געטראָפן אין דערהיים. ער האָט דאָך דיר געבעטן זיין אין דערהיים. ער האָט דערציילט, אַז דו ביזט געווען אַזוי דערשלאָגן פון דעם, וואָס די דערלויבעניש קאָן ער דיר געבן נאָר אויף דריי טעג, אַז ער האָט געמוזט קומען דיר באַרואיקן. ער וויל דיר געבן אַן עצה וואָס צו טאָן.

— ער האָט געבעטן פּאַפּיר, — האָט מיין פרוי ווייטער דערציילט דאָס ווירקלעכע מעשהלע, — און געלאָזן פאַר דיר א בריוול אין ענגליש. ווען איך האָב גענומען דעם בריוול און געזאָגט, אַז איך וועל עס דיר אוועקטראָגן אין קיך אריין, ווו דו געפינסט זיך איצט, האָט ער זיך דערשראָקן, א כאַפּ געטאָן דאָס בריוועלע פון מיין האַנט אַרויס און געוואָלט עס צערייסן:

— קיינער דאַרף עס נישט זען, קיינער נישט.

— איך האָב אים באַרואיקט. צוגעזאָגט צו באַהאַלטן דעם בריוול אין שטוב ביז דו וועסט קומען. און נאָכן איבערלייענען, האָב איך אים צוגעזאָגט, וועסטו עס צערייסן. אָט איז דאָס בריוול.

אינם בריוול, — מיט הונדערט פעלערן און מיט א קינדערשער האַנטשריפט, — האָט מיר לעאָפּאָלדאָ היראָקאַוואַ געשריבן, איך זאָל פון זעקס אין אָוונט אָנטעלעפאָנירן צו אים אהיים לויט דעם און דעם נומער, וועט ער מיר זאָגן וואָס איך דאַרף טאָן.

איך בין געווען גערירט ביז טרערן. אויף עטלעכע שעה איז די גאַנצע פאַרביטערטקייט קעגן מענטשן ווי צערונען.

וואָס צו טאָן האָב איך זיך אָבער נישט געקאָנט באַשליסן. איך בין אַרויס עטלעכע מאָל טעלעפאָנירן, כ'האָב זיך אָבער אָפּ־געהאַלטן דערפון: קיין אייגענעם טעלעפאָן האָב איך נישט געהאַט און פון אַ פרעמדן ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן האָב איך נישט גע־האַלטן פאַר געוואונטשן אין יענער צייט. און אגב, איך בין שוין געווען אַזוי מיד פון דער גאַנצער געשיכטע, אַז איך האָב געוואָלט „אַ סוף מיט שרעק, איידער שרעק אָן אַ סוף".

צומאָרגנס בין איך אַוועק צו אים אין אַמט אַריין. מיר האָבן, נאַטירלעך, נישט גערעדט וועגן בריוול, אָבער מיין גאַנצע דאַנק־באַרקייט האָב איך אַריינגעלייגט אין מיין בליק, מיט וועלכן איך האָב באַגריסט דעם קליינינקן, אָבער דאָך זייער גרויסן לעאָפּאָלדאָ הירשקאָווא. און זיין ענטפער־בליק איז אויך געווען דורכגענומען מיט נשמה, אַזוי ווייך און אַביסל פאַרוואונדערט.

איך האָב אים געבעטן, די דערלויבעניש זאָל כאָטש זיין גילטיק זיבן טעג; ער האָט געענטפערט, אַז אויסשטעלן זי קאָן ער נאָר אויף דריי טעג.

— פאַרוואָס ווילט איר זי נישט אַרויסנעמען דאַן, ווען אייער צימער וועט זיין פאַרטיק? איך וועל אייערע פּאַפּירן לאָזן ליגן.

לעאָפּאָלדאָ האָט נישט געוווסט, אַז דער צושטאַנד פון מיינע נערוון איז אַזאַ, אַז איך מוז דעם ענין דערליידיקן, אַז איך טאָר אים נישט לאָזן הענגען אין דער לופטן, בפרט אַז אַקוראַ קאָן זיך אָפּרעכענען דורך דער פאַרלייזיקטער שטייג פאַר אַרומגיין זיין דע־ציזיע. איך האָב געקעמפט מיטן קליינעם יאַפּאַנער קעגן זיך, קעגן מיינע בלוטיקסטע אינטערעסן אַזוי ווייט, אַז נאָך היינט קלינגט מיר אין די אויערן זיין פאַרשטיקטער אויסגעשריי:

— איך וויל אייך דאָך העלפן! פאַרוואָס לאָזט איר נישט?!

און איך, נישט קענענדיק אים דערקלערן די גאַנצע לאַגע (ווי איך וואָלט דאָס געווען געקאָנט טאָן ביי זיך אין שטוב, ווו איך וואָלט דערזען — און געקאָנט אָננעמען — זיין אויסגע־שטרעקטע האַנט) האָב געפילט, אַז איך האַנדל אין זיינע אויגן ווי אַ משוגענער. און אַזוי האָט ער, מסתמא, אויפגענומען אויך מיין ענטפער אויף זיין אויסגעשריי: „איך וויל אייך דאָך העלפן!":

— איך קאָן זיך אַליין נישט העלפן...

אָבער דאָס איז געווען אַן אמת: איך אַליין בין שוין געווען די גרעסטע שטער אויפֿן וועג צו העלפֿן מיר...

דערזען, אַז איך פֿאָדער אומבאַדינגט די דערלויבעניש, האָט לעאָפּאָלדאָ דאָך געמאַכט דעם לעצטן פּרווו מיר צו העלפֿן: ער איז צו צו אַ מיליטעריש־געקליידעטן באַאַמטן מיט מיין פּאַפּירל און גענומען בעטן, ווי ס'איז געווען קלאָר, צו פֿאַרלענגערן דעם טערמין.

דערזען, אַז די אונטערהאַנדלונגען דויערן, האָב איך געמאַכט אַ צוויי טריט צו דער באַריערע פֿאַרן טיש פֿונם מיליטעריש־געקליידעטן באַאַמטן, און אויך געבעטן צו פֿאַרלענגערן די דריי טעג אויף זיבן.

דער ענטפֿער איז געווען אַ ריטש, אָבער אַזאַ, אַז איך בין אינסטינקטיוו אָפּגעשפּרונגען הינטער זיך די פּאָר טריט און ס'האָט זיך מיר בולט געדאַכט, אַז איך געפֿין זיך אין אַ שטייג מיט אַ ווילדער חיה צוזאַמען און איך צי זיך צוריק און זוך אַ טירל אַרויסצוכאַפּן זיך פֿון דער חיה רעה. די באַריערע, הינטער וועלכער עס זענען געשטאַנען די באַאַמטן־טישלעך, האָט דעם קליינעם רוים פֿאַר די אינטערעסאַנטן געמאַכט ענלעך אויף אַ שטייג אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, און דער ריטש האָט די דאָזיקע ענלעכקייט געמאַכט פֿאַר אַ געוויסהייט.

לעאָפּאָלדאָ, וועלכער איז געשטאַנען נעבן דער חיה, האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. האָט ער זיך פֿאַרשעמט פֿאַר מיר? פֿאַר זיך? פֿאַר זיין פֿאָלק? פֿאַרן מענטשן בכלל?

די חיה איז געווען אַזוי צופֿרידן מיט דער ווירקונג פֿון איר ריטש, אַז זי האָט זיך אַזש באַלעקט, אין פּשוטן זין פֿון דאָזיקן וואָרט. און אַדאַנק דעם אפֿשר האָט ער לעאָפּאָלדאָס בעטן באַפֿרידיקט: אָנשטאָט דריי, האָט ער געגעבן פֿינף טעג טערמין...

* * *

ווען איך טראַכט וועגן די יאַפּאַנער, דערזע איך תמיד איינעם נעבן צווייטן די צוויי זשאַנדאַרן: די חיה און לעאָפּאָלדאָן. וועלכער איז יאַפּאַן? דער אמתער קריסט לעאָפּאָלדאָ (ער איז, ווי עס זאָגט עדות דער נאָמען, אַ קריסט) אָדער דער אמתער ווילדער — דער צווייטער?

אין א בריוו צו זיין פריינט מאָזעס מאָזער, פונקט מיט הונדערט צוואַנציק יאָר צוריק (אָנהויב סעפּטעמבער, 1825), שרייבט היינריך היינע:

„אויב מען רעדט שוין וועגן ביכער, טאָ רעקאָמענדיר איך דיר גאָלאָווינס רייזע קיין יאַפּאַן. וועסט פון איר זען, אַז די יאַפּאַנער זענען דאָס ציוויליזירטסטע... פאָלק אויף דער וועלט. יאָ, איך וואָלט אַפילו געזאָגט, אַז דאָס קריסטלעכ־סטע..."

ווען מען טרעפט א לעאָפּאָלדאָ — זיכער; אָבער וואָס טוט מען מיט זיין העכערער מאַכט, ביי וועלכער זיין גוטסקייט, זיין מענטשלעכקייט דאַרף אינטערווענירן, און וועלכע ענטפערט מיט א ריטש פון א חיה, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויף רויב, און די רויב איז די גאַנצע וועלט, א פאַרוואַנדלטע אין אַן ענגער שטייג, ווו עס ווילדעווען ווילדע חיות?

מענטשן, וואָס זענען געווען אין יאַפּאַן, רעדן מיט פאַר־גלאָצטע אויגן וועגן גאָרטן, אין וועלכן גאַנץ יאַפּאַן איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן: א לאַנד פון בלומען! (פונקט ווי דייטשלאַנד איז פאַרוויגט געוואָרן אַלס לאַנד פון דיכטער און דענקער, ווו מענטשן קאָנען בלויז טרוימען — און זיי האָבן אויסגעטרוימט מאַידאַנעק!), אָבער אין וואָס, זאָלן זיי א קוק טאָן, האָט יאַפּאַן, דאָס זעלבע יאַפּאַן, פאַרוואַנדלט כינע? און האָנקיו?

יאַפּאַן איז איין גרויסער גאָרטן! אָבער דער ים בלומען איז א ריזיקער קאַמופּליאַזש פאַר ריזיקע געווער־אַרסענאַלן, מיט דער הילף פון וועלכע זיי האָבן פאַרוואַנדלט כינע אין א וויסטע.

דער העלד פון פּושקינס פּאָעמע „די ציגיינער", אַלעקאָ, האָט זייער ליב פרייהייט, אָבער דער אַלטער ציגיינער איז גערעכט, ווען ער פאַרטרייבט אים פון זיין לאַגער, פון זיינע געצעלטן: „דו זוכסט פרייהייט נאָר פאַר זיך", וואַרפט ער אים אין פנים די גרעסטע באַשולדיקונג. מען קאָן אַנטשולדיקן א מענטשן, וואָס האָלט איבערהויפּט נישט פון פרייהייט, וואָס וויים נישט איר ווערט, אָבער וועלן און שעצן פרייהייט בלויז פאַר זיך, איז די גרעסטע זינד. קיינער פאַרדינט נישט אַזוי קיין קייטן, ווי אַזא פרייהייט־זוכער און פרייהייט־ליבהאָבער.

איינאָרדענען פאַר זיך א לאַנד א גאָרטן און פאַר יענעם

צוגרייטן וויסטעס און געטאָס, איז די קאַפּיטאַלסטע זינד, די גרעסטע געמיינקייט, צו וועלכער אַ מענטש און אַ פאָלק קאָנען דערגיין.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן לעאָפּאָלדאָן; אָבער אַפילו זיין מענטשלעכקייט קאָן נישט מאַכן פאַרגעסן נישט גאָיאַן און נישט דעם זעלנער, וואָס וויל פּאַטשן דעם כינעזער דווקא אין אַ שילער־פּאָזיציע.

לעאָפּאָלדאָס פּערזענלעכער ווערט ווערט דערפון נישט קלענער, אָבער דאָס יאַפּאַנישע פאָלק — יעדנפאַלס אויף דרויסן — רעפּ־רעזענטירט נישט ער.

און כל־זמן די יאַפּאַנישע לעאָפּאָלדאָס — איך גלויב, אַז זיי זענען דאָ נישט נאָר אין איינצאָל — מוזן שעפּטשען, בעת די יאַפּאַנישע חיה רעה האָט די פולע פרייהייט צו ריטשען, מוז מען דאָס יאַפּאַנישע פאָלק באַהאַנדלען ווי אַ חיה, נישט ווי די לעבעדיקע פּאַרקערפּערונג פון קריסטנטום.

און אויך די לעאָפּאָלדאָס דאַרף עס ווי טאָן נישט מער, ווי עס טוט ווייַ אונדז, וועלכע האָבן זיי אַזוי ליב; ווייל אויך אונדזער ווייטאָק דאַרף זיין זייערער, ווייל די זעלבע חיה, וואָס פּייניקט אונדז, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין די געטאָס, פּייניקט דאָך אויך זיי, שענדט אויך דאָס בעסטע אין זיי, — שענדט אין זיי דאָס, וואָס מאַכט זיי אונדז ליב און טייער, און וואָס פאַר־אייניקט אונדז אין ווייטאָק און אין ליבע, — אין ווייטאָק פאַר דער חיה אין מענטשן, און אין ליבע פאַרן מענטשן אין דער חיה.

שאַנכיי, 4.1.1945

ב) ת. עדות

(אַ מאָדנער נאָמען פון אַ מאָדנעם שריפטשטעלער)

סוף 1923, אין בערלין, זאָגט צו מיר י. מערעמינסקי, אַז מיינע אַרטיקלען פון קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָ־נאַל, וווהין „באַפרייאונג" (וואַרשעווער אָרגאַן פון צ.ס.) האָט מיך געשיקט ווי איר קאָרעספּאָנדענט, זענען איבערגעדרוקט געוואָרן פון דער ביאַליסטאָקער צייטונג „דאָס נייע לעבן" דורך אַ ריגער

צייטונג „דאָס פאָלק". (איך האָב מיינע קאָרעספּאָנדענציעס פון האמבורג געשיקט גלייכצייטיק צו „באַפרייאונג" און „דאָס נייע לעבן").

„מען האָט דאָס מיר איבערגעגעבן, — האָט צוגעגעבן י. מערעמינסקי, — ווי אַן אָנקלאַגע קעגן אייך, וואָס איר שיקט קאָרעספּאָנדענציעס צו אַנדערע צייטונגען, הגם „באַפרייאונג" האָט אייך געשיקט קיין האמבורג, אָבער דאָס איז, נאַטירלעך, אַ נאַריש־קייט. איך דערצייל דאָס אייך איר זאָלט אויפזוכן די צייטונג מיטן אַדרעס און מאָנען ביי זיי געלט".

איך האָב גענומען זוכן „דאָס פאָלק" פון ריגע, אָבער נישט געקאָנט געפינען (מסתמא נישט געוווסט ווי צו זוכן) און כמעט ווי פארגעסן אין גאַנצן ענין.

מאַכט זיך אַ מעשה און כ'קריג אַ בריוו פון ריגע, פון מיין דאָרטיקער מומע חיה צייטלין, אַז זי קומט קיין בערלין אויף אַ טאָג אויף איר וועג אין אַ קוראָרט, און זי וויל זיך זען מיט מיר.

ריידנדיק מיט מיין מומען אין האָטעל־צימער האָב איך זיך דערמאָנט אין מערעמינסקיס עצה און געפרעגט דער מומען צי זי ווייס נישט אַמאָל דעם אַדרעס פון דער צייטונג.

זי האָט דעם אַדרעס נישט געוווסט, אָבער פּלוצלונג נעמט זי האַסטיק זוכן אין איר האַנט־טאַש:

— אין זעלבן הויז ווו די צייטונג, געפינט זיך אויך דער פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט ווו איך האָב געמאַכט מיינע פּאַס־פאָטאָגראַפיעס; און אויב איך וועל געפינען די פאָטאָגראַפיעס, וועל איך אפשר אויף דער לינקער זייט געפינען דעם געשטעמפּלטן אַדרעס פון פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט, ד.ה. פון דער צייטונג.

און זי האָט דעם אַדרעס געפונען.

אויף אַזאַ צופעליקן אופן האָט זיך פאַרקניפּט אין מיין לעבן אַ נייַ קאַפּיטל: ריגע.

* * *

איך האָב אָוועקגעשיקט אַ בריוו קיין ריגע, צו „דאָס פאָלק", און באַקומען דעם טשעקאָווסטן ענטפער.

דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געמאָנט האָנאָראַר פאַר איבערגעדרוקטע אַרטיקלען; אָבער געוויינ־לעך פלעג איך אָדער אינגאַנצן נישט באַקומען קיין תשובה (אַ

שאַד אַ פּאָסט־מאַרקע!) אָדער מען פלעגט מיר ענטפערן לאַקאָניש, אַז מען קאָן נישט צאָלן. דאָס מאָל איז דאָס קאַרטל געווען אַזוי אָריגינעל־ציניש, אַז הגם זי איז שפּעטער פאַרניכטעט געוואָרן אין וואַרשע, צוזאַמען מיט מיין גאַנצן אַרכיוו און אַלע מאַנוסקריפּטן, געדענק איך איר עיקרדיקן טייל ווערטלעך — אַזוי האָט זיך איר טעקסט איינגעקריצט אין מיין זכרון: „ס'קאָן זיין אַז מיר האָבן אייך איבערגעדרוקט; דאָס הייסט נאָך אָבער נישט אַז מיר דאַרפן אייך באַצאָלן. שרייבט דירעקט פאַר אונדז, וועלן מיר אייך מיט דער צייט אפשר באַצאָלן אויך פאַר די איבערגעדרוקטע אַרטיקלען". אונטערגעשריבן איז דאָס טשעקאַווע קאַרטל געווען מיט אַ טשעקאַוון נאָמען: „ת. עדות".

איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג און גענומען שיקן אַר־טיקלען אין ריגער „דאָס פאָלק" און נישט נאָר מען האָט מיר געשיקט האָנאָראַר, נאָר מען האָט מיר געשיקט געלט אויך פאַר די איבערגעדרוקטע אַרטיקלען.

* * *

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָב איך גענומען קריגן בריוו פון ריגע מיט דער איינלאַדונג אַראָפּצוקומען אַהין און ווערן אַ רע־דאַקציע־מיטאַרבעטער.

פון איין זייט האָט מיך דער פאָרשלאָג צוגעצויגן, אָבער פון דער צווייטער איז ער מיר נישט געווען צום האַרצן.

פון בערלין האָט מיך געצויגן קיין פּאַריז, אָבער קיין ריגע?

אָבער דאָס איז נאָר געווען איין סיבה פאַר נישט פאָרן. די צווייטע סיבה איז געווען די צייטונג גופא. ווען זי האָט אָנ־געהויבן אָנקומען צו מיר, האָט מיך שאָקירט איר „געלקייט". מען האָט געדרוקט אַלץ וואָס איך האָב געשיקט, אָבער עפּעס האָבן מיינע אַרטיקלען נישט האַרמאָנירט מיט דער צייטונג ווי אַ גאַנצעס, מיט איר שונד, מיט איר ביליקייט.

האָב איך אָפּגעשלעפּט מיט מיין ענטפער.

אינצווישן האָב איך זיך דערפילט שלעכט אין געזונט און האָב זיך אויך פאַרבענקט נאָך מיין היים־שטאָט ביאַליסטאָק, בין איך דאָרט געפאָרן זיך אָפּרוען אויף פסח. באַלום איך דאָרט חול־המועד אַ טעלעגראַמע פון ריגע פון ת. עדות, איך זאָל אַרוי־

בערקומען קיין ווילנע, ווהין ער וועט קומען פון ריגע, מיר זאָלן דערליידיקן דעם ענין פון מיין פאָרן אהין.

געקומען קיין ווילנע, האָב איך אין אָנגעוויזענעם האָטעל געטראָפן עדותן, וואָס אַ בעלעטריסט וואָלט געוועןן באַצייכנט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים, באַזונדערס פון זיין חוזק־שמייכל, ווי פון אַ פּאָון.

מיין שמועס מיט אים איז געווען פּונקט אַזוי אָריגינעל, ווי זיין קאַרטל צו מיר. איך האָב אים אָפן געזאָגט, אַז פון בערלין מוז איך סיי ווי אַוועקפאָרן צוליב מאַטעריעלע סיבות, און אַ שטעלע אין אַ ציַיטונג איז מיר צום הארצן, אָבער וואָס וועל איך טאָן אין „דאָס פאָלק", וואָס איז אַזוי געל, וואָס גיט אַזויפיל שונד? מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל זיך דאָרט נישט אַריינ־פּאַסן ...

עדות — צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג — האָט אפילו נישט פּרובירט פאַרטיידיקן זיין ציַיטונג; אדרבא, ער האָט מודה געווען אַז „דאָס פאָלק" איז אָנגעפילט מיט שונד, וואָס איז אין לעטלאַנד נויטיק פאַרן טיראַזש פון דער ציַיטונג; ער פאַרשטייט אויך, פון מיין מיטאַרבעט אין זיין ציַיטונג, אַז איך בין נישט קיין צו־שטעלער פון שונד, אָבער ער פאָדערט דאָס גאָרנישט פון מיר, ווייל ער נויטיקט זיך נישט אין שונד־צושטעלער, — ער קאָן דאָס נעמען איבערגענוג פאַר אומזיסט פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע און וואַרשע; ער לאַדט מיך איין קיין ריגע גראַד צוליב מיין אַנדערשקייט פון זיינע אַנדערע מיטאַרבעטער — ער וויל האָבן מאַטעריאַל אויך פאַר דער קלענער שיכט בעסערע יידישע לייענער; און ער זאָגט מיר צו, אַז ער וועט זיך נישט מישן צו מיין שרייבן — איך וועל זיין אויטאָנאָם סיי פון אים, ווי אַן אַרויסגעבער, סיי פון איינעם י. וויניק, וואָס איז אָפיציעל רעדאַקטאָר פון דער ציַיטונג.

זיין אופן ריידן, זיין נישט וועלן איינריידן מיך, אַז „דאָס פאָלק" שטייט אויף דער געהעריקער הויך, זיין מסכים זיין מיט מיר אַז די ציַיטונג איז געל, זיין צוזאָג נישט אַריינצומישן זיך אין מיין שרייבן האָבן געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, אַז ת. עדות איז אויפריכטיק. חוצדעם האָב איך איינגעזען, אַז ער איז אינטעליגענט, קלוג, פול מיט הומאָר און ער איז מיר פּערזענלעך געפעלן געוואָרן. האָב איך אָפּגעמאַכט מיט אים, אַז איך נעם אָן

זיין פאַרשלאַג צו קומען קיין ריגע מיטצואַרבעטן אין „פאָלק" אויף דריי חדשים פּראָבע. נאָך דריי חדשים זענען מיר ביידע פריי: ער קאָן מיך קינדיקן און איך אים. קיינער פון אונדז קאָן פון דאָזיקן פּרווו גאָרנישט פאַרלירן.

ת. עדות איז געווען זייער צופרידן פון מיין הסכמה צו קומען קיין ריגע. ער האָט געדאַרפט זיין אין ווילנער „טאָג", בין איך מיט אים מיטגעגאַנגען אין דער ציטונג, ווו איך בין געווען א שטיקל מיטאַרבעטער: אי איך פלעג שיקן פון צייט צו צייט אַרטיקלען, אי מען פלעגט מיך איבערדרוקן (אָן האָנאָראַר, נאַטירלעך).

איך געדענק דעם קורצן שמועס צווישן עדותן און רייזינען וועגן מיר.

— איר ווייסט, — האָט עדות געזאָגט צו רייזינען, — איך נעם אַראָפּ ראַפּאָפּאָרטן קיין ריגע אין „דאָס פאָלק".

— וואָס וועט ער דאָרט טאָן ביי אייך, — האָט רייזין געענטפערט, — זיינע אַרטיקלען פאַלן דאָך אַריין אין אייער ציטונג ווי א יון אין סוכה.

— זעט איר דאָך אָבער, — האָט עדות געענטפערט מיט זיין פאַון־שמייכעלע, באַלעקנדיק די ליפּן מיט זיין צונג, וואָס דאָס איז געווען זיין געוווינהייט, ווי כ'האָב שפּעטער באַמערקט, — זעט איר דאָך אָבער אַז איך בין געווען א מבין אויף ראַפּאָפּאָרטן און איך נעם אים אַריין אין מיין ציטונג.

מיר האָבן זיך נאָכן וויזיט אין „טאָג" געזעגנט און איך בין אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק מיטן צוזאָג, אַז גלייך נאָך פּסח פאָר איך צוריק קיין דייטשלאַנד און פון דאָרט — קיין ריגע אויף דריי חדשים קעגנזייטיקער פּראָבע.

ווען איך בין געקומען צוריק קיין בערלין, האָב איך זיך באַרעכנט, אַז עס וואָלט געווען פּאַרזיכטיק פון מיין זייט צו באַזאָרגן זיך אי מיט א צוריק־וויזע קיין דייטשלאַנד, אי מיט א וויזע קיין פּאַריז, ווייל ווער ווייס ווי דער עקספּערימענט מיט ריגע וועט זיך ענדיקן.

און אַזוי האָב איך געטאָן: כ'האָב זיך באַזאָרגט מיט וויזעס, כדי צו קאָנען צו יעדער מינוט צוריקפאָרן פון ריגע, — אויב

מיר וועט דאָרט נישט געפעלן, — קיין בערלין, אָדער גאָר פּאַריז, וווהין עס האָט מיך שוין לאַנג געצויגן.

* * *

איך בין געפאָרן קיין ריגע מיט אַ ביסל שרעק אין הארצן. איך האָב שוין געהאט געדרוקט ארטיקלען אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", אין „ווילנער טאָג", אין צעירי־ציוניסטישער „באַ־פרייאונג", אין ריגער „דאָס פאָלק", פון וואנען מען האָט איבער־געדרוקט מיינע ארטיקלען אין „נאַש פשעגלאָנד" (ווארשע), אין פאַרשידענע צייטונגען אין די אמעריקעס, אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געארבעט אין אַ טאָג־צייטונג ווי אַן אינערלעכער מיטאַרבעטער און ווי אַ טיילוויַיזער רעדאַקטאָר. און דאָ וועל איך אַריינפאַלן אין אַ צייטונג, וואָס איז שפּאָרלעך שונדיסטיש, אין אַ פרעמד לאַנד, צווישן פרעמדע מענטשן.

די איינציקע טרייסט מיינע אויפן גאַנצן וועג זענען געווען מיינע צוויי וויזעס, וואָס האָבן מיר געגעבן אומאָפּהענגיקייט, און מיינע אַ מומע, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין ריגע.

* * *

מיין ערשטער טאָג אין ריגע איז געווען אַ יום־טובדיקער, געקרוינט מיט אַ קאָמישן אינצידענט.

היות איך בין געקומען קיין ריגע ארום סוף מאַי — אָנהויב יוני, אין אַ זונטיק, און עדות האָט געוווינט אויפן ים־ברעג (דעם נאָמען פון אָרט האָב איך פאַרגעסן, אָבער דאַכט זיך אַז מאַריען־האָף), האָט ער איינגעאָרדנט אַ פאַראַדנעם מיטאָק לכבוד מיר. צום דעסערט האָט מען פייערלעך דערלאַנגט אויסטערס מיט וויסן וויין. ווען איך האָב געזאָגט אַז איך עס נישט קיין אויסטערס, האָט מיך דער עולם אָנגעקוקט ווי חסר־דעה. און עדות האָט אין פאַרלעגנהייט געזאָגט: — „און מיר האָבן נעכטן, שבת, ארומ־געזוכט איבער דער גאַנצער שטאָט פרישע אויסטערס און קוים קוים געפונען".

דאָס איז געווען עדותעס ערשטע אַנטוישונג אין מיר; אָבער אויך איך האָב גאָר בקרוב איבערגעלעבט דעם ערשטן שאָק מצד אים.

איך האָב נאָך נישט באַוויזן אָנצוואַרימען מיין אָרט אין

רעדאַקציע און שוין האָב איך זיך באַגעגנט מיט מענטשן, וואָס האָבן מיר דערציילט זאַכן וועגן עדותן און זיין ציימונג, וואָס האָבן מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַניק.

מען האָט מיר דערציילט, אַז 1) מיט אַ צייט צוריק האָבן אַלע מיטאַרבעטער פון „דאָס פאָלק" פאַרשטרייקט (איך געדענק שוין נישט די סיבה וואָס מען האָט מיר אָנגעגעבן) און די ציימונג אַרבעט איצט מיט בלויז עטלעכע פון פּערסאָנאַל, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון שטרייקנדיקן קאָלעקטיוו, און מיט אַ פרישן רע־דאַקטאָר, אַ צעירי־ציוניסט, י. וויניק, און 2) „דאָס פאָלק" האָט זיך בעת די לעצטע וואַלן צום לעטישן פּאַרלאַמענט פאַרקויפט דער אגודה און זי (די ציימונג) איז בכלל גרייט פאַר געלט צו פאַרקויפן אירע שפּאַלטן בעת וואַלן צו יעדן איינעם, וואָס וויל זי קויפן פאַר אַ געהעריקן פּרייז.

נישט טראַכטנדיק קיין סך האָב איך געזאָגט עדותן, אַז איך דאַרף מיט אים ריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין אונטער פיר אויגן.

האָט ער אָפּגערעדט צו מאַכן מיט מיר אַ שפּאַציר אין אַ הינטער־שטאָטישן וועלדל, וווּ קיינער וועט אונדז נישט שטערן צו שמועסן ווי לאַנג מירן וועלן.

זענען מיר געגאַנגען אין אַ שיינעם זומער־פאַרנאַכט אין אַ יונגן וועלדל און איך האָב גענומען איבערדערציילן וואָס מען האָט מיר דערציילט וועגן אים, מיט אַלע פּרטים, מיט אַלע זידל־ווערטער — איך האָב געוואָלט דעם ענין גרינטלעך דערליידיקן.

איך האָב גערעדט און געקוקט אויף עדותן פון דער זייט, ריכטנדיק זיך אַז אַ ליאַדע מינוט וועט ער נעמען זיך פאַרטיידיקן, אָפּלייקענען, אָבער זיין פּנים איז געווען פולשטענדיק רואיק אונטער דער מאַסקע פון זיין פּאוינישן שמייכל. די איינציקע באַוועגונג אויף זיין פּנים איז געווען די באַוועגונג מיט דער צונג, מיט וועלכער ער האָט זיך באַלעקט ווי אַ קאַץ. זיין רואיקייט איז מיר געווען אומפאַרשטענדלעך, דאָס איז אין יענער לאַגע געווען אומ־נאָרמאַל. און וואָס מער עדות האָט געשוויגן, אַלץ מער האָב איך גערעדט און געהאַט טענות פאַרוואָס ער האָט מיר נישט דערציילט סיי וועגן שטרייק אין דער ציימונג, סיי וועגן דער ציימונגס וואַל־פּאָליטיק אין ווילנע, ווען איך האָב אים געזאָגט אַז אין אַ געלער ציימונג האָב איך נישט וואָס צו טאָן...

איך האָב גערעדט אפשר א האַלבע שעה, אָבער סוף־כל־סוף האָב איך אויפגעהערט, — כ'האָב פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „וואָס האָט איר מיר צו זאָגן וועגן דעם אַלעם?" און איך בין זיכער געווען אַז ער וועט זאָגן דאָס איינציקע וואָס איך דער־וואַרט: אַז דאָס איז נישט ריכטיק... און אין מח האָט מיר שוין געעקבערט די זאָרג: וואָס וועל איך דאַן טאָן? ווי וועל איך דערגיין דעם אמת?

און פּלוצלונג בין איך איבערראַשט געוואָרן, ווי נאָך קיינמאָל נישט פאַר דעם און נאָך דעם, פון עדותעס אומגעריכטן ענטפער.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — האָט ער גענומען ריידן קוקנדיק אויף מיר מיט זיין קורצזיכטיקן שמייכל, — וואָס שייך דעם שטרייק איז דער ענין נישט אינגאַנצן אַזוי ווי מען האָט אייך דערציילט; אַ שטרייק איז טאַקע געווען, אָבער שוין אַ יאָר צייט ווי דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן דורכן וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין, צו ווען דער קאָנפליקט איז איבערגעגאַנגען; און וואָס שייך דער באַשולדיקונג אין פאַרקויפן די צייטונג אין וואַל־צייט, איז אַלץ ריכטיק וואָס מען האָט אייך דערציילט; אָבער איך זאָג אייך צו אַז דאָס איז אַ זאַך פון עבר און מער וועט זיך דאָס נישט איבערחזרן... און אין אייער שרייבן, זאָג איך אייך נאָכאַמאָל צו, וועל איך זיך נישט מישן — איר וועט האָבן פולע פרייהייט...

ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אָט די אָפנקייט, דאָס מודה זיין זיך צום פאַרברעכן (פון מיין שטאַנד־פונקט) איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון נאַטירלעכער ערלעכ־קייט, נאָר פון ציניזם פון איין זייט און פון פּסיכאָלאָגישער דורכ־דרינגלעכקייט פון דער צווייטער: קיין שום ענטפער זיינעם וואָלט איך נישט אויפגענומען מיט אַזאַ צוטרוי ווי אָט דעם ענטפער, אַז ס'איז אמת, ער האָט זיך טאַקע פאַרקויפט דער אגודה, ווייל זיי האָבן אים געגעבן אַ גרויסע סומע...

אויב ער איז מודה אויפן אמת און ער פּרוווט נישט אָפּליי־קענען און זיך אַרויסשטעלן אין אַ שיינער ליכט, איז אַ סימן אַז מען קאָן גלויבן אויך זיין צוזאָג...

איך האָב זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ סך אַן ערגערן פּסיכאָלאָג פאַר עדותן...

ער האָט מיך ריכטיק אָפּגעשאַצט פּסיכאָלאָגיש און מיר געגעבן

אַן ענטפער וואָס האָט אַרויסגערופן מיין צוטרוי צו אים, און איך האָב אים נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט און אים געגלויבט דאַן, ווען ער האָט נישט פאַרדינט קיין צוטרוי...

* * *

אָבער די אַנטוױשונג איז געקומען אין אַ סך חדשים שפּעטער. ביז דאַן איז אַלץ געגאַנגען גוט. עדות האָט געהאַלטן וואָרט: ער האָט זיך נישט געמישט צו מיין שרייבן. איך פלעג שרייבן פאַרשיידענע אַרטיקלען — ליטעראַרישע, פּאָליטישע, פּאָלעמישע, וועגן יידישע ענינים, און וועגן גוייִשע און, הגם איך בין נישט געווען רעדאַקטאָר, אויך לייט־אַרטיקלען זענען געגאַנגען גלייך צום זעצער און פון זעצער צו מיר — נישט עדות און נישט דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר — י. וויניק — האָבן זיך נישט אַריינגעמישט צו מיין אַרבעט. און נישט נאָר דאַן ווען אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק — נאָר אַפילו ווען עס פלעגט אויסברעכן אַ שטורעם.

צוויי באַזונדערס שאַרפע סקאַנדאַלן געדענק איך בולט.

אין לאָנדאָן איז פאָרגעקומען אַ רבנים־קאָנפערענץ. האָב איך געשריבן אין ריגע, אַז די קאָנפערענץ וואָלט באַדאַרפט: 1) אָפּשאַפן די כוהנים־געזעצן וועגן נישט חתונה האָבן מיט אַ גרושה און אַנד.; 2) ליבעראַליזירן די פראַגע פון די עגונות (אַ פּראָבלעם וואָס איז באַזונדערס שאַרף געווען דאַן, אין 1924, אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן) און 3) אָפּשאַפן די לעכערלעכע און שענדלעכע חליצה־פּראָצעדור (איך האָב דאַן געוווסט טעאָרעטיש ווי דערנידערנדיק עס איז די חליצה־פּראָצעדור, אָבער שפּעטער, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך ערשט פּראַקטיש איינגעזען ווי גערעכט איך בין געווען). איך האָב אויך געשריבן, אַז אויב די רבנים־קאָנפערענץ וועט נישט גיין אויף די וועגן פון תלמוד, איבערצוקנעטן געזעצן אין גייסט פון דער צייט און אירע באַדערפענישן, וועט די צייט אַליין זיי נעמען איגנאָרירן.

געקומען אין דער צייטונג צומאָרגנס, הער איך פון עדותעס קאַבינעט אַן אויפגערעגטע שטימע: „אויב ראַפּאָפּאָרט (איך בין אַ כהן — י. ר.) וויל חתונה האָבן מיט אַ גרושה זאָל ער דאָס טאָן, אָבער זאָל ער נישט שרייבן קיין אַרטיקלען קעגן די געזעצן פון אונדזער תורה".

אין א קורצער ווײַלע אַרום קומט אַרויס צו מיר ת. עדות און דערציילט מיר, אַז ביי אים זיצט איינער פון די ריגער רבנים און פֿאָדערט פון אים נישט מער און נישט ווייניקער, אַז ראַפּאָפּאָרט זאָל אין דער צייטונג חרטה האָבן אויף זיין אַרטיקל; און אויב נישט — וועט מען רופן אַ קאָנפערענץ פון די לעטלענדישע רבנים און מען וועט „דאָס פאָלק" אַריינלייגן אין חרם.

און עדות פרעגט מיך וואָס זאָל מען טאָן? צי וועל איך געבן אַזאַ דערקלערונג, ווייל אַנישט איז די צייטונג אין אַ גרויסער געפאַר.

איך האָב אים, נאַטירלעך, געזאָגט אַז פאַר מיר קומט גאָר־נישט אין פראַגע אַזאַ דערקלערונג; העכסטנס קאָן איך מסכים זיין דערויף, אַז עדות זאָל עפנטלעך דערקלערן דעם אמת, אַז די באַ־לעבאַטים האָבן אַפילו נישט געוווּסט אַז אַזאַ אַרטיקל גייט און די גאַנצע אחריות פאַלט אויף ראַפּאָפּאָרטן.

און אַזאַ נאָטיץ איז טאַקע דערשינען...

דער צווייטער פאַל איז געווען בעת אוסישקין האָט באַזוכט ריגע.

דער קבלת פנים פאַר אים אויפן וואָקזאַל איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון אָנשרייבן אַ פעליעטאָן וועגן פאַראַד (איינגעאָרדנט דער עיקר דורך די רעוויזיאָניסטן, וואָס האָבן אין ריגער ציוניזם געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל) מיט העברעאישע רעדעס (געלייענט פון פאַפּיר דורך מענטשן, וואָס האָבן אַפילו די עברי נישט געקאָנט אַרויסזאָגן ריכטיק) און סקוויט־יוגנט (אין ריגע האָט מען זיי גערופן די גאַידס און די גאַיטקעס).

פון איין זייט האָט מיר דער פעליעטאָן אַריינגעבראַכט אַ גרויסן שבח: עדות איז אין דער פרי אַריינגעקומען און מיר געזאָגט, אַז מיין פעליעטאָן דאַרף זיך נישט שעמען פאַר שעפנערס פעליעטאָנען (איך, ווי עדות, האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון שעפנערס פעליע־טאָנען); אָבער פון דער צווייטער זייט האָט דער פעליעטאָן אַרויס־גערופן אַ שטורעם אין די ציוניסטישע רייען (באַזונדערס ביי די רעוויזיאָניסטן) און ביי אוסישקינען, וועלכער האָט געהאַלטן, ווייזט אויס, אַז דאָס אויסלאַכן זיין קבלת פנים הייסט אויסלאַכן אים. און אין האָטעל־צימער, האָט מען מיר שפּעטער דערציילט, האָט

דער „אייזערנער קאַנצלער" פון ציוניזם געטופּעט מיט די פיס פון כעס אויף דער העזה פון אַ זשורנאַליסט...

ווי עס פירט זיך ביי אונדז, האָבן אויך די רעוויזיאָניסטן געדראָט מיט אַ „וועלטלעכן" חרם (באָיקאָט, בלע״ז) קעגן דער צייטונג, אויב מען וועט ראַפּאָפּאָרטן נישט באַזייטיקן (מיין פעליעטאָן „מען איז מקבל פנים אוסישקינען" האָב איך אונטערגעשריבן מיט איינעם פון מיינע 16 פּסעוודאָנימען, „נישט־איך", אָבער אַלע האָבן סיי־ווי געוווּסט אַז דאָס איז מיין מלאכה).

עדות איז אַריין אין מיין צימער מיט די הענט אין די קעשענעס (איינע פון זיינע געוווינהייטן) און געפרעגט:

— נו, ראַפּאָפּאָרט, וואָס וועט איר טאָן?

איך האָב געענטפערט: „איך וועל שרייבן נאָך אַ פעליעטאָן".

געריכט האָב איך זיך אויף אַ וויכוח מיט אים, אָבער צום סוף האָט ער געזאָגט: „שרייבט"...

איך האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז כל־זמן עס שטייט אים נישט פאַר צו פאַרלירן געלט, איז ער פיין ביז גאָר, שפּירבאַר אויף לעכערלעכקייט און אויף אנשטענדיקייט, — מיט איין וואָרט — אַ ספּאָרט...

און פאַרן באָיקאָט פון די ציוניסטן, — האָט ער געזאָגט, — האָט ער קיין מורא נישט...

האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן צו זיין — דורך מיר — סאַרקאַסטיש און — צו מיר — ריטערלעך...

דערפאַר איז געווען פאַרצווייפלט עדותעס שותף — אורמאַכער...

— שוין צום צווייטן מאָל ווי עס דראָט אונדז אַ חרם צוליב ראַפּאָפּאָרטן...

מיט צוויי וויזעס אין קעשענע — קיין בערלין און פּאַריז — בין איך געווען רואיק: איך קאָן צו יעדער מינוט אַוועקפאָרן...

און עדות האָט צו מיר געזאָגט, נאָכדעם ווי אורמאַכער האָט זיך געשושקעט מיט אים:

— זאָל אייך נישט אַרן וואָס ער רעדט...

איך האָב אָנגעשריבן דעם צווייטן פעליעטאָן: „איך וועל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן", וואָס האָט אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן שטורעם פאַרן ערשטן (שוין צוליב דעם אַליין וואָס ער איז געווען

דער צווייטער, אַ בפירושע אַרויספאָדערונג דעם ריגער פּראָווינציאַ־נאַליזם און סנאָביזם) ...

און היות ווי אין שטאָט האָט זיך נאָך געטומלט, האָב איך אָנגעשריבן אַ פּובליציסטישן אַרטיקל וועגן אוסישקינען, אונטער־געשריבן שוין מיט מיין אייגענעם נאָמען ...

* * *

די צוויי באַלעבאַטים פון דער ציַיטונג זענען געווען איינער פון צווייטן כרחוק מזרח ממערב ... זיי זענען געווען ענלעך נאָר אין איין זאַך: אין זייער ליבע צו געלט, אין זייער גרייטקייט צו פאַרקויפן די צייטונג און זיך יעדן איינעם, וואָס גיט אַ געהע־ריקע סומע אָדער ריכטיקער: מער.

אָבער אין אַלעם אַנדערן זענען דאָס געווען מענטשן פון גאַנץ פאַרשידענע קאַטעגאָריעס.

אורמאַכער איז געווען אַ ייד אַ בוכהאַלטער מיט אַ בערדל. אַ מענטש אָן בילדונג און אָן קולטור־אינטערעסן, איז אים די רעדאַקציע אָנגעגאַנגען נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל זי האָט געקאָנט שאַדענען די אַדמיניסטראַציע; כל־זמן זי האָט נישט געקאָנט שאַדענען דעם טיראַזש און די אַנאָנסן, איז זי אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען; עדות האָט אויך געהיט די אינטערעסן פון דער אַדמי־ניסטראַציע; אָבער ווען די רעדאַקציע האָט דער אַדמיניסטראַציע נישט געקאָנט ברענגען קיין שאָדן, האָט ער ליב געהאַט די רעדאַק־ציע מיטן גאַנצן לעבן. און אויב ער האָט גענומען י. וויניקן פאַר אַ רעדאַקטאָר, איז נאָר צוליב די אינטערעסן פון דער אַדמיניסטראַ־ציע, ווייל ער גופא האָט קיין רעדאַקטאָר אין ריגע נישט געקאָנט זיין צוליב זיינע מאַכינאַציעס בעת וואַלן — צום פּאַרלאַמענט, צו די שטאָטראַטן, צו וואָס עס זאָל נישט זיין. און אויב ער האָט זיך גערימט פאַר זלמן רייזינען, אַז ער האָט זיך דערקענט אויף מיין שרייבן און דעריבער נעמט ער מיך אַראָפּ קיין ריגע פאַר זיין צייטונג, איז אין דעם געווען נאָר אַ טייל אמת; דער צווייטער — און גרעסערער — טייל אמת איז געווען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט דורך אַראָפּברענגען אַ מענטשן פון דרויסן אַביסל מאַכן פאַרגעסן דער שטאָט — צווישן איין וואַל־קאַמפּאַניע און דער צווייטער — זיינע מעשים טובים.

אין 1905 איז עדות געווען א בונדיסט; געזעסן פאר בונדיזם אין תפיסה און פון לאנגווייליקייט האט ער מיט די מיטזיצער — אויך לעטלענדישע בונדיסטן־אינטעליגענטן — געמאכט, לויט זיין דערציילן מיר, עקספערימענטן, וואס כאראקטעריזירן דעם מאדנעם טיפ מענטש, וואס עדות איז געווען: ער האט פארגעלייגט צו לאזן נאטירלעכע גאזן און זען צי מען קאן זיי אנצינדן מיט א שוועבעלע ...

פון פאך אן אינזשיניער, האט ער אין פעטערבורג באקומען א פריז פאר זיינער א דערציילונג אין רוסיש אין א קאנקורס אונטער א זשורי, וואס איינער פון אירע מיטגלידער איז געווען אלעקסאנדער בלאק; אין א דערציילונג־קאנקורס פון די „ליטעראַרישע בלעטער" האט ער פאר זיינער א דערציילונג „זרע אברהם", באקומען דעם ערשטן פריז; ער האט אויך באקומען א פריז אין א דערציילונגס־קאנקורס פון ניו־יארקער „פארווערטס".

א גוטער זשורנאליסט, א שארפער פאלעמיסט און פעליעטאָניסט, האט ער געקאנט טאן כמעט יעדע ארבעט אין א צייטונג — פון שרייבן בעלעטריסטיק ביז אויספילן די אפטיילונג „הומאר און סאטירע" אין פראזע און פערזן.

איך געדענק: אויף דעם באקאנטן אגודה־דעפוטאט אין לעטישן פארלאמענט, דובין, וועלכער איז בארימט געווען מיט זיין שתדלנות אין די מיניסטעריומס פאר יידישע פליטים און פלעגט גאנצע טעג ארומגיין איבער דער שטאט און אין די מיניסטעריום־קארידארן באגלייט דורך מחנות אומגליקלעכע ווייבער, האט ער עקספראמטאם אנגעשריבן אן עפיגראם, וואס האט זיך פארענדיקט מיט פאלגנדע צוויי שורות:

„נישט אין מח —
„אין די פיס ליגט זיין כח".

און דאס זענען געווען ביי אים מעשים בכל יום אדער אין יעדן נומער.

און זיין פארשטענדעניש פאר שרייבן איז געווען דין און אינסטינקט־זיכער.

ווי ער פלעגט אפשאצן פארשידענע יידישע שרייבער און זשורנאליסטן! און סארא הנאה ער פלעגט האבן פון געפינען עפעס וואס עס האט געדארפט צו זיין געשמאק!

איין מאָל האָב איך אָנגעשריבן דריי נאָטיצן. ווען דער נומער אין דערשינען, איז עדות פּייערלעך אַריינגעקומען אין צימער און געזאָגט: אייערע צוויי ערשטע נאָטיצן זענען גוט, אָבער די דריטע (דאָס איז געווען וועגן שטייגער־פּראָצעס) איז שלימותדיק.

מיט מונדלעכע קאָמפּלימענטן פאַר מיינע אַרטיקלען האָט מען מיך נישט אויסגעהונגערט (מען האָט מיך אויסגעהונגערט אויף אַ סך אַנדערע פיזישע און גייסטיקע אופנים), אָבער איך האָב זעלטן געהאַט אַזאַ הנאה פון קאָמפּלימענטן, ווי פון עדותעס, ווייל ערשטנס האָב איך געהאַלטן אַ וועלט פון זיין ליטעראַרישן געשמאַק און קאָנען, און צווייטנס פלעג איך פילן ווי ער האָט הנאה פון אַ גוטער זאַך — (אפילו בלויז פון אַ גוטער שורה) לשמה.

ביי זיין גאַנצן ציניזם און מאַטעריאַליזם איז ער געווען פאַר־ליבט אין דער קונסט פון וואָרט.

איך האָב אַמאָל אָנגעשריבן פאַרן „פאָלק" (פון בערלין) אַ פעליעטאָן א.ג. „ווי אַזוי אַ מזרח־יידישער סטודענט בייט אַ דאָלאַר". דאָס אַרטיקל איז געווען איבערגעדרוקט אפשר אין מער ווי אַ טוץ יידישע צייטונגען, און עס איז דערגאַנגען אפילו צום אַנטיסעמיטישן „קוריער ווילענסקי", וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון דאָזיקן פעליעטאָן (באַקאַנטע האָבן זיך געוויצלט, אַז איך פאַר־שפּרייט אַנטיסעמיטיזם); ווען איך בין געקומען קיין ריגע, האָט מיך גערץ־מאָווישאָוויטש (אַ מיטאַרבעטער פון „דאָס פאָלק") גע־פרעגט אין עדותעס קעגנוואַרט: „פאַרוואָס שרייבט איר נישט קיין בעלעטריסטיק? אייער פעליעטאָן „ווי אַזוי אַ מזרח־יידישער סטודענט בייט אַ דאָלאַר" ווייזט, אַז איר וואָלט געקאָנט שרייבן בעלעטריסטיק"; האָט עדות פאַרקוועטשט די קורצזיכטיקע אויגן, באַלעקט מיט דער צונג די ליפּן און געזאָגט מיט אַזאַ באַטעמטער אינטאָנאַציע:

„ראַפּאָפּאָרטס בעלעטריסטיק זענען זיינע אַרטיקלען".

איך האָב געהאַט אין „דאָס פאָלק" אויך אומאַנגענעמלעכקייטן, אפילו אין ערשטן האַלבן יאָר, אָבער מער פאַרגעניגן ווי עגמת נפש. עדות האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין מיין שרייבן, סיידן מיט אָנגענעמע באַמערקונגען; די עטלעכע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן פון זיך אַליין מיר גענומען אונטעררוקן זייערע אַרטיקלען צום רעדאַגירן (יעסעלסאָן — י. נ. שטיינבערגס אַ קרוב — און מאַרק ראַזומני) פלעגן נישט זיין צופרידן פון מיין שטאַרקן מעקן

זייערע אַרטיקלען און פּלעגן מורמלען, אָבער איך האָב זיך אויס־געלעבט אין מיין אַרבעט: איך האָב צום ערשטן מאָל געאַרבעט אין אַ טאָג־צייטונג אָן שום קאָנטראָל און באַגרענעצונגען; אַפּילו די באַוואוּסטע (דורך רעדאַגירן זיי) האָבן ביסלעכווייז גענומען אָפּשאַצן מיין אַרבעט. דער הויכער און דאַרער יעסעלסאָן, פּלעגט שטיין איבער מיר ווי אַ טורעם און אַראָפּמרוקען פון זיין הויך: „ער מעקט שוין, ער פּאַלמעסט שוין...״

אָבער פון אַ זייט האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז ער פּלעגט פאַר אַלעמען רימען מיינע אַרטיקלען.

באַזונדערס, געדענק איך, איז אים געפעלן געוואָרן מיין אַרטיקל צום מאָרד איבער ישראל דע־האָן:

— אַ פּערעלע, — האָט ער געזאָגט צו אַ באַקאַנטן, — אַ פּערעלע... אָבער פאַרוואָס שניידט ער אַזוי? ...

אויך מאַרק ראַזומני האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע — פאַר אַ שרייבער — ערלעכקייט: הגם איך האָב פון זיינעם אַ רעפּאָרטאַזש (וועגן אַ שרפה) פון אַ 500 שורות געמאַכט אַ קליינע, אָבער פיינע מיניאַטור, פלעגט ער זאָגן אין געזעלשאַפט (נישט אין מיין אָנוועזנהייט), אַז איך בין דער בעסטער שרייבער אין לעטלאַנד.

איך קאָן דאָס נישט פאַרגעסן און כ׳וויל דאָס נישט פאַרשווייגן נישט צוליב קליינלעכע מאָטיוון פון „פּאַראַייביקן״ אַ שבח אויף מיין שרייבן, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס זענען פון די געציילטע אויסנאַמען, ווען שרייבער האָבן געהאַנדלט לגבי מיר ערלעך, אָן צו פּעלשן אין זייער געוויסן...

אָבער נישט תמיד איז יום־טוב: עס זענען געווען אין רעדאַקציע אויך וואָכנטעג, און טאָקע גאַנץ שווערע און מיאוסע...

איינמאָל, אויף אַ זיצונג פון דער רעדאַקציע, האָט דער מיטאַרבעטער מ. מאָוושאָוויטש (פּסעוודאָנים: גערץ) איבערגעגעבן אַ פּאָרשלאַג פון איינעם אַ יידישן גביר, וואָס וויל קאַנדידירן צו די שטאָט־ראַט־וואַלן און ער איז גרייט פּיין צו באַצאָלן דער צייטונג (מסתמא אויך דעם מעקלער... — י. ר.) אויב זי וועט אַגיטירן פאַר זיין קאַנדידאַטור...

דער ערשטער געדאַנק מיינער איז געווען: צי וועט עדות בייִשטיין דעם נסיון?

מער האָב איך נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן: אַ כוואַליע

צאָרן קעגן מאָזשאָוויטש האָט מיך פאַרגאַסן. איך האָב געגומען דונערן קעגן אים: ווי אַזוי דערוועגט ער זיך פאַרצוליינגן אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום זי זאָל זיך פאַרקויפן?

— ווען איך, — האָב איך געזאָגט, — וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט איך אייך געוועזן באַזייטיקט פון רעדאַקציע פאַר אַזאַ שענדלעכן פאָרשלאַג...

מאָזשאָוויטש האָט געענטפערט אַז ער זעט נישט איין קיין שום עוולה ווען מען אַגיטירט פאַר אַ יידישן קאַנדידאַט צום שטאָט־ראַט פאַר אַ האָנאָראַר.

און חוצדעם איז ער אַנטוישט אין מיר: ער איז געווען פון די וואָס האָבן געראַטן מיך אַראָפּברענגען קיין ריגע און איך וויל אים באַזייטיקן...

צו מיין גרויסן שטוינען האָט עדות אָפּגעוואָרפן מאָזשאָוויטשעס פאָרשלאַג און דער סוף איז געווען, אַז מאָזשאָוויטש האָט געמאָלדן:

— אויב די ציימונג וויל נישט אָננעמען דעם פאָרשלאַג, וועט ער אַליין ארומפאָרן איבער דער פּראָווינץ אַגיטירן פאַרן גבירישן קאַנדידאַט...

זייט דאַן איז מיר מאָזשאָוויטש געוואָרן אַ דם־שונא. ער פלעגט זיך כסדר שושקען מיט אורמאַכערן, וועלכער האָט שוין געטראָגן אויף מיר אַ האַרץ פאַר די צוויי חרם'ס וואָס האָבן גע־דראָט זיין ציימונג צוליב מיר...

און איצט האָט ער פאַרלאָרן געלט...

אומגעפער אין יענער צייט איז געקומען קיין ריגע פון זיין שטעטעלע רעזשיצע דער דיכטער דימאַנטשטיין. אַ זון פון אַ שוחט, אַליין אַ פרומער, מיט אַ גרויסער באָרד, האָט ער מיר דערציילט, אין עדותעס קעגנוואַרט, אַז ווען ער האָט געגומען לייענען מיינע אַרטיקלען אין „דאָס פאָלק", האָט ער געגומען אַגיטירן עדותן ער זאָל מיך אַראָפּברענגען קיין ריגע.

איך האָב מיט דימאַנטשטיינען אַ סך פאַרבראַכט אין די פאָר טעג פון זיין וויזיט קיין ריגע. ער האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ „טשודאַק", אָבער פון אַ ערלעכן, ריינעם מענטשן, וועלכער ווייסט נישט פון קיין צוויי־פּנימדיקייט... ווען איך האָב אים דערציילט די מעשה מיט מאָזשאָוויטשעס פאָרשלאַג, האָט ער געזאָגט, אַז ער וווּנדערט זיך נישט, ווייל מאָזשאָוויטש איז ביי

אזעלכע ענינים תמיד געווען אויף עדותעס זייט. און גלייכצייטיק האָט ער אויסגעדריקט זאָרג וועגן די נאָנטסטע וואָלן צום לעטישן פּאַרלאַמענט, וואָס וועלן פּאָרקומען אומגעפער אין אַ יאָר אַרום.

די זאַך איז מיר אַריין אין נאָז...

* * *

איך געדענק שוין נישט גענוי ביי וועלכער געלעגנהייט, אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך מיין שמועס מיט דימאַנטשטיינען, האָב איך אַ טאַפּ געטאָן ביי עדותן אין וואָגן וועגן די פּאָשטייענדיקע פּאַרלאַמענט־וואַלן.

עדות האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זיין פּאַן־שמייכעלע, באַלעקט מיט דער צונג די ליפּן און געענטפערט:

— די צייטונג וועט אַגיטירן פאַר דער פּאַרטיי וואָס וועט באַצאָלן צום מערסטן. אַנאָנסן וועלן קאָנען געבן אַלע פּאַרטייען.

אַז איך האָב אים געפרעגט צי ער געדענקט זיין צוזאָג, אַז מער וועט דאָס שוין נישט געשען, האָט ער נישט געלייקנט: יאָ, ער האָט מיר צוגעזאָגט, און ער איז געווען אויפריכטיק, אָבער די צייטונג טאָר נישט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט, עס האַנדלט זיך אין אַ סך טויזנטער דאָלאַרן... און אַגב וועט אורמאַכער נישט דערלאָזן מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ מטמון מיט געלט...

ער האָט מיט קיין איין וואָרט נישט געפּרוווט באַרעכטיקן זיין האַנדלונג; אדרבא, ער האָט מסכים געווען אַז זי איז פּרינציפּלאָז, נישט ערלעך, אָבער ער קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון; ער איז צו שוואַך אויף דעם...

אויף מיין באַמערקונג, אַז אויב אַזוי וועל איך פאַרלאָזן ריגע, האָט ער געענטפערט:

— איך וועל דאָס זייער באַדויערן, אָבער איך קאָן אַנדערש נישט האַנדלען... און אַגב: וואָס גייט דאָס אייך אָן?...

איך האָב אים דערקלערט, אַז ווען איך שיק אַרטיקלען פון בערלין איז איינס, און ווען איך זיץ אין רעדאַקציע, און בין כמעט רעדאַקטאָר, איז עפּעס אַנדערש...

און ס'האָט זיך געשטעלט ביי מיר די פראַגע: וואָס טוט מען?...

* * *

עס איז ביי מיר קיין פראגע נישט געווען, אז אויב „דאָס פֿאָלק" וועט זיך פארקויפן דער „אגודה" (און זי איז תמיד געווען די בעסטע צאָלערין ביי וואלן...) וועל איך פון רגע אוועקפאָרן; אָבער וואָס קאָן מען טאָן עס זאָל דערצו נישט קומען?...

ווייל מיין ארבעט אין „פֿאָלק" האָט מיך באפרידיקט סיי מא־טעריעל, סיי גייסטיק...

האָב איך באשלאָסן צו זוכן א שותף, וואָס זאָל מיר העלפן מאכן א דרוק אויף עדותן ער זאָל זיך נישט פארקויפן ביי די וואלן... און דער שותף מיינער האָט געזאָלט זיין נחמן דימאנט־שטיין, דער שווארצבערדיקער דיכטער...

איך האָב אים אָנגעשריבן א בריוו וועגן דעם אז זיין נביאות איז מקוים געוואָרן און אז איידער איך פאָר אוועק פון ריגע, וויל איך פרווון מאכן א דרוק אויף עדותן, און איך וויל אז ער זאָל קומען און מיר צוהעלפן אין מיין פרווו. אגב, האָב איך אים געשריבן, האלט איך אז ס'איז זיין מאָראלישער חוב קומען צו מיין הילף, ווייל ער איז דאָך „שולדיק" אין מיין קומען קיין ריגע...

* * *

דימאנטשטיין איז געקומען צו פאָרן און זאלבעדריט, — איך, דימאנטשטיין און עדות, — זענען מיר אוועק אין א באזונדערן צימער אין א רעסטאָראן צו פירן אונטערהאנדלונגען.

געגנוי איבערגעבן די לאנגע שמועסן פון 42 יאָר צוריק בין איך נישט ביכלת. איך געדענק אָבער גוט די שווערע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין קליינעם צימער. קיינער האָט זיך כמעט נישט צוגערירט צו די מאכלים, וואָס די קעלנערקע האָט אריינ־געבראכט... איך בין ארויס מיט א באשולדיקונגס־רעדע און גע־מאָנט ביי עדותן ער זאָל האלטן זיין צוזאָג; דימאנטשטיין האָט מיך אונטערגעהאלטן, אָבער אומזיסט; עדות האָט געהאלטן אין די ציין א פאָר טויזנט דאָלאר, און ס'איז אוממעגלעך געווען זיי ארויסרייסן ביי אים...

אין א געוויסן מאָמענט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן אז ער וועט דאָס געלט נישט ארויסלאָזן, האָב איך צו אים געזאָגט:

— איר האָט זייער א פיינעם חוש פאר ערלעכקייט און ריינ־קייט; ווען עס שטייט נישט אין קאָן אייערס א פארדינסטל, זענט

איר פּעאיק אויפצוכאַפּן דעם מינדסטן אָפּווייך פון ערלעכקייט און איר קאָנט זיך אַפילו אויפריכטיק עמפּערן מיט דעם, אָבער דאָס איז נאָר כל זמן עס גייט אין טעאָריע אָדער וועגן יענעם; ווען מען זאָל אייך צאָלן פאַר ערלעכקייט און פּאָליטישער אנשטענדיקייט כאָטש אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר אַ חודש, וואָלט איר געווען דער ריינסטער מענטש אין דער וועלט, און איר וואָלט געגאָסן אייער ריינקייט ווי דעם גרעסטן גליק; אָבער ווען איר דאַרפט זיך צוליב ריינקייט אָפּזאָגן פון דאָלאַרן, קאָנט איר דאָס ביי זיך נישט פּועלן...

אויב עמיצער מיינט, אַז עדות האָט פּראָטעסטירט קעגן מיר כאָטש מיט איין וואָרט, האָט ער נאָך נישט געכאַפּט דעם הויפּט־שטריך פון דאָזיקן מערקווירדיקן טיפּ; אדרבא, ער האָט מיר געגעבן געראַכט: ער לייקנט נישט אַז ער טוט שלעכטס, אַז ער וואָלט דאָס ביי יעדן איינעם געווען פאַראורטיילט, אָבער ער קאָן נישט אַנדערש.

וואָס־וואָס, קיין צבועק איז עדות נישט געווען. דאָס איז געווען זיין גרעסטע און מערקווירדיקסטע מעלה, ווייל געוויינלעך איז צביעות די פאַרשפּרייטסטע אייגנשאַפט פון מענטשן, וואָס ווילן זיך תמיד אַרויסשטעלן אין גוטן ליכט נישט נאָר פאַר אַנדערע, נאָר אויך פאַר זיך, און זיי וועלן אַלץ טאָן, כדי זיך ריינצווואַשן אין יענעמס און אין די אייגענע אויגן...

* * *

איך האָב זיך גענומען גרייטן צום אָפּפאָר. מיין פראַנצויזישע וויזע איז שוין געווען אויסגעגאַנגען און דער פראַנצויזישער קאָנסול אין ריגע האָט זי נישט געוואָלט באַנייען, ווייל ער וויל וויסן איינס: צוואָס פאָרן יידן אַזוי פיל אַרום איבער דער וועלט?

אויפגעערגט, האָב איך אים געזאָגט, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט, און בין אוועק.

קיין דייטשלאַנד צוריק האָב איך קיין צו גרויסן חשק נישט געהאַט צו פאָרן, האָב איך באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין פּוילן, וווהין עס האָבן מיך געצויגן פאַרזונלעכע מאָטיוון.

אָבער ביז וואָס ווען איז געשען אַן אַנדער געשיכטע: **איך** האָב באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון דער מאַכט אַרויסצופאָרן פון לעטלאַנד אַלס נישט־געוואונטשענער אויסלענדער. פאַרוואָס, האָט

מען נישט געוואָלט זאָגן. אָבער איך האָב גערעכנט אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אַריינגעמישט אין די אינערלעכע ענינים פון לעטלאַנד, דורך קריטיקירן, אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, די יידישע שטיקל אויטאָנאָמיע און דעם דערציאונגס־וועזן.

ווי אַזוי אָבער איז דאָס דערגאַנגען צו דער מאַכט?

זענען אין שטאָט אַרומגעגאַנגען צוויי ווערסיעס: 1) איינע, אַז אורמאַכער, וועלכער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן די צוויי דראָאונגען מיט חרם, ווי אויך מיין שאַרפע אַרויסטרעטונג קעגן נעמען געלט פאַר שטיצן אַ יידישן גביר צו ווערן אַ ראַטמאַן, זאָל האָבן געמסרט, און 2) אַז אַ גוט באַקאַנטער יידישער דעפּוטאַט, וועמען איך האָב אין דער צייטונג קריטיקירט, זאָל דאָס האָבן געטאָן.

אַ געוועזענער סעקרעטאַר פון דאָזיקן דעפּוטאַט, האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט אויף זיכער, אַז זיין געוועזענער באַלעבאָס האָט דאָס געטאָן. ער האָט אַליין געהערט ווי ער האָט איינמאָל, קומענדיק אַהיים, געזאָגט צו זיין פרוי: „שוין, מיר וועלן שוין פּטור ווערן פון דער אָנשיקעניש ראַפּאָפּאָרט; ער וועט מוזן פאַרלאָזן לעטלאַנד".

אגב האָב איך געהאַט אַ גרונט צו באַציען זיך מיט חשד צום דאָזיקן יידישן דעפּוטאַט. ערשטנס: ער האָט מיר איינמאָל אָנגעבאָטן צו שרייבן וועגן אים אַן אַרטיקל אין דער אויסלענדישער פּרעסע פאַר געלט (דערביי האָט ער מיר פאָרגעלייגט זיין פאָטאָגראַפיע פאַרן אַרטיקל, אַזוי זיכער איז ער געווען אַז איך וועל זיין פאָרשלאָג אָננעמען), און אַ מענטש וואָס קאָן וועלן באַקומען פּובליסיטי דורך געבן שוחד, איז פעאיק אויך צו מסרן, אויב ער ווערט אין כעס פאַר קריטיק; און צווייטנס: גלייך ווי כ'האָב באַקומען די מעלדונג אַז מיין אויפהאַלט־דערלויבעניש וועט נישט באַנייט ווערן, בין איך אַוועק אַהיים צום דאָזיקן דעפּוטאַט ער זאָל אינטערווענירן אין מיניסטעריום; איז זיין ערשטע רעאַקציע געווען: „איך זאָל זיך באַמיען איר זאָלט בלייבן און מיך ווייטער קאָנען קריטיקירן?"

אויף דעם האָב איך אים געענטפערט: „אייער פליכט אַלס יידישער דעפּוטאַט איז צו אינטערווענירן פאַר אַ זשורנאַליסט, און מיין פליכט אַלס זשורנאַליסט איז צו קריטיקירן אַלץ וואָס קומט פאָר אין יידישן לעבן, אויב איך האַלט אַז דאָס פאַרדינט קריטיק".

און כ׳האָב אים געזאָגט אַ גוטן טאָג. ערשט ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָט ער מיך געוואָלט פאַרהאַלטן און גענומען צוזאָגן אַז ער וועט אינטערווענירן פאַר מיר. אָבער איך האָב שוין נישט געוואָלט הערן וועגן זיין הילף, ווייל זיין ערשטע רעאַקציע אויף מיין בקשה איז געווען נישט נאָר ברוטאַל, נאָר אויך אין דעם העכסטן גראַד אומטאַקטיש...

ווען זיין סעקרעטאַר האָט מיך פאַרזיכערט, אַז דער שולדיקער איז זיין געוועזענער באַלעבאָס, האָט זיך מיר דאָס געלייגט אויפן שכל, הגם קיין זיכערע באַווייזן האָב איך נישט געהאַט, און גלויבן אַן אָפּגעזאָגטן אָנגעשטעלטן איז אויך נישט געווען אינגאַנצן זיכער.

ווען איך בין שוין געווען אין פּוילן, האָב איך אַמאָל געשריבן אין „ווילנער טאָג" אַז עס זענען געווען שטאַרקע קלאַנגען אַז דער דעפּוטאַט האָט מיר צוגעשטעלט אַ בענקעלע ביי דער לעטישער מאַכט, און דערביי האָב איך אָנגעגעבן נישט זיין נאָמען, נאָר זיין טיטל. איך קאָן אָבער נישט וויסן צי דער „ווילנער טאָג" איז דער־גאַנגען צו אים.

מיט יאָרן שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אין לעט־לאַנד האָט געהערשט אַ האַלבער צי גאַנצער פאַשיסטישער רעזשים, האָב איך אויף טלאָמאַצקע 13 געטראָפן אורמאַכערן, וועלכער האָט שוין דאַן געלעבט אין לאָדזש און געאַרבעט ביי זיין פאַך — אַלס בוכהאַלטער („דאָס פאָלק" איז אונטערגעגאַנגען אין 1927־1928, אָבער וועגן דעם שפּעטער). עס איז אים שווער געווען צו ריידן (מען האָט אים קוים געהערט), ווייל ער האָט אין ווין געהאַט דורכ־געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף האַלדז־קאַנסער און זיינע שטים־בענדער זענען שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן (אָדער מען האָט זיי אינגאַנצן באַזייטיקט?). האָב איך אים דאַן, אין אַ לאַנגן שמועס, געפרעגט וועגן די דעמאָלטיקע קלאַנגען אין ריגע, אַז ער אָדער דער דעפּו־טאַט איקס זאָלן מיך האָבן געמסרט. ער האָט זיך געשוואוירן מיט זיין לעצטן ביסל געזונט אַז דאָס איז געווען אַ ליגן (ער האָט געוווּסט וועגן די דעמאָלטיקע קלאַנגען). און איך האָב אים גע־גלויבט, נישט ווייל ער איז ביי מיר געווען באַגלויבט, נאָר ווייל איך האָב געהאַט מער גרונט חושד צו זיין דעם „חשובן" דעפּוטאַט.

נאָכן גראָבן אָפּזאָג פון דעפּוטאַט צו אינטערווענירן לטובת מיר, האָב איך באַשלאָסן אינגאַנצן אָפּצולאָזן דעם ענין, ווייל סיי

ווי וועט מיר דאָך אויסקומען צו פאַרלאָזן לעטלאַנד צוליב די וואַלן, טאָ וועל איך אַרויספאָרן פריער.

דער בונדישער דעפוטאַט, דער געלער מייזעל, איז געקומען אין רעדאַקציע און געזאָגט: „איר זענט מיינער אַ פּאָליטישער קעגנער, אָבער איך האַלט אייך פאַר איינעם פון די בעסטע פּען־מענטשן אין לעטלאַנד; איז אויב איר ווילט וועל איך מאַכן אַן אינטערפּעלאַציע וועגן אייך אין פּאַרלאַמענט". איך האָב אים באַדאַנקט און געזאָגט אַז סיי־ווי מוז איך אַוועקפאָרן פון לעטלאַנד.

עדות האָט פאַרגעלייגט צו גיין מיט מיר צום פּרעזידענט, — האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב אים אגב דערציילט וועגן קלאַנג אַז אורמאַכער איז דער שולדיקער, אָבער ער האָט דאָס נישט גע־וואָלט גלויבן. אויך ער האָט גיכער געגלויבט אין דער שולד פונם דעפוטאַט...

סוף 1924 אָדער אָנהויב 1925 האָב איך פאַרלאָזן ריגע אויף מיין וועג קיין פּוילן.

עדות האָט מיך געבעטן צו שיקן ווייטער קאָרעספּאָנדענציעס און אַרטיקלען פון וואַרשע. און זיי האָבן מיר פאַרגעלייגט אַ פיינעם (פאַר די באַדינגונגען אין לעטלאַנד און פּוילן) חודשלעכן געהאַלט. זיי פלעגן אַפילו אויסנוצן מיינע אַרטיקלען ווי לייט־אַרטיקלען.

* * *

אין אַ צייט אַרום האָבן די אַרבעטסלאָזע יידישע ליטעראַטן אין ריגע איינגערעדט די רייכע יידישע באַלעבאַטים פון דער רוסישער צייטונג „סעוואָדניאַ" זיי זאָלן אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג „פּרי־מאָרגן". די רייכע באַלעבאַטים האָבן איבערגענומען אויך די מיט־אַרבעטער פון „דאָס פאָלק" און אַנגאַזשירט כמעט אַ העלפט שרייי־בער אין וואַרשע דורך שיקן יעדן אַן אַוואַנס. מיר האָבן זיי אויך געשיקט דורך זייער אַגענט אַן אַוואַנס, אָבער איך האָב אים נישט אָפּגענומען, ווייל איך האָב נישט געקאָנט זיין אויף צוויי פראָנטן; איך האָב „סעוואָדניאַ" געבעטן אַ קאָנטראַקט און היות זיי האָבן אים נישט געשיקט, האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון לאַצקי־בערטאָלדי (עדות האָט אים צוגענומען ווי אַ רעדאַקטאָר, כדי צו קעמפן מיט דער קאָנקורענץ־צייטונג „פּרימאָרגן") צו בלייבן אין „פאָלק" פאַר אַ נעהעכערטן געהאַלט פון 40 דאָלאַר אַ חודש.

דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פון „פּרימאָרגן", וועלכער האָט דאַן (פריי פון דער קאָנקורענץ) אָפּגעזאָגט די גרעסטע טייל מיטאַרבעטער און אָפּגעשיקט אַהיים דעם רעדאַקטאָר ש. סטופּניצקי און איינגעלאַדן אַלס רעדאַקטאָר — די שער...

* * *

עדות האָט פאַרלאָרן די שמאָליץ-גרופּ פון „דאָס פאָלק" צוליב זיין גיריקייט איינצושפּאָרן אַביסל הוצאות דורך באַשעפטיקן אַ קליינע צאָל מיטאַרבעטער. ער האָט אויך געמוזט פאַרמאַכן זיין רוסישע ציַיטונג, וואָס ער האָט גענומען אַרויסגעבן ווי אַ שטראָף דער „סעוואָדניאַ" פאַר אַריינמישן זיך אין זיין יידישער ווירקונגס־ספערע (אגב: ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז ער זעצט איבער פאַר זיין רוסישער צייטונג מיינע אַרטיקלען פאַר „דאָס פאָלק", האָב איך אים אויסגערעדט פאַרוואָס ער צאָלט מיר נישט קיין האָנאָראַר; האָט ער מיר געענטפערט אין עדותעס סטיל: ער האָט געוואָלט באַווייזן די רוסישע לייענער ווי אַזוי מען קאָן שרייבן אויף יידיש...). אויף פּרנסה האָט אים נישט געפעלט, אָבער ער האָט געמוזט לעבן פון זיין פרוים פאַרדינסטן אַלס ציינדאָקטאָרשע, ווייל נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין ווייט פון אינזשיניערן־פאַך, האָט ער נישט געקאָנט צוריקגיין צו אים.

איינמאָל, אין 1938, באַקום איך אַ בריוול פון אים אַז ער קומט קיין וואַרשע אין ליטעראַרישע ענינים (ער האָט געוואָלט אַרויסגעבן אַ ביליקע בוך־ביבליאָטעק, עפּעס ענלעכס צו שלמה שיינבערגס „אוניווערסאַל־ביבליאָטעק"). היות מיין פרוי מיטן זון זענען געווען אַוועקגעפאָרן אויף אַ זומער־ווױנונג, האָב איך אים איינגעלאַדן ער זאָל איינשטיין ביי מיר. איך האָב דאַן דערפילט, אַז נישט געקוקט אויף זיינע נידערטרעכטיקייטן האָב איך דעם־דאָזיקן מענטשן ליב געהאַט צוליב זיין אַבסאָלוטן מאַנגל אין צביעות, פאַר זיין גרויסן און ראַפינירטן געשמאַק, פאַרן קאָנען ריידן מיט אים אָפן.

ער האָט זיך אָראָפּגערעדט פון הארצן: זיין זון, אַן אינ־זשיניער, האָט געהאַט אָנגענומען אַ פּאָסטן אין ראַטנפאַרבאַנד (ער איז, אגב, געווען אַ קאָמוניסט). ווען מען האָט דאָרט גענומען באַזייטיקן אין 1936 די אויסלענדישע אינזשיניערן, האָט מען אויך

דעם יונגן עדות באַזייטיקט און צוריקגעשיקט קיין לעטלאַנד. אָבער דער יונגער עדות האָט אין רוסלאַנד חתונה געהאַט מיט אַ רוסיש מיידל און ער האָט זי זייער ליב געהאַט. היות אַלע באַמיאונגען זיינע צו באַקומען אַ דערלויבעניש אָדער אַריינפאָרן צו איר קיין רוסלאַנד אָדער זי אַריבערצונעמען קיין לעטלאַנד האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג, האָט ער באַשלאָסן, אין פאַרצווייפלונג פון בענקשאַפט, צו גנבענען די גרעניץ. און אויף דער גרעניץ האָבן אים די רוסן דערשאָסן... עדותן איז געבליבן איין טאָכטער, וועלכע האָט גע־לעבט אין היטלער־דייטשלאַנד.

די פּלענער זיינע וועגן אַ ליטעראַרישן מסחר זענען אפילו אין מיינע אויגן נישט געווען רעאַל; אין זיי האָט זיך געקאָנט אָנכאַפּן בלויז אַ מענטש וואָס האַלט ביים טרינקען זיך און ער כאַפּט זיך פאַר אַ שטרויעלע.

אָבער הגם עדות איז שוין געווען אַ געבראָכענער מענטש, איז נאָך זייער אינטערעסאַנט געווען צו שמועסן מיט דערדאָזיקער פאַר־לאָרענער נשמה. איך געדענק, איינמאָל האָב איך זיך גענומען קלאָגן פאַר אים וואָס איך האָב קיין מעגלעכקייט נישט צו שרייבן קיין גרעסערע זאַכן. האָט ער מיר געענטפערט: ווען מען מאַכט אַן אַנאַליז פון בלוט, איז גענוג איין טראָפּן כדי צו זען וואָס פאַר אַ בלוט דאָס איז; ווען מען לייענט דורך אייערן אַ קליינעם אַרטיקל (האָט ער מיך בילדלעך געטרייסט) קאָן מען דערקענען אַלע אייגנ־שאַפטן פון ראַפּאָפּאָרט דעם שרייבער, ווי ווען מען וואָלט גע־לייענט אייערס אַ כמותדיק־גרויס ווערק...

איך געדענק נאָך אַ שמועס מיט אים, וואָס האָט באַרירט אַ פראַגע פון עטיק אין דער שרייבערישער פראָפעסיע.

עדותעס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ סאַרקאַסטיש פייערל, אויפן פּנים האָט זיך אויסגעלייגט דער אַמאָליקער פאַונישער שמייכל, ער האָט באַלעקט די ליפּן מיט דער צונג און אַ זאָג געטאָן מיט זיין שאַרפן סאַרקאַזם:

„אהא, ראַפּאָפּאָרט שטעלט זיך שוין דיבאָם אין קאַמף פאַר ריינקייט, פאַר עטיק, ער קאָן נישט מותר זיין אויף אַ קוצו של יוד פון מאָראַלישן קאָדעקס אין ליטעראַטור..."

ער איז אָפּגעפאָרן און איז פאַרשלונגען געוואָרן אין היטלער־תהום. אפשר איז פון דאָזיקן טאַלענטירטן שריפטשטעלער ערגעץ

געבליבן אַן עקזעמפּלאַר פון זיין ביכעלע דערציילונגען „זרע אברהם", פון וועלכן עס איז צו זען, אַז ווען נישט זיין ציניש־דאַלאַרדיקע באַציאונג צום לעבן, וואָלט ער געוועז געקאָנט געבן ליטעראַריש אַ סך מער, ווי ער האָט געגעבן...

און איך בין זיכער אַז ער האָט געבענקט נאָך ליטעראַרישער טעטיקייט, אָבער די וואָל־נסיונות זענען געווען צו שטאַרק פאַר אים.

ג) דער ריינער געוויסן

(מיין ברודער שמואל)

ער איז געווען די לעגענדע פון דער משפחה.

דאָס עלטסטע קינד פון צען, איז ער צו פופצן יאָר אוועק־געפאָרן צו אַ פעטער אין וויטן קיבאַרטי, אויף דער רוסיש־דייטשי־שער גרעניץ, כדי לייכטער צו מאַכן פאַרן פאָטער דעם עול פון פרנסה. געאַרבעט האָט ער אין פעטערס אימפּאָרט־עקספּאָרט־געשעפט און געהאָלפן דער משפחה מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט פון זיין קליינעם געהאַלט פון אַן אָנפאַנגער.

מיר, די יינגערע, קינדער, האָבן נישט געדענקט זיין אָפּפאָר; מיר האָבן אים בכלל נישט געדענקט. מיר פלעגן נאָר אָפט הערן דעם נאָמען שמואל; מיר פלעגן הערן ריידן וועגן בריוו, וואָס דער פאָטער פלעגט ארומטראָגן ווי אַן אבן טוב און ווייזן פריינט און קרובים: „זעט נאָר סאַראַ העברעאיש ער שרייבט".

בלויז איין מאָל אין יאָר, ערב פסח, פלעגט די לעגענדע נעמען ווערן אַ נאָענטע ווירקלעכקייט: צוזאַמען מיטן אַריינברענגען אין שטוב דעם פסח, פלעגן מיר זיך נעמען ריכטן צו באַגעגענען דעם אומבאַקאַנטן גאַסט, דעם ברודער שמואל.

צו דער באַן פלעגט מען אונדז נישט מיטנעמען — דער צוג פלעגט קומען צו שפּעט פאַר אונדז, קינדער, — אַרום 3 ביינאַכט.

אמת, מיר פלעגן מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען נישט איינצושלאָפן און אָפּוואַרטן דעם ברודער שמואל אין די בעטן, אָבער דאָס איז

אונדז קיינמאָל נישט געלונגען. ערשט אינדערפרי, ווען מיר פלעגן זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, פלעגן מיר דערזען אין צימער וואַליזעס און רענצלעך און מיר פלעגן וויסן: מיר האָבן ווידער פאַרשלאָפן שמואלס אָנקומען.

די לעגענדע איז געוואָרן זייער נאָנט, אָבער מען קאָן זי נאָך נישט זען — שאַ, שטיל, ער שלאָפט.

און אַזוי יאָר נאָך יאָר.

* * *

איך געדענק: איך בין שוין נישט געווען קיין קינד, אָבער איך פלעג נאָך אַלץ דערוואַרטן שמואלן איינמאָל אַ יאָר, אויף פסח.

און אָט זיצט ער מיט אַ קוזין פון וואַרשע, אַ העפטער, וועלכער האָט דאָן געאַרבעט אין ביאַליסטאָק (דאָס איז געווען אַן עלטערער ברודער פון שלמהקע קאַהאַן, דעם שפּעטערדיקן פּראָפעסאָר סאַלאָמאָן קאַהאַן) און זייריידן. און הגם איך בין פאַרנומען מיט מיין ערשטן פיזישן און גייסטיקן קריזיס, הער איך זיך אויפמערקזאַם צו צו זייער שמועס.

— ווי קאָנסטו לעבן, — פרעגט דער קוזין, דער גרויסשטאָטישער, — אין אַזאַ העק, ווי קיבאַרטי? וואָס טוסטו דאָרטן?

און מיין ברודער ענטפערט אַזוי פשוט און רואיק:

— איך אַרבעט אָפּ אַ גאַנצן טאָג. נאָך דער אַרבעט וואַש איך זיך אָרום, איך טו זיך איבער און גיי אַרויס אויף דער גאַס. דער האָריזאָנט איז ברייט; מיין געוויסן איז ריין, איז מיר גוט צו קוקן, צו טראַכטן; מיר איז לייכט צו לעבן...

ביי מיר איז דאַן דאָס געוויסן נישט געווען אַזוי ריין, יעדנפאַלס נישט קלאָר, — עס האָט געקאָכט אין אים ווי אין אַ טייכל בעת אַ שטורעם, האָבן מיר מיין ברודער שמואלס ווערטער אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן (און אפשר נישט אַזוי זיינע ווערטער, ווי זיין רואיקער, ריינער טאָן, אין וועלכן מען האָט דערפילט גליק) און ס'האָט מיך עפּעס אינערלעך פאַרקלעמט, ביז טרערן. און מיין ברודער שמואל איז זייט דאַן פאַר מיר פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן דער מענטש מיטן ריינעם געוויסן, וועלכער קאָן קוקן דעם האָריזאָנט — און יעדן איינעם — גלייך אין די אויגן אַריין...

די קינדישע לעגענדע, וואָס האָט קיין פּאָרעם נישט געהאַט, איז געוואָרן א דערוואַקסענע, אויסגעפורעמטע לעגענדע.

* * *

די לעגענדע פון דער משפחה אין דער קינדהייט, איז געוואָרן שפּעטער דער גוטער מלאך פון דער גאַנצער משפּחה.

מיין ברודער שמואל האָט פאַרמאָגט א מאָדנע גוטסקייט. נישט נאָר לגבי די עלטערן און ברידער־שוועסטער, נאָר אויך לגבי ווייטערע קרובים און אפילו ווייטערע חברים און בכלל לגבי סתם באַקאַנטע.

איך געדענק: דאָס איז געווען אָנהויב 1914. אליהו סוקעניק, דער שפּעטער־באַרימטער ישראל־אַרכעאָלאָג, איז דאַן געווען א העברעאישער לערער אין ביאַליסטאָק. ער פלעגט פון צייט צו צייט אריינקומען צו אונדז אין שטוב (ער האָט געהאַט געלערנט אין איין חדר מיט מיין ברודער שמואל) מיט מיין מומע יענטע (וועלכע האָט געקענט העברעאיש און איז געווען א מיטגליד פון „חובבי שפת עבר").

איינמאָל איז מיין מומע יענטע געקומען צום טאַטן (איר ברודער) און דערציילט אז סוקעניק דאַרף שטיין צום פּריזיוו און ער וויל אוועק קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט קיין געלט נישט.

איז איר מיינונג געווען, ער (מיין טאַטע) זאָל אוועקשרייבן צו שמואלן, ער זאָל שיקן געלט אויף רייזע־הוצאות פאַר זיין חדר־חבר.

מיין פאָטער האָט אוועקגעשיקט א בריוו צו שמואלן און אין 4־5 טעג שפּעטער איז טעלעגראַפיש אָנגעקומען 50 רובל, מיט וועלכע סוקעניק האָט זיך געראַטעוועט (ערב מלחמה) פון רוסישן מיליטער און האָט געקאָנט ארויפגיין אויפן וועג וואָס האָט אים געפירט צו גרויסקייט. (אין יאָרן ארום, ווען מיינע צוויי יינגערע ברידער זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט זיי סוקעניק אויסגעצאָלט דעם חוב). און סוקעניק איז נישט געווען דער איינציקער. האָט דער זיידע פון דער מוטערס צד געשריבן אַז אים „איז קאַלט ווינטער אין א"י און ער דאַרף אַן אויוועלע", האָט ער דעם אַלטן זיידן נישט אָפּגעשיקט צום זיידנס רייכן זון אין וואַרשע, נאָר דאָס געלט אויפן אויוועלע איז גלייך אוועקגעשיקט געוואָרן.

ווער רעדט ווען מען האָט אים געבעטן פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן, וועלכער האָט קיין רייכע זין (וואָס ווילן נישט געבן) אויך נישט געהאַט, האָט ער געוויס נישט אָפּגעזאָגט.

אַזוי האָט ער געשיקט צושטייער אויף אַ נדן פאַר אַ טאָכטער פון אַן עופות־הענדלערקע, אַן איינגייערקע ביי אונדז אין שטוב.

ער האָט, ווייזט אויס, פרי אַנטדעקט די גרויסע פרייד און די נשמה־רואיקייט וואָס עס גיט אַ ריינער געוויסן, און ער האָט דידאָזיקע פרייד און די דאָזיקע רואיקייט נישט געוואָלט פאַרלירן.

* * *

ווען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון קאָוונער גובערניע, איז שוין מיין ברודער געווען אַ שותף צום פעטערס געשעפט און איז געווען אַ יונגערמאַן אַ נגיד.

ווען מיר האָבן באַקומען די ידיעה אַז ער האָט געמוזט אַוועק פון קיבאַרטי און איבערלאָזן אַלץ, אַפילו זיין גרויסע ביבליאָטעק, האָב איך (אַ מאָדנע זאַך!) געפילט בלויז דעם ווייטיק פון איבער־לאָזן אויף הפקר אַ ביבליאָטעק.

מיטן שכל האָב איך, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, אַז דער ברודער האָט דורכן גירוש פאַרלאָרן אַ סך מער ווי עס קאָסט אַ פּריוואַטע ביבליאָטעק, אַפילו די גרעסטע, אָבער מיטן געפיל האָב איך נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן פאַרלוסט פון אַזוי פיל ווערטפולע ביכער.

כ'האָב געלאַכט פון מיין אייגענער קינדישקייט, אָבער דאָס האָט מיר קנאַפּ וואָס געהאָלפן.

* * *

דער פעטער מיט מיין ברודער זענען, אַלס סוחרים פון דער ערשטער גילדע, אַריבערגעפאָרן קיין פעטראָגראַד. ביאַליסטאָק איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן און דער קאָנטאַקט מיטן ברו־דער איז איבערגעריסן געוואָרן.

אַ שטיקל צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט מיין פאָטער באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען קיין וואַרשע, צום שוועדישן קאָנסול.

מיין פֿאָטער האָט נאָך ערגיץ־ווו אויסגעזוכט אַ רוסישן אימ־פּעריאַל (אַן אַ גאָלדשטיקל פֿלעגט דער דייטש נישט געבן קיין דערלויבעניש צו פֿאָרן קיין פּוילן, וואָס איז אויך געווען אונטער זיין אָקופּאַציע) און איז, מיט איינעם פֿון מיינע עלטערע ברידער, געפֿאָרן קיין וואַרשע, ווו ער האָט באַקומען פֿונם קאָנסול אַ פּאַקעט מיט 80 טויזנט רובל, וואָס סאַמועל קאַהאַן־ראַפּאַפּאָרט פֿון פּעטראָ־גראַד האָט איבערגעשיקט דורכן פּעטראָגראַדער שוועדישן קאָנסול פֿאַר זעלמאַן קאַהאַן־ראַפּאַפּאָרט פֿון ביאַליסטאָק.

דאָס געלט איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף אונדזער פֿאַמיליע, אין דער שווערער אָקופּאַציע־צייט (מיט שוואַרצע קאַרטנע מצות און מיט קאַרטאָפֿל, וואָס מען פֿלעגט אויף די אייגענע פּלייצעס דאַרפֿן שלעפּן פֿון עפּעס אַ דאָרף) ווי מן פֿון הימל, ווי אַ מתנה פֿונם גוטן מלאך פֿון דער משפּחה.

עס האָט אויך געשטעלט פּראָבלעמען: וואָס טוט מען מיט אַזאַ גרויסער סומע געלט? אייניקע האָבן געעצהט מען זאָל קויפֿן אַ צוויי־דריי מויערן פֿאַר די 40 טויזנט דאָלאַר. האָט דער פֿאָטער געזאָגט, אַז דאָס טויג נישט, ווייל אים וועט מען נישט צאָלן קיין דירה־געלט, וויסנדיק אַז ער וועט קיינעם נישט אַרויסוואַרפֿן אויף דער גאַס; אדרבא, ער וועט בלויז ווערן אַ סטרוזש ביי די שכנים; אַנדערע האָבן געעצהט צו ספּעקולירן אויף דער מלחמהדיקער שוואַרצער בערזשע, און איינער פֿון די ברידער האָט טאַקע באַ־קומען אַ געוויסע סומע צו פּרווון גליק.

דער סך־הכל איז געווען: אַ טייל האָט מען אויפֿגעגעסן און אַ טייל איז אַוועק אויף חתונה מאַכן אַ טאָכטער; אַ טייל האָט מיין מוטער אָפּגעגעבן אַ סך נויטבאַדערפֿטיקע, און איר ריווח איז געווען וואָס זי האָט פֿאַרשפּאָרט גיין אויפֿמאַכן פֿאַר זיי; אַ טייל איז דורך אַ ברודער פֿאַרשפּילט געוואָרן אויף דער בירזשע און אַ טייל — דער לעצטער און גרעסטער — איז געלעגן אַזוי לאַנג ביז דער רוסישער רובל האָט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן זיין ווערט, און פֿאַרן טאַטנס אָפּפֿאָר קיין ארץ־ישראל, אין די 30־קער יאָרן, האָט מיין קליינער זון באַקומען נייאינקע 500־רובלדיקע צו שפּילן זיך.

אינגאַנצן זייער ווערט האָבן די קנאַקנדיקע 500־ער נישט פֿאַרלאָרן... יעדנפֿאַלס נישט ביי מיין זון...

די געשיכטע פֿון די 80 טויזנט רובל האָבן מיר זיך דערוווּסט ערשט אַ סך שפּעטער, ווען מיין ברודער איז געקומען צו אונדז

פון קאָוונער ליטע, ווהין ער איז צוריקגעקומען פון לענינגראַד און צוריק געוואָרן אַ גביר, נאָך אַ גרעסערער ווי פריער.

אין לענינגראַד האָט ער מיטן פעטער געגומען אימפּאָרטירן סחורה פון שוועדן און זיי זענען געוואָרן מיליאָנערן. ווען די באָל־שעוויסטישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן ביידע אַרויס־געשיקט דורכן שוועדישן קאָנסול פּאַקעטן צו די פאַמיליעס. מיין ברודער האָט אַרויסגעשיקט 80 טויזנט רובל.

ער האָט אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרגעסן זיין פאַמיליע, פאַר וועלכער ער האָט נישט אויפגעהערט צו זאָרגן אין די שווער־סטע מאָמענטן. דורך אַ מומען, וואָס איז בעת דער מלחמה געווען אין רוסלאַנד, האָבן מיר זיך דערוווסט כאַראַקטעריסטישע פּרטים: ווען מען האָט מיין ברודער מאָביליזירט אין דער צאַרישער אַרמיי (מען האָט שוין דאַן גענומען אויך ווייסע בילעטניקעס) האָט ער, פאַרן אָפּפאָרן אין אַ פינישער קאַזאַרמע, געמאַכט אַ צוואה, אין וועלכער ער האָט אויסגערעכנט יעדן איינעם: פאַר די שוועסטערס אויף נדן און אויף מעבל, פאַר די עלטערן אויף חיונה, פאַר יעדן ברודער באַזונדער אַ געוויסע סומע, — די לעגענדע פון דער משפּחה האָט אַלעמען פּראַקטיש געהאַט אויפן קאָפּ...

* * *

ווען מיין ברודער שמואל האָט זיך געקליבן צוריק קיין ליטע, ווהין דער פעטער איז שוין געהאַט אַריבערגעקומען אַ שטיק צייט פריער, האָבן מיר געהאַט ידיעות וועגן דעם (טאַקע פונם פעטער), אָבער די ידיעה אַז ער איז אָנגעקומען קיין ליטע איז לאַנג נישט געקומען. און מיר זענען אַלע געווען שטאַרק באַאומרואיקט פון דאָזיקן שווייגן.

איינמאָל האָב איך געזען ווי מיינע אַ שוועסטער וויינט אָן אויפהער, נאָכן קומען פון גאַס. זי האָט צוערשט נישט געוואָלט אויסזאָגן וואָס עס איז געשען. אָבער סוף־כל־סוף האָט זי מיר בסוד־סודות דערציילט אַ מאָדנע געשיכטע (ווי פון אַ מעשה־ביכל): זי מיט אַ שוועגערין (באַאומרואיקט דורך דעם לאַנגן שווייגן פון מיין ברודער שמואל) זענען אַוועק צו אַ טרעפערקע און נישט דערציילנדיק איר גאָרנישט, געפרעגט וואָס זי האָט זיי צו זאָגן. האָט זי געוואָרפן קאָרטן און געזאָגט: אייערם אַ נאָנטער מענטש

געפינט זיך אין גרויס געפאר. ער איז געפארן ערגיץ־ווו און אויף דער גרעניץ איז געשען מיט אים אן אומגליק. עס דראט אים צו פארלירן ס׳לעבן. סוף־כל־סוף וועט ער געראטעוועט ווערן, אבער אלץ וואס ער פארמאגט, וועט ער פארלירן.

דערהערט די מעשה, האב איך זיך אויסגעלאכט דערפון, ווי יעדער „אויפגעקלערטער" מענטש וואלט דאס געטאן אויף מיין ארט; אבער שפעטער האבן מיר זיך דערוווסט, אז ווי מאדנע עס זאל נישט האבן געוועזן די מעשה מיט דער טרעפערקע, איז נאך מאדנער דאס, וואס זי האט כמעט אלץ געטראפן.

מיין ברודער האט אין לענינגראד כמעט אלץ פארלארן, געוועזן ארעסטירט, אבער ווען מען האט אים ארויסגעלאזן פון תפיסה, איז ער אנגעקומען אלס בוכהאלטער אין „שרייבער־הויז" („דאם פיסאטעליא"), ווו מאקסים גארקי איז געוועזן פארוואלטער.

ער האט זיך גוט פארטראגן מיט גארקין (אין 1924, אין בערלין, ווען מיין ברודער האט זיך דארט געטראפן מיט מיר, האט ער געזאלט גיין צוזאמען מיט מיר מיט א וויזיט צו גארקין, אבער עס איז דערפון גארנישט געווארן, ווייל גארקי איז פלוצלונג קראנק געווארן און פון מיין שמחה — איך וועל זען און ריידן מיט גארקין! — האט זיך אויסגעלאזן א טייך) און פארן אפפארן קיין ליטע האט ער באקומען א בריוו פון גארקין, וואס ער האט אים מיטגענומען מיט זיך אויפן וועג.

אויף דער ליטווישער גרעניץ האט מען געפונען ביי אים גארקיס בריוו און מען האט מיין ברודער ארעסטירט אלס באלשעוויק. מען האט ביי אים אלץ צוגענומען און אים גופא האט געדראט טויט־שטראף. און ס׳וואלט אפשר זיך שלעכט געענדיקט, ווען נישט דאס, וואס צווישן אלע גרויסע לייט אין נייעם ליטווישן מלוכהלע זענען געווען א סך אמאליקע קיבארטער שקצימלעך, וועלכע מיין פעטער גאלדבערג און מיין ברודער האבן גוט געקענט.

אדאנק אט דער קאנטשאפט (אויך אין 1939, ווען ווילנע איז צוזאמען מיט מיר אריבער צו די ליטווינער, האט מיר דער ברודער פון קאוונע צוגעשיקט א שפייז־פעקל דורכן שעף פון דער ליטווישער פאליציי) און אדאנק דעם פעטערס געלט־מתנות איז מיין ברודער באפרייט געווארן.

היינט גיי זיי איינגעשפארט אין דער דעה אז טרעפערקעס טרעפן נישט ...

מיין ברודער איז ארוים פון תפיסה אָן אַ גראָשן. אַלץ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אים איבערגעלאָזן, האָבן די ליטווינער צוגענומען, אָבער ווען ער איז — איבער דאַנציק (ווייל ליטע מיט פוילן האָבן קיין פאַרבינדונג נישט געהאַט צוליב דער מחלוקה איבער ווילנע) — געקומען קיין ביאַליסטאָק זיך זען מיט דער משפּחה און אויסגעפונען אַז די 80 טויזנט רובל האָט מען פאַר־טאַכלעוועט, איז ער שוין דאַן געווען צוריק אַ נגיד. און וואָס האָט דער „ריינער געוויסן" געטאָן אין איינעם פון די ערשטע אָוונטן, נאָכן אָפּזאָגן אַ רבנן־קדיש נאָך די לעצטע 80 טויזנט רובל פון זיינע פּעטראָגראַדער מיליאָנען? ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן פאָטער (וועלכער איז געווען אַ גוטער מאַטעמאַטיקער) אויסצורעכענען וויפל ער דאַרף אויסצאָלן אין גאָלד געוויסע חובות וואָס ער איז שולדיק געבליבן סוחרים אָדער זייערע אלמנות און יתומים פון די פּעטראָגראַדער צייטן (און זיי האָבן זיך געפונען אין פוילן). וועגן דעם וואָס מען איז אים שולדיק געבליבן (איינער אַזאַ האָט געוווינט אין וואַרשע און איז געווען רייך) האָט ער נישט געטראַכט, אָבער ער זאָל בלייבן עמיצן שולדיק?

אמת, קיינער האָט אים נישט געמאָנט (עס איז דאָך געווען אַן ערד־ציטערניש און אַלע האָבן דאַן אַלץ פאַרלאָרן), קיינער האָט אפילו נישט געוווּסט אַז ער איז דאָ, אַז ער האָט מיט וואָס צו דעקן אַלע חובות, — אָבער ער האָט געוווּסט. און דאָס איז פאַר אים געווען גענוג, — מער האָט ער נישט געוואָלט וויסן.

און איך געדענק נאָך היינט, ווי ביידע — מיין ברודער שמואל און מיין פאָטער — זענען געזעסן און געחשבונט אַ גאַנצן אָוונט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין — וויפל מאַכט אויס אין זלאָטעס די און די סומע פון דעמאָלטיקע רובלס אין גאָלד. און אַז מען איז געקומען צו אַ טאָלק, האָט מיין ברודער באַצאָלט. איין מערק־ווירדיקן פאַל אַזאַ געדענק איך מיט פּרטים. אַ גראָדנער פּאָדראַ־טשיק, וועלכער איז בעת דער מלחמה אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, איז דאָרט געשטאָרבן. זיין פרוי מיט דריי קינדער זענען שטאַרק פאַר־אָרימטע צוריקגעקומען קיין גראָדנע. דער פאַרשטאָרבענער פּאָד־ראַטשיק האָט געהאַנדלט מיט מיין ברודער און איינער דעם צווייטן האָט געקומט געלט. האָט דער ברודער אויף זיין חוב מוותר געווען, אָבער דאָס וואָס ער איז שולדיק געווען דעם פּאָדראַטשיק האָט ער באַצאָלט יענעמס משפּחה לויטן אַמאָליקן ווערט אין גאָלד.

איך בין יענעם אָוונט געזעסן און געהאַלטן אין איין דער־מאָנען זיך יענעם ווייטן פּסח־טאָג, ווען מיין ברודער האָט אַזוי קלאָר און פּשוט געזאָגט: „מיין געוויסן איז ריין"...

יאָ, זיין געוויסן איז געווען ריין ווי קרישטאָל.

ער איז געווען אַ באַוויז, אַז עטיק מיט רעליגיע איז נישט דווקא אַ פּאָר: פרום איז מיין ברודער שמואל נישט געווען, אָבער זיין געוויסן איז געווען ריין ווי ביים פרומסטן. דער חפץ־חיים וואָלט שענער נישט געווען געקאָנט האַנדלען אין דיני־ממונות...

* * *

איינמאָל, בעת זיין פּסחדיקן וויזיט, חול המועד, איז שמואל אַרויסגעקומען מיט אַ פּלאַן: עס איז נישט קיין תכלית צו האַלטן ספּעציעלע לערערס פאַר די אונטערוואַקסנדיקע יינגלעך. עס וואָלט בעסער געווען זיי זאָלן גיין אין אַ געהעריקער שולע, אָבער היות צוליב שרייבן שבת קאָנען זיי אין די גויאישע שולעס נישט גיין, לייגט ער פאָר מען זאָל מיך און מיין יינגערן ברודער אליהו שיקן אין דער יפו'ער העברעאישער גימנאַזיע, הרצליה.

מיר, די קאַנדידאַטן אויף „פאַרשיקונג", זענען געווען אויפן זיבעטן הימל, אָבער די עלטערן זענען נישט געווען אַזוי אָנגע־ברענט צום פּלאַן: גיי שיק אַוועק קינדער אין דער פרעמד. אמת, אין יפו וווינט דער מאַמעס פעטער, אַ פרומער ייד, אָבער ווי אַזוי וועט אַן אַלטער מאַן קאָנען אַכטונג געבן אויף צוויי יונגע קינדער?

אָבער סוף־כל־סוף האָבן זיי מסכים געווען, ווייל קיין געפאַר פון שרייבן שבת איז אין דער העברעאישער גימנאַזיע נישט געווען...

קודם כל האָט מען געקויפט עטלעכע שטיקלעך ליוונט און מען האָט געגעבן אַ נייטערקע אויפצונייען פאַר די רייזע־קאַנדי־דאַטן וועש. און לכבוד ארץ־ישראל האָט מען אויסגענייט אויפן וועש די איניציאַלן פון אונדזערע נעמען און פון דער פאַמיליע מיט יידישע אותיות, וואָס דאָס איז אונדז, ציוניסטיש־געשטימטע קינדער, גאָר שטאַרק געפעלן.

אָבער אונדזער מוטער, וואָס איז געווען זייער פרום, האָט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צוצוגרייטן צו אונדזער נסיעה נישט נאָר מיט נייע, מיט העברעאישע אותיות געצייכנטע וועש, נאָר אויך מיט

א הסכמה פון איר אַלטן פֿאָטער: זי האָט אָװעקגעשיקט צום זיידן אונדזערן אַ בריװ, אין װעלכן זי האָט אים דערציילט װעגן שמואלס פּלאַן און געפֿרעגט אַן עצה צי ס'איז כדאי צו שיקן אַזױ װײַט די קינדער...

דעם זיידנס ענטפֿער־בריװ האָט אַ תל געמאַכט פֿון אונדזערע אַלע האָפֿענונגען: דער זיידע האָט געענטפֿערט, אַז מען זאָל זיך נישט דערװעגן שיקן די קינדער אין דער יפֿו'ער העברעאישער גימנאַזיע, װוּ מיר װעלן אױסװאַקסן כופֿרים גמורים, װאָס װעלן נישט האַלטן קיין יידישקייט און מיר װעלן װערן סתם לאָבוזעס, שקצים...

נאָך אַזאַ בריװ האָט שױן קיין רייד נישט געקאָנט זיין װעגן פֿאָרן לערנען קיין יפֿו... נישט אונדזערע טרערן און נישט שמואלס בריװ האָבן דאָ געקאָנט עפּעס העלפֿן...

די איינציקע דערינערונג װעגן דאָזיקן זיסן חלום זענען געװען די העברעאישע איניציאַלן אױף אונדזער אונטערװעש, — אַ בולטער סימן פֿון נאַציאָנאַלער יידישקייט, װאָס האָט גענומען פֿאַרבייטן די רעליגיעזע...

יעדעס מאָל בײַם זען די העברעאישע אותיות אױפֿן װעש, פֿלעג איך פֿילן אַ װאַרעמקייט אין געמיט...

דאָס נישט פֿאָרן קיין יפֿו לערנען, האָט נישט געהאָלפֿן מיין פֿרומקייט, — אדרבא, איך האָב גענומען פֿילן אַ װידערװילן צום אַלטן לעבנס־שטייגער, װאָס האָט אַ תל געמאַכט פֿון מיין — און פֿון מיין ברודערס — זיסן חלום...

און שמואלן האָט דאָס אױך נישט פֿאַרשאַפֿט קיין נחת־רוח: אַ סך מאָל, װען ער איז גרייט געװען צו טאָן עפּעס ממשותדיקס פֿאַר זיינע ברידער־שװעסטער און אױך פֿאַר זיך גופֿא, איז אים געשטאַנען אין װעג די שטאַרקע פֿרומקייט פֿון אונדזערע עלטערן...

* * *

אױב עמיצער האָט אַמאָל אָפּגעהיט דעם כבוד אב און כבוד אם אױף הונדערט פּראָצענט, איז דאָס געװען מיין ברודער שמואל.

איינמאָל האָט ער געשריבן צו די עלטערן אַ בריװ, אַז ער גרייט זיך חתונה האָבן מיט אַ גרושה און ער בעט די עלטערן די

הסכמה אויפן שידוך, און ער האָט שוין אַ רב, וואָס וועט אים געבן חופה וקדושין.

היות מיר זענען כהנים, וואָס האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, לויט דעם כהנים־קאָדעקס, נישט געטאָרט חתונה האָבן מיט אַ גרושה, האָט דער פאָטער געענטפערט דעם זון, אַז אויב ער וועט חתונה האָבן מיט אַ גרושה, וויל ער פון אים מער נישט וויסן (און דער פאָטער, געדענק איך, האָט געזאָגט צו מיין מוטער: „אַ רב וואָס איז גרייט צו געבן חופה וקדושין אַ כהן און אַ גרושה, — נו, נו, שוין איינמאָל אַ רב!...) און דער ברודער, אַ זעלבּ־שטענדיקער מענטש, וועלכער האָט געהאָלפן אויסהאַלטן די גאַנצע משפחה, האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון די עלטערן, ווייל ער האָט געוווסט, אַז די פרומע עלטערן וועלן שטאַרק ליידן מאָראַליש אויב ער וועט חתונה האָבן מיט זיין אויסדערוויילטער.

ערשט שפּעטער, ווען איך האָב געלעבט אין בערלין און זיך דאָרט געטראָפן מיט מיטגלידער פון דער קיבאַרטער משפחה־צווייג, איז מיר קלאָר געוואָרן וואָס פאַר אַ טראַגעדיע מיין ברודער האָט איבערגעלעבט.

ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ חתונה געהאַטער פרוי, וועלכע האָט אים אויך ליב געהאַט. זי האָט זיך געגט מיט איר מאַן צוליב אים און פלוצלונג האָט ער געמוזט נישט נאָר זיך אָפּזאָגן פון איר, נאָר אויך לאָזן זי אַן איינזאַמע. ער האָט געפילט אַז נישט נאָר ער איז אומגליקלעך, נאָר זיין געוויסן האָט באַקומען אַ פלעק.

ער פלעגט אָפט וויינען ווי אַ קינד, — האָט מיר די ווייטע קרובה דערציילט.

אָבער ווי שווער דאָס אַלץ איז אים נישט געווען, האָט ער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו פאַרשאַפן צער די עלטערן.

האָט ער פאַרזאָרגט מאַטעריעל די געליבטע פרוי און איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אַ בחור...

און ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט דערויף.

ווען מיין מוטער איז געשטאָרבן, האָט מיין פאָטער באַשלאָסן אוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל.

איז מיין ברודער געקומען קיין ביאַליסטאָק איבער דאַנציק (ווו ער האָט אַרויסגענומען אַ ספּעציעלן פּאַס, אויף וועלכן ער האָט באַקומען די וויזע קיין פּוילן, כדי ביים צוריקקומען קיין ליטע זאָל מען נישט זען אַז ער האָט באַזוכט אַ פיינטלעך לאַנד) און

האָט געבעטן ביי מיין פֿאָטער צוויי רשימות: 1) פֿון אַלע חובות וואָס ער איז שולדיק, און 2) פֿון אַלע פֿילאַנטראָפּישע חברות אין שטאָט. און ער האָט באַצאָלט דעם פֿאָטערס אַלע חובות און האָט דעם פֿאָטער געגעבן געגוג געלט צו לאָזן געהעריקע נדבות (ווי עס פּאַסט פֿאַר ר' זלמן ראַפּאָפּאָרט) פֿאַר אַלע פֿילאַנטראָפּישע אינסטי־טוציעס, ווי אויך פֿאַר דעם בית־מדרש, וווּ דער פֿאָטער האָט גע־דאַווענט. אַחוצדעם האָט ער געלאָזט מאַכן דעם פֿאָטער אַן אויס־שטייער, פֿון אַלף ביז תיו, פּונם בעסטן און שענסטן.

און דערנאָך האָט ער גענומען אַריבערשיקן פֿון ליטע אומ־לעגאַל געלט פֿאַרן פֿאָטער, ער זאָל נישט דאַרפֿן אָנקומען צו קיינעם, ווי אַ מעשה מאַכט זיך (האָט מען דאָך פֿון די דרייסיקער כּסדר געלעבט מיטן פּחד פֿאַר אַ מלחמה), און ער זאָל קאָנען פֿריי געבן אַ נדבה, ווי ער איז געוווינט געווען פֿון אַמאָל אין ביאַליסטאָק.

אַ שיינע מצווה אָט דער געבאָט „כבד את אביך ואת אמך", און אַ מצווה, דער, וואָס איז זי מקיים, און דער וואָס איז ביכולת זי מקיים צו זיין, מוז האָבן פֿון איר אַ ים מיט פֿרייד.

און מיין ברודער שמואל האָט געשעפּט פֿון דערדאָזיקער מצווה פֿרייד מיט פֿולע הויפֿנס...

* * *

ווען איך בין געקומען קיין ליטע אַלס פּליט, האָב איך אים באַזוכט אין קאָוונע.

איינמאָל איז ער געקומען צו מיר קיין ווילנע און דערציילט אַז ער האָט שוין באַקומען אַ סערטיפֿיקאַט און וויזעס און ער פֿאָרט אוועק קיין ארץ־ישראל מיט זיין פֿרוי אויף צו בלייבן, ווייל לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן וועלן די רוסן אינגיכן פֿאַרנעמען ליטע.

איך האָב אים צוגערעדט. אָבער אינגיכן האָט ער אָפּגעלייגט זיין רייזע. די סיבה איז אין אַ גרויסער מאָס געווען די זאָרג פֿאַרן פֿאָטער און די אַנדערע משפּחה־מיטגלידער אין ארץ־ישראל.

אין ארץ־ישראל, — האָט ער געמאַכט אַ חשבון, — האָט ער נישט קיין סך געלט. אויב די מלחמה זאָל לאַנג דויערן, וועט קיין געלט נישט סטייען פֿאַרן פֿאָטער און די ברידער־שוועסטער, ווייל ער מיט דער פֿרוי וועלן דאָך אויך דאַרפֿן לעבן פֿון דעם זעלבן געלט. ער איז דאָך שוין נישט יונג און ער ספּקט צי ער וועט באַ־

קומען א שטעלע. איז וועט ער בלייבן אין ליטע נאך א פאר חדשים — ער האפט אז אזוי שנעל וועלן די באלשעוויקעס נישט אריינ־קומען — און וועט זען פארקויפן א הויז און אריבערפירן קיין א״י נאך א ביסל געלט.

איז ער געבליבן. אבער עס איז נישט לייכט געווען צו פאר־קויפן א הויז, וואס האט זיך געגרעניצט מיטן ליטווישן נאציאנאלן מוזעאום און די פרעסע האט כסדר געפאדערט מען זאל דעם פלאץ קאנפיסקירן צו פארגרעסערן דעם מוזעאום.

און פלוצלונג זענען די באלשעוויקעס אריין צו באפרייען ליטע. זיי האבן צוגענומען ביי אים דעם פאס, די פאבריק, אים ארויס־געווארפן פון זיין דירה.

ער איז ארומגעלאפן און זיך געבעטן ביי באקאנטע צוצונעמען ביי אים זיין ביבליאטעק, פאר וועלכער ער האט קיין ארט נישט געהאט אין זיין נייער דירהלע. און צום סוף האט ער געמוזט ארויסווארפן אויף דער גאס זיין גרויסע העברעאישע ביבליאטעק.

א שטעלע האט ער געהאט, אבער נישט קיין גוטע: די אר־בעטער פון זיין פאבריק האבן געבעטן מען זאל אים מאכן פאר א פאבריק־פארוואלטער, ווייל ער איז געווען גוט צו זיי...

איז אים די שטעלע פיינלעך געווען...

* * *

צוויי מאל האבן די באלשעוויקעס צוגענומען ביי אים אלץ וואס ער האט פארמאגט (אין פעטראגראד און אין קאוונע), אבער דער געוויסן איז ביי אים געבליבן ריין און קלאר אויך אין דאזיקן פאל.

איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט אז א מענטש, וואס האט פערזענלעך צוויי מאל געליטן פונם באלשעוויזם, זאל האבן אזא אביעקטיווע מיינונג וועגן אים און ער זאל זיך באציען צו אים אן שנאה.

ער האט מצדיק געווען זייער דין אין שמועסן מיט מיר:

— ס׳קאן זיין, — האט ער מיר געזאגט, — אז זיי זענען גערעכט וואס זיי האבן צוגענומען מיין פארמעגן: איך האב גע־האט צופיל אין פארגלייך מיט אנדערע; אבער פארוואס זאלן זיי זיך נוקם זיין אין מיר? איך וויל בלויז ארבעטן און לעבן אין

א געענדערטער אָרדענונג. פאַרוואָס זאָל די דינסט מיינע, די ליט־ווינקע, האָבן די זיכערקייט, אַז זי קאָן מיך איצט באַליידיקן, ווייל זי ווייס אַז איך בין געווען אַ בורזשוי?

— פאַוואָס ווילן זיי צעשטערן נישט נאָר דעם אַלטן רעזשים, נאָר אויך די מענטשן, וועלכע האָבן ערלעך אויסגענוצט דעם רע־זשים אויף רייך צו ווערן? איך האָב אין פּעטראָגראַד נישט גע־טראָגן קיין שנאה אויף זיי און איך טראָג אויך דאָ נישט קיין שנאה אויף זיי פאַר צונעמען מיין פאַרמעגן, ווייל הגם איך בין נישט קיין באָלשעוויק, קאָן איך פאַרשטיין די אומגערעכטיקייט פונם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים; אָבער די באַציאונג, די באַציאונג...

דאָס האָב איך געהערט פון אים אין ביאַליסטאָק, ווען ער האָט אונדז באַזוכט נאָכן קומען פון פּעטראָגראַד, און דאָס האָב איך געהערט פון אים אין קאָוונע. איך, וואָס ביי מיר האָבן זיי קיין שום מאַטעריעלס נישט צוגענומען, האָב זיי פיינט געהאַט; און איך האָב זיי פיינט; מיין ברודער שמואל, וועמען זיי האָבן צוויי מאָל געמאַכט פאַר אַ קבצן — האָט זיי נישט פיינט געהאַט.

זיי האָבן אים נישט געלאָזט אַרויספאָרן, כדי צו קאָנען זיך נוקם זיין אין אים...

היטלער אָבער האָט ביי זיי אויסגעכאַפּט דעם קרבן...

די לעגענדע האָט געהאַט אַ שלעכטן סוף...

מיין ברודער שמואל איז אומגעקומען אין דאַכאַו (און זיין פרוי — אין שטוטהאָף, לעם דאַנציק). ווי אַזוי ער איז אומגעקומען האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוויסן. צוערשט האָט ער געשמאַכט אין קאָוונער געטאָ און פון דאָרט איז ער, מיט אַ סך אַנדערע קאָוונער יידן, פאַרשיקט געוואָרן קיין דאַכאַו.

ד) פּראָפ. שלמה׳קע (סאַלאָמאָן) קאַהאַן

(צו זיין טויט)

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר מודיע געווען, אַז ער איז נאָך אַ האַרץ־אַנפאַל, אַז ער האָט שוין פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל (אָדער

די סאנאטאָריע) און — „מי יעשטשאָ פּאָוואָיויעם" (מיר וועלן נאָך א קעמף טאָן) זענען געווען די לעצטע ווערטער פון בריוו.

אונטערגעשריבן איז דער בריוו געווען, ווי תמיד צו מיר, נישט סאָלאָמאָן קאהאַן, נאָר מיטן היימישלעכן שלמה׳קע.

אין דער דאָזיקער אונטערשריפט איז געלעגן א גרויסע נאָס־טאַלגיע צום עבר, צו דער קינדהייט, צו א גאַנצער וועלט, וואָס האָט אים, ווייזט אויס, אָפט געפעלט אין ווייטן מעקסיקע...

ער האָט שוין אָבער נאָך יענעם בריוו קיין סך נישט גע־קעמפט.

דער קאַמף איז פאַרענדיקט; אָבער זיין עכאָ קלינגט אָפּ אין מיר מיט דערינערונגען... איך ענטפער מיט זיי אויף זיין נאָס־טאַלגישער אונטערשריפט „שלמה׳קע".

* * *

מיר זענען געווען קרובים, גליד־שוועסטער־קינדער. מיר זענען געבוירן געוואָרן אין דער זעלבער שטאָט — ביאַליסטאָק. און אויב די מומע „ייטא" איז דאָס מאָל פּינקטלעך, איז ער געווען מיט א יאָר יינגער פאַר מיר, הגם איך האָב תמיד גערעכנט, אַז מיר זענען ביידע „ראָטשניקעס" פון 1895.

אונדזער פאַמיליע־נאָמען איז געווען א טאָפּלטער: „קאהאַן־ראַפּאָפּאָרט" אָדער, ווי אין רוסישן פּאַס איז געווען בפירוש גע־שריבן, „קאהאַן — אָן־זשע ראַפּאָפּאָרט".

ווען שלמה׳קעס פאָטער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם ראַפּאָפּאָרט וויים איך נישט, אָבער יעדנפאַלס א סך פריער פאַר דעם, ווי אונדזער צווייג פון דער פאַמיליע, וואָס איז פאַרבליבן אין ביאַ־ליסטאָק, האָט זיך באַפרייט פונם קאהאַן, מיטן סימפּאַטישן רוסישן „אָן־זשע". דאָס איז געשען ווען די פּאָליאַקן האָבן גענומען אַרויס־געבן פּוילישע פּעסער אנשטאָט די רוסישע און מיין פאָטער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קאהאַן (כהן) און געבליבן ביים ראַפּאָפּאָרט.

ווען די פאַמיליע פון שלמה׳קע קאהאַן איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, געדענק איך נישט, אָבער ווען מיינער א פעטער האָט מיך אַמאָל מיטגענומען קיין וואַרשע, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, בין איך דאָן געווען א פּאָר טעג אויך ביי שלמה׳קעס מוטער (זיין פאָטער האָט שוין דאַן נישט געלעבט) אויף פּאַוויע

גאס און אינדערפרי, ווען איך האב אראפגעקוקט אין הויף (ווי אין א ברונעם), פון דריטן אדער פערטן שטאק, האב איך געהאט א קליינעם שאק: מען בויט ספעציעל קעלערס, די מענטשן זאלן ווינען אן זון און אן לופט?!

אין ביאליסטאק האב איך געזען גענוג „סלאמס", אבער אזעלכע הויפן מיט קעלערס האב איך קיינמאל נאך נישט געהאט געזען און זיי האבן ארויסגערופן ביי מיר א שטימונג פון אן אמתן סאציאלן רעוואלט, און היות איך האב געדארפט מיטברענגען צוריק קיין ביאליסטאק פאר מיין רוסישן לערער עטלעכע אויפזאצן אויף באשטימטע טעמעס, האט זיך דער סאציאלער רעוואלט אויף א מערקווירדיקן אופן אריינגעפלאכטן אפילו אין אזא טיפישער שילער-טעמע ווי „דער נוצן פון וואלד".

דערביי איז אינטערעסאנט, וואס פון הונדערטער טעמעס, פארלארענע אין ווארשע און ווילנע, געשריבענע אין מיינע רייפע דרייסיקער יארן, זענען דא ווייניקע, וואס איך קאן רעקאנסטרואירן פון זכרון; אבער אט די קינדיש-רעבעלישע טעמע וואלט איך גע-קאנט — ווען איך זאל דאס נאר וועלן — רעקאנסטרואירן היינט, נאך איבער פופציק יאר, אין אלע אירע הויפט-ליניעס.

מיין דעמאלטיקע רעוואלט-שטימונג איז באאיינפלוסט געווארן נישט נאר פונם הויף, ווו שלמה'קע האט געוווינט, נאר אויך פון דער דירה זייערער, וואס איז געווען ענג, מיט פינצטערע צימערן, פייכט, אפגעלאזן.

זיין פאטער, האט די משפחה געזאגט, האט זיך נישט געטויגט אויף „מאכן א לעבן". שלמה'קע, א זייער שטאלע, סענסיטיוו און פעאיק קינד, האט די ארעמקייט שווער אריבערגעטראגן, זי האט אים דעפרימירט, נישט נאר צוליב זיך (דאס אויך!), נאר דער עיקר צוליב זיין שטארקער ליבע צו זיין מוטער, אן אויסערגעוויינלעך שיינע, קלוגע און פרומע פרוי, וואס איז געווען, ווי מען האט דערציילט, איינע פון די ווייניקע יידישע מיידלעך אין איר צייט, וואס האבן געענדיקט א פוילישע גימנאזיע.

ווען עמיצער פון דער פאמיליע פלעגט פארן פון ביאליסטאק צו א ווארשעווער גרויסן דאקטאר (צו א פראפעסאר באראנאוווסקי, צו א פראפעסאר פאווינסקי) פלעגט מומע חיה'לע מיטגיין צום פראפעסאר, וואס פלעגט זיך תמיד וואונדערן, וואס א יידישע פרוי

אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שייטל (זי איז געווען, ווי געזאָגט, זייער פרום) רעדט אַזאַ פּערפעקטן פּויליש.

אויף איר פּויליש בין איך נישט געווען קיין מבין, — איך האָב געמוזט גלויבן וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט, אָבער די אַנדערע מעלות פון שלמה'קעס מוטער האָב איך אַליין געקאָנט אָפּשאַצן: זי איז געווען בילד־שיין, קלוג, מיט אַ חוש פאַר הומאָר און סאַר־קאַזם, וואָס האָבן געבליצט אין אירע שיינע, מיט אינטעליגענץ אָנגעפילטע אויגן.

שלמה'קע איז נישט געווען קיין בן־יחיד, ער האָט געהאַט ברידער, שוועסטער, אָבער ער איז געווען דער ליבלינג פון זיין מוטער, וואָס האָט זיך ממש געשפּיגלט אין אים, אין איר שיינעם און זייער געראָטענעם זון. דאָס איז געווען אַ לעבנסלאַנגע קעגנ־זייטיקע ליבע...

ער האָט באַזוכט אין וואַרשע קרינסקיס באַקאַנטע יידישע גימנאַזיע, ווו ער האָט זיך געלערנט זייער גוט, אָבער די אָרעמקייט און די טיפע ליבע צו דער מוטער, וואָס לײַדט פון דער אָרעמקייט, און דער רחמנות אויף איר לאַגע האָבן שטאַרק געדריקט אויף אים. איך געדענק ווי היינט — אין קרינסקיס גימנאַזיע איז, בשעת מיין באַזוך אין וואַרשע, פאָרגעקומען אַן אַרויסלאָז־פייערונג פאַר די שילער און שלמה'קע, וועלכער איז געווען זייער אַמביציעז, האָט זיך שטאַרק געגרייט צו דער פייערונג און האָט מיך געבעטן מיט־צוגיין מיט אים. אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט ער געחזרט אַ גרויס געדיכט, וואָס ער האָט באַדאַרפט רעציטירן אויף דער פייערונג, אָבער אין אָוונט, ווען שלמה'קע האָט זיך גענומען אָנטאָן, האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי די אויסגעוואַקסענע און ערטערווייז פאַרצירעוועטע גימנאַזיע־אוניפאָרם האָט אים געדריקט. און אין אָוונט, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן פאַר אַ גרויסן עולם שילערס, עלטערן און געסט און זיך פאַרהאַקט ביים רעציטירן און בשום אופן נישט געקאָנט גיין ווייטער און געמוזט צוריקגיין אויף זיין אָרט אַ פאַרשעמטער (הגם בייטאָג האָב איך אים עטלעכע מאָל אויסגעהערט און ער האָט גלענצנדיק רעציטירט) איז דאָס זיכער געווען אַ רעזולטאַט פון זיין איבערגענומענקייט מיט זיין אָפּגע־טראָגענער אוניפאָרם, וואָס האָט אים פּסיכיש דעפּרימירט...

זייט דאַן איז שוין אַוועק אַ צייט פון עטלעכע פופציק יאָר,

אָבער איך געדענק דעם דאָזיקן טאָג און די „קאַטאַסטראָפע" פון אָוונט, אויף דער פייערונג, ווי דאָס וואָלט געשען ערשט נעכטן.

איך זע נאָך היינט און לעב נאָך איבער היינט און טאקע זייער שטאַרק די פּאָר מינוט, וואָס שלמה'קע איז געשטאַנען אַ פּאָר־לווירענער אונטער אַ גרעל ליכט און געקעמפּט מיט זיין זכרון, און כ'זע נאָך היינט זיין רעזיגנירטן גיין צוריק אויף זיין אָרט. ווי ער האָט דאָס איבערגעלעבט! און ווי איך האָב דאָס מיטגעלעבט!

* * *

נאָך אַט דער איבערלעבונג האָב איך אים געזען ווידער ערשט אין 1919, ווען ער איז געקומען קיין ביאַליסטאָק בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה און האָט אָנגענומען אַ שטעלע ביי די באָלשעוויקעס, צי אַלס לערער אין אַ שולע, אָדער ווי אַ שול־אינספּעקטאָר אין זייער שול־וועזן (ער האָט געאַרבעט, דאַכט זיך, צוזאַמען מיט ד"ר ישראל רובין).

די אַרבעט זיינע האָט געדויערט פון אסתר תענית ביז פּורים, אָבער מיט דער מפּלה פון די באָלשעוויקעס איז פאַר דעם פּאָליטיש־קאָמפּראָמיטירטן שלמה'קען מער קיין אָרט נישט געווען אין פּוילן און ער איז אַוועק קיין מעקסיקע. (איך גלויב נישט ער זאָל האָבן פּאָליטיש געשטאַנען נאָנט צו די באָלשעוויקעס; זיין אָננעמען ביי זיי אַ שטעלע האָט גיכער געהאַט בלויז אַן עקאָנאָמישע סיבה, ווי ביי ישראל רובינען).

* * *

ערשט אין 1922 האָב איך אים ווידער באַגעגנט אין בערלין, וווהין ער איז געקומען (צוליב וואָס געדענק איך שוין נישט). היות איך האָב דאַן געוווינט ביי אַ ביאַליסטאָקער פאַמיליע (די ראַבינאָ־וויטשעס) ביים קורפירסטענדאַם אין אַ גרויסן צימער, האָבן די באַלעבאַטים מיר דערלויבט אַריינצושטעלן אין צימער אַ בעט אויף אַ פּאָר חדשים פאַר שלמה'קען, און מיר האָבן עטלעכע חדשים געוווינט צוזאַמען.

איך האָב דאַן איינגעזען אַז שלמה'קע האָט באַרעכטיקט זיין רעפּוטאַציע און די האָפענונגען פון זיין גרעסטער מאַמען: נאָך

א צוויי יאָר אין מעקסיקע, איז ער געקומען אַ מומחה אין שפּאַניש אויף אַזוי ווייט, אַז ער איז געווען ביכלת איבערצוזעצן אין דער דאָזיקער שפּראַך אַלעקסאַנדער בלאָקס באַרימטע פּאָעמע „צוועלף" (ער האָט זי, אַגב, אויך איבערגעזעצט אויף עספּעראַנטאָ).

נישט קאָנענדיק קיין שפּאַניש, איז נאַטירלעך אוממעגלעך געווען צו משפּטן אויף ווי ווייט די דאָזיקע איבערזעצונג איז ליטעראַריש געווען גוט; אָבער אַ געוויסע גאַראַנטיע איז געווען דאָס, וואָס אַ שפּאַנישער זשורנאַל האָט זיין איבערזעצונג געדרוקט און אַ שפּאַנישער פאַרלאַג האָט זיין איבערזעצונג אַרויסגעגעבן אין אַ בראָשור־פאָרמאַט.

אין די עטלעכע חדשים, וואָס ער איז געווען אין בערלין און מיר האָבן געוווינט צוזאַמען, האָב איך זיך דערוווסט וועגן זיינער אַ פעאיקייט, וואָס ביז דאַן האָב איך וועגן איר נישט געוווסט: עס איז געגוג געווען פאַר אים איין מאָל צו זיין אויף אַן אָפּערע, כדי צו קענען זי איבערזינגען פון אָנהויב ביזן סוף. ער האָט געהאַט אַ זעלטענעם געהער פאַר מוזיק. געוויס איז דער נאַטיר־לעכער געהער פאַר מוזיק נישט געווען גענוג ער זאָל ווערן אַ זייער פּאָפּולערער, אָנגענומענער מוזיק־קריטיקער אין גרויסע שפּאַנישע צייטונגען און אַ מחבר פון ביכער וועגן מוזיק און מוזיקער, אָבער דאָס איז געווען דער פונדאַמענט פאַר זיין שפּעטערדיקער מוזיקאַ־לישער קאַריערע. זיין מוזיקאַלישער געהער איז געווען דער ערשטער שטויס, וואָס איז דערגאַנצט געוואָרן דורך זיין פעאיקייט שנעל צו לערנען, דורך זיין גרויסער אינטעליגענץ און זיין אַמביציעזן פלייס.

מיט וואָסער צוועק ער איז געקומען קיין בערלין און געגוי וואָס עס איז געווען די סיבה פון זיין קורצן ווײַלן דאָרט, ווייס איך נישט גענוי (אַגב איז דאָס נישט קיין מאַטעריאַל פאַר קורצע שלושים־זכרונות), אָבער שלמה'קע איז אינגיכן צוריק אָפּגעפאָרן קיין מעקסיקע.

אונדזער קאָנטאַקט אין בערלין איז נאָך שפּעטער קאַפּויער געקומען סיי אין בערלין גופא, סיי אין וואַרשע, צוליב מיין אַריינ־מישן זיך דורך אַ בריוו אין שלמה'קעס פּערזענלעכן לעבן. (דעם בריוו מיינעם האָט שלמה'קע געהאַט איבערגעשיקט זיין מאַמען און וויפל איך האָב איר געבעטן מיר לאָזן מאַכן אַ קאָפּיע פון אים פאַר זיך, האָב איך דאָס נישט געקאָנט פועלן ביי איר, הגם

סאַרקאַסטישע פאָרוואָרפן פאַר אים פּלעגט זי מיר אָפּט מאַכן, ביז מיין בריוו איז צוליב געוויסע געשעענישן געוואָרן נישט אַקטועל, — אַ זאַך פון פּערזענלעכער און אפשר אויך געזעלשאַפטלעכער געשיכטע ...).

* * *

אויף דריי געביטן איז שלמה'קע קאַהאַן געווען טעטיק אין מעקסיקע: אויפן געביט פון מוזיק, פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויפן געביט פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור (אויך אָט די לעצטע טעטיקייט האָט ער געפירט אין צוויי שפּראַכן — אויף יידיש און אויף שפּאַניש — ער איז געווען רעדאַקטאָר פון אַ יידישן זשורנאַל אויף שפּאַניש, וואָס האָט געפירט אַ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר יידיש לעבן).

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע געביטן זענען נישט געווען אַזוי שטרענג אָפּגעגרעניצט איינער פון צווייטן.

הגם די מוזיק־קריטיק איז געווען שלמה'קע קאַהאַנס עיקר־אַרבעט (ער האָט אַרויסגעגעבן אויך אויף יידיש אַ גאַנץ בוך מיט אַרטיקלען וועגן מוזיק), קאָן איך וועגן דער דאָזיקער אַרבעט זיינער גאָרנישט זאָגן, אחוץ דעם, אַז מען האָט אים זייער געשעצט אין דער מעקסיקאַנער מוזיקאַלישער וועלט אַלס מוזיק־קריטיקער.

וועגן זיין טעטיקייט אויפן געביט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מעקסיקע, קאָן איך בלויז זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן דאָזיקן געביט, אָבער קיין זעלבשטענדיק־אָפּשאַצנדיקע מיינונג קאָן איך וועגן דעם נישט האָבן. איך בין געשטאַנען צו וויייט פון דאָזיקן לעבן און זיינע קאַמפן אפילו אויף וויפל מען קאָן זיין נאָענט צו זיי פון אזא מרחק.

בלייבט איין געביט פון זיין טעטיקייט, וועגן וועלכן איך קאָן אַרויסזאָגן מיין אייגענע מיינונג: דאָס איז דער געביט פון זיין יידישער ליטעראַטור־ און קולטור־קריטיק.

איך האָב שלמה'קען אַמאָל געשריבן, אַז איך לייען זיינע ביכער און אַרטיקלען (וועלכע ער פלעגט מיר פון צייט צו צייט צושיקן) און האָב חשק צו שרייבן וועגן זיי, אָבער איין זאַך האַלט מיך אָפּ: כמעט וועגן יעדן שרייבער, וועגן וועלכן ער שרייבט,

וואָלט מיר אויסגעקומען צו פירן מיט אים אַ פּאָלעמיק. און דאָס שמעקט מיר נישט...

אַפילו זיינע באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן מיינע עטלעכע ביכער האָב איך אויך נישט געקאָנט אָננעמען ווי זיי שטייען און גייען: ער איז געווען צו ענטוזיאַסטיש, ווי ער איז דאָס תּמיד געווען כמעט וועגן אַלע, וועגן וועמען ער האָט געשריבן.

איך געדענק זיינע צוויי אַרטיקלען וועגן מיינע „תנ"ך־אימפּראָ־וויזאַציעס": ווי אַ מחבר האָב איך געמעגט זיין מער ווי צופרידן פון זיי, אָבער ווי אַ קריטיקער האָב איך געהאַט וועגן גרויסע טיילן פון ערשטן אַרטיקל זיינעם אַ נעגאַטיווע מיינונג און כ'האָב דאָס אים געשריבן. נאָך מער: דערוויסנדיק זיך אַז אַ געוויסער זשורנאַל אין די אַמעריקעס וויל איבערדרוקן שלמה'קעס אַרטיקל וועגן מיינע „תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס", האָב איך געשריבן צום רעדאַקטאָר פון יענעם זשורנאַל, אַז אויב ער וויל טאַקע איבערדרוקן פּראָפ. סאָלאָ־מאָן קאַהאַנס אַרטיקלען, זאָל ער איבערדרוקן בלויז דעם צווייטן, ווייל דער ערשטער רעדט וועגן אַזעלכע קאָנקרעטע מעלות מיינע, וואָס איך פאַרמאָג זיי אינגאַנצן נישט אָדער נישט אין דער מאָס, ווי ער פאַרזיכערט.

און ווען דער זשורנאַל האָט איבערגעדרוקט ביידע אַרטיקלען (צי ווייל מיין בריוו איז נישט אָנגעקומען רעכטצייטיק, צי צוליב אַן אַנדער סיבה) האָב איך זיך אַ לאַנגע צייט געפילט אומבאַקוועם פאַר זיך אַליין, ווי בעתן באַקומען די אַרטיקלען צום ערשטן מאָל...

אין דער ליטעראַטור־קריטיק איז שלמה'קע קאַהאַן געגאַנגען מיטן וועג פון הלל הזקן, — ער האָט געזען בלויז דאָס פּאָזיטיווע, — דאָס נעגאַטיווע האָט ער כמעט ווי נישט באַמערקט. נאָכמער — ער האָט דאָס גאָרנישט געוואָלט באַמערקן.

דאָס האָט זיך געגומען, דער עיקר, פון דעם, וואָס שלמה'קע קאַהאַן איז געווען לויט זיין נאַטור אַן אומבאַגרעניצטער ענטוזיאַסט. ער האָט ליב געהאַט ענטוזיאַזם; ער איז געווען ווי אַ ייד, וואָס איז בודק חמץ: אַז עס איז נישטאָ וואָס בודק צו זיין, לייגט ער אונטער אַ שטיקל חמץ, און ער „געפינט" עס טאַקע... אבי צו טאָן אַ מצווה...

דאַכט זיך: ווו נאָך קאָן מען געפינען אַזוי פיל נעגאַטיווס, ווי אין ב. צ. גאָלדבערגס קאָלום? און דאָך האָט שלמה'קע קאַהאַן געפונען ביי אים אוצרות פּאָזיטיוון גוטס, — די חמרים נעגאַטיווס

האָט ער נישט באַמערקט. ער האָט געהאַט אַ פּערזענלעכע הנאה פון ענטוזיאַזם און אויפן דאָזיקן געביט האָט ער זיך נאָכגעגעבן די שמד... ער האָט זיך טיילווייז אויסגעלעבט אין שיטן שבחים אויף רעכטס און אויף לינקס...

ער איז געווען אַן אומפאַרבעסערלעכער ענטוזיאַסט פון קינד־ווייז אָן, און ער איז אַזאַ פאַרבליבן אויך אויף די עלטערע יאָרן (וועלכע דאָס לעבן האָט אים געקאַרגט).

ער איז געווען גוט צו יידישע שרייבערס, אָבער דער ליטעראַ־טור האָט ער נישט געטאָן קיין גרויסע טובה מיט דעם.

אָבער דאָ גייען מיר אַריין אין אַ געביט, וואָס איז טאַקע זייער וויכטיק, לויט מיר, אָבער צו גליטשיק בכלל, בפרט פאַר אַ שלושים־אַרטיקל.

* * *

איך פּרעטענדיר נישט מיט מיין אַרטיקל אויסצושעפּן די פּילזייטיקע געשטאַלט פון שלמה'קע קאַהאַן; איך ווייס, אַז אפילו דאָס ריין־פּערזענלעכע פון דער דאָזיקער פּערזענלעכקייט, האָב איך נישט געוואָלט באַרירן אין דער גאַנצער ברייט... זיין טויט איז נאָך צו פריש, צו מאַכן אַ סך־הכל פון זיין לעבן...

ה) איישישאָק איז געבליבן אָן פליש

(דערינערונגען פון אַ פּליט)

מען זאָל פרעגן אַ יידן, וואָסער שטעטל איז די באַרימטסטע, וואָלט ער זיכער געווען געזאָגט, אַז איישישאָק. ווער קען נישט דאָס פאָלקס־ווערטל: „אין איישישאָק"?

געווען אַ צייט, — אַ גליקלעכע צייט, — ווען איך פלעג דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אינדערראמתן איז גאָר נישטאָ אַזאַ שטעטל, — עס איז אויסגעטראַכט געוואָרן דורך אַ וויצלער, אַ לץ. אדרבא, גיט נאָר אַ טראַכט: איישישאָק! דער נאָמען אַליין איז ווערט געלט!

אָבער די מלחמה האָט אונדז באַוויזן, אַז אַ סך זאַכן, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר אויסגעטראַכט, זענען אינדערעמתן אַווירקלעכקייט. און איך האָב זיך אויך איבערצייגט — אַי צו מיין אומגליק, אַי צו מיין גליק! — אַז איישישאָק איז נישט קיין אויסטראַכטעניש, נאָר אַ געוויינלעך יידיש שטעטעלע אין דער ליטע, מיט אַ מאַרק, מיט אַ חזן און שוחט, מיט בעל־עגלות, מיט שמוגלערס און גנבים און מיט — טייערע יידן.

מיט וואָס־זשע איז עס זוכה געווען צו אַזאַ באַרימטקייט? אפשר אדאַנק זיין קאָמישן נאָמען, און אפשר — סתם אַ מזל־זאַך! איישישאָק האָט אַ ספּעציעלן מזל צו באַרימטקייט. דאָס האָט מען געקאָנט זען אויך בעת דער מלחמה. קיין איין גרעניץ־שטעטל, דורך וועלכע עס האָבן געוואַנדערט צענדליקער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער פּליטים, האָט נישט זוכה געווען צו אַזאַ פּרסום אויף די שפּאַלטן פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע, ווי איישישאָק.

אויף די שפּאַלטן פון די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען האָט מען איישישאָק געשילדערט ווי אַ נעסט פון רויבער, וועלכע פּלעגן פאַרנאַרן צו זיך פּליטים און צונעמען ביי זיי אַלץ וואָס האָט אַ שטיקל ווערט, אַלץ, וואָס זיי איז געלונגען צו ראַטעווען פון די צעשטערטע אָדער אויף גאָטס באַראָט איבערגעלאָזענע היימען.

יאָ, איישישאָק איז באַשריבן געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע אין אַזעלכע שוואַרצע פאַרבן, אַז איך וויל האַלטן מיין צוזאָג און אביסל פאַרוויסן דאָס דאָזיקע פאַרשוואַרצטע איישישאָק.

אָבער איך דערפיל מיט דעם נישט נאָר מיין צוזאָג, נאָר אויך אַ הייליקן חוב. ווייל אויך איך בין געקומען אין קאָנטאַקט מיט איישישאָק אין יענער צייט, ווען די פּליטים־כוואַליע האָט געפּלייצט דורך איישישאָק, ווען אַלע אַנדערע וועגן זענען געווען הערמעטיש פאַרמאַכט. און איך ווייס, אַז הגם אין איישישאָק, ווי אין אַ סך אַנדערע גרעניץ־שטעטלעך אויפן פּליטימשן וועג, איז פאָרגעקומען אַ סך שלעכטס, איז דאָרט אָבער געטאָן געוואָרן נישט ווייניקער — און אפשר נאָך מער — גוטס.

אָט וועגן דאָזיקן פאַרשוויגענעם גוטס וויל איך דערציילן. און עס איז אַזאַ ווייטאָק, וואָס די הייליקע מענטשן, וועמען איך באַצאָל מיטן דערציילן אַ שטיקל פונם גרויסן חוב, וואָס איך און הונדערטער אַנדערע זענען זיי שולדיק, זענען שוין נישטאָ. איין אומגליק האָט זיי געטראָפן — די גוטע, ווי די שלעכטע. אָבער

דאָס גוטס פון די גוטע, וואָס איז אַזוי ווייניק אויף דער וועלט, דאַרף אָפּגעהיט ווערן, ווי מען היט אָפּ אַביסל פריש וואַסער אין אַ מדבר.

* * *

איך בין שוין געווען אין ווילנע, אין ווילנע דליטא, אויפן דאָזיקן שמאָלינקן אינזעלע, וואָס איז געלעגן צווישן די צוויי פרישע פריינט — היטלער־דייטשלאַנד און סטאַלין־רוסלאַנד, און וווּ ס'איז אונדז, פליטים, געגעבן געוואָרן אַ שטיקל מאַראַטאָריום.

מיין פאַמיליע האָט געהאַט פאַרלאָזן די ברוינע וואַרשע און האָט באַדאַרפט קומען צו מיר קיין ווילנע איבערן רויטן ביאַ־ליסטאָק. מיין פרוי און זון האָבן געוואַנדערט פון גרעניץ צו גרעניץ, זוכנדיק אַ שפאַרונג קיין ווילנע; איך האָב געוווּסט, אַז אָט־אָט דאַרפן זיין אָנקומען; כ'האָב זיי דערוואַרט מיט יעדער באַן, — און מיטאַמאָל האָב איך פאַרלאָרן יעדע שפור פון זיי.

האָט מען זיי פון גרעניץ געשיקט צוריק? האָט מען זיי אַרעסטירט? איז עפּעס געשען?

ענדלעך האָב איך באַקומען אַ זיכערע ידיעה: האַרט פאַרן איבערגיין די גרעניץ איז מיין זון קראַנק געוואָרן אויף אַן אָנפאַל פון דער בלינדער קישקע, און מיין פרוי איז געפאָרן מיט אים קיין לידע, אין שפיטאָל, אָפּערירן. ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן, וועלן זיי פרוון איבערגיין די גרעניץ ביי איישישאָק.

איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין איישישאָק און זען פון דאָרט העלפן מיין פאַמיליע אַריבערצוגיין די גרעניץ. דער פריינט, וועלכער האָט מיר געבראַכט די ידיעה, האָט מיר רעקאָמענדירט איינצושטיין ביים דאָרטיקן חזן און שוחט, ביי וועמען עס שטייט איין זיין אַריבערגענומענע פאַמיליע. און היות ער איז געפאָרן אָפּנעמען זיין פאַמיליע, האָט ער מיך מיטגענומען קיין איישישאָק, צום חזן און שוחט.

* * *

איך בין געבליבן זיצן אין אַ קליינשטעטלדיקער דירה פון צוויי צימערן, מיט אַ קיך, מיט אַ פאָרהויז. די דירה איז געווען ריין און פיין־מעבלירט. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון פיר פערזאָן

— פונעם חזן און שוחט מיט זיין פרוי און פון צוויי קינדערלעך — א יינגעלע מיט א מיידעלע, וואָס צוזאַמען זענען זיי אפשר אַלט געווען א יאָר אכט.

דער חזן און שוחט האָט אויף מיר גלייך דעם ערשטן טאָג געמאַכט א גוטן איינדרוק. אביסל העכער פון מיטעלן וווקס, א פולער, מיט א פּנים וואָס מען באַצייכנט — בלוט און מילך; דער שטערן ווייס ווי מילך, די באַקן — ווי רויטע אינזעלעך — אין געכאַליעטער ווייסקייט. זיינע האָר — אויך דאָס קליינע בערדל — שוואַרץ; די אויגן — מיט א פרישן שוואַרצן גלאַנץ.

נישט געקוקט אויף דער שווערער צייט, האָט אין אים עפּעס כסדר געזונגען: אָדער ער האָט אונטערגעברומט א ניגון ארומ־גייענדיק איבערן שטוב מיט פאַרלייגטע הענט אהינטן, אָדער ער פלעגט עפּעס זינגען שטייענדיק ביים אויוון (ס'איז געווען די צווייטע העלפט נאָוועמבער). ער האָט אין אָוונט גענומען א גרויסן קאָנטאָ־בוך און אויפגעעפנט — די גרויסע זייטן זענען געווען באַשריבן מיט נאָטן; דאָס זענען זיינע קאָמפּאָזיציעס, פאַרענדיקטע און נישט קיין פאַרענדיקטע.

און ווען ער האָט גערעדט וועגן די נישט־פאַרענדיקטע קאָמפּאָ־זיציעס, איז זיין שיינע שטימע פאַרצויגן געוואָרן מיט א טרויער־וואַל, און זיינע אויגן — האָב איך געזען — האָבן געקוקט אויף די פאַרשריבענע בלעטער, וואָס די פינגער זיינע האָבן נערוועז געמישט, און זיי נישט געזען...

און דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן זיינע אַמאָליקע טרוימען צו שטודירן מוזיק, צו קאָמפּאָנירן.

— אין די דאָזיקע בלעטער, — האָט ער א פּויק געטאָן מיט די פינגער איבערן גראָבן קאָנטאָ־בוך, — ליגן באַגראָבן מיינע טרוימען...

דער דאָזיקער קליינשטעטלדיקער חזן איז געווען איינער פון דער גרויסער מחנה יידישע צעבראָכענע טאַלאַנטן...

איך האָב זיך דערמאָנט אין מיינע נישט־פאַרענדיקטע, און האַלב־דערשריבענע ביכער, באַגראָבענע ליטעראַרישע טרוימען, און אָט די געמיינזאַמקייט פון די איבערלעבונגען האָט מיר אים נאָך נענטער און סימפּאַטישער געמאַכט, דעם דאָזיקן קליינשטעטלדיקן חזן און שוחט.

* * *

די אטמאָספער אין דער שטוב איז געווען אַ געלייטערטע, אָנגעפילט מיט ליבע און געמיטלעכקייט.

דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך קאָנטיק ליב געהאַט, און זיי האָבן זיך ביידע געשפּיגלט אין די צוויי קליינע קינדער.

אין שטוב האָט זיך געשפּירט אַ יוסטע באַלעבאַטישקייט. די פרוי האָט געראַמט, געבאַקן און געקאָכט אַ גאַנצן טאָג, און ביידע האָבן געהאַט עגמת נפש, וואָס איך עס נישט. די פרוי האָט גע־האַלטן אין איין מאַכן פּאַטראַוועס פאַר מיר, — אפשר וועט דאָס אָדער יענץ ברעכן מיין אַפּעטיטלאָזיקייט, וואָס איז געקומען פון אומרו.

דער חזן האָט געהאַט אַ נאָענטן פריינט, אַ יונגנמאַן, וואָס האָט ליב געהאַט ליטעראַטור און האָט אַליין אויך עפּעס אונטער־געשריבן, ווי כ׳האָב פאַרשטאַנען. צוזאַמען פלעגן זיי גיין צו דער ליטווישער וואַך אויסלייזן דורכגעפאַלענע גרעניץ־שמוגלער, דערנאָך פלעגט זיי דער חזן אריינגעמען צו זיך אָדער מען פלעגט שאַפן פאַר זיי אַנדערע ערטער, אויב דעם חזנס דירה פלעגט שוין זיין פול. און אָט־אָ־די צוויי האָבן זיך ערנסט פאַרנומען מיט מיין ענין. אחוץ מיט טרייסטן מיך (אַז היינט־מאָרגן וועט מיין פרוי אַריבער־קומען), האָבן זיי זיך אויך פאַרנומען מיט ממשותדיקערער הילף. זיי האָבן געזוכט פויערים און יידן, וואָס זאָלן גיין אַריבערנעמען מיין פרוי און מיין זון, — הגם איך האָב נישט געוווּסט גענוי ווו זיי געפינען זיך. זיי האָבן געשיקט מיט פויערים צעטעלעך קיין לידע און קיין ראַדון, אָנגעבנדיק אחוץ דעם נאָמען — אויך אַנדערע סימנים.

אָבער אויף די געשיקטע צעטעלעך האָב איך נישט באַקומען קיין תשובה און די פויערים, מיט וועלכע מען פלעגט אונטער־האַנדלען, פלעגן זיך צום סוף צוריקציען.

איך בין געוואָרן אַלץ אומרואיקער און אומרואיקער. די שוואַרצסטע געדאַנקען האָבן זיך באַזעצט אין מיין קאָפּ. און די פינסטערסטע פאַרגעפילן — אין מיין האַרצן. אין גאַס האָב איך קיין סך נישט געטאָרט גיין — מען זאָל נישט צופיל זען דעם פרעמדן; פלעג איך אַרומשפּאַצירן נערוועז איבער דער שטוב אָדער ליגן אויף דער סאָפע מיט פאַרשטעלטע אויגן און פּרוּוון דורכעגבערן

די אומגעוויסע צוקונפט און די פרעמדע ווייטקייט מיטן אינערלעכן בליק. נאָך די איבערלעבונגען פון די לעצטע דריטהאַלבן חדשים איז דאָס זיצן אין איישישאָק און וואַרטן אויף דער פאַמיליע פאַסיוו, געווען אי שרעקלעך, אי דערנידערנדיק.

איך האָב געפילט, אז אין דאָזיקן רואיקן שטוב האָב איך אריינגעבראַכט אַ שטימונג פון העכסטן אומרו; די לופט איז דאָרט געוואָרן אָנגעלאָדן מיט נערוועזקייט ביז אָנצוטאַפּן עס מיט דער האַנט. איך האָב געפילט, ווי אַלע גייען אַרום אויף די שפּיץ פינגער, ווי מען לאָזט נישט די קינדער שפּילן זיך. און דאָס האָט מיר געקאָסט געזונט, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין שליטה אויף מיין שטימונג. איך האָב זיך געכאַפּט עטלעכע מאָל, אַז ווען די קינדער פלעגן עפּעס זאָגן צו מיר, פלעג איך זיי געבן סימבאָלישע ענטפערס לויט מיין שטימונג נאָך, — און דאָס קינד פלעגט גאָר־נישט פאַרשטיין, אָבער די מאַמע אין קיך פלעגט פאַרברעכן מיט די הענט און זיך נעמען בעטן ביי מיר:

— רעדט נישט אַזוי, רעדט נישט אַזוי. איר וועט זיי נאָך זען, זיי וועלן קומען...

אויפן פינפטן צי אויפן זעקסטן טאָג, ווען איך בין שוין גע־ווען אויף דער העכסטער שטופע פון פאַרצווייפלונג, בין איך געלעגן אויף דער סאָפע און זיך געמאַכט שלאָפנדיק, כדי קיינער זאָל צו מיר נישט ריידן, ווייל איך האָב געפילט, אַז יעדעס וואָרט קאָן אריינפאַלן אין מיר, ווי אַ פונק אין אַ פאַס אויפרייס־מאַטעריאַל.

דער שוחט איז געווען אַוועקגעגאַנגען אין שעכטהויז; די פרוי זיינע האָט געקאָכט מיטאָג אין אויוון און געהיט די קינדערלעך זאָלן נישט אריינגיין אין עס־שטוב, וווּ איך בין געלעגן. מיטאַמאָל הער איך ווי דער שוחט גייט שטיל אריין אין דער קיך, און פרעגט דער פרוי, ווי מען פרעגט אויף אַ חולה:

— וואָס מאַכט ער?

— ער שלאָפט. וואָס ביזטו אַזוי פרי געקומען?

— איך האָב היינט נישט געשאָכטן. איך שרעק זיך אַזוי פאַר אים, ער זאָל עפּעס נישט אָפּטאָן קיין נאַרישקייט, אַז איך האָב נישט געקאָנט שעכטן. כ'בין געווען צו אויפגערעגט, און מען טאָר אין אַזאַ צושטאַנד נישט שעכטן.

— וועט דאָס שטעטל בלייבן אָן פלייש?

— דאָס אַרט מיר נישט. אָבער וואָס טוט מען מיט אים? מען טאָר אים אַזוי ווייטער נישט לאָזן. איך האָב אָפּגערעדט מיט... (דאָ האָט ער אָנגערופן דעם נאָמען פון זיין פריינט), אַז אויב ביז מאָרגן קומט נישט קיין ידיעה, גייען מיר אַריבער קיין ראדון און קיין לידע. אים טאָר מען נישט לאָזן גיין. ערשטנס — אין אַזאַ צושטאַנד, און צווייטנס — אים קאָן מען פאַרהאַלטן, אָבער אונדז, איישישאָקער, וועט מען שיקן צוריק אַהיים...

איך בין געלעגן און געפילט ווי אַלץ צעגייט אין מיר אונטער דער וואַרימקייט פון דער דאָזיקער מענטשן־ליבע. איך האָב גע־קעמפט מיט דער הייסער טרערן־כוואַליע אַ לאַנגע צייט, אָבער וואָס לענגער איך האָב זי איינגעהאַלטן, אַלץ מיט מער קראַפט האָט זי זיך ענדלעך אַדורכגעריסן: איך האָב גענומען אַזוי שלוכצן, אַז איך האָב געמיינט מיין האַרץ און מיין ברוסטקאַסטן וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן. און ס'איז מיר געווען אַלץ איינס — ס'האָט זיך מיר געוואָלט אויסגיין מיט טרערן פון דאַנקבאַרקייט אין מיין גאַנצן וועזן.

ווי לאַנג איך האָב געשלוכצט ווייס איך נישט, — כ'ווייס נאָר, אַז דער שוחט איז אַריינגעלאָפן, זיך צוגעזעצט נעבן מיר און גענומען ריידן און אויסריידן און איינריידן. איך האָב זיך געפילט ווי אַ קראַנק קינד, לעם וועמען עס זיצט אַ טרייע מאַמע און גלעט און וואַרעמט. ס'איז מיר געווען גוט, און כ'ווייס נישט וואָס עס האָט מער געהאַלטן צוגעמאַכט מיינע אויגן — דאָס געפיל פון חרפה פאַר מיין וויינען און פאַר מיין אויפפירן זיך ווי אַ קינד, אָדער דאָס געפיל פון גוטסקייט, דאָס נישט וועלן די דאָזיקע גוטס־קייט זאָל זיך שנעל ענדיקן...

אַ גאַנצן טאָג איז דער שוחט נישט אָפּגעטראָטן פון מיר. בלויז אויף אַ קורצער צייט איז ער אַרויס צו זיין פריינט, און עפּעס אין פאַרהויז איינגעטענהט מיט אים. איך האָב געוווּסט וועגן וואָס...

אַריינקומענדיק, האָט ער מיר דערציילט, אַז מען וועט וואַרטן ביז מאָרגן, און אויב עס וועט קיין שום ידיעה נישט זיין, גייען זיי איבער דער גרעניץ ברענגען מיין פאַמיליע.

* * *

אין אָוונט, מיט אַ פֿאַרנעפּלטן באַוווסטזיין פֿון דער לעצטער וואָך און פֿונעם היינטיקן שלוכצן, בין איך געזעסן אין דער ליכטי־קער שטוב פֿונעם חזן און געהערט — מיט קלאַפּנדיקע ציין פֿון אינערלעכער קעלט — וואָס ער רעדט צו מיר. די פֿרוי מיט די קינדערלעך זענען געווען ביי אַ שכן.

פֿלוצלונג קומט עמיצער אַריין און זאָגט צום שוחט:

— די פֿרוי איז געקומען...

די דאָזיקע ווערטער האָבן מיר גאָרנישט געזאָגט. אָבער איך גיב אַ קוק אויפֿן שוחט — זיין פּנים שטראַלט מיט אַזאַ פֿרייד, ווי מען וואָלט אים אָנגעזאָגט די טייערסטע בשורה. און ערשט דער אָפּשיין פֿון די ווערטער אויף זיין פּנים האָט מיר איבערגעגעבן דעם אמתן זין פֿון די ווערטער.

— נו, — האָט ער ענדלעך געזאָגט, — ווער איז געווען נערעכט?

און ער האָט מיר אָנגענומען ביי דער האַנט מיט אַ וואַרעמ־קייט, וואָס איצט, אין 5 יאָר אַרום, פֿיל איך נאָך ווי זי נעמט אַרום מיין האַנט און פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער — ביזן האַרצן.

מיין גאַנץ ווזן האָט שוין געוווסט וואָס עס איז געשען, נאָר מיין באַוווסטזיין איז נאָך געווען ווי אַ תם, וואָס קאָן גאָרנישט באַגרייפֿן.

— וועמעס פֿרוי איז געקומען?

— אייערע, אייערע, — וועמעס דען, אויב נישט אייערע? איר דאַרפֿט נאָך פֿרעגן?

— אַז איך קוק אויף אייער פּנים, ווי עס שיינט פֿון דער ידיעה, פֿיל איך, אַז מיין פֿאַמיליע איז געקומען, אָבער מיין מוח באַגרייפֿט עס נישט. פֿונוואַנען ווייס איר אַט־אָ־דער ייד, אַז מיין פֿרוי איז געקומען?

— צום דאָזיקן ייד ברענגט מען די אַריבערגעשמוגלטע, האָב איך מיט אים אָפּגערעדט ער זאָל תּיכּף קומען אָנזאָגן. נו, קומט...

דעם גאַנצן וועג, ביז הינטערן שטעטל, האָט דעם חזנס פּנים געלויכטן אונטערן מעלאַניק. אויף צוריקוועגס איז ער געווען אַזוי אויפֿגערעגט פֿון דער באַגעגעניש פֿון צוויי יענע וועלטן, ווי דאָס וואָלט ער געהאַט פֿאַרלאָזט די פֿרוי מיטן קינד אין וואַרשע, אונטער

באמבעס, ביי די נאַציס; ווי דאָס וואָלט ער געלאָפן צוערשט פון די נאַציס, דערנאָך פון די באָלשעוויקעס, ווי אַ געיאָגטע חיה, וואָס קלאַמערט זיך אָן פּרימיטיוון, חיהשן לעבן אָן שום באַוווסטזיין, — בלויז מיטן חיהשן אינסטינקט; ווי דאָס וואָלט ער הילפלאָז און פּאַסיוו געוואַרט אין איישישאָק אויף דער פרוי מיטן קינד, וואָס וואַלגערן זיך שוין דריי וואָכן אויף דער גאַנצער לענג פון דער גרעניץ, אין שמוץ און אין קראַנקהייט, ווי גנבים, וואָס דאַרפן גנבענען זייער איינן ביסל פרייהייט, זייער פּרימיטיווסטן רעכט צו זיין דאָרט, וווּ זיי ווילן, און מיט וועמען זיי ווילן. איך האָב נישט נאָר געזען, — איך האָב געפילט, אַז דער איישישאָקער חזן און שוחט לעבט איבער די דאָזיקע באַגעגעניש מיט דער גאַנצער נשמה זיינער...

* * *

געקומען אהיים האָט ער נישט אַנדערש ווי געוואָלט פּאַר זיך די מצווה פון אַרומוואַשן ביי די געקומענע די פיס פון דער גע־דיכטער בלאָטע פון די גרעניץ־גריבער.

— לאָזט מיר די מצווה — האָט ער זיך געבעטן.

אמת, ער האָט דאָס מאָל נישט אויסגעפירט, — דערפאַר אָבער האָבן מיר געמוזט אָפּנעמען פאַר מיין פרוי און מיין זון זייערע צוויי בעטן. און זיי זענען געווען שטאַרק אומצופרידן, וואָס מיר ווילן נישט בלייבן כאָטש אַ פּאָר טעג אָפּרוען ביי זיי.

און ווען מען איז געגאַנגען אָפּנעמען די פּעקלעך פונם הינטער־שטעטלשן הויז, און ווען מען האָט געפירט די פּעקלעך צום אויטאָ־בוס, וואָס האָט אונדז באַדאַרפט פירן קיין ווילנע, האָט זיך קיינער נישט געטאָרט צורירן צו די שווערסטע פּעקלעך:

— דאָס איז מיין מצווה, — האָט ער געזאָגט מיט אַנט־שלאָסנקייט.

און ער האָט אויסגעפירט.

* * *

בעת די לאַנגע אָוונטן, ווען מיר פלעגן זיצן און שמועסן, — האָט זיך דער איישישאָקער חזן עטלעכע מאָל געקלאָגט, וואָס ער און זיין פריינט מוזן אָן „דזשאָינטשער„ הילף ראַטעווען און באַ־

זאָרגן די פּליטים. זיי מוזן אפילו אַליין צונויפנעמען די פּאָר גראָשן ביי די היגע באַלעבאַטים. און נישט יעדעס מאָל האָט מען נענוג אויף איבערצוקויפן די וואָך.

איך האָב אים צוגעזאָגט צו ריידן אין ווילנע מיט וועמען מען דאַרף, כדי דער „דזשאָינט" זאָל באַשטימען אַ סובסידיע און אַ קאָמיטעט, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן אַן אָרגאַניזירטע, ברייטע אַרבעט אין דאָזיקן וויכטיקן פּונקט — אין איישישאָק.

געקומען קיין ווילנע, האָב איך נאָך דעם זעלבן אָוונט גערעדט מיט ש. ג., אַז מען דאַרף ריידן מיט גיטערמאַנען, דעם דעמאָלטיקן פאָרשטייער פון „דזשאָינט" אין ווילנע. צומאָרגנס איז דער ענין געווען דערליידיקט. דער חזן און זיין פריינט האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו אַרבעטן ווי געהעריק.

און אַרבעט איז געווען. איישישאָק איז צו יענער צייט גע־וואָרן דער וויכטיקסטער גרעניץ־פּונקט — הונדערטער מענטשן אַ וואָך פלעגן אַריבערגיין די דאָרטיקע גרעניץ, און אַלע פלעגן דאַרפן האָבן אַן אָרט, וווּ איבערצונעכטיקן, שוין אָפּגערעדט פון די אָרעמ־טירטע, וועלכע מען פלעגט דאַרפן אויסקויפן פון דער ליטווישער וואַך.

עטלעכע מאָל איז דער חזן געקומען קיין ווילנע וועגן דער רעטונגס־אַרבעט פאַר די פּליטים. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אַרומגעקוקט איבער מיין צימער און אַ זאָג געטאָן אַ צעשטראָלטער:

— אָט זענט איר אַלע צוזאַמען. אַ גאַנצע פאַמיליע, גאָט צו דאַנקען.

איך וועל אויך נישט פאַרגעסן, ווי ער, דער איישישאָקער חזן, וואָס האָט נישט געוואָלט נעמען קיין פּרוטה פאַר קעכלען מיך אַ וואָך צייט, איז ממש ברוגז געוואָרן ווען איך האָב אים געבראַכט צו דער באַן שפּילצייג פאַר זיינע קינדער.

עס פלעגט מיך אָפט ציען צו אים. איך וואָלט אַזוי גערן זיך איבערגעפאָרן צו אים קיין איישישאָק צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע, נישט צו פאַרוויילן אים דעם קאָפּ, נאָר כדי צו שמועסן געמיטלעך אין דער געמיטלעכער היים פון דאָזיקן געמיטלעכן מענטשן, הערן זיינע ניגונים, קוקן אויף זיין געזונטן און דאָך פאַרגייסטיקטן פּנים. פּליטים האָבן אָבער נישט געהאַט קיין רעכט פריי אַרומצופאָרן

איבער ליטע, בפרט איבער גרעניץ־שטעטלעך. און כ׳האָב נישט געוואָלט שטעלן אין געפאַר נישט מיין פאַמיליע און נישט זיינע.

און ער איז געווען אין געפאַר. ער האָט דערציילט — און אַלע האָבן געוווסט — ווי אַזוי מען האָט ביי אים געפונען אונטער זיין בעט דעם ביאַליסטאָקער חזן פּאָדראַבינעק, ווי אַזוי מען האָט אים אַריבערגעוואָרפן איבער יענער זייט גרעניץ און ווי אַזוי ער האָט אים ווידער אויפגענומען ביי זיך. עס זענען דורך זיין שטוב דורכגעגאַנגען אַזויפיל פּליטים, אַז די ליטווישע מאַכט האָט גע־נומען קוקן קרום אויף אים און אויף זיין הויז.

און די שטראָף האָט אים נישט אויסגעמיטן. ער איז איינמאָל געקומען קיין ווילנע אַ צעקיילטער און צעביילטער. די ליטווישע מאַכט איז אַראָפּגעקומען אין זיין היים, אים גופא צעשלאָגן אויף וואָס די וועלט שטייט, אַלץ אין הויז צעראַבירט און צעבראָכן און אים געוואָרנט, אַז אַ צווייטן מאָל וועט מען אים אינגאַנצן הרגענען.

ער איז געקומען קיין ווילנע צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס — אַרויסנעמען ביי אַ דאָקטאָר אַ צייגעניש אויף זיינע ווונדן, און צווייטנס — דערליידיקן לויפנדיקע ענינים וועגן ראַטעווען פּליטים.

די ביקסן־קאָלבעס פון די ליטווינער זענען געווען צו שוואַך אויף צו ברעכן דאָס יידישע האַרץ פונם איישישאָקער חזן.

און מער האָב איך אים נישט געזען. צוערשט זענען געקומען די באָלשעוויקעס און מיך פאַריאָגט קיין שאַנכיי; און דערנאָך זענען געקומען די נאַצים און אים פאַריאָגט...

וווהין ?...

* * *

עטלעכע מאָל האָט ער מיט מיר גערעדט וועגן איישישאָק. ער האָט מיר דערציילט וועגן מאַראַדיאָרן, וועלכע לויערן אויף פּליטים און באַרויבן זיי. ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט אַ וויטאָק אין האַרצן. אָבער מיט נישט קיין קלענערן וויטאָק האָט ער גע־רעדט וועגן די אַמעריקאַנער ציטונגען, וואָס שרייבן וועגן איישי־שאָק ווי וועגן אַ נעסט פון רויבער.

איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז די יידישע וועלט וועט וויסן אויך וועגן דער נעסט פון יידישער רחמנות און ברידערלעכער ליבע, וואָס הונדערטער מענטשן האָבן זיי געפונען ביי אים אין שטוב, ביי אים און ביי זיין פרוי, — און ביי נאָך איישישאָקער יידן.

און מיין צוזאָג האָט אים פאַרשאַפט הנאה — זיין איישישאָק, וואָס איז צוליב מיר געבליבן אָן פלייש, וועט דורך מיר רעהאַבי־ליטירט ווערן.

און איך האָב דאָס באַטראַכט פאַר א חוב: זענען טאַקע דאָ אפילו אין דער יידישער וועלט אַזויפיל אַזעלכע איישישאָקער חזנים, מיר זאָלן זיך קאָנען פאַרגינען זיי צו פאַרשווייגן? האָבן מיר דען א שענערע פאָן, ווי אַזעלכע יידן?

מיין צוזאָג האָט פאַרשפּעטיקט נישט צוליב מיין שולד. זען מיין אויסגעפירטן צוזאָג וואָלט ער שוין סיי־ווי נישט געקאָנט: ער איז אַזוי שנעל פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט.

* * *

וויפיל מאָל איך פלעג טרעפן אין שאַנכיי א פּליט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט דורך איישישאָק, פלעג איך אים אויספרעגן צי ער קען דעם חזן. און אויב יאָ, פלעג איך זיך דערוואַרעמען מיט דערינערונגען וועגן דאָזיקן זעלטענעם מענטשן.

פאַר די העכער זיבן יאָר, זינט איך בין נע־ונד איבער דער וועלט, האָב איך געזען אַזויפיל מענטשן, און דאָך איז דער קראַנץ מענטשן־פּערל, וועלכע איך האָב אויפגעקליבן צווישן זיי, אַזוי קליין, אַזוי קליין.

צווישן די דאָזיקע פּערל פאַרנעמט איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער דער חזן און שוחט פון איישישאָק, וואָס צוליב עגמת נפש איבער מיר, האָט ער געלאָזן זיין שטאָט אָן פלייש.

ווען איך טראַכט וועגן אים (און איך טראַכט וועגן אים גאַנץ אָפט), פיל איך א מאָדנעם געפיל: ווי קאָן מען זאָגן, אַז דער מענטש איז קיין מענטש נישט, אויב עס זענען פאָרט דאָ אַזעלכע ווי דער איישישאָקער חזן? *)

מעלבורן, מערץ, 1947.

*) איך האָב פאַרגעסן זיין פאַמיליע (זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ „ט", — דאַכט זיך טאָבאָלסקי), ווי אויך די פאַמיליע פון זיין חבר, דעם הויכן, מאָגערן יונגנמאַן. אפשר קאָן מיר עמיצער פון די פּליטים דערמאָנען זייערע נעמען און פאַמיליעס?

ו) ער איז גערעכט געווען

(אַן עפּיזאָד אין מיין לעבן)

יענעם פּורים צו דער סעודה בין איך געווען זייער שלעכט געשטימט. אָנשטאָט צו פאָרן אהיים קיין ב., ווי איך האָב זיך גערעכט, האָב איך געמוזט פארבלייבן אין פרעמדן וו. צוליב א קליינער, אָבער זייער אומאַנגענעמער סיבה: איך האָב קיין געלט נישט געהאַט אויף א באַן־בילעט. א ליידיקע קעשענע רופט תמיד ארויס א שלעכטע שטימונג, אָבער באזונדערס דאן, ווען זי דער־ווערגט א האָפנונג, וואָס האָט וואָכן־לאַנג גענערט די אנגענעמסטע טאָג־טרוימען.

איך האָב יענעם פּורים צו דער סעודה פרי אָפּגעגעסן מיין אוונט־ברויט, וואָס איז געווען אָרים אפילו פאר אן אינדערוואָכיקן טאָג. איך האָב געגעסן א בייזער, אָן אפּעטיט, בלויז כדי שפּעטער, בעת דער סעודה, זאָל איך נישט דארפן דורכגיין דעם באַלעבאַ־טימס עס־צימער, גייענדיק אין דער קיך נאָך טיי; נאָכן עסן האָב איך ארויסגערוקט דעם שרייב־טיש אינמיטן צימער, אונטערן סאַמע לאָמפּ, און מיטן ווינטער־מאַנטל אויף די אַקסלען זיך געזעצט אַרבעטן (אפילו פּורים־צייט איז אין מיין גרויסן קאַלטן צימער אוממעגלעך געווען צו אַרבעטן אָן א ווינטער־מאַנטל אויף די אַקסלען).

פון דערבייאיקן צימער האָבן זיך צו מיר דערטראָגן די אָפּ־קלאַנגען פון יענער יום־טובדיקער שטימונג, וואָס האָט מיר איצט אַזוי פיינלעך געפעלט. ביים גרויסן, צערוקטן טיש (וועלכן איך האָב גוט געקענט), זענען געזעסן די באַלעבאַטים מיט קרובים און געסט. מען האָט געטרונקען לחיים׳ס, מען האָט געקלונגען מיט די גאָפּל־מעסער און מען האָט הילכיק געלאַכט און גערעכט גע־רעדט.

דער באַלעבאָס (לויט דער אָפּשטאַמונג א קאַרלינער חסיד, איז געווען אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה; אינדערוואָכן כמעט אינגאַנצן א וועלטלעכער, פלעגט ער אָנטאָן די קאַפּאָטע און דאָס חסידישע היטעלע בלויז אין די שבתים און יום־טובים) האָט דאָס מאָל געפּראַוועט די סעודה גאר מיט א באַזונדערן גלאַנץ: ער

האָט געהאַט צו דער סעודה אַ געהויבענעם גאַסט, זיין באַלעבאָס, דעם קעניג פון דער פּוילישער לאָטעריע, ליכטנשטיין.

מיין באַלעבאָס איז געווען אַ זון פון אַמאָליקן קעניג פון דער לאָטעריע, קאַרלינער (אַ קאַרלינער חסיד, איז זיין פאַמיליע אויך געווען קאַרלינער), און האַלטנדיק אויף אַ שטעלע דעם זון פון דער אָפּגעפּאָרענער דינאַסטיע, האָט ער אַרויסגעוויזן צו אים גנאָד נישט נאָר דורך צאָלן אַ גרויסן געהאַלט, נאָר אויך דורך איינלאַדן די פאַמיליע פון אָנגעשטעלטן צוגאַסט. און דאָס מאָל האָט ער אַפילו אָנגענומען די איינלאַדונג פון זיין אָנגעשטעלטן קומען צו אים צו דער סעודה.

קאָן דען זיין אַ גרעסערע שמחה פאַר אַ קליינבירגערלעכן, האַלב-חסידישן, האַלב-וועלטלעכן יונגנמאַן? ליכטנשטיין גופא וועט זיין ביי אים! — ליכטנשטיין, דער גרויסער גביר, וואָס ברענט אַ וועלט, ווי שלום עליכם דריקט זיך אויס וועגן אַזעלכע מענטשן; וואָס פירט דאָס רעדל ברייט, מיט אַזאַרט; וואָס איז אי חסיד, אי לעבעמאַן; וואָס פאָרט אריין צום רבין אויף אַ שבת און ברענגט דעם פיינעם פּדיון און שבת-צונאַכטס, נאָך הבדלה, מיט דעם רבינס ברכה אויף דער נשמה און נאָך פילנדיק די וואַרעמקייט פון רבינס לאַנגן עליכם-שלום, פאָרט ער אריין צו זיין שיקסע, וועלכע ער האַלט אויס אין אַ פיינער דירה, נאָך מיט מער ברייטקייט, ווי דעם רבין; מיט איין וואָרט, די קאַרלינערס, וואָס פלעגן בכלל לעבן מיט אַ ברייטער האַנט, חסידיש-נגידיש, האָבן דאָס מאָל בכלל פאַרגעסן וועגן ווערט פון געלט, — אַז ליכטנשטיין מיט דער פאַמיליע קומט צו אים, דאַרף מען מאַכן אַ סעודה כיד המלך.

די וואַסערן פון דער דווינע און דער אַא פליסן זייט ביי זייט, אַריינפאַלנדיק אין ים, און מישן זיך נישט אויס — איין שטראָם איז שוואַרץ ווי טינט און דער צווייטער — העל און דורכזיכטיק. צו די דאָזיקע צוויי שטראָמען זענען ענלעך געווען די שטימונגען אין די צוויי שכנותדיקע צימערן: ביי מיר און ביים באַלעבאָס. זיי זענען געווען די נאָענטסטע שכנים — אָבער צונויפמישן האָבן זיי זיך נישט געקאָנט: מיין שוואַרצע שטימונג איז עקשנותדיק געווען איינגעשלאָסן אין זיך און נישט דורכגעלאָזן דורך איר שוואַרצן שטראָם קיין איין העלן קלאַנג פונם שטראָם, וואָס האָט זי אַרומגעשווענקט מיט אַזאַ פליס און אימפּעט.

מיטאמאָל איז געוואָרן שטיל אין צווייטן צימער: אוים גע־לעכטער, אוים רייד, אוים קלינגעניש פון מעסער־גאָפּל. איך קאָן עד היום נישט פאַרשטיין פאַרוואָס, נאָר איך האָב גלייך געהאַט דאָס געפיל, אַז די איינגעטראָטענע שטילקייט האָט אַ שייכות מיט מיר. איך בין געווען אַזוי זיכער אין דעם, אַז אין אַ מינוט אַרום, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין מיין טיר, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַך האָב דעם דאָזיקן קלאַפּ דערוואַרט. איך האָב געזאָגט: — אַריין!

די טיר האָט זיך געעפנט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע אַ טעאַטער־סצענע. אין דער טיר איז געשטאַנען ליכטנשטיינס בויך, באַהאָנגען מיט דער גביריש־אַלטמאָדישער גאָלדענער קייט, הינטער אים מיין באַלעבאָס, און דערנאָך נאָך צוויי־דריי פּערזאָן, און הינטער זיי דער לאַנגער־לאַנגער טיש, און נעבן די אָפּגע־רוקטע שטולן זענען אין שווייגנדיקער דערוואַרטונג געשטאַנען אַלע געסט און היימישע מיט די פּנימער צו דער טיר.

איך בין נישט־ווילנדיק אויפגעשטאַנען און געקוקט אויף דער טעאַטער־סצענע, אַליין — באַטראַכט פון דער צווייטער זייט — מסתמא אויך נישט קיין שלעכטער פּאַנדאַן צו דער סצענע, מיט מיין אויסגעריבענעם ווינטער־מאַנטל אויף די אַקסלען, ביים וואַכע־דיקן טישל מיט די עטלעכע פאַרשריבענע און ליידיקע זייטלעך.

און די פּראָצעסיע האָט זיך גענומען דערנענטערן, באַגלייט דורך פייערלעכע בליקן פון הינטן און דורך אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן פון פאָרנט.

אָבער מיין פאַרוווּנדערונג האָט לאַנג נישט געדויערט, — די שטומע סצענע איז שנעל איבערגעגאַנגען אין טעאַטראַלישער אַקציע, — אין דיאַלאָג, — אין אַ קורצן, אָבער אינהאַלטסרייכן, העכסט־טעאַטראַלישן דיאַלאָג.

— דאָס איז הער ליכטנשטיין, — האָט געזאָגט מיין באַלעבאָס, — פון דער לאָטעריע. און די גבירישע האַנט, וואָס האָט אויס־געזען צו קורץ צוליבן גרויסן בויך, האָט געדריקט מיינע.

— איך האָב דערציילט הער ליכטנשטיינען, — האָט מיין באַלעבאָס ווייטער גערעדט, — אַז דאָ וווינט ביי מיר אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט נישט קיין פּרנסה, האָט ער זיך אַרויסגערופן צו העלפן אייך.

און נישט אָפּוואַרטנדיק מיין ענטפער, אָן לאַנגע שהיות, שטייענדיקערהייט (איך האָב געהאַט בלויז איין שטול), האָט ליכטנשטיין איינגעפּעדימט פאָלגנדן דיאַלאָג:

— שרייבט פאַר מיר אַנאָנסן אין דער יידישער פּרעסע.

— קיין אַנאָנסן שרייב איך נישט.

— וואָס הייסט? איר זענט דאָך אַ שרייבער!

— אַ שרייבער בין איך, אָבער נישט פון אַנאָנסן.

— וועל איך אייך געבן פּוילישע אַנאָנסן און איר איבערזעצט עס פאַר דער יידישער פּרעסע אין יידיש.

— מיט קיין אַנאָנסן פאַרנעם איך זיך נישט.

— איר דאַרפט דאָך נאָר איבערזעצן!?

— איך וויל נישט.

— יונגערמאַן, איר וועט חרטה האָבן...

און ווידער ווי אין אַ טעאַטער: די סצענע האָט זיך גענומען באַוועגן צוריק, פון מיין צימער אין צווייטן אריין. ליכטנשטיינס בויך (אינטערעסאַנט: איך געדענק נאָר זיין בויך, דעם פּנים — נישט) האָט זיך אומגעדרייט, גענומען שפּרייזן צו דער טיר; נאָך אים מיין באַלעבאָס קאַרלינער און די עטלעכע אַקטיווערע פּערזאָנען פון דער מאַסן־סצענע, און איך בין געבליבן אַליין.

* * *

צי האָב איך גוט געהאַנדלט, אָפּשטויסנדיק ליכטנשטיינס הילפס־גרייטע האַנט, אָדער נישט? די דאָזיקע פראַגע איז פאַר מיר יאָרן־לאַנג גאָר נישט געשטאַנען, פּונקט ווי זי איז נישט געשטאַנען פאַר מיר אין יענעם מאָמענט, בעת דער טעאַטראַלער סצענע ווי דער גביר גייט העלפן דעם אָרימען בטלן. איך האָב דאַן — און יאָרן־לאַנג שפּעטער — נישט אַנאַליזירט לאָגיש יענע געשעעניש, וואָס איז אפשר געווען בכוח צו ענדערן דעם מאַטעריעלן גאַנג פון מיין לעבן און דעם גייסטיקן טעמפּאָ פון מיין אַרבעט: איך האָב אין יענעם מאָמענט בלויז געפילט, אַז איך מוז פאַרטיידיקן דעם כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע מען וויל דערנידעריקן צו דער מדרגה פון אַן אַנאָנסן־מאַכעריי. און די זעלבע זיכערקייט האָב איך געהאַט יאָרן־לאַנג און איך בין שטאָלץ

געוועזן דערויף, וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט גאָרנישט געהאַט גובר צו זיין אַ נסיון — דאָס איז פאַר מיר גאָר קיין נסיון נישט געוועזן: מיט קיין שום פאַרלאָקונגען האָט קיין שום ליכטנשטיין נישט געקאָנט אוועקנאַרן מיך פון דער ריינער ליטעראַטור, ווי איך האָב זי געפילט און פאַרשטאַנען, אויף וויפיל איך בין בכוח געוועזן איר צו דינען.

וואָלט ליכטנשטיין געווען געקומען צו מיר דיסקרעט, אויג אויף אויג און מיר פאָרגעלייגט הילף, וואָלט ער מיך אפשר מיט מי דאָן געווען געקאָנט איבערצייגן, אַז מען קאָן שרייבן אָדער איבערזעצן אַנאָנסן פאַר דער רעגירונגס־לאָטעריע און בלייבן טריי דער ליטעראַטור, — אדרבא, באַקומען אַ מעגלעכקייט צו שאַפן אומאָפּהענגיקער און דערפאָלגרייכער, ווייל — זאַטער און מאַ־טעריעל רואיקער. און אויב ער וואָלט מיך דאָן נישט איבערצייגט — וואָס דאָס איז, אויף וויפיל איך געדענק זיך פון דאָן — נישט אויסגעשלאָסן, וואָלט איך לכל הפּחות געפּרוווט די הילפס־גרייטקייט זיינע אַריבערצולאָקן אויפן ליטעראַרישן געביט: אויב ער וויל מיר העלפן, זאָל ער שאַפן אַ פאַרלאַג, אַ זשורנאַל, העלפן אַרויס־געבן מיינעם אַ בוך.

אָבער ער איז נישט געקומען ווי אַ מענטש, וואָס האָט מיטלען און וויל העלפן, נאָר ווי אַ גביר, וואָס מען האָט אים געטראָפן גראָד אין אַ מאָמענט פון „כטוב לב המלך ביין" און גלייך אויף דער שטעל האָט ער די פאַרוווּנדערטע און איבערראַשטע צושויער געוואָלט באַווייזן זיין ברייט הארץ און זיין מאַכט: איין וואָרט זיינס און אַן אָרימער יידישער שרייבער ווערט אויפגעריכט און דינט זיין לאָטעריע.

און אינסטינקטיוו האָב איך אים נישט פאַרגונען דעם מאָמענט פון טריאומף. איך האָב אים אינסטינקטיוו געוואָלט ווייזן, אַז עס זענען דאָ שטאַרקערע זאַכן פאַר געלט, אַז זיין קאַפּריז איז נישט אַלמעכטיק.

און ער האָט דאָס אויפגענומען ווי אַ באַליידיקונג און אַ מפּלה: אַזויפיל אויגן האָבן געקוקט און געזען זיין גבירישע אָנמאַכט, זיין גביריש־נדבנישע אָנמאַכט.

און ליכטנשטיין האָט פאַרן צוריקצוג געוואָלט ראַטעווען זיין אָנזען און אין זיינע ווערטער: „יונגערמאַן, איר וועט חרטה

האָבן!" און אינם טאָן פון די דאָזיקע ווערטער איז געווען נישט נאָר באַליידיקטע פאַרוואונדערונג, נאָר אויך זיכערקייט אין טריאומף, הגם פון אַ פּאַרשפּעטיקטן.

און אין קנאַפּע צוואַנציק יאָר אַרום מוז איך, למען האמת, מודה זיין: ער איז פאַרט געווען גערעכט... נאָך אַזויפיל יאָרן זיכערקייט אין מיין טריאומף, מוז איך מודה זיין אין מיין סוף־כל־סופיקער מפּלה. וואָס פאַר אַ ווערט האָט מיין דעמאָלטיקער און מיין לאַנגיאָריקער טריאומף, אויב איך הויב אים אָן צו שפּירן אַלס אומזיסטן, אַלס נישט־נויטיקן?

אין שאַנכיי, ווו די געצוווּנגענע אומטעטיקייט האָט מיר געגעבן אַ סך צייט צו אַנאַליזירן אַ סך פון דעם, וואָס איך האָב געטאָן אונטערן דרוק פון אימפּולסן, האָב איך גענומען איינזען ווי זינלאָז עס זענען אונדזערע שענסטע אימפּולסן, ווי אומנאָרמאַל אין די ראַמען פון נאָרמאַלן לעבן, ווי אומנויטיק.

„יונגערמאַן, איר וועט חרטה האָבן!" האָט געזאָגט צו מיר נישט דער באַליידיקטער ליכטנשטיין, נאָר דאָס לעבן גופא, וואָס האָט נישט קיין אָרט פאַר דער אומנאָרמאַלער שיינקייט, וואָס טריאומפירט איבער איר נישט נאָר אָביעקטיוו, נאָר אפילו סוביעקטיוו, לערנענדיק מיט דער צייט די טרעגער גופא פון דער אומנאָרמאַלער שיינקייט, אַז זיי זענען דעגענערירטע קינדער פון דער ערד, פון ערדישן לעבן, אַז זייער שיינקייט איז אַ היץ־טרוים, אַ זעלבסטצעשטערונג.

און פאַרנייגנדיק זיך פאַרן אומשטערבלעכן ליכטנשטיין, זאָג איך צו אים מיט טרויער און הכנעה:

— ביזט גערעכט געווען; איך האָב חרטה אויף מיין דעמאָלטיקן אָפּזאָג.

אויף אַלע מיינע אָפּזאָגן, אויף יעדן איינעם פון וועלכע ה' ליכטנשטיין וואָלט געווען געזאָגט מיט ברוטאַלער זיכערקייט:

— יונגערמאַן, איר וועט חרטה האָבן!...

שאַנכיי, סוף נאָוועמבער, 1944.

ז) אדם נאַקעט...

פאַראַן שטיקלעך ווירקלעכקייט, וואָס באַפאַלן אייך מיט אַזעלכע שאַרפע נעגל, אַז זיי לאָזן אייך שוין נישט אָפּ אַ גאַנץ לעבן, פאָדערנדיק אַ תיקון, אַ באַפרייענדיקן, אָביעקטיווירנדיקן אויסדרוק.

אַ פיצל פון אָט דעם מין ווירקלעכקייט איז מיך באַפאַלן מיט 20 יאָר צוריק אויפן ריגער ים־ברעג. פונקט ווי אין ערשטן טאָג פון איינדרוק, פיל איך די גאַנצע 20 יאָר אַן אומשטילבאַרע באַדערפעניש אים אויפצושרייבן, צו פאַרקערפערן אים אין וואָרט. איך האָב שוין טויזנט מאָל אָנגעהויבן דאָס צו טאָן און טויזנט מאָל אויפגעהערט, דער עיקר צוליב דעם, ווייל די דאָזיקע שטיקל ווירקלעכקייט פאָדערט די פעדער פון אַ דאָסטאָיעווסקי אָדער פון אַ טשעכאָוו, אָבער די לעצטע צייט פיל איך באַזונדערס שטאַרק אַ באַדערפעניש צו באַפרייען זיך פון דער פאַר־צוואַנציק יאָריקער איבערלעבונג, — איך רעכן צוליב דעם, ווייל די שטימונג פון דער דעמאָלטיקער איבערלעבונג איז באַזונדערס נאָענט, אינטים־נאָענט צו מיין שטימונג אין שאַכיי 1945. און איך גיב נאָך דער דאָזיקער אינערלעכער פאָדערונג, הגם איך ווייס, אַז באַפרידיקנדיק זי, טו איך איר אַן אומפאַרציילעכע עוולה.

און אפשר זיך אויך.

* * *

אין די נאָכמיטאָג־שעהן, צווישן 2 און 4, ווען אַלע פּאַנסיאָן־געסט רוען, פלעג איך ליב האָבן אַרויסצוגיין אויפן פוסטן ים־ברעג. אַ מען קאָן זיך באָדן אינגאַנצן נאַקעט, אָן באָד־הייזלעך, אַ מען קאָן ליגן אויפן דעליקאַטן זאַמד און צוהערן זיך צום ריינעם ים־גערויש, וועלכער ווערט דאַן נישט פאַרשלונגען דורך די גראַגערדיקע שטימען פון די טומלדיקע, וווּלגאַרע באָד־געסט, וועלכע פאַרוואַנדלען די מאַיעסטעטישע ים־נאַטור אין אַ יאַריד־פּלאַץ פון די נידעריקסטע ליידנשאַפטן און כאַראַקטער־חסרונות.

איינמאָל, אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, צוריקקומענדיק פון ים צו דער קליינער זאַמד־הויכקייט, ווו איך האָב איבערגעלאָזן מיינע זאַכן, האָב איך דערזען ליגן אַ יונגנמאַן. ער איז געלעגן נעבן

מיינע זאַכן, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעהיט, און ער האָט אויפגענומען מיין צוקומען מיט אַזאַ מאַנגל פון אויפמערקזאַמקייט, ווי איך וואָלט אים נאָר־וואָס געהאַט פאַרלאָזן, ווי מיר וואָלטן דאָ געלעגן זייט ביי זייט דעם גאַנצן טאָג.

דער אומבאַקאַנטער איז געלעגן, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט דער רעכטער האַנט. זיין גאַנצער קערפּער, ווי אויך דאָס פּנים זענען געווען אומבאַוועגלעך, בלויז די אויגן זענען געווען אומרואיק, פול מיט קאָנצענטרירטקייט, — נישט אַזוי פון געדאַנק, ווו פון ווייטאָק. דאָס זענען געווען אויגן פון אַ פּיבער־קראַנקן, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון קערפּערלעכער פאַרחלשטקייט, פון קערפּערלעכער אָפּוועזהייט.

איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן זאַמד, מאָדנע באַאומרואיקט דורך דער אָנוועזנהייט פון דאָזיקן שטילן, אומבאַוועגלעכן אומ־באַקאַנטן, וועלכער האָט ווי נישט באַמערקט מיין צוקומען. ער האָט מיך מיט גאָרנישט נישט געשטערט, אָבער די לופט אַרום אים איז אָנגעלאָדן געווען מיט אומרו, וואָס האָט צוגענומען ביי מיר די אומגעצווונגענקייט, די פּרייקייט פון פילן און האַלטן זיך, וואָס האָט מיך נאָך מיט עטלעכע מינוט פריער אינגאַנצן אויס־געפילט.

איך האָב זיך געפילט אומבאַקוועם אי פון זיין, אי פון מיין שווייגן, און דאָך האָב איך נישט געקאָנט ברעכן דאָס דאָזיקע שווייגן: איך האָב נישט געוווסט ווי. איך האָב אפילו דורכגע־לאָזן די געלעגנהייט פון דער געוויינלעכער באַגריסונג, אַזוי בין איך איבערראַשט געווען פון פּלוצלונגדיקן שותּף אין מיין איינ־זאַמקייט, — פון דאָזיקן שותּף, וועלכער האָט זיך אַזוי ווייניק אַריינגעפּאַסט אין דער זאָרגלאָזער שטימונג פון זומערדיקן נאָכ־מיטאָג אויפן ים־ברעג.

דאָס שווייגן האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער אומבאַקאַנטער האָט גענומען ריידן, ווי צו זיך אַליין, נישט לייגנדיק קיין שום אכט אויף מיר. זיין שטים איז געווען געלאַסן, אָבער נאָר אויסער־לעך: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אָנגעלאָדן מיט דעם זעלבן ליידנשאַפטלעכן ווייטאָק, ווי זיינע אויגן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אויסערלעך איז די געלאַסנקייט פון דער שטימע געווען אונטערגעגעבעט מיט איראָניע, מיט אַ מאָדנעם מין פאַרצווייפלטער זעלבסט־איראָניע.

— וואָס זאָל טאָן אַזאַ מענטש, ווי איך, וואָס האָט שוין אָפּגעפּטרט דעם פּריזיוו? חתונה האָבן? עפּענען אַ קרעמל? האָבן קינדער? וואָס זאָל איך טאָן? אַ?

און מיטאַמאָל האָט ער אַ קער געטאָן צו מיר די אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— אַ? חתונה האָבן, עפּענען אַ קרעמל?

און זיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט יענעם פאַרצווייפלטן פראַגע־צייכן, וואָס אויב ער איז נישט קיין אויסדרוק פון משוגעת, פירט ער צו איר.

מיר איז געוואָרן קאַלט: איך האָב דערזען פאַר זיך אַ מענטשן אויפן ראַנד פון משוגעת־אָפּגרונט, וווהין ער פאַלט אָן אָפּהאַלט שוין בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אַריינגעבליקט אין אָפּגרונט פון לעבן.

— אַ? חתונה האָבן? עפּענען אַ קרעמל?

אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פלוצלונגער פראַגע, איז אָפּגעשטאַרבן אויף די צעעפנטע ליפּן, — פון הינטער דעם אָפּגרונט־טיפן טרויער פון יונגעמאַנס אויגן האָט זיך גענומען אויסשיילן אַ סאַרקאַזם, אַ זעלבסט־זיכערער אין זיין זיג. ער האָט געקוקט אויף מיר, זיכער אין דעם, אַז אַלץ, וואָס איך קאָן אים ענטפערן, איז נישטיק אין פאַרגלייך מיט דער געבורט־געשיכטע פון זיין איינפאַכער פראַגע...

איך האָב דערפילט, אַז אַלץ וואָס איך קאָן דערלאַנגען דעם דאָזיקן זיך־טרינקענדיקן, איז ווי איבערגעברענטע שטרויעלעך, אָן האַפט, זינלאָז פאַר דעם, וואָס קאָן שוין נישט אַנדערש, ווי נאָר זוכן דעם זין, דעם לעצטן זין, וועלכן קיינער קאָן אים נישט געבן.

איך האָב נישט געוווסט: צי שטאַמט די פאַרצווייפלונג דערפון, וואָס דעם דאָזיקן, ווי נאָך אַ קרענק אָפּגעצערטן, יונגנמאַן ווילט זיך עפּעס אַנדערשס, ווי דאָס, וואָס דאָס לעבן, דאָס קליין־בירגערלעכע יידישע לעבן רוקט אים אונטער אַלס העכסטן ציל: חתונה און אַ קרעמל?, אָדער שטאַמט זי דערפון, וואָס אַראָפּ־געפאַלן, אַן אַנטוישטער, פון העכערע וועלטן, וויל ער זיך אָנהאַלטן אין דאָס לעצטע: אין אַ פרוי און אַ קרעמל, און ער פילט, אַז דאָס איז קיין אָנהאַלט נישט פאַר אים?

איך האָב געפילט, ווי נישט נאָר מיין זיכערקייט, — אויך די

גלייכגעוויכט פון דער גרויסער, רייכער, קלוגער וועלט נעמט זיך וואַקלען אונטערן מעכטיקן שטויס פון איין פאַרצווייפלט־גריבלענדיקן מענטשן. מיר איז געוואָרן אומהיימלעך. די אומהיימלעכקייט האָט איצט געשטראָמט נישט בלויז פון יונגנמאַן, נאָר פון מיר גופא. איך האָב געפּרוּווט קעמפן מיט דער דאָזיקער אומהיימלעכקייט. איך האָב זי געוואָלט פאַרשרייען דורך ווערטער, און איך האָב גענומען ריידן איבערגעוואָלט, צוגעבנדיק זיך דרייסטקייט מיט איראָניע, מיט אַ טאָן פון העכערקייט, ווי מען רעדט צו אַ קינד, וואָס כאַפּט זיך אַרום מיט אַ נאַרישקייט; אָבער אונטערן איבערוואַכנדיקן בליק, וואָס קומט ווי פון יענער זייט לעבן, פון וואַנען עס זעט זיך בעסער, זענען מיר מיינע ווערטער פאַרגעקומען אַזוי נישט־וואָגיק, אַזוי נאַריש אין זייער פּוסט־גאַוהדיקן אָנשטעל, אַז איך האָב זיך פאַרשעמט אי פאַרן יונגנמאַן, אי פאַר זיך אַליין.

כדי צו פאַרדעקן מיין צעטומלטקייט און פולשטענדיקע פאַרלוירנקייט, האָב איך זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. כ'האָב אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס העמד און גענומען צוקנעפּלען.

דער יונגערמאַן האָט אָבער נישט בדעה געהאַט מוותר צו זיין אויף זיין רויב.

— וואָס זאָגן עפּעס די פילאָזאָפן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. — איז דאָ אויך אַ גייסט, אַחוץ דעם ים, דעם הימל, דעם זאַמד? וואָס זאָגן עפּעס די פילאָזאָפן?

איך האָב געפילט: דער געוואַלטיקער ווייטאָק, וואָס האָט אַמאָל אויסגעפילט די דאָזיקע פראַגע, האָט זיך מיט דער צייט אַביסל איינגעקאָרטשעט, געלאָזן אָרט פאַר אַ שותף, דעם סאַרקאַזם, וועלכער שטויסט אַלץ מער און מער אַרויס דעם אומדערטרעגלעכן ווייטאָק; איך האָב געפילט דעם סאַרקאַזם, וואָס איז גיפטיק געצילט אין מיר, אָבער איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דאָזיקן רעטונגס־שטרויעלע: איך האָב באַקומען אַ גרויסע טעמע, וואָס וועט מיר געבן די מעגלעכקייט זיך צו רעוואַנשירן פאַרן דורכפאַל מיט מיין ענטפער אויף די קליינלעכע לעבנס־פראַגן: „חתונה האָבן? עפּעס נעמען אַ קרעמל? האָבן קינדער?” דאָ קאָן איך ריידן, און אפשר טאַקע העלפן אַ זוכנדיקן, אַ בלינדן, וואָס ווייס נישט וועגן ליכט, וואָס אַנרי בערגסאָן האָט אַריינגעבראַכט אין דער וועלט פון די דאָזיקע פאַרשאָלטענע פראַגן.

איך האָב דערפילט, אַז עס קומט אַ גרויסער מאָמענט, ווען

איך קאָן צוזאַרפן אַ זיך־טרינקענדיקן דעם לעבנס־אַנקער, וואָס בערגסאָנס שעפערישע עוואָלוציע האָט מיר געגעבן.

די אומהיימלעכקייט איז פאַרשווונדן, די וועלט האָט ווידער באַקומען איר גלייכגעוויכט, איך האָב גענומען ריידן וועגן דעם דואַליזם פון מאַטעריע און גייסט, וועגן דער דורכדרינגונג פון דער מאַטעריע מיט גייסט, וועגן אָט דעם העראָאישן פּראָצעס פון דער וועלט־געשיכטע, וואָס גיט אַ זין דער וועלט...

איך בין אַריין אין עקסטאַז, איך האָב געפילט, ווי יעדעס וואָרט איז ווי טשוואָק, וואָס פעסטיקט מיין פּאָזיציע, נישט צו רירן פון אָרט; איך בין אויפגעשפּרונגען און גענומען אַריינטרעפן מיטן רעכטן פוס אין אַ הויז, נישט אויפהערנדיק צו פּרעדיקן די האַרמאָניע, וואָס בערגסאָן טראָגט אַריין אין די פאַרשאָלטענע פראַגן.

און מיטאַמאָל:

— אַזוי? אַזוי זאָגן טאַקע די פילאָזאָפן?

אין די דאָזיקע פּשוטע ווערטער איז געווען אי גרענעצלאָזע אַנטוישונג פון יאָרטויזנטער, אי האַרצברעכנדע פאַרצווייפלונג, אי פאַראַכטונג און שנאה פון אַן אומהיילבאַר זעעוודיק־געוואָרענעם צו אַ נאָך גליקלעך בלינדן...

איך האָב די גאַנצע צייט פון מיין לעקציע נישט געהאַט קיין מוט צו קוקן אויפן יונגנמאַן, אָבער איצט האָב איך אויך פאַרלוירן דעם מוט צו קוקן אויפן ים, אויפן הימל, אויף דער קלאָרער וועלט, וואָס קאָן אַזוי טונקל מאַכן אויפן האַרצן, און איך האָב אַראָפּגע־לאָזט די אויגן און דערזען, ווי מיין רעכטער פוס וויל נאָך אַלץ אַריינטרעפן אין לינקן הויז, און איך האָב דערזען ווי איך שטיי מיט דער ערוה אַרויס, און עס האָט מיך אָפּגעבריט אויף אייביק דער געדאַנק: די פילאָזאָפיע און די וויסנשאַפט בלייבן שטיין מיט דער ערוה אַרויס, ווען דער מענטש הערט זיך אויף צו שפּילן מיט זיי, נאָר פאַלט־צו צו זיי אין זיין גרויסער לעבנס־אַנגסט, אַנטשלאָסן אין אָנפאַל פון קלאָר־זעעוודיקן משוגעת צו אַנטשיידן די פראַגע פון פראַגן: זין אָדער אומזין?

נישט איך בין געשטאַנען מיט דער ערוה אַרויס קעגן הימל און ים — דער מענטשלעכער גייסט איז געשטאַנען אָדם נאַקעט אין זיין אָנמעכטיקייט און בלינדער זעלבסטצופרידנקייט...

כ׳האָב זיך אָנגעטאָן. כ׳האָב זיך צוגעזעצט אַנטאָן די שיך. פון די ביידלעך, ווו מען טוט אויס די זאַכן, האָט זיך באַוויזן א ייד. ער האָט זיך דערנענטערט, אויפן וועג צום דאַטשע־אָרט, און פאַרבייגייענדיק א זאָג געטאָן:

— א, ראַפּאָפּאָרט!

איך האָב פאַרוווּנדערט א קוק געטאָן אויפן אומבאַקאַנטן ייִדן:

— פון וואַנען קענט איר מיך?

— פון „פאָלק", פון אייער פאָטאָגראַפיע.

איין מאָמענט בין איך געווען שטאַרק צופרידן, וואָס דאָס מאָל האָב איך זיך געלאָזט איינרעדן און געגעבן די פאָטאָגראַפיע צו עפּעס א יובילײ־אויסגאַבע: עס האָט זיך מיר געדאַכט, אז דאָס וועט אביסל הויבן מיין פרעסטיזש אין די אויגן פון אומ־היימלעכן אומבאַקאַנטן. אָבער איך האָב געהאַט א ביטערן טעות:

— אהא, א שרייבער: מאַטעריאַל דאַרפט איר, מאַטעריאַל...

און איצט וועט איר אַלץ באַשרייבן...

נאָך ווייניק, וואָס איך האָב זיך אַליין געשעמט פאַר מיינע אומגליקלעכע פּרוּוון צו ראַטעווען א פאַרלוירענעם, איז מען מיר נאָך חושד אין גייעג נאָך מאַטעריאַל: דער אומבאַקאַנטער זעט שוין, ווי זיין פאַרצווייפלונג, ווי זיין פאַרצווייפלטער שפּאָט ווערט פאַרוואַנדלט אין צייטונגס־שורות...

איך האָב פאַרבונדן די שיך און בין אַנטלאָפן פון מיין צעשלאָגענער פּאָזיציע.

* * *

צוויי זאַכן האָבן מיך גאַנצע טעג געפּייניקט: 1) די אומ־צופרידנקייט מיט זיך, מיטן געצוווּנגענעם מודה זיין זיך, אז איך האָב די שלאַכט מיטן אומבאַקאַנטן פאַרשפּילט, און 2) דאָס געפיל, אז איך בין געבליבן פון דרויסן פון א טיפער לעבנס־טראַגעדיע, נישט האָבנדיק קיין מוט און קיין פעאיקייט אַריינצו־דרינגען טיפער אין איר; א מענטש האָט פון דער סאַמער טיפעניש אַרויסגעשריגן און איך בין געשטאַנען פון דרויסן און נישט נאָר נישט געבראַכט קיין הילף, נאָר אפילו נישט געקאָנט ברענגען דעם

פֿאַרצווייפֿלטן די טרייסט פֿון אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן: נאָך דעם אומגעלונגענעם פּרוּוו פֿון טרייסט מיט ביליקע רעדנס־אַרטן — פֿילאָזאָפֿישע און שׂכל־הישרדיקע — בין איך קליינמוטיק אַנט־לאָפֿן.

די שווערע שטימונג איז נאָך געדריקטער געוואָרן צוליב די אומאויפֿהערלעכע רעגנס, וואָס האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן, דער־מאָנענדיק אין האַרבסט און שמעקנדיק מיט אים.

אין איינעם פֿון די דאָזיקע אָוונטן, געטריבן פֿון אומרו, בין איך אַוועק אין „קאַזינאָ", וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער טיף פֿון אַ גרויסער ווילע, אין דער טיף פֿון אַ ריזיקער וועראַנדע.

ס'איז געווען פֿינסטער אין הויף, פֿינסטער אויף דער פֿאַר־רעגנטער וועראַנדע. פֿונדערווייטנס האָבן געבליצט די פֿייערן פֿון „קאַזינאָ". איך בין אַרויף אויף דער וועראַנדע און גענומען גיין צום ליכט. פּלוצלונג האָב איך דערפֿילט אַן אומבאַזיגבאַרן פֿאַרלאַנג זיך אומצוקוקן. איך האָב זיך אָפּגעווענדט פֿון די ליכטיקע פֿענסטער און אַ קוק געטאָן אין דער פֿינסטערניש פֿון דער וועראַנדע. אויף אַ נאַסער באַנק, איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל, מיטן קאָפּ צווישן די איינגעצויגענע אַקסלען, איז געזעסן דער אומבאַקאַנטער יונגער־מאַן פֿון ים־ברעג און מיט פֿיבערדיקע אויגן געקוקט אין די באַ־לויכטענע פֿענסטער פֿון דער „קאַזינאָ", ווו די טישלעך זענען געווען געדיכט באַזעצט, צונויפֿגעפּלאָכטן דורך סערפּענטין מיט די טאַנצנ־דיקע פֿאַרלעך אונטערן קלאַנג פֿון אַן אָרקעסטער. ער האָט געקוקט אין די באַלויכטענע פֿענסטער, ווי אַ מענטש, וואָס פֿאַרקוקט אין לעבן, וועלכעס איז אים שוין פֿרעמד, וועלכעס איז שוין פֿאַר אים נישט דערגרייכבאַר.

און אין דאָזיקן בליק איז נישט געווען קיין סאַרקאַזם, קיין וויטריאָלישע איראָניע, — עס איז געווען אין אים בלויז פֿיבער פֿון ווייטאָק, פֿיבער פֿון פֿאַרלוסט...

שטיל, ווי אַ גנב, האָב איך זיך גענומען צוריקציִען פֿון דער וועראַנדע, כּל זמן מען האָט מיך נאָך נישט באַמערקט; עס איז מיר געווען אוממעגלעך אַריינצוגיין אין באַלויכטענעם זאַל מיטן פֿיבערדיקן בליק אין רוקן...

איך בין געגאַנגען אין רעגן אַהיים און זיך כּסדר געמאַכט פֿאָרווּרפֿן, פֿאַרוואָס איך בין נישט צוגעגאַנגען צום יונגנמאַן אויף דער וועראַנדע, פֿאַרוואָס איך בין ווידער קליינמוטיק אַנטלאָפֿן...

ווי אַן ענטפער אויף די פאָרווורפן האָבן מיר אין זכרון אָפּגעקלונגען די ווערטער:

— אהאַ, אַ שרייבער. מאַטעריאַל דאַרפט איר, מאַטעריאַל...

איך האָב דעם יונגנמאַן מער קיינמאָל נישט באַגעגנט. אָבער פאַרגעסן קאָן איך אים נישט. איך דערמאָן זיך כסדר זיינע אויגן, די פּאָר צוגעוואָרפענע ווערטער און אויסרופן, און איך קאָן נישט אויפהערן צו טראַכטן וועגן אים, ווי וועגן אַ בוך, פון וועלכן מען געפינט אַ פּאָר אויסגעריסענע זייטלעך, אַ פּאָר פאַרכאַפּנדיקע שורות און מען ווייסט נישט נישט זייער אָנהויב און נישט זייער סוף.

ח) אַ פּליטימשער סדר אין וולאַדיוואָסטאָק...

(פון די דערינערונגען פון אַ פּליט)

העכער אַ האַלבע מאה פּליטים, — פון אַלערליי עלטערס און געשלעכט, פון פאַרשידנאַרטיקסטן גייסטיקן קאַליבר און אידעאָלאָגישן שניט, — זענען געבליבן שטעקן אין האָטעל „טשעלוסקין" אין וולאַדיוואָסטאָק.

אַלע זענען געקומען אהער מיט ראַטן־פאַרבאַנדישע דורכלויבענישן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָבער קיין אריינפאָר־וויזעס קיין יאַפּאַן, דעם טראַנזיט־צענטער, דעם טראַמפּלין צו אַ ווייטערדיקער נסיעה אין אַן אויסגעוויילט לאַנד, האָבן זיי נישט געהאַט, און דער וולאַדיוואָסטאָקער יאַפּאַנישער קאָנסול, וועלכער פלעגט געבן טראַנזיט־וויזעס, האָט זיי אויפגעהערט אַרויסצוגעבן.

דער דאָזיקער אַלטער, פינסטערער, שוין לאַנג נישט רעמאָנטירטער האָטעל (אויף איינעם פון די קאָרידאָרן האָט זיך נאָך געפונען, פאַרשמירט מיט דורכזיכטיק קאַלך, אַן אויפשריפט וועגן דער צאַל צימערן אין אים — פון פאַר דער רעוואָלוציע מיט „טוויאָרדי זנאַקן"), איז געוואָרן אַן אמתע נח׳ס תיבה: דאָ האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אונטער איין דאַך, ראַטעווענדיק זיך פון איירָאָפּעאישן מבול, די פאַרשידנאַרטיקסטע לעבעדיקע ברואים: גרויס־

פי און קליין־פּי, זאָרגלאָזע זינג־פייגעלעך, אומשולדיקע שיפּסעלעך און מאַראַדיאַרישע היענעס.

די דאָזיקע אַלע ברואים האָבן פאַרוואַנדלט דעם האָטעל „טשעלוסיקן" שיער נישט אין אַ משוגעים־הויז. אַלע זענען זיי משוגע געווען אויף איין און דעם זעלבן פּונקט: וויזעס...

דאָ פלעגן זיי לויפן אין יאַפּאַנישן קאָנסולאַט אריין, בעטלען אַ וויזע; דאָ פלעגן זיי לויפן אויף דער פּאָסט, פאַנאַנדערשיקנדיק טעלעגראַמעס מיט האַרץ־רייסנדיקע געשרייען וועגן הילף אין אַלע ארבע פנות העולם; דאָ פלעגן זיי אַריינפאַלן אין אַ יאוש־לעטאַרגיע און גאַנצע טעג נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס, לויפנדיק פון צימער צו צימער, ווי פון תפיסה־צעלע צו תפיסה־צעלע, געיאָגט פון אַ מאַניע: קריגן אַ וויזע, וווּ עס זאָל נישט זיין, אבי מעבר לים.

און ס'איז קיין וווּנדער נישט געווען: יעדער איינער פון די דאָזיקע מענטשן האָט געהאַט צו דערציילן זיינע אַן אייגענע אָדיסייע אויפן וועג פון דער ברענענדיקער אייראָפּע צו זיינע נאָענטע אין צפון־ און דרום־אַמעריקע, אין אויסטראַליע און דרום־אַפריקע. אין זייער באמת טיטאַנישן קאַמף פאַר אַ ראַטונג, פלעגן זיי שיער נישט צוטראַכטן נייע קאָנטינענטן, פלעגן זיי שיער נישט אָפּערירן מיט אַלט־מצרישע און אַלט־באַבלישע וויזעס; זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ ריזיקן, דאַרנדיקן וועג דורך די ברענענדיקע חורבות פון אייראָפּע און דורך דעם סופלאָזן פלאַך־לאַנד פון אַזיע, און פלוצלונג, אויף דער סאַמע לעצטער גרעניץ, וואָס טיילט זיי אָפּ פון די אויסגעטרוימטע מקום־מקלטס, געפינען זיי זיך גאָר אין אַ זאַק־געסל, אָפּגעשניטן פון דער וועלט. נישטאָ קיין פאַראויס!

איז וואָס־זשע איז דער וווּנדער, וואָס די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן אויסגעזען ווי משוגעים, מאַניאַקן? ווען עס וואָלט מעגלעך געווען צונויפצונעמען אינאיינעם אַלע טעלעגראַמעס, וואָס די דאָזיקע האַלבע מאה מענטשן האָבן אַרויסגעשיקט אין משך פון די זיבן וולאַדיוואָסטאָקער וואָכן אין האָטעל „טשעלוסקין", וואָלטן מיר געווען געהאַט פאַר זיך איין גרויסן היסטערישן געשריי פון אַ האַלבער מאה מאַניאַקן, קראַנקע אויף אַ גייסטיקער וויזע־קראַנקהייט.

ווען ס'איז געקומען פורים, און די האָפענונג צו באַקומען שנעל וויזעס איז נאָך אַלץ געווען אַ ווייטער טרוים, האָט זיך ביי דער מערהייט וולאַדיוואָסטאָקער טשעלוסקינצעס גענומען מערקן אַ שטיקל

גייסטיקער איבערברוך: די זאָרג פאַר וויזעס איז פּלוצלונג אָפּגע־רוקט געוואָרן אויפן צווייטן פּלאַן דורך דער זאָרג פאַר אַ כּשרן פּסח: וואָס וועט זיין מיט מצות?

און מאָדנע: ביז דער זאָרג וועגן פּסח, האָט יעדער יחיד און יעדע גרופּע געזאָרגט בלויז פאַר זיך. אמת, עס האָט עקזיס־טירט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט נישט געזשאַלעוועט קיין מי, כּדי צו פאַראייניהייטלעכן די גאַנצע רעטונגס־אַרבעט. אָבער יעדער באַ־זונדער האָט געטאָן אַלץ וואָס אין זיינע כּוחות, כּדי אויסצוטיילן זיך פון ברייטן כּלל און באַקומען פּריווילעגיעס אָדער פאַר זיך אַליין אָדער פאַר אַ מער שמאָלן פּאַרטייאישן, רעליגיעזן אָדער סתם חברישן קאָלעקטיוו.

אָבער איצט, ווען אויפן סדר־היום איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן מצות און די פרייִדענקער האָבן גענומען בויען פּלענער ווי אַזוי צו העלפן „זיי", די פרומע, האָבן זיך די לעצטע געפילט שטאַרק באַליידיקט, און זייער באַליידיקונגס־געפיל האָט פאַרמאָגט אין זיך אַלע שטריכן פון אַ נאַציאָנאַלער באַליידיקונג: עס האַנדלט זיך גאָר נישט וועגן פרומקייט און פרייקייט — מצה דאַרפן האָבן אַלע, אָן אויסנאַם, יידן.

און אין די אָנשטרענגונגען צו באַקומען מצה, האָבן זיך פאַראייניקט סיי די פרומע, סיי די פרייע.

* * *

מיר אַלע האָבן געהאַט איין אויבערמאַכט — די פאַרוואַלטונג פון „אינטוריסט", אין וועמענס האָטעל מיר האָבן געלעבט און אונטער וועמענס אַפּוטרופּסות מיר האָבן זיך געפונען. און דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון „אינטוריסט", בערמאַן, אַ ייד, האָט זיך, צו אונדזער פאַרווונדערונג, באַצויגן אויפמערקזאַם און מיט אַ סך חסד צו אונדזער רעאַקציאָנערער בקשה. ער איז גרייט געווען אַנט־קעגנצוקומען אונדזערע פאָדערונגען, ער האָט פאַרגעלייגט פאַרשיי־דענע פּראָיעקטן, כּדי ווי נישט איז צו באַפרידיקן די רעליגיעזע באַדערפענישן פון די שטעקנגעבליבענע עמיגראַנטן, — אָבער דער ענין האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ער האָט אונדז, נאַטירלעך, געקאָנט באַזאָרגן מיט מצה־פּלעצלעך, אָבער אויף צו אָרגאַניזירן אַ כּשרע בעקעריי פאַר די דאָזיקע מצה־פּלעצלעך,

איז פאַרבליבן צו־וויניק צייט. מען האָט גערעדט אַזויפיל דער־לויבענישן פון אַזויפיל אַמטן, אַז מיר האָבן אונדזערע באַמיאונגען באַדאַרפט אָנהויבן נישט נאָך פּורים, נאָר נאָך סוכות...

ווען אונדזערע רעאַלע האָפנונגען האָבן אָנגעהויבן צו צערינען, האָבן די „טשעלוסקינצעס" אָנגעהויבן טאָן דאָס, וואָס מענטשן טוען תמיד אין אַזעלכע פאַלן: זיי האָבן גענומען טרוימען וועגן אומגעריכטער הילף. און די דאָזיקע טרוימען האָבן געהאַט אונטער זיך אַ געוויסן באָדן: וויסן דאָך די יידישע קהילות אין קאָבע און שאַנכיי, אַז העבער פופציק יידן — און צווישן זיי אַ מערהייט ישיבה־לייט און רבנים — זענען געבליבן שטעקן אין וולאַדיוואָס־טאָק צוליב מאַנגל אין וויזעס. און אין קאָוונע און מאָסקווע ווייס מען שוין אויך וועגן דעם. איז נישט שוין־זשע וועט זיך אַ רעטנ־דיקע האַנט נישט אויסשטרעקן נישט פון מזרח, נישט פון מערב?

און די „טשעלוסקינצעס" האָבן זיך צעטרוימט. אָט קומט צושווימען אַ שיף פון קאָבע און זי פירט אַ פּסחדיקע מתּנה פון דער יידישער קהילה אין קאָבע: מצה פון ווייסן מעל, גענצן־שמאַלץ, פּרוכט, קאָמפּאָטן, און וואָס נישט! און אָט קומט־אָן אַ צוג פון מאָסקווע און ברענגט מצה פון קאָוונע, פון ווילנע, פון סאַמע מאָסקווע, וווּ ס'איז דאָך דאָ מצה.

מען טרוימט אויף דער וואָר, הויך אויפן קול...

די דאָזיקע חלומות, ווי ס'טרעפט געוויינלעך מיט חלומות, אין בעסטן פאַל, זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַ קלייניקן מאַסשטאַב... די שיף מיט פּראָדוקטן איז נישט דערשוואומען צו אונדז, דער צוג האָט קיין שום מתּנות אויף פּסח נישט געבראַכט, — אָבער אינגאַנצן אָן אַ רעטנדיקן נס אין מיניאַטור זענען מיר נישט געבליבן!

אַ וואָך פאַר פּסח איז קיין וולאַדיוואָסטאָק אָנגעקומען אַ ייד מיט זיין פאַמיליע. היות ער איז אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע אַ וואָך פאַר פּורים, ווען פּסח איז שוין געווען אונטער דער נאָז, האָט ער אויף יעדן פאַל מיטגענומען מיט זיך פאַר זיך, פאַר דער פרוי און פאַר די דריי קינדער זיינע... מצה. אפשר וועט דאָס צונוץ קומען! און ס'איז טאַקע צונוץ געקומען!

אים, דעם בר־מזל, איז נישט אויסגעקומען אָפּצולייגן זיין נסיעה פון וולאַדיוואָסטאָק — ער איז געווען אַן אמתער טראַנזיט־

פּאַסאַזשיר, מיט אַ ווייַסע קיין יאַפּאַן, און ער איז תיכף אָפּגעשוואומען, אָבער דערפאַר מאַקע האָט ער געקאָנט לאָזן מער ווי אַ העלפט פון זיין מצה דער האַלבער מאה יידן, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו אַ „טשעלוסקינשן" פּסח.

נאַטירלעך, זיין גאַנצן אוצר האָט ער נישט אָפּגעגעבן — ווער קאָן וויסן אויף זיכער, צי אין קאָבע איז דאָ מצה, און אויב אפילו עס איז דאָ, צי איז זי שטרענג כשר? און אין דער כשרקייט פון זיין מצה האָט ער קיין שום ספיקות נישט געהאַט...

נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זיין, — די גרעסערע העלפט פון זיין מצה האָט ער דאָך איבערגעלאָזן. באמת, נישט קיין פּליט אַ טראַנזיטניק, נאָר אַ פאַרשטעלטער אליהו הנביא!

און נאָך עפּעס איז געשען.

עטלעכע טעג פאַר פּסח איז קיין וולאַדיוואָסטאָק אָנגעקומען אַ קלייניקער, דאַרינקער ישיבה־בחורל, מיט אַ קליין קלומיקל אונטערן אָרעם.

און וואָס, מיינט איר, איז געווען אין דאָזיקן קלומיקל?

וואָס קאָן זיין אין אַ קלומיקל פון אַ ישיבה־בחור, וועלכער פאָרט אַרום קורץ פאַר פּסח אויף די מיטלען פון דער ישיבה, — אָן דער הילף פונם „אינטוריסט", — פון מאָסקווע קיין וולאַדי־וואָסטאָק, אויב נישט קיין מצה? און טאָמער בלייבט ער שטעקן אינמיטן וועג? פּסח איז דאָך נישט הינטער די הרי חושך...

נו, יידעלעך, פרייט זיך, אינגאַנצן אָן מצה וועט שוין נישט אויסקומען צו פּראַווען פּסח. אַ „סימן מצות" וועט שוין זיין. געלויבט זאָלסטו זיין, אָ, גאָטעניו...

אָבער וואָס טוט מען מיט אַזאַ קלייניקן זאַפּאַס מצות? צע־טיילן צווישן אַלע?...

עטלעכע שעה פאַרן ערשטן סדר איז צו מיר אַריין איינער פון די ישיבה־לייט:

„גייט אַרויף אויבן, דאָרטן טיילט מען מצה"...

צי קאָן מען דען אָפּזאָגן, ווען אַ הונגעריקער לייגט דיר פאָר פון גאַנצן הארצן, פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן פליכט־געפיל אַרויס, אַ קליין שטיקעלע פון זיין הונגער־פּאָרציע? קאָן דאָך גאָר קיין מינדסטער ספק נישט זיין, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן פיזיש באַפרידיקן עמיצן, — דאָ גייט וועגן גייסטיקער רייניקונג, און דער,

וואָס גלויבט אין דער דאָזיקער גייסטיקער רייניקונג, קאָן נישט דערלאָזן, אַז נישט אַלע, וועלכע רינגלען אים אַרום, זאָלן זיך נישט באַנוצן מיט דער מעגלעכקייט זיך גייסטיק צו רייניקן; בפרט נאָך, אַז משתּף זייענדיק אַנדערע צו דער גייסטיקער רייניקונג, דערפֿילט ער סיי אַ רעליגיעזן חוב לגבי זיין גאָט, סיי אַ מענטשלעכן חוב לגבי זיין בלינדן פֿאָלקס־ברודער...

אין דער ענגער תּיבה, אין געצווונגענער וווין־שותּפות, האָט זיך אָנגעזאַמלט נישט ווייניק שנאה צווישן פֿאַרשידענע יחידים און פֿאַרשידענע גרופּעס. אָבער אין יענעם מאָמענט, ווען איך בין געגאַנגען נעמען מיין קליינינקע פּאָרציע מצה, האָב איך אַ סך מוחל געווען די מענטשן, וועלכע טיילן זיך מיט דעם, וואָס איז פֿאַר זיי אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, מיט אַנדערע, פֿאַר וועלכע דאָס האָט נישט קיין שום באַדייטונג אָדער אַ גאַנץ קנאַפּע.

איך האָב אויף אַ קליינער ווײַלע דערזען די דאָזיקע מענטשן, די רעליגיעזע, אין אַ נײַ ליכט. זיי האָבן פֿעלערן, און אַפֿילו גאַנץ גרויסע? און ביי וועמען זענען זיי נישטאָ?! דערפֿאַר אָבער פֿאַרמאָגן זיי דאָך, לכל הפּחות, עפּעס אַזוינס, וואָס פֿאַרדינט אַכטונג!

צום אויבערשטן שטאָק, ווו מען האָט געטיילט מצה (רבי, מיינע געננז!...), האָט זיך געצויגן אַ ריי קינדער פֿון ישראל פֿון אַלערליי ניואַנסן — פֿון די סאַמע רעליגיעזע, ביז ערב־משומדים און ערב־משומדת'טעס, וואָס פֿלעגן עפּנטלעך קלאָגן אויף דעם, וואָס זיי איז נאָך נישט געלונגען — אָ, די גרויסע טראַגעדיע! — אָפּצושאָקלען פֿון זיך זייערע יידישע נעמען: דער סטרוזש אַפֿילו פֿון יעדן קאָנסול דערקענט תּיכּף ומיד, ווו עס שטעקט דער אומ־גליק פֿון אַזאַ נאָמען ווי פֿייגע־פֿעליציע אָדער וועלוול־וולאַדיסלאַוו...

אַפֿילו איין עכטע משומדת איז געגאַנגען אין דער ריי: די טאָכטער פֿון וואַרשעווער חסידים האָט זאָרגעוודיק באַהאַלטן דעם צלמל און דעם פּאַס אויפֿן פּוילישן נאָמען און מיט איר יידישן פּנים, וואָס קיין שום הייליקע טבילה־וואַסערן האָבן פֿון אים נישט געקאָנט אָפּווישן די אייביקע שפּורן פֿון סמאַטשע און נאַלעווקעס, איז זי געגאַנגען נאָך אַ ברעקל מצה, כּדי איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרשטאָפּן די בייזע מיילער, פֿאַר וועלכע זי דאַרף זיך אין וואָ־דיוואָסטאָק כּסדר פֿאַרשטעלן:

— וואָס, איך בין נישט קיין יידישקע? ...

אין קליינעם חדרל האָט מען קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. איך האָב געפילט, אז כ'בין אָנוועזנד ביי א שטילער, גייסטיקער מיס־טעריע, וואָס אפילו פּחדנותדיקע נאַציאָנאַלע פאַררעטער קאָנען זי מיט זייערע פאַלשע יידישקייט־דעקלאַראַציעס נישט פאַרשוועכן.

* * *

און ס'איז געקומען דער ערשטער סדר. אין די האָטעל־צימער־לעך האָבן זיך פאַרזאַמלט באַקאַנטע און געפּראַוועט דעם סדר שטיל, אָרים.

איך בין אריין מיטן זון צו איינער פון די סימפּאַטישסטע — פאַר מיר — רעליגיעזע פאַמיליעס, הרב ע־ן. די משפּחה איז באַ־שטאַנען פון א מאַן, א פרוי און צוויי קליינינקע קינדער. אחוץ זיי זענען דאָרט געווען דריי יונגעלייט, א יונג מיידל, איך און מיין זון.

מען איז געזעסן אויף די בעטן, מען האָט געגעסן צו פּיצלעך האַרטע, טונקעלע, נישט־געשמאַקע מצה, צו קאַרטאָפל, אַביסל הירזש. מען האָט אפילו געטרונקען א מין עפּל־קוואַס, — ווייַן טאָר מען דאָך נישט: „יין נסך״.

וואָס דאָס איז אַזוינס פאַר א פרומען ייד, האָב איך טאַקע דערשפּירט ביי יענעם סדר.

ס'איז אריינגעקומען א רב און מיט א פּנים און א שטים, ווי ס'וואָלט געשען דער גרעסטער אומגליק, האָט ער א זאָג געטאָן צום הרב ע־ן:

— דער ב. רב איז א שרוי בצער, — אָנשטאָט עפּל־קוואַס האָט מען אים געבראַכט עפּעס א ווייַן. ער האָט זיך געכאַפּט נאָכן אָפּזופּן ...

און די ביידע רבנים זענען געווען א לעבעדיקע אילוסטראַציע צו דעם, וואָס עס הייסט זיין „שרוי בצער״ אפילו צוליב אַן עבירה בשוגג. זיי זענען געשטאַנען מיט פּנימער, ווי ביי דער בעט פון א חולה מסוכן, א נוטה־למות.

ס'האָט זיך געדאַכט, אז די פריערדיקע געדריקטע שטימונג פון סדר איז געווען יום־טובדיקער יובל אַקעגן דער שטימונג פון איצט, אַקעגן דעם טרויער, וואָס ליגט אין די ווערטער:

— דער ב. רב איז אַ שרוי בצער ...

און ווען מען האָט געזאָגט די הגדה, האָב איך אין יענעם אָוונט צום בעסטן פאַרשטאַנען די ווערטער „הא לחמא עניא" און „שפוך חמתך".

דאָס איז געווען נישט נאָר אַ מאַטעריעל־אָרימער סדר, נאָר אַ רעקאָראַטיוו־נאַקעטער, אַפילו אַ זעליש־דערנידערנדיקער. מען האָט נישט געהערט קיין איין טאָן פון יובלענדיקער העזה אין די ווערטער „עבדים היינו", — מיר האָבן נאָך דאַן אַזוי גוט גע־שפּירט די אַטמאָספער פון דעמאָלטיקן (און היינטיקן!) אייראָפּע ...

דאָס האָט זיך אָבער נאָר אויסגעדוכט אַזוי אין יענער סדר־נאַכט, — זענען מיר דאָך געווינט געווען צו גאַנץ אַנדערע סדרים ... אָבער ווען עס זענען געקומען די וואָכן־טעג פון פּסח, דער חול־המועד, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר האָבן נאָך צווישן זיך פרייע מענטשן. אויסגעמאַטערטע אין משך פון לאַנגע וואָכן דורך נישט קאָנען עסן קיין וואַרעם געקעכץ, האָבן די רעליגיעזע יידן, פונדעסטוועגן, מיט דער גרעסטער זעלבסט־פאַר־שטענדלעכקייט גענומען אויף זיך אַ זיבן־טאָגיקן הונגער, — אויך דעם הונגער פון זייערע קינדער ...

און איך האָב דערשפּירט אַ געפיל פון שטאַרקער קנאה: ווו נעמט מען פאַר אונדזערע קינדער אַ טעטיק־ווירקעוודיקן יידישן גלויבן, וואָס זאָל זיך גלייכן, לויט זיין קראַפט, מיטן גלויבן פון אונדזערע עלטערן?

האָב איך דאָך די טעטיק־ווירקעוודיקע קראַפט פונם גלויבן פון אונדזערע עלטערן געזען מיט די אייגענע אויגן אין וולאַדי־וואָסטאָק.

די יורשים פון אונדזערע אבות האָבן זיך אין האָטעל „טשע־לוסקין" אין וולאַדיוואָסטאָק אויפגעפירט ווי אמתע טשעלוסקינצעס, וואָס אויף אַן אייז־קריע אַפילו פילן זיי אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס, כל־זמן זיי שטייען אויפן באָדן פון זייער גלויבן ...

אַפּריל, 1948.

ט) ווערטער און מעשים...

איך וויקל פאַנאַנדער דעם אויפרוף וועגן גרינדן דעם „אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" און איך לייען זיינע לאָזונגען. אָט איז דער פּאַראַגראַף נומער 5: דער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנגרעס וויל „אָרגאַניזירן גייסטיקע דערמוטיקונג און ברענגען קולטור־הילף אין די יידישע ישובים פון די חרוב־געוואָרענע לענדער און די לאַגערן, ווו עס וואַלגערן זיך נאָך אַלץ אויף דער בלוטיקער ערד פון דייטשלאַנד רעשטלעך פון אונדזער פאָלק, און אומעטום ווו מען בענקט נאָך אַ יידישער דערציאונג, נאָך אַ יידישן בוך, נאָך אַ יידיש וואָרט; ווו מען נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין טרייסט און מוטיקונג".

איך נעם אַרויס אַן אויפרוף פון קולטור־קאָנגרעס צו זיין צען־יאָריקער עקזיסטענץ און לייען:

„אין פאַרלויף פון די יאָרן איז דער קולטור־קאָנגרעס געוואָרן אַ צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציע נישט נאָר פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך פאַר די פאַרשידענע יידישע ישובים איבער דער וועלט ...

„מיר האָבן אַ רעכט ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אַרויס־צושיקן אַ ספּעציעלן רוף צו אונדזערע פריינט און פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן באַשטימען פאַרן יאָר 1958 אַ ספּעציעלע באַשטייערונג פאַרן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. מיר האָבן עס פאַרדינט מיט אונדזער אַרבעט, מיט אונדזער געטריישאַפט און מיט דער אַנטוויקלונג, וואָס די יידישע עפנטלעכקייט, די יידישע פרעסע און די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אונדז געגעבן... (אונטער. דורך מיר. — י. ר.).

„דער יידישער קולטור־קאָנגרעס איז אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. אַלץ וואָס ער טוט איז אויסן צו שטאַרקן די כוחות פון אונדזער פאָלק, באַרייכערן זיין גייסטיקן לעבן און איינשטעלן זיך פאַר זיין חשיבות און קולטורעלן המשך"... (אונטער. דורך מיר. — י. ר.).

שוין יאָרן ווי איך וועג און מעסט די אויבנדערמאָנטע דער־קלערונגען אין ליכט פון מיין אייגענער דערפאַרונג מיטן קולטור־קאָנגרעס, ווי אויך אין ליכט פון זיינע מעשים, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען דורך דער פרעסע, דורך זיינע אויסגאַבן, דורך זיינע

אקציעס, און מיר דאַכט זיך אַז איך באַמערק אַ שער צווישן די אויפרוף־ווערטער פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס און זיינע מעשים.

פון דעם יאָרן־לאַנגן וואַקלען זיך, צי איך זאָל דאָס טאָן צי נישט — בין איך אַלץ מער און מער געקומען צום אויספיר, אַז איך דאַרף, לכל הפחות, באַשרייבן איין דערפאַרונג מיינע, וואָס לאָזט מיך נישט רוען און מאָנט אַ חשבון זייט לאַנגע יאָרן.

און כ'טו דאָס, הגם מיט אַ געוויסן ווידערווילן. (פאַרוואָס? ווייל דער ענטפער דערויף וואָלט שוין במילא געבראַכט מיט זיך אַ גענויע קריטישע אָפּהאַנדלונג, וואָס איך וויל זי אויסמיידן...).

* * *

אין 1947, קורץ פאַרן דערשיינען פון מיין בוך „ערשטער שניט נאָכן שטורעם" (אין מעלבורנער דורך מיין איניציאַטיוו גע־שאַפענעם פאַרלאַג „פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור") האָט אַ מעלבורנער ייד, אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון פאַרלאַג, מר. צווייבוים ע"ה, מיך געפרעגט, צי איך וואָלט מסכים געווען צו רעדאַקטירן און אַרויסגעבן אינעם פאַרלאַג די געזאַמלטע לידער און עסייען פון ישראל שטערן.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז היות ער און זיין פרוי זענען אַמאָל, אין זייער יוגנט, געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם אומגעקו־מענעם דיכטער, וואָס האָט ביים לעבן קיין איין בוך נישט אַרויס־געגעבן, וואָלטן זיי געוואָלט אים שטעלן אַ ווירדיקע מצבה דורך אַרויסגעבן זיינס אַ בוך אויף זייער חשבון. „מיר זענען גרייט צו דעקן אַלע הוצאות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַזאַ אויסגאַבע; מיר וועלן צאָלן דעם צונויפזאַמלער פון די מאַטעריאַלן, דעם זעצער, דעם קאָרעקטאָר, א.אז.וו., און אז. וו."

איך האָב זיך, נאַטירלעך, אָנגעכאַפּט אין דאָזיקן פאָרשלאַג. ערשטנס איז ער פאַר מיר געווען אַ ריין־מאַטעריעלע הילף. איך האָב נאָך דאַן נישט געהאַט אין מעלבורן נישט קיין רעדאַקטאָר־שטעלע און נישט קיין גאַלאַנטעריי־קרעמל, — מיין זיכערער וועכנטלעכער פאַרדינסט איז באַשטאַנען פון דריטהאַלבן פונט אַ וואָך פאַר אַן אַרטיקל אין אַ אָרטיקער צייטונג (שפּעטער אַביסל

— פון 4 פונט א וואָך פאַר צוויי אַרטיקלען אין דער זעלבער צייטונג) און פון נאָך קליינע ליטעראַרישע פאַרדינסטן אין אויס־לאַנד; און צווייטנס האָב איך גערעכנט: אויב די גרינדונג פון פאַר־לאַג און דאָס פאַרשטייענדיקע דערשיינען פון ערשטן בוך האָט גלייך אַרויסגערופן ביי א היגן פאַרפאַלק א פאַרלאַנג אַרויסצוגעבן אויף זייערע הוצאות א בוך פון א שרייבער, פאַר וועמען זיי האָבן א ווייכן פונקט אין זייערע הערצער, איז א סימן אז דער פאַרלאַג האָט א צוקונפט; אפשר וועט דאָס ביי די היגע רייכע יידן אַרויס־רופן א מין קנאת סופרים אַרויסצוגעבן ווי מעצענאַטן ביכער פון שרייבער, און אויב דער קולטור־קאָנגרעס וועט טאַקע זאָרגן, אין הסכם מיט זיינע אויפרופן, פאַרן פאַרקויף נישט נאָר פון זיינע אייגענע ביכער, נאָר אויך פון ביכער וואָס קאָנען דערשיינען אין קלענערע ישובים, ווו מען נויטיקט זיך אזוי „שטאַרק אין טרייסט און מוטיקונג", וועט דאָס העלפן די קליינע, ליטעראַריש־אָפּגעשטאַ־נענע ישובים זיך אַנטוויקלען און מיין פאַרן קיין אויסטראַליע וועט אפשר דאָך נישט זיין אזאַ פעלער, ווי עס האָט זיך מיר, מיטן 1947, אָנגעהויבן צו דאַכטן... אפשר וועט דאָ מעגלעך זיין צו טאָן א קולטור־אַרבעט אויף יידיש, ווי איך האָב זי געטאָן אין שאַנכיי אויף רוסיש...

* * *

די גרעסטע שוועריקייט אויפן וועג צו פאַרווירקלעכן דעם פאַר־שלאַג פון ערשטן בוך־מעצענאַט אין מעלבורן, איז געווען דאָס צונויפזאַמלען ישראל שטערנס לידער און עסייען פון די פאַר־שיידענע זשורנאַלן און צייטונגען, אין וועלכע זיי זענען געווען צעוואָרפן...

איך בין געלאָפן אין דער „קדימה"־ביבליאָטעק און געני‌שטערט אין אַלטע זשורנאַלן און זאַמל־ביכער; מר. צווייבוים האָט פאַרלאָזט זיין פאַבריק אויף שעהן און איז געפאָרן צו יידישע שרייבער אין מעלבורן, ווו ער האָט געהאָפט צו געפינען קאָמפּלעטן פון „וואָכנ־שריפט", פון „פאָלקס־צייטונג" און ענלעכע אויסגאַבן, ווו ישראל שטערן פלעגט זיך דרוקן.

אין א גאָר קורצער צייט אַרום איז אָבער קלאָר געוואָרן,

אז אָן דער טעכנישער הילף פון אמעריקע, ווו די ארכיוון און די ביבליאָטעק פון „ייווא" זענען געבליבן גאנץ, וועט נישט מעגלעך זיין ארויסצוגעבן א מער־ווייניקער פולע אויסגאבע פון ישראל שטערנס געזאמלטע ווערק. דער אָפּגעפונענער מאטעריאל אין מעל־בורן איז געווען צו מאָגער אין כמות...

האָב איך באשלאָסן צו בעטן הילף ביים „ייווא". כ'האָב אוועק־געשיקט צום„ ייווא" א בריוו (קיין קאָפּיע האָב איך נישט, אָבער דער „ייווא"־ענטפער איז גענוג). אָט איז דער „ייווא"־ענטפער (וואָס שייך דעם ענין שטערן־בוך):

„פּ' י. ראַפּאָפּאָרט, מעלבורן, 16טן אפּריל, 1947.

„ליבער פריינט, „...אייער פּלאן וועגן ארויסגעבן ישראל שטערנס געזאמלטע לידער איז אָן אויסגעצייכנטער. כאָטש מיר האָבן דאָ אין „ייווא" לפי ערך ווייניק פון דער פּויליש־יידישער פּעריאָדיק... וואָלט מען מסתמא כאָטשבי טייל זאכן געקענט אָפּ־זוכן ביי אונדז און אין די אנדערע ניו־יאָרקער ביבליאָטעקן. אָבער ווער?... עס קאָן זיין אז דער פּען־קלוב וועט געפינען עמעצן וואָס וועט צונויפזוכן דעם מאטעריאל פאר אזא באנד. בכדי צו פאר־גיכערן די זאך, שיק איך איבער א קאָפּיע פון אייער בריוו צום פּען־קלוב מיט דער בקשה, מען זאל אייך ענטפערן דירעקט.

„מיט די הארציקסטע גרוסן

אייער מ. ווינרייך,

וויסנשאפטלעכער דירעקטאָר".

היות ווי פון פּען־קלוב (ווי איך האָב זיך געקאָנט ריכטן) איז קיין בריוו נישט געקומען, האָב איך זיך געווענדט נאָך קולטור־הילף צום „אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס".

אָבער איידער איך גיי איבער צו מיין קאָרעספּאָנדענץ מיטן קולטור־קאָנגרעס וועגן ענין שטערן־בוך, מוז איך מאכן א דיגרעסיע:

ווען איך האָב מיט יאָרן צוריק באשלאָסן צו שרייבן אָן ארטיקל וועגן דער קולטור־הילף, וואָס איך האָב „באקומען" פון קולטור־קאָנגרעס, האָב איך זיך ארומגעזוכט, אז איך האָב ענטפער־בריוו און א טעלעגראמע וועגן דאָזיקן ענין פון קולטור־קאָנגרעס (הגם איך ווייס נישט צי אלע בריוו), אָבער איך האָב נישט קיין קאָפּיעס פון מיינע בריוו וועגן דאָזיקן ענין צום קולטור־קאָנגרעס.

האָב איך געשריבן צום ק״ק און געבעטן מיר צושיקן פאָטאָסטאַ־טישע קאָפּיעס פון מיינע בריוו וועגן ענין שטערן־בוך. איך האָב דערביי אָנגעגעבן די דאַטעס פון זייערע ענטפערס צו מיר, כדי זיי זאָלן וויסן מיט אומגפערער גענויקייט ווען זיי האָבן באַקומען מיינע בריוו.

האָב איך פון ק״ק נישט באַקומען קיין ענטפער אויף מיין בקשה, — נישט אויף דער ערשטער און נישט אויף דער צווייטער, ווי עס פּאַסט פאַר יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, ווען מען ווענדט זיך צו זיי מיט אַן ענין, פון וועלכן זיי דערוואַרטן נישט קיין שום רווחים...

האָב איך געשריבן צו אַ פּאָר פון מיינע פריינט, זיי זאָלן זיך פּערזענלעך מטריח זיין און צופאָרן צום ק״ק וועגן די קאָפּיעס פון מיינע בריוו וועגן שטערן־בוך.

איז אַ ניו־יאָרקער שרייבער געפאָרן אַהין און נאָכן אָפּשלעפּן אַביסל, האָט מען אים געענטפערט, אַז זיי האָבן נישט מיינע בריוו, ווייל אין יענער צייט, אין 1947, ווען איך האָב געשריבן צו זיי, האָבן זיי נאָך נישט געהאַט קיין איינגעאָרדנטן אַרכיוו, דער ק״ק איז נאָך דאַן נישט געווען אָרגאַניזירט...

היות די ענטפערס פון ק״ק וואָס געפינען זיך ביי מיר, זענען געשריבן אויף פּאַפּיר מיטן פולן געדרוקטן טיטל „אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס״, און אויפן דאָזיקן אָפיציעלן בלאַנק איז אויסגערעכנט דער גאַנצער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון ק״ק, פון פּרעזידענט ביז די סעקרעטאַרן, און אין די ענטפער־בריוו איז בפירוש געשריבן, אַז מיינע בריוו זענען געלייענט געוואָרן „אויף די לעצטע זיצונגען פון אונדזער פּובליקאַציע־קאָמיסיע און אויספיר־קאָמיטעט״, איז שווער געווען צו פאַרשטיין ווי אַזוי עס קאָנען פאָרקומען זיצונגען פון אויספיר־קאָמיטעט און די באַהאַנדלטע ענינים (אין דאָזיקן פאַל אויך מיינע בריוו) ווערן נישט אויפגעהיט, ווייל עס איז נאָך נישטאָ קיין אַרכיוו...

אָבער גיי פרעג קשיות, אויף וועלכע מען וועט סיי־ווי נישט באַקומען קיין ענטפער...

כ׳האָב בלויז געקאָנט זיך ווונדערן, האָבן ספקות און טראַכטן...

האָב איך טאַקע געטראַכט, פאַרוואָס האָט מען געענטפערט

אויף מיינע בריוו און איינמאָל אפילו געקלאַפּט אַ דעפּעשע און איצט — ענטפערט מען נישט און מיינע בריוו זענען פאַרשוווּנדן ?...

האָב איך געטראַכט אפיקורסישע געדאַנקען: אַז דאַן האָט מען געענטפערט, ווייל עס איז געווען אַ סברא (ווי מירן שפּעטער זען) אַז מען וועט אפשר באַקומען דאָס געלט, וואָס מר. צווייבוים ע"ה האָט געוואָלט זיך לאָזן קאָסטן אויפן שטערן־בוך, און איצט דאַרפן זיי ענטפערן אויף בריוו, וואָס וועלן זיכער גאָרנישט אַריינברענגען ...

אינצווישן איז געהאַט געקומען קיין מעלבורן פריינט י. פּאַט, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ גרויסע שייכות צום ק"ק. ער איז געקומען ווי אַ קולטור־שליח אויף דער איינלאַדונג פון דער „קדימה" צו האַלטן אין מעלבורן און סידנעי לעקציעס.

אויף אַ זיצונג פון מעלבורנער שרייבער־פאַראיין, צונויפגערופן לכבוד דעם חשובן גאַסט פון אַמעריקע, האָב איך דערציילט די מעשי־נסים מיט מיינע בריוו און אים געפרעגט: פריינט פּאַט, הייתכן ?

האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז י. פּאַט געדענקט אינגאַנצן נישט דעם דאָזיקן ענין (אגב, האָט נאָך דאַן י. פּאַט נישט געהערט צו די אָפיציעלע אָנפירער פון ק"ק), און אַז ער וועט קומען צוריק קיין ניו־יאָרק, וועט ער זען אויפזוכן מיינע בריוו, וואָס אויב איך האָב ענטפערס אויף זיי, האָבן זיי דאָך געמוזט אָנקומען צום ק"ק, און ער וועט מיר דאַן קאָנען ענטפערן אויף מיין פראַגע פאַרוואָס מען שיקט מיר נישט קיין קאָפּיעס פון מיינע בריוו, אָדער פאַרוואָס מיינע בריוו געפינען זיך נישט אין די אַרכיוון פון ק"ק.

מער האָב איך וועגן דאָזיקן ענין נישט געהערט פון פריינט י. פּאַט, און דעריבער קאָן איך ציטירן אין מיין דאָזיקן אַרטיקל נאָר אויטענטישע ענטפער־בריוו, אָבער מיינע בריוו קאָנען טיילווייז, אומדירעקט באַשטעטיקט ווערן דורך די ענטפערס פון ק"ק. דאָס איבעריקע מוז מען מיר גלויבן אויפן וואָרט, סיידן מען וועט אַמאָל־אַמאָל געפינען מיינע בריוו אין אַ גניזה פון ק"ק און דאַן וועלן זיי באַשטעטיקן די גרונט־באַהויפּטונגען פון דאָזיקן אַרטיקל ...

* * *

נאָך אַ שמועס מיט מר. צווייבוים ע״ה האָב איך אוועקגע־שריבן אַ בריוו צום אַלוו. ייד. ק״ק: איך האָב זיי דערציילט וועגן פאָרשלאָג פון אַ מעלבורנער פּאַרפאָלק, אַמאָליקע נאָענטע פריינט פון ישראל שטערן, אַרויסצוגעבן אין מעלבורנער ניי־געגרינדעטן יידישן פאַרלאַג געזאַמלטע לידער און עסייען פון ישראל שטערן; איך האָב זיי דערציילט וועגן דער אוממעגלעכקייט דורכצופירן דעמדאָזיקן פּלאַן אין מעלבורן און געבעטן זייער הילף דורך צושיקן מיר דעם נויטיקן מאַטעריאַל, פון וועלכן אונדז איז געלונגען צו געפינען אין אויסטראַליע גאָר־גאָר אַ קליינעם חלק...

מיין בריוו איז געשריבן געוואָרן דעם 13טן אויגוסט 1947, און דער ענטפער אויף אים פון ק״ק איז געשריבן געוואָרן דעם 5טן סעפּטעמבער. אָט איז ער:

„חשובער פריינט ראַפּאָפּאָרט,

„אונדזער פאָרזיצער ש. ניגער (מסתמא האָב איך געשריבן מיין בריוו צו ש. ניגער, מיט וועלכן איך בין געשטאַנען אין אַ בריוולעכער פאַרבינדונג זייט די וואַרשעווער צייטן. — י. ר.) האָט איבערגעשיקט אייער בריוו פון 13טן אויגוסט. מיר האָבן אים גאַנץ גענוי און ערנסט באַטראַכט. מיר שאַצן אָפּ אייער גרייטקייט אַרויסצוגעבן אַ בוך פון י. שטערן. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק אַרויסצוגעבן אַ בוך פון די לידער און עסייען פון י. שטערן. (נאָך פאַרן אָרגאַניזירן זיך?... — י. ר.). מיר האָבן שוין פאַרהאַנדלט מיט ש. קאַזשדאַן וועגן דעם. ער האָט זיך אונטערגענומען צונויפזאַמלען די לידער און עסייען פון י. שטערן. עס וועט זיין אַ בוך פון אַרום 330־350 זייטן.

„מיר וואָלטן אייך פאָרגעשלאָגן אַז איר זאָלט שרייבן דעם אַריינפיר און זיך צוזאַמענרעדן מיט דעם יחיד, וועלכער וויל זיכערן דאָס געלט. ווען ער שיקט אונדז צו די סומע, וואָלטן מיר, פאַר־שטייט זיך, אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט אַז דאָס דערשיינען פון בוך איז דערמעגלעכט געוואָרן אַדאַנק דעם יחיד, וועלכן איר האָט געוווּנען פאַרן ענין.

„דאָס בוך וואָלט געהאַט גרויס אויפזען סיי צוליב זיין אינ־האַלט, סיי אויך צוליב דעם וואָס דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור האָט אים אַרויסגעגעבן.

„עס פאַרשטייט זיך אַז איר זענט אינגאַנצן גערעכט, ווען איר שרייבט אַז דאָ איז נישט אַ פראַגע פון קאָנקורענץ. אונדזער קאָמיטעט האָט געהאַלטן אַז איינע פון די ערשטע ביכער פון אונדזערע קדושים־דיכטער באַדאַרף זיין שטערנס. אויב איר זייט מסכים מיט אונדזער שטעלונג, בעטן מיר אייך צונויפרעדן זיך מיט דעם מענטשן, וועלכער וויל זיכערן דאָס געלט פאַר שטערנס בוך, און אים איבערגעבן אונדזער באַשלוס.

שרייבט אויך אויב איר וואָלט געשריבן דעם אַריינפיר".

מיט גרוס
מאיר בראון
פראָגראַם־סעקרעטאַר.

דער בריוו פון ק"ק האָט אַרויסגערופן ביי מיר זייער אַ שלעכט געפיל צוליב עטלעכע טעמים:

1) ווו איז אַהינגעקומען די פייערלעכע דעקלאַמאַציע וועגן „אַריינטראָגן גייסטיקע דערמוטיקונג און ברענגען קולטור־הילף אין די יידישע ישובים"?; 2) דערהערט וועגן אַ יידן, וואָס וויל אַרויסגעבן אַ בוך אויף זיינע הוצאות, האָט מען גלייך אויסגע־שטרעקט די האַנט נאָכן געלט!; 3) אין בריוו האָב איך אפילו געפילט אַ שטיקל נישט אָנגענעמען ריח פון אַזאַ מין שוחד — מען האָט מיר צוגעוואָרפן דאָס כבוד־ווערימל פון שרייבן דעם פאָרוואָרט צום בוך, אַבי דאָס בוך זאָל דערשיינען ביי זיי.

איך האָב אַרויסגערופן פריינט צוויבוים ע"ה, און אים גע־געבן איבערלייענען דעם בריוו.

געענדיקט לייענען, האָט ער געזאָגט קאַטעגאָריש „ניין": אויב ער גיט אַרויס אַ בוך פאַר זיין געלט, האָט ער מאָטיווירט זיין „ניין", וויל ער עס זאָל דערשיינען אין דער שטאָט ווו ער לעבט און מען קען אים; וויל ער עס זאָל דערשיינען אין אַ פאַרלאַג, וואָס ער האָט געהאָלפן שאַפן און אין וועלכן ער איז אַן אָנפירנ־דיקער מיטגליד. ער קאָן נישט פאַרשטיין, האָט ער געזאָגט, פאַר־וואָס קאָן דער ק"ק נישט העלפן מיט אַזאַ קליניקייט: דינגען אַ מענטשן אויף זיין חשבון, וועלכער זאָל אויסזוכן און איבער־שרייבן ישראל שטערנס ווערק?

אין דעם גייסט האָב איך אָפּגעשיקט אַן ענטפער דעם ק"ק.

(און דאָרט זענען אויך געקומען צום אויסדרוק מיינע אויבן־אָנגעצייכנטע טענות צו זיי).

געני וואָס איך האָב געשריבן קאָן איך נישט געדענקען נאָך 17 יאָר, אָבער מיר דאַכט זיך אַז דער בריוו האָט באַרירט פאָלגנדיקע פונקטן: דער גאַלט־געבער וויל אַז ישראל שטערנס בוך זאָל דערשיינען אין מעלבורנער פאַרלאַג, צו וועלכן ער האָט אַ גרויסע שייכות; פאַרוואָס קאָנט איר נישט העלפן אַ קולטור־אַרבעט, וואָס אַ פּראָווינץ־שטאָט אין יידישן וועלט וויל טאָן, — אדרבא, עס ליגט דאָך אין די ראַמען פון אייערע אויפגאַבן צו סטימולירן די קולטור־טעטיקייט אומעטום; דאָס פאַרלייגן מיר צו שרייבן אַ פאָרוואָרט זעט מיר אויס אַ קאָמפּענסאַציע פאַר איבערגעבן דעם ק״ק די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן דעם שטערן־בוך, און דאָס איז אַ זאַך, וואָס איך דאַרף דאָס נישט האָבן, — אויב דער בעל־דבר וועט דערויף איינגיין, וועל איך אים נישט שטערן אויך אָן דעם כבוד פון שרייבן דעם פאָרוואָרט.

יעדנפאַלס, וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען דער אינהאַלט פון מיין ענטפער, — אין אַ קורצער צייט נאָכן אָפּשיקן אים, האָב איך דערהאַלטן פאָלגנדע טעלעגראַמע:

„מסכים אַז אויסטראַליע זאָל אַרויסגעבן דאָס שטערן־בוך. גיט צו וויסן וואָסער מאַטעריאַל איר האָט, וועלן מיר דאַן שיקן אונדזערן. דאָס בוך דאַרף אַרויסגיין אונטערן געמיינזאַמען נאָמען פון קאָנגרעס און פון אייער קאָמיטעט. אַ בריוו וועט קומען. מ. בראַון, ש. ניגער. קולטור־קאָנגרעס״.

די טעלעגראַמע איז אָנגעקומען קיין מעלבורן דעם 27טן אָקטאָבער 1947.

אַ בריוו פון ק״ק, געשריבן דעם 31טן אָקטאָבער 1947, איז אָנגעקומען (וואַרשיינלעך) אַרום 10טן נאָוועמבער. אָט איז זיין אינהאַלט:

„חשובער פריינט ראַפּאַפּאָרט.

„איר האָט שוין געווים דערהאַלטן אונדזער טעלעגראַמע, וואָס מיר האָבן אייך אַרויסגעשיקט מיט איינצקע טעג צוריק. אונדזער טעלעגראַמע איז אייך געשיקט געוואָרן נאָכדעם ווי מיר האָבן דערהאַלטן אייער בריוו און אים באַטראַכט אויף דער זיצונג פון

אונדזער אויספיר־קאָמיטעט. מיר האָבן געהאַלטן, אַז די ערשטע ווערק, וואָס מיר האָבן פּלאַנירט, דאַרפן דערשיינען אין לאַנד. אָבער עס איז אין דער זעלבער צייט קלאָר געוואָרן פון דעם ברייטן מיינונג־אויסטויש, אַז מיר האָבן אַ שטאַרקן אינטערעס צו דער־מונטערן איינצלנע לענדער דורכצופירן קולטור־טעטיקייטן און טאָן ליטעראַרישע אַרבעט.

„באַזונדערס האָבן מיר אַלע געפילט, אַז אויב ביי אייך איז דאָ דער טיפער אינטערעס אַרויסצוגעבן י. שטערנס לידער, דאַרף מען אייך נישט מאַכן קיין שוועריקייטן, נאָר, פאַרקערט, אייך מיט־העלפן און דערמונטערן.

„ווען מיר האָבן פּלאַנירט אַ בוך לידער און עסייען פון דעם קדוש־דיכטער י. שטערן, האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט מיט ח. קאַזשדאַן, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט צונויפזאַמלען די אַלע מאַטעריאַלן. איצט האָבן מיר אָפּגעהאַלטן פריינט קאַזשדאַן פון זיין אַרבעט ביז מיר וועלן זיך צוזאַמענריידן מיט אייך. דעריבער ווילן מיר וויסן וועגן די מאַטעריאַלן, וואָס עס זענען דאָ ביי אייך; וועלן מיר זיין גרייט אייך צושיקן צוגאָב־מאַטעריאַלן און איר וועט קענען דאָס בוך אַרויסגעבן מיט דער הילף פון אייערע פריינט. מיר וועלן זיין צופרידן אויב איר וועט אונדז קענען צושיקן אַ רשימה פון אַלץ, וואָס עס איז דאָ ביי אייך.

„מיר האָבן בלויז איין תנאי: אויפן שער־בלאַט זאָל זיין, אַז דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אייך און פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן קולטור־קאָנגרעס. מיר וועלן זיך קענען שפּעטער פאַרשטענדיקן וועגן דער צאָל ביכער, וואָס מען דאַרף דרוקן און וויפל מיר וועלן צונעמען. „ציקאָ" וועט העלפן פאַרשפּרייטן דאָס בוך. עס איז ביי אונדז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איר זאָלט שרייבן אַ ברייטן ביאָגראַפישן אַריינפיר צום בוך. מיר נעמען אָן אַז די ידיעה וועט אייך צופרידנשטעלן. שרייבט אונדז באַלד.

מיט גרוס, מ. בראַון".

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן דעם גענויעם אינ־האַלט פון מיין בריוו, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ טעלעגראַמע און אַ בריוו מיט אַ גאַנץ אַנדערער שטעלונג, ווי אינעם בריוו פון 5טן סעפּטעמבער.

אָבער וואָס עס זאָל נישט זיין די סיבה פון דער ענדערונג, בין איך פון איר געווען צופרידן. פריינט צווייבוים ע"ה האָט פון אָנהויב זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פאָדערונג צו טיילן מיטן קולטור־קאָנגרעס דעם כבוד פון אַרויסגעבן י. שטערנס בוך, בעת ער גיט דאָס אַרויס אַליין פאַרן מעלבורנער פאַרלאַג „פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור", אָבער איך האָב אים איבערגערעדט און ער האָט מסכים געווען צו טיילן דעם שער־בלאַט מיטן ק"ק.

איך האָב געענטפערט אַז מיר נעמען אָן זייער פאָרשלאַג און זיי דאַרפן אונדז בלויז שיקן די מאַטעריאַלן (מיר האָבן אין מעלבורן געפונען בלויז עטלעכע זאַכן און כ'האָב זיי געשריבן וואָס).

אַרום מיטן דעצעמבער האָב איך באַקומען פון ק"ק דעם לעצטן בריוו (פון 8טן דעצ.) וועגן ענין שטערן־בוך. אָט איז זיין אינהאַלט:

„חשובער פריינט י. ראַפּאַפּאָרט.

„אייערעביידע בריוו האָבן מיר דערהאַלטן. זיי זענען געלייענט געוואָרן אויף די לעצטע זיצונגען פון אונדזער פּובליקאַציע־קאָמיסיע און אויספיר־קאָמיטעט.

„ווי מיר האָבן אייך שוין געשריבן פריער, האָבן מיר אָפּגעשטעלט די פאַרהאַנדלונגען מיט ש. קאַזשדאַן וועגן זאַמלען די מאַטעריאַלן פון י. שטערנס לידער און עסייען, נאָכדעם ווי מיר האָבן געהערט פון אייך. מיר האָבן, ווי איר ווייסט, אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז מיר וועלן איבערלאָזן דאָס אַרויסגעבן פון י. שטערנס בוך צו אייך. מיר האָבן געדענקט אַז איר האָט די נויטיקע מאַטעריאַלן. איצט ווען מיר ווייסן אַז איר האָט זייער ווייניק, וועלן מיר מוזן פון דאָס ניי זיך פאַרבינדן מיט ש. קאַזשדאַן, און אים איבערגעבן די אַרבעט. ער איז אָבער שטאַרק פאַרנומען איצט. מיר וועלן זיך זען מיט אים די קומענדיקע טעג און פעסטשטעלן ווען ער קען אויפנעמען דאָס צונויפזאַמלען פון די מאַטעריאַלן. דערפאַר האַלטן מיר זיך אָפּ פון ענטפערן אייך גענוי בנוגע די מאַטעריאַלן.

„מיר וועלן אייך אָבער שרייבן אַזוי שנעל ווי מיר פאַרשטענדיקן זיך מיט פר' קאַזשדאַן און גוטהייסן זיין צוגרייטונגס־אַרבעט. איר וועט פון אונדז הערן אין לויף פון די קומענדיקע צוויי וואָכן".

מיט גרוס, מ. בראַון, פּראָגראַם־סעקרעטאַר".

אין דאָזיקן לעצטן בריוו איז דאָ אַ גרויסע רעטעניש: ווי אַזוי האָבן זיי דאָרט געקאָנט מיינען, אַז מיר האָבן די מאַטעריאַלן פאַרן שטערן־בוך, בעת איך האָב אין מיין ערשטן בריוו געשריבן, אַז מיר ווענדן זיך צו זיי, ווייל מיר קאָנען אין מעלבורן נישט קריגן שטערנס לידער און עסייען. ווען מיר האָבן די מאַטעריאַלן, וואָלט דאָך נישט נויטיק געווען בכלל צו פירן מיט זיי אונטער־האַנדלונגען ...

בלייבט אַ קשיא ...

איך האָב מיין מעצענאַט געוויזן אויך די לעצטע בריוו און מיר האָבן געטאָן דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן געקאָנט טאָן: געזעצט זיך אַפּוואַרטן ביז מירן באַקומען פון ק״ק דעם בריוו וועגן קאַזשדאַנס צוריק אָנגעהויבענער אַרבעט ביים צונויפזאַמלען שטערנס לידער און עסייען.

מיר האָבן זיך אָבער אויף אַזאַ בריוו נישט דערוואַרט, הגם איך האָב זיי דערמאָנט זייער צוזאָג ...

מיר האָבן גאָר לאַנג געוואַרט ביז עס איז אָנגעקומען קיין מעלבורן די תשובה אין דער פאָרם פון אַ ידיעה, ערגעץ אין אַ זשורנאַל, אַז דער ק״ק האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון י. שטערנס לידער און עסייען ...

וואָס עס איז אינצווישן געשען אין ניו־יאָרק, אין ק״ק, האָב איך ביז היינט קיין אַנונג נישט. דער ק״ק האָט אַפילו נישט גע־האַלטן פאַר נויטיק מיר מיטצוטיילן די סיבה אָדער סיבות פאַרוואָס זיי האַלטן נישט קיין וואָרט ...

דאָס זענען אַזעלכע קלייניקייטן, מיט וועלכע אַזאַ חשובע אינסטיטוציע רעכנט זיך נישט, בפרט אַז פונעם געלט פון מעצע־נאַט האָבן זיי זיך שוין פון לאַנג געהאַט מייאש געווען ...

* * *

עס איז אפשר איבעריק צום סוף צוצוגעבן, אַז מיר האָט דער ק״ק נישט געשיקט קיין עקזעמפּלאַר פונעם בוך, וועגן וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל קאָרעספּאָנדירט ...

ווען איך האָב באַשלאָסן צו שרייבן מיין עסיי וועגן י. שטערן — „דער מענטש, דער דיכטער, דער עסייאיסט" (זע מיינע „פייער־

לעך אין נעפל״, זייטן 395—408), האָב איך דאָס בוך געמוזט אויסלייען ביי דער „קדימה״־ביבליאָטעק ...

און דער עסיי מיינער איז נישט דערשינען אינעם שטערן־בוך, נאָר אין דער וועכנטלעכער מעלבורנער צייטונג „די ייד. פּאָסט״.

קיין רעצענזיע וועגן דעם שטערן־בוך האָב איך אויך נישט געשריבן, ווייל היות איך האָב געדאַרפט שרייבן אַ סך שלעכטס וועגן אים, האָב איך נישט געוואָלט אַז בייזוויליקע לייט זאָלן לאָזן אין גאַנג — פון אויער צו אויער — די סברא, אַז ראַפּאָפּאָרט איז זיך נוקם אין ק״ק פאַר פירן אים אין באַד אַריין אָדער — אין זשאַרגאָן פון ק״ק „פאַר אַריינטראָגן גייסטיקע דערמוטיקונג און ברענגען קולטור־הילף אין די יידישע ישובים... ווו מען נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין טרייסט און מוטיקונג״, ווי עס איז צו זען פון דער קאָנפראָנטאַציע צווישן זייערע בריוו און אויפרופן און זייערע מעשים...

אויב דאָס בילד פון ווערטער און מעשים איז נישט קיין פולס, איז נישט מיין שולד, — דאָס זענען שולדיק מיינע בריוו, וואָס פעלן אינעם אַרכיוו פון ק״ק און פון וועלכע איך האָב ביי זיך נישט געלאָזן קיין קאָפּיעס...

נישט נאָר מיך האָבן זיי שטילשווייגנדיק משלח געווען, נאָר אויך מיינע אומשולדיקע בריוו...

י) א. אייזען ע״ה

(צו זיינע שלושים)

צווישן יידישע שרייבער, די דאָזיקע סופער־וואַנדערער אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, מערן זיך די קרבנות אויף דער רייזע: קאַטשערגינסקי איז געהרגעט געוואָרן אין אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע; אַשענדאָרף איז געשטאָרבן בעת אַ באַן־רייזע אין אַר־גענטינע; און איצט איז געשטאָרבן אין וועג א. אייזען, אין קאַנאַדע.

דער מלאך־המות איז, ווייזט אויס, מיד, כאַפּט ער זיך אַריין

אין אן ערָאפּלאַן, אין אַ באַן, אַבי נישט צו זיצן לײדיק, אַבי אויסצוקאָשען נאָך אַ ביסל יידישע שרייבער.

איך וויל דאָ געבן אויסצוגן פון מיינע זכרונות וועגן זיין לעצטן קרבן — אברהם אייזען.

אין די מיטן דרייסיקער יאָרן האָט זיך צו ד"ר י. נ. שטיינ־בערגס גרופּעס „פרייע שריפטן" דערנענטערט אַ יונגערמאַן פון הרוביעשאָוו, א. אייזען, אַ שרייבער אַן אָנפאַנגער. זיינע בריוו, וואָס ער האָט מיר געשריבן, זענען געווען ענטוזיאַסטיש, פול מיט גלויבן און גרייטקייט צו פירן גייסטיקע קאַמפן.

אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער אויך זיך גענומען דרוקן אין די „פרייע שריפטן".

אין יאָר 1936 (אויב איך מאַך נישט קיין טעות) האָב איך אים געזען צום ערשטן מאָל אין וואַרשע, ביי מיר אין שטוב. דער פּערזענלעכער איינדרוק האָט האַרמאָנירט מיטן איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט וועגן אים פון זיינע בריוו צו מיר: אידעאַליסטיש געשטימט, פול ענערגיע און גייסטיקער שפּרונג־גרייטקייט.

נאָך אַן איינדרוק איז צוגעקומען פונעם פּערזענלעכן קאָנ־טאַקט: זיין פּראָווינצער נאַאיווקייט, וואָס האָט זיך גענערט פונם יוגנטלעכן ענטוזיאַזם פאַר אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט גייסט און גייסטיקער אַרבעט.

איך געדענק ווי היינט (אַזעלכע מאָמענטן פאַרגעסן זיך נישט!) ווי מיר זענען געזעסן און גערעדט און איך האָב באַמערקט, ווי זיינע גרויסע, אַ ביסל אַרויסגעזעצטע אויגן האַלטן אין איין וואַנ־דערן איבערן צימער, וואָס איז געווען אי אַן אויפנאַם־צימער, אי אַ שלאָף־צימער, אי אַ קינדער־צימער, אי אַ שטיקל קיך, ווייל מער ווי איין צימער האָט מיין דירה נישט פאַרמאָגט.

מיטאַמאָל זאָגט צו מיר מיין גאַסט:

— ווען איך פלעג אייך לייענען אין הרוביעשאָוו, פלעג איך זיך אייך פאָרשטעלן זיצנדיק אין אַ רחבותדיקער דירה, ביי אַ גרויסן שרייב־טיש, ביי וועלכן איר שרייבט אָן זאָרגן, בהרחבה (איך האָב אים אין משך פון אונדזער שמועס, אין ענטפער אויף זיינע פראַגעס, דערציילט ווי עס זעען אויס די באַדינגונגען, אין וועלכע איך אַרבעט). איך בין געווען זיכער, אַז איר האָט פון אייער

שרייבן פרנסה בשפע, און א גאנצן טאָג טוט איר בלויז שרייבן און לייענען, לייענען און שרייבן.

איך געדענק נאָך איצט, ווי איך האָב זיך הילכיק צעלאַכט, און ער האָט אַזוי מאָדנע געקוקט, אַנטוישט אין זיין נאאיווער פאָרשטעלונג פון אַ פּראָווינצער יונגן שרייבער, וועלכער קען נישט די ווירקלעכקייט ווי זי איז, נאָר ער מאָלט זיך זי אויס ווי זי וואָלט געווען באַדאַרפט זיין...

דאָס איז געווען דער ערשטער קאַלטער עמער וואַסער אויף אייזענס פּראָווינצער ענטוזיאַזם. דער ערשטער, אָבער נישט דער לעצטער. שפּעטער איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן אָט דאָס געפיל בנוגע זיין אייגן לעבן, עס האָט אים דערדריקט דער אייביקער „מבשרי אחזה...", די קאָרעקטור פון דער ווירקלעכקייט אויפן טרוים פון אייגענער דערפאַרונג אויף דער אייגענער הויט...

* * *

ווען אייזען האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך דערציילונגען „שטאַם און צווייג", האָט מיך זיין בוך זייער אינטערעסירט.

איך געדענק נישט איצט צי איך האָב געשריבן וועגן זיין בוך, אָבער אינטערעסאַנט איז ער מיר געווען מיט זיין ווילן צו געבן מער זו בעלעטריסטישע פליטערלעך, — עס איז אין בוך געווען אַ גייסטיקער פלאַטער, אַ רייסן זיך צו עפּעס גרעסערס און טיפערס ווי אויבערפלעכלעכע בעלעטריסטיק.

* * *

מיין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט אים האָב איך ווידער אָנגע־קניפּט ערשט נאָך דעם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, ווען איך בין דורכן מלחמה־שטורעם פאַרטראָגן געוואָרן קיין ווילנע.

א. אייזען האָט שוין דאַן געהאַט דורכגעמאַכט די אַספּיראַנטור פון ווילנער ייוו"אָ, ווי אויך דעם ווילנער לערער־סעמינאַר און האָט זיך פאַרנומען מיט לערעריי און מיט געבן לעקציעס וועגן די נייע שטרעמונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע (פרויד, אַדלער).

אין דער צייט פון מיין זיין אין ווילנע האָט ער דורכגעלעבט אַ טיפע טראַגעדיע. איין מאָל האָט ער מיך אין דער שרייבער־היים (אויף סאַדאָווע 9) אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר שעה און מיר דערציילט

געגוי זיין טראַגעדיע. דאָס איז געווען אַ ווידוי פון אַ דאָסטאָ־יעווסקישן העלד. איך וויל דאָס נישט באַרירן. דאָס האָט אייזענען אַזוי שטאַרק ווי געטאָן דאַן, אַז אויך איצט וויל איך זיך דערצו נישט צורירן.

דאָס האָט מיר נאָר באַוויזן די לײַדנשאַפטלעכקייט פון דאָזיקן מענטש און זיין פעאיקייט אַ סך איבערצולעבן און נאָך מער צו לײַדן.

א. אייזען איז געמאַכט געווען פון עכטן שרייבערישן שטאָף.

* * *

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געזען א. אייזענען און גערעדט מיט אים אינטים, איז געווען ביי די באָלשעוויקעס.

ער, דער אַנטי־מאַרקסיסט און שאַרפער אָנהענגער פון עטישן סאָציאַליזם, איז נכשל געוואָרן: ער האָט אָנגענומען ביי זיי אַרבעט אין אַ שולע, אויך, דאַכט זיך, אַ ביסל גענומען שרייבן אין זייער ווילנער יידישער צייטונג.

איך האָב אים באַגעגנט אויף דער גאַס און אים געוואָלט פאַרבייגיין. ער האָט דאָס באַמערקט און איז צוגעגאַנגען צו מיר, גענומען מיטגיין אין מיין ריכטונג און אָפן געפרעגט פאַרוואָס פלוצלונג אַזאַ פרעמדקייט צו אים.

איך האָב זיך געוואַקלט אַ ביסל און דאַן געפועלט ביי זיך צו זאָגן אים דעם אמת.

ער האָט זיך גענומען פאַרטיידיקן אויף אַ קאָמפּראָמיס־אופן: ער גיט נישט אויף אין גאַנצן זיין שטעלונג, אָבער נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען, מוז מען מיטאַרבעטן מיט זיי אָדער אַלץ אויפגעבן. אגב, האָט ער געטענהט, איז פון דער נאָענט דער טייוול נישט אַזוי שרעקלעך. און ער האָט, אויף זיין לײַדנשאַפט־לעכן אופן, גענומען אַגיטירן אויך מיך, איך זאָל נישט זיין אַזוי קאָמפּראָמיסלאָז און מאַכן דעם זעלבן טריט וואָס ער.

דער שמועס איז געווען לאַנג און היציק (קריכנדיק אויף אַ ווילנער באַרג־אַרויף־גאַס) און דער סוף איז געווען, אַז העפלעך צעקריגטע זענען מיר זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן (נישט נאָר פיזיש).

איך האָב אים געפרעגט: פאַרוואָס קענט איר נישט גיין מיט אייער וועג אַליין? איר מוזט דווקא האָבן אַ מיטגייער, אַ שותף?

נאָך דער מלחמה האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו פון מעקסיקע. איך האָב אויף אים נישט געענטפערט (וואָס איך באַדויער איצט זייער און זייער). פון צייט צו צייט פלעג איך באַקומען זיינס אַ בוך אָדער אַ סעריע אַרטיקלען.

זיין בוך „דאָס גייסטיקע פּנים פון געטאָ" איז געווען אַ פיינע אַרבעט. זיינע אַ סעריע אַרטיקלען, געדרוקט אין „קענעדער אָדלער", איז די באַרעדעוודיקסטע און שאַרפסטע פאַראורטיילונג פון די יידן־ראַטן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן ביים מאַכן רשימות פאַר די אומקום־לאַגערן, ביים אַראָפּנעמען און אַרויפשטעלן מענטשן אויף די דאָזיקע רשימות.

די דאָזיקע סעריע אַרטיקלען, קורץ און אינהאַלטסרייך, האָט פאַרדינט אַרויסגעגעבן צו ווערן אין אַ באַזונדערער בראָשור, צוליב דער קלאָרקייט פון געדאַנק און טרעפלעכקייט פון אַרגומענטאַציע.

און מיט אַמאָל — א. אייזען איז טויט, צו פופציק יאָר!

עס איז אַוועק פון אונדז אַן ערנסטער שריפטשטעלער, אַ וואָגיקער אויף זיין אייגנעם אופן, אַ פאַרשווייגענער, אַן אַנטוויש־טער, ווי יעדער איינער וואָס וויל אַ סך, וואָס האָט גרויסע אידעאַ־ליסטישע פאָדערונגען צום לעבן און צו זיין פאָלק.

יא) פ. י. גאָרין (גערמאַנישסקי)

כ'האָב שוין אַזוי פיל מאָל געוואָלט שרייבן וועגן אים, נאָך אין פוילן, פאַר סעפּטעמבער 1939, נאָך אין ווילנע, פאַר יוני 1940, אָבער באַזונדערס אין שאַנכיי, וו איך האָב העכער 5 יאָר געלעבט מיט דעראינערונגען, — גוטע, ווי שלעכטע.

כ'האָב אַזויפיל מאָל געזאָלט שרייבן וועגן אים! און דאָך האָב איך אים קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען, און ווייסן וויים איך וועגן אים אַזוי ווייניק. אָבער פאַראַן פאַלן, ווען דאָס ווייניקע,

וואָס מען ווייסט וועגן אַ מענטשן, פאַרמאָגט אין זיך מער לעבעדיקן גייסט, ווי געגנויע ביאָגראַפיעס. און דאָס ווייניקע, וואָס איך ווייס וועגן י. גאָרינען (י. גערמאַנישסקי) איז טאַקע פון אָט־אָ־דעם ספּעציפישן מין: יעדע קליינִיקייט רייסט אויף פאַר מיר, ווי אַ בליץ, ברייטע פּערספּעקטיוון אין דער פינצטערניש; יעדע קליינִיקייט איז באַדייטונגספול, ווי אַ סימבאָל, אָנגעזעטיקט מיט נישט דער־זאָגטן, נישט־אויסגערייפטן, אָבער דערפאַר געפילטן, געאַנטן.

* * *

איך קום איינמאָל אַריין אין דער רעדאַקציע פון דער וואַר־שעווער „וואָכנשריפט" לייענען די קאָרעקטור. איין אַרטיקל (אַ רעצענזיע וועגן הערץ בערגנערס ערשטן בוך „שטובן און גאַסן") איז אונטערגעשריבן מיט אַן אומבאַקאַנטן נאָמען: י. גאָרין. דאָס אַרטיקל טיילט זיך אויס צום גוטן פון דער מערהייט יידישע שאַפונגען פון דאָזיקן מין: אויב נישט מיט גרויס טאַלאַנט, איז, לפּחות, מיט אינטעליגענץ, מיט געפיל פון מאָס, מיט פאַרשטענ־דעניש.

דער נומער „וואָכנשריפט" מיט גאָרינס אַרטיקל דערשיינט. זיין אַרטיקל ווערט באַמערקט דורך דעם יינגערן עולם פון דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע פון טלאָמאַצקע 13. אין אָוונט בין איך אָנגעקומען אויף אַ הייסער דיסקוסיע צווישן אַ גרופּע יונגע דיכטער און שרייבער: צי איז .י. גאָרין מיינער אַ פּסעוודאָנים, צי נישט. משה גראָסמאַן — איינער פון די טשעמפּיאָנען פון דאָזיקן דיספּוט — האָט מיך אָפּגערופן אין אַ זייט און איבער־געגעבן די סודות פון וויכוח. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס אַרטיקל האָט אין זיך עפּעס פון ראַפּאָפּאָרטס פּעדער; אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס אַרטיקל איז אינטעליגענט, גוט געשריבן, אָבער עס פעלט אים די אומדעפינירבאַרע קראַפט פון דאָס עכט שרייבערישע.

משה גראָסמאַן האָט געהערט צו דער צווייטער גרופּע, און דעריבער האָט ער געוואָלט וויסן פון דער אויטענטישסטער קוועלע, ווער עס איז גערעכט: ער, צי די אַנדערע.

מיין ענטפער איז געווען: הגם י. גאָרין איז נישט מיין פּסעוודאָנים (איך ווייס אפילו נישט ווער דאָס איז), דאָך האָב איך

נישט קיין פאריבל אויפן דאזיקן חשד — איך וואלט זיך נישט געשעמט מיטן דאזיקן ארטיקל.

שפעט אין אוונט, ווען איך בין געגאנגען אהיים, האט מיך באגלייט דער בעל־שמחה אליין (די ערשטע רעצענזיע אויפן ערשטן בוך) און כסדר געוואלט דערגיין צי איז טאקע י. גארין — י. ראפאפארט.

איך האב זיך פאראינטערעסירט מיט דער פראגע ווער עס איז אזוינער אט דער י. גארין, וואס קיינער גלויבט נישט אין זיין עקזיסטענץ, און איך האב זיך דערוווסט, אז דאס איז א פסוידאנים (הגם נישט מיינער). דער שרייבער איז א יונגער סטו־דענט, אין ווילנע, איינער י. גערמאנישסקי.

ווען י. מ. וויסנבערג האט מיר איבערגעגעבן די רעדאקציע פון זשורנאל, פאר וועלכן ער האט געשאפן געלט ביי זיינע לאדזשער חסידים און איך האב אים א נאמען געגעבן „דער קריטיקער", האב איך זיך געווענדעט צו י. גערמאנישסקין וועגן מיטארבעטן אין אים. איך האב באקומען פון אים א רעצענזיע וועגן וואגלערס פאעמע. הגם מיינע א רעצענזיע וועגן דאזיקן בוך איז שוין געלעגן אין דרוקעריי, האב איך זי צוריקגעצויגן (איך האב זי שפעטער אפגעדרוקט אין דער „צוקונפט") און אריינגעגעבן י. גארינס. אמת, די דאזיקע רעצענזיע איז געווען שוואכער פאר זיין ארטיקל וועגן בערגנערס בוך און מיר איז אויסגעקומען זי שטארק אויס־צורעדאקטירן, אבער אין איר האט זיך געשפירט א געזונטער קריטישער קערן.

אין די דריי נומערן „קריטיקער", וועלכע איך האב רעדאק־טירט, זענען געדרוקט געווען צוויי ארטיקלען פון י. גארינען, און דאס האבן אויסגענוצט מיינע ליטעראריש שונאים כדי איינצו־רעדן וויסנבערגן, אז איך פארכאפ דעם גאנצן זשורנאל: אפילו גארין איז דאך — י. ראפאפארט.

ווען איך דערמאן זיך וועגן „קריטיקער", האב איך עד היום דאס געפיל, אז דער איינציקער פארדינסט מיינער פון דאזיקן אומגעלונגענעם שריט מיינעם (ארויסצוגעבן וויסנבערגס זשורנאל!) איז געווען מיין קורצע קארעספאנדענץ מיט י. גארינען, מיין פרווו ארויסצוציען אים פונם שטעטלע שוויענציאן און אריינצוציען אים אין דער ליטעראטור, וווהין ער האט געהערט.

אין איינעם פון זיינע בריוו, אלס ענטפער אויף מיינעם א ליטעראַרישן קלאָג־בריוו, האָט ער מיר געשריבן: „איר האָט אַ פיינע פעדער, און איר פאַרמאָגט כאַראַקטער, — ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט דאָס אָפּשאַצן".

היות איך האָב נישט זיינע בריוו, האָב איך בעסער ציטירט צו ווייניק, איידער צו פיל, אָבער דאָס דאָזיקע ווייניקע איז אויטענטיש אויף הונדערט פּראָצענט — לויטן זין, און אויף 99 — ווערטלעך.

צו עפּנטלעכע שבחים בין איך נישט געוווינט, אָבער קיין בריוולעכע קאָמפּלימענטן פון גדולים האָבן מיר קיינמאָל נישט געפעלט, — און דאָך האָבן מיך דעם אומבאַקאַנטן גאָרינס שבחים שטאַרק אָנגעוואַרעמט. עס האָט גוט געווירקט אויף מיר דער טאָן פון אויפריכטיקייט און פשטות, מיט וועלכן זיין בריוו האָט זיך אויסגעצייכנט. איך האָב אין זיינע ווערטער נישט געפילט קיין סתם־קאָמפּלימענט, — זיי האָבן געהאַט דעקונג פון באַוווסטזיניקער אָפּשאַצונג; אין זיינע ווערטער וועגן כאַראַקטער, וועלכן מען וועט אַמאָל אָפּשאַצן, האָב איך דערפילט עפּעס קרובהשעס. און אין מיין ליטעראַרישער מדבר־איינזאַמקייט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון אַ ליטעראַרישער פריינטשאַפט, פון ליטעראַרישן קאַמף זאַלבעצווייט.

דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען גאָרין האָט מיר געשריבן, אין שייכות מיט מיינע נחמן־מייזל־נאָטיצן אין ערשטן נומער „קריטיקער", אַז ער קוקט דורך עטלעכע יאָרגענג „ליטעראַרישע בלעטער", כּדי צו געבן אַ ברייט בילד וועגן נחמן מייזלס ליטעראַרישער טעטיקייט. אין קעגנזאַץ צו אַזויפיל שרייבער, וועלכע האָבן צוליב בלינדקייט אָדער פאַלשקייט געמאַכט צו קליינגעלט מיין קאַמף קעגן מייזלען, האָט דער יונגער גאָרין נישט נאָר איינגעזען דעם ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן ווערט פון דאָזיקן קאַמף מיינעם, נאָר, אדרבא, געהאַלטן (און מיט פולן רעכט), אַז מיין פּאַרטיזאַנען־קאַמף קעגן דער שעדלעכער און שענדלעכער מייזל־דערשיינונג אין אונדזער ליטעראַטור דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גוט־אָרגאַניזירטער פולער מלחמה.

איך האָב, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, פאַרגעלייגט י. גאָרינען אַראָפּצוקומען קיין וואַרשע, כּדי צוצוטרעטן צו אַ געמיינזאַמער

ליטעראַרישער טעטיקייט. און י. גאַרין האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דאָזיקן פאָרשלאָג. ער האָט אָבער געשריבן, אַז זיין קומען קיין וואַרשע איז אָפּהענגיק פון קאָנען באַקומען אַן אומזיסטע אָדער ביליקע אַפּליקאַנטור ביי אַן אַדוואָקאַט, ווייל צאָלן אַ וואַרשעווער אַדוואָקאַט אַ גרויסע סומע געלט איז ער נישט ביכולת.

י. גאַרין איז געווען דער איין־איינציקער זון פון אַן אָרימער אַלמנה אין סוועַנציאַן, אַ שטעטעלע נעבן ווילנע, און האָבנדיק געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט פון ווילנער אוניווערזיטעט, האָט ער באַדאַרפט דורכמאַכן די אַפּליקאַנטור, כדי צו קאָנען דער־נאָך פּראַקטיצירן.

איך האָב פּרובירט פאַראינטערעסירן עטלעכע מענטשן מיט פאַרבינדונגען מיט גאַרינס ביטע; באַזונדערס האָט זיך דערמיט פאַרנומען זלמן מייזנער, אייער פון די פירער פון „פריילאַנד" אין וואַרשע — אָבער אָן דערפאָלג.

די עקזיסטענץ פון „קריטיקער" איז אונטערגעהאַקט געוואָרן דורך דעם קאַפּריז פון דערזעלבער פּערזאָן, וועמעס קאַפּריז ער האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין אַנטשטייאונג — דורך י. מ. וויסנבערגן. י. גאַרין האָט נישט געקאָנט קומען קיין וואַרשע. און דער לויז־אָנגע־ניפּטער קאָנטאַקט איז נישט געוואָרן פעסטער. אָבער ערגעץ־ווו, אין געמיט, איז פאַרבליבן אַ וואַרעמער פונקט, פאַרקניפּט מיט אַ שטילער האָפענונג אויף אַ מיטקעמפער און מיט־אַרבעטער.

* * *

אין עטלעכע יאָר אַרום איז די דאָזיקע האָפענונג גרויזאַם צע־שטערט געוואָרן: י. גאַרין־גערמאַנישסקי איז אין קאַרטוז־בערעזע, אין פוילישן דאַכאַו, דערמאָרדעט געוואָרן דורכן וואַקסנדן פוילישן פאַשיזם.

י. גאַרין, אַ געוועזענער קאָמוניסט (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט און דאָס האָט מיר פאַרשטענדלעך געמאַכט דעם שטילן, רעזיגנירטן טרויער פון זיינע בריוו), איז אין ווילנע אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ מסירה און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין קאַרטוז־בערעזע.

די געשיכטע פון דער דאָזיקער מסירה איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוילן פון פאַר דער מלחמה. גערמאַנישסקי האָט סוף־כל־סוף באַקומען פאַר אַ ביסל געלט אַן אַפּליקאַנטור ביי אַ פּוילישן אַדוואָ־קאַט. אין אַ צייט אַרום האָט זיך וועגן אַן אַפּליקאַנטור געווענדעט צום זעלבן אַדוואָקאַט אַ פּאָליאַק. דער אַדוואָקאַט האָט אים געזאָגט, אַז עס אַרבעט שוין ביי אים גערמאַנישסקי. דער פּאָליאַק האָט אים פאָרגעוואָרפן, וואָס ער זאָגט אָפּ אַ פּאָליאַק צוליב אַ יידן. דער אַדוואָקאַט האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז געבונדן מיטן געלט, וואָס ער האָט באַקומען. דאַן האָט דער פּאָליאַק געפרעגט, צי ער וועט אים אָננעמען, אויב גערמאַנישסקי וועט געצוווּנגען זיין אויפ־הערן אַרבעטן ביי אים.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט.

דער פּאָליאַק, אַ סטודענט פון ווילנער אוניווערזיטעט, אַ „קאָלעגע" פון גערמאַנישסקין, האָט אים געמסרט אַלס קאָמוניסט. גערמאַנישסקי איז אַוועק קיין בערעזע, זיין געלט איז געבליבן ביים אַדוואָקאַט און דער פּאָליאַק האָט באַקומען די אַפּליקאַנטור, צו פאַרפולקאָמען זיך אין דער פּוילישער „רעכט"־וויסנשאַפט.

אַ יונגער, אַ היציקער, אַן אַטלעטיש געבויטער (ווי זיינע ווילנער חברים האָבן מיר דערציילט), אַן אַנטוישטער, האָט גער־מאַנישסקי פסיכיש זיך געבונטעוועט מער ווי אַנדערע, וועלכע זענען געזעסן פאַר עפּעס, אין וואָס זיי האָבן געגלויבט, און אים איז שווער געווען איבערצוטראָגן די אוממענטשלעכע געזעצלאָזע און זינלאָזע געזעצן פון קאַרטוז־בערעזע, ווו דער פּוילישער פאַשיזם האָט זיך געאיבט, טרענירט, כדי נישט אָפּצושטיין פון היטלער־דייטשלאַנד, און ווען מען האָט אים אַריינגעזעצט אין נאַסן קאַרצער (ביזן האַלדז אין וואַסער!), האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג און איז געשטאָרבן אין בריסקער שפּיטאָל, איבערלאָזנדיק אין פאַרצווייפלונג זיין אַלטע מוטער, וועלכע האָט אין דער וועלט געהאַט נאָר אים.

* * *

י. גאָרין־גערמאַנישסקיס חברים, וועלכע האָבן נענטער געקענט זיין ביאָגראַפיע און זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, ווען

מסתמא ביי אַ געהעריקער געלעגנהייט שטעלן אַ גענויערן דענקמאָל דעם דאָזיקן הפקרדיק־פאַרשניטענעם לעבן.

נאָך יענער מלחמה זענען אין אַ סך לענדער דערשינען דיקע אַנטאָלאָגיעס מיט מוסטערן פון דער שאַפונג פון יונגע, נישט־פאַנאַנדערגעבליטע טאַלאַנטן; אויך מיר יידן וואָלטן באַדאַרפט שטעלן אַ דענקמאָל די יונגע טאַלאַנטן אונדזערע, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן דורכן פאַשיזם אין פאַרשידענע לענדער. און דאָרט וועלן זיך אויך דאַרפן געפינען שפּורן פון י. גאָרינס ערשטע ליטעראַרישע טריט. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט פאַרצייכענען די דאָזיקע געשטאַלט מיט עטלעכע קוים־מערקלעכע שטריכן, ווי איך האָב זי אויפגענומען פונדערווייטנס, דורכן סוביעקטיוון נעפּל. און איך טו דאָס מיט דער פולער זיכערקייט, אַז די דאָזיקע נעפּלדיקע, סוביעקטיוו־אַנגעוואָרפענע שטריכן גיבן אונדז אַן אָנונג פונם אָביעקטיוון בילד פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין וואַרעמע היים נישט אין פּוילישן לאַנד און נישט אין דער יידישער געזעלשאַפט. סאָציאַל און קולטורעל היימלאָז, אָן אַ וואַרעמער היימישער סביבה האָט די דאָזיקע יוגנט געקוקט אויפן לעבן מיט אומשטילבאַרן טרויער דורך די אויגן פון אירע ערלעכסטע און באַגאַבטסטע. אידעאיש פאַרלוירן, אַנ־טוישט; סאָציאַל געהעצט, היימלאָז — האָט די דאָזיקע יוגנט אפילו נישט געהאַט קיין אויפנאַמפעאיקע, נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, אין וועלכער זיי וואָלטן געוועזן געקאָנט אויסלעבן זייערע איבערלעבונ־גען, געבן אַ תיקון זייער אומרו, געפינען אַן עקוויוואַלענט פאַר זייער נישט אויסגעלעבט לעבן.

י. גאָרין־גערמאַנישסקי איז אַ טראַגישער פאָרשטייער פון אַ יוגנט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַריינטריט נישט נאָר אין לעבן, נאָר אויך נישט אין אַ ליטעראַטור, וואָס איז די גרויסע היים פאַר היימלאָזע.

יב) יום־כפור אויף אַ שיף צווישן דייטשישע פּליטים

אַרויף אויף דער שיף (אין האַנגקאָנג) איז מען ערב ראש־השנה. איז טאַקע דער ראש־השנה געווען אַן אימפּראָוויזירטער. אַ צוויי צענדליק פּערזאָן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ פּרייען צימער (פאַרן געברויך פון דער מאַנשאַפט) און אָפּגעכאַפּט אַ ראש־השנהדיקן דאַוונען, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ רעדע פונם חזן וועגן אַ גליקלעכן יאָר פאַר די שיף־רייזנדע, זיי זאָלן געפינען פּרנסה בכבוד אינם נייעם לאַנד נאָך אַזוי פיל צרות.

קיין איין וואָרט נישט וועגן יידישן כלל, וועגן ברייטערע יידישע צרות.

איך בין אַריין צום דאַוונען מיט אַ האָפענונג: אפשר וועל איך פּאָרט קאָנען דערפילן עפּעס געמיינזאַמעס צווישן זיך און די דייטש־יידישע פּליטים ביים ראש־השנהדיקן דאַוונען, וואָס דערמאָנט תמיד אַזוי פיל, באַזונדערס היינט. אָבער דער אופן פון דאַוונען און באַזונדערס די דרשה מיט איר פּערזענלעכן שמאָלינקן האָריזאָנט האָט אומאָנגענעם, צום הונדערטסטן מאָל אין פאַרלויף פון די צוויי האָנקאָנגער חדשים פון „געמיינזאַמען" לעבן, פעסטגעשטעלט די אָפּגעריסנקייט פון די דאָזיקע מענטשן נישט נאָר פון זייער גאָט, נאָר אויך פון זייער פאָלק. דער וואָרצל איז ביי זיי אָנגערירט, שטאַרק אָנגערירט. און כ'בין אַרויס פון „בית־מדרש" נאָך אַן איינזאַמערער, ווי איך בין אַריין.

און כ'האָב באַשלאָסן מער קיין עקספּערימענטן נישט צו מאַכן.

עטלעכע דייטשישע יידן, וואָס אין זיי איז נאָך פאַרבליבן אַן עפּעס פון זייער אַמאָליקער יידיש־פּוילישער און יידיש־ליטווישער סביבה, האָבן גענומען מאָנען מיך צום מנין. איך האָב זיי אָבער אָפן געזאָגט: ווען איך געפין זיך אויף אַ שיף מיט באמת פרומע יידן, וואָלט איך נישט נאָר צוליב זיי אויסבאַהאַלטן מיין אפּיקור־סות, נאָר צוליב זיך אויך: איך וואָלט זיי נישט געווען געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש און זיך וואָלט איך געוואָלט פאַרשאַפן פאַרגעניגן פון אָפּטובלען זיך אין דער אַטמאָספער פון אַ יידישער תפילה בציבור אום ראש־השנה, אום ימים־נוראים, צווישן הימל און ערד ,ווו עס געפינען זיך נישט נאָר מיר, די האָנגקאָנגער פּליטים, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אָבער נאָך דער פּראָבע פונם ערשטן ראש־השנהדיקן מעריב האָב איך נישט צוליב וועמען אַרויפצוּ־

צווינגען אויף זיך אויסצולעבע פרומקייט און כ׳האָב נישט במילא צוליב וואָס...
און זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען...

* * *

מענדעלע האָט געזאָגט דורך איינעם פון זיינע העלדן, אַז די קרעפּלעך און די המנטאַשן האָבן אין זיך מער קראַפט אויפצוהאַלטן דאָס יידנטום, ווי די יידישע געשיכטע.

עפּעס ענלעכס האָב איך דערשפּירט אויף דער שיף גלייך נאָך ראש־השנה; די דאָזיקע דייטשישע יידן האָבן פאַרלוירן דעם אינער־לעכן קאָנטאַקט מיטן יידישן גאָט און מיטן יידישן פאָלק, — אָבער די מידות פון יידישן שטעטל, ווו דער קאַמף פאַר גבאות און חזנות האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע, ווירקט נאָך אין זיי זייער שטאַרק.

זייער גאַנצע דייטשישקייט איז פּלוצלונג פאַרשוווּנדן און איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן ווי ס׳הויבט אָן אויפשטיין תחית המתים דאָס יידישע שטעטל.

פון אָנהויב האָב איך נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר: א צייןְ־דאָקטאָר, אַ קצב און נאָך איינער און נאָך צוויי רוקן צונויף די קעפּ און ברומען אונטער ניגונים, פאַרריכטן איינער דעם צווייטן. די ניגונים זענען, דאַכט זיך, באַקאַנט. נו, יאָ, יום־כפּורדיקע שטיק־לעך, אַביסל פאַרדרייט, ווי די עברי, אָבער דאָך קענטלעך. דאָס שטודירט מען איין צו יום־כפּור. אָט די דריי־פיר קלייבן זיך צו זיין די שליחי־ציבור, ווייל זיי געדענקען נאָך די ניגונים פונם בער־לינער טעמפּל.

אָבער אינגיכן ווער איך געוואָר, אַז דאָס איז נישט סתם אַ רעפּעטיציע, — דאָס איז אַ רעפּעטיציע לשם רעוואָלוציע. וואָסי?

דער אַלמעכטיקער קעפּטעין הערבערט, וואָס נישט נאָר ער הערשט ביד חזקה איבער די פּליטימשע גופים, נאָר ער האַלט זיי בסדר אין איין דערציען (זיי זאָלן נישט רעדן קיין יידיש, זיי זאָלן נישט פאָדערן קיין כשר עסן אין אַן ענגלישן האָטעל און ענלעכע זאַכן), האָט איבערגענומען אויך די רעליגיעזע פירערשאַפט: ער האָט באַפולמעכטיקט איינעם אַ מקורב ער זאָל איינאָרדענען דעם מנין אויף דער שיף ראש־השנה און יום־כפּור און ער זאָל זיין דער שליח־ציבור.

אין נאָמען פון הערבערטן, וועלכער האָט קאָנצענטרירט אין זיין האַנט די וועלטלעכע און רעליגיעזע מאַכט, האָט ער טאַקע גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ שליח־ציבור און פון אַ בעל־דרשן ראש־השנה און ער פאָדערט פאַר זיך דעם דאָזיקן כבוד אויך אויף יום־כפּור.

אין ראש־השנה געווען פאַרפאַלן: ער האָט געזיגט דורך איבעררעשונג. אָבער איצט זענען דאָך דאָ אַן אַכט טעג אויף צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד. ברומט מען ניגונים און מען זוכט עצות און מען אָרגאַניזירט דעם יום־כּפּור.

אין פון איין זייט שיף גרייט מען אַ חזנישע רעוואָלוציע און פון דער צווייטער זייט שיף קוקט מיט פאַרדרוס און צאָרן דער נאָמינירטער דורך הערבערטן. און דער עולם ווייסט שוין: עס זענען דאָ צוויי צדדים; עס וועט קומען צו אַ יום־כּפּורדיקער שפּאַלטונג. איין צד גייט מיטן נאָמען פון קעפּטעין און דער צווייטער אין נאָמען פון רעוואָלט: הערבערט האָט שוין גענוג געהערשט איבער זיי, — דאָ אין מיטן אוקינוס, קאָנען זיין שטאַרקע האַנט, זיין הייזעריקע שטים און זיינע שמד־שטיק נישט דערגרייכן.

און די שפּאַלטונג וואַקסט פון מינוט צו מינוט. אַ חוץ די צוויי מנינים, וואָס ווערן אָרגאַניזירט, איז שוין דאָ אַ דריטער צד. איינער אַ ייד, וואָס נישט נאָר ער האַלט, נאָר ער זאָגט, אַז ער איז דער איינציק־פרומער, האָט צו וויסן געטאָן, אַז ער וויל נישט מחלל זיין דעם יום־כּפּור דורך דאַוונען מיט איינעם פון די צוויי צדדים — זיי זענען נישט גענוג כשר פאַר אים.

היות דער ים איז געווען רואיק, האָט מען נאָך מער געפילט די רעליגיעזע קאָכעניש. יעדער צד האָט פאַרבירט דאַוונער, יעדער צד האָט אינטריגירט, אויסגערעדט אויפן צווייטן וואָס אין דער קאָרט שטייט.

געזען, אַז עס שמעקט מיט חלול הקודש, האָבן זיך געפונען יידן, וועלכע האָבן פאַרגעלייגט אַן אסיפה, כדי דורכצוקומען און איינטיילן זיך מיט דער גבאות און מיט דער חזנות.

די, וועלכע זענען געווען אויף דער אסיפה, האָבן געהאַט אַן אמתע פאַרשטעלונג. און אַ פריילעכע דערצו.

דער ערשטער אַגרעסאָר אויף דער אסיפה איז געווען דער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דער לעגאַלער רעליגיעזער מאַכט:

דער נאָמינירטער דורך הערבערטן, אַז נאָר דורך זיין פאַרמיטלונג קאָנען זיינע, ד. ה. הערבערטס פּליטים, מתפּלל זיין צו גאָט.

צי דערפאַר, ווייל ער איז נאָמינירט געוואָרן דורך הערבערטן, האָט ער איבערגענומען דעם לעצטנס גראָבקייט, צי צוליב זיין גראָבקייט האָט אים הערבערט נאָמינירט — דאָס וועט מוזן די געשיכטע אויפקלערן. איך באַנוגן זיך דאָ נאָר מיט דער ראָל פון אַ כראָניקער. און איך שטעל פעסט, אַז ער, הערבערטס געזאַלבטער אויף רעליגיעזער גבאות (הערבערט האָט אויך אַ וועלטלעכן שטעל־פאַרטרעטער געזאַלבט אויף דער צייט פון דער רייזע, כדי די פּליטים זאָלן נישט פאַריתומט ווערן פּלוצלונג) האָט אָן שהיות געגעבן אַ שטעל אָן דעם פינגער אויף איינעם און אים פאַרניכטעט מיטן זאָג:

— איר ווילט דאַווענען יום־כּפּור פאַרן עמוד? איר רויכערט דאָך אום שבת!

און גלייך נאָכדעם, ווי אַ גוטער סטראַטעג, זיך אַ ווענד געטאָן צום צווייטן:

— און איר ווילט דאַווענען פאַרן עמוד? אייער טאָכטער איז דאָך אַ געשמדטע!

און ווער ווייס צי ער וואָלט נישט געווען אַרויס אַלס זיגער, ווען נישט איין קליניקייט: ער איז אַזוי פאַרטאָן געווען אין זוכן די עוולות פון די אַנדערע, אַז ער האָט פאַרגעסן אין די אייגענע.

אָבער די אַנדערע האָבן נישט פאַרגעסן.

— ערשטנס — האָט זיך אָפּגערופן דער, וועמען מען האָט פאַרגעוואָרפן זיין טאָכטערס פּגימה, — איז מיין טאָכטער אַ פּאָל־יעריקע און איך בין פאַר איר נישט פאַראַנטוואָרטלעך; צווייטנס, האָט זי זיך דערנאָך מגייר געווען אויף צוריק; און דריטנס, ווער זענט איר, איר זאָלט זוכן יענעמס כשרות? איר, ווייסן דאָך אַלע, האָט געלעבט מיט אַן אשת איש בפרהסיה. און ווען דער מאַן פון אייער געליבטער איז געשטאָרבן, האָט איר חתונה געהאַט מיט איר דריי חדשים נאָך זיין טויט! איז איר ווילט דאַווענען יום־כּפּור?!

הכּלל, צו וואָס אַ סך רייד: דער אַגרעסאָר איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. אַלס נקמה האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער וועט בכּלל נישט דאַווענען מיט קיין מנין, ער וועט עפענען אַ פּריוואַטע קאַנטאָ ביי גאָט, — ער וועט דאַווענען נישט ביחידות, נאָר מיט זיין ווייב בשותפות.

און אזוי איז עס געווען: דעם מאָנאָפּאָל אויפן מנין האָט באַקומען די גרופּע, וואָס האָט איינגעשטודירט די שטיקלעך. הער־בערטס געזאַלבטער וועט דאַווענען מיט זיין פרוי און דער איינ־ציקער פרומער ייד וועט אויך דאַווענען מיט זיין פרוי.

* * *

דער קאַמף האָט אויפגעהערט, אָבער די שטימונג איז געוואָרן אַלץ ערנסטער און ערנסטער, וואָס מער דער ערב יום־כּפּור האָט זיך אָנגערוקט.

די איניציאַטיוו איז אַריבער צו דער וועלטלעכער מאַכט, דעם וועלטלעכן נאָמינירטן מיט הערבערטס חסד.

קודם־כּל האָט ער געלאָזט וויסן, אַז מען קאָן זיך ביי אים פאַרשרייבן אין די פאָלגנדיקע דריי רובריקן: 1) די, וואָס פאַסטן א גאַנצן טאָג; 2) די, וואָס פאַסטן ביז 12 בייטאָג; און 3) די, וואָס פאַסטן לגמרי נישט. דערביי דערקלערט ער פייערלעך, אַז ער פאַסט ביז 12 בייטאָג.

א גאַנץ פיינע נדבה פאַר א לאַנג־פאַרנאַכלעסיקטן גאָט.

די, וואָס פאַסטן ביז 12 בייטאָג, זענען געווען מער פאַר די „פול־טיים”־פאַסטערס. איך מיין, אַז דאָ האָט געשפּילט א ראָליע דעם וועלטלעכן פירערס צוזאָג, אַז פאַר די פאַסטער (אפילו ביז 12 בייטאָג) וועט צוגעגרייט ווערן א ספּעציעלע פאַרפאַסטונגס־מאָלצייט און א ספּעציעלע אָפּפאַסטונגס־מאָלצייט. האָבן די פּראַק־טישע, אויסגערעכנטע דייטשישע יידן באַשלאָסן, אַז צוליב צוויי בעסערע מאָלצייטן לוינט שוין צו וואַרטן פון 9 פרי ביז 12 ביי־טאָג, בפרט, אַז איינגעשלאָסן וועט מען זיי נישט האַלטן...

ערב יום־כּפּור האָט דער וועלטלעכער פירער אַריינגעכאַפּט אויך א שטיקל רעליגיעזע פירערשאַפט. ער האָט געהאַלטן א רעדע מען זאָל זיך אויפפירן גוט, ווי עס פאַסט פאַר יום־כּפּור. ער האָט אַפּעלירט מען זאָל נישט רויכערן, ווייל יום־כּפּור פאַלט דאָס מאָל אויס גראָד אום שבת, — איז צוליב שבת, הייסט עס, זאָל מען נישט רויכערן...

* * *

און יום־כּפּור איז געקומען. און הערבערטס רעליגיעזער שטעל־פאַרטרעטער איז מסתמא געווען צופרידן פון דעם, וואָס מען האָט

ביי אים אַרויסגעריסן די גבאות און די חזנות: ער פלעגט שנעל פּאַרטיק ווערן מיטן דאַוונען און צווישן שחרית און מוסף, צווישן מוסף און מנחה, צווישן מנחה און נעילה פלעגט ער פלירטעווען מיט זיין אַמאָליקער אשת איש און היינטיקער ווייב. דער איינציקער פרומער ייד פלעגט אַראָפּקומען פון ערשטן קלאַס מיט אַ זעלבסטצופרידענער מינע, ווי איינער זאָגט: זיי שטייען און דאַוונען פאַר גאָט און האָבן קיין אַנונג נישט, אַז גאָט איז גאָר אויסשליסלעך אין דער קאַבינע פון דעם ערשטן קלאַס, וווּ ער און זיין ווייב זענען אים מהנה מיטן אַמתדיקן יום־כּפּורדיקן דאַוונען, אַז ער איז זיך ממש מחיה, דער אַלטער גאָט...

און די האַלב־פּאַסטערס? זיי האָבן אויף זייער שטייגער מהנה געווען גאָט.

— איך בין אַזוי הונגעריק און איך בענק אַזוי נאָך אַ פּאַפּיראָסל, — האָט זיך געפּיעשטשעט אַ שוואַרצאויגיקע, גרויס־לייביקע גרושה, וואָס אַנדערע האָבן זי באַדויערט (אויפן דריטן טאָג נאָך דער חתונה אירער מיט אַ רייכן שאַנכייער יידן, האָט ער זי געכאַפּט ביי דער זעלבער עבירה, צוליב וועלכער ער האָט חתונה געהאַט מיט איר) און אַנדערע האָבן איר מקנא געווען (געליטן בלויז דריי טעג און זיך פאַרזאָרגט מיט אַן אַפּותיקאַ אויף אַ גאַנץ לעבן).

מען האָט ממש געזען בחוש, אַז זי האָט חרטה אויפן אָפּמאַך מיט גאָט; אָבער מילא, זאָל אירס איבערגיין און זאָל ער לעבן אַ גוטן טאָג.

און גלייך נאָך 12 ביי־טאָג, ווען זי האָט שוין אָפּגעגעסן, האָט זי פאַררויכערט ס'פּאַפּיראָסל מיט אַ געפיל, ווי נאָכן אָפּטאָן אַ גוטע זאַך: זאָל גאָט אויך האָבן הנאה פון איר...

און איינע, אַ דייטשישע פרוי, וואָס האָט גאָרנישט געפאַסט, איז צוגעגאַנגען צו אַ יידישער פרוי פון פּוילן און געפרעגט, צי זי פאַסט, צי איר מאַן פאַסט, צי איר זון פאַסט. דערהערט דריי מאָל „ניין", האָט זי געפרעגט אויף ריינעם דייטש:

— זינד זי געשמדט?

און דערהערט, אַז נישט, איז זי געוואָרן אויסער זיך:

— פאַרוואָס־זשע פאַסט איר נישט?

— און איר פאַסט? — האָט איר די יידישע פרוי פון פּוילן געפרעגט.

— ניין.
— זענט איר געשמדט?
— אָ, ניין.
— טאָ פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך מוז זיין געשמדט, אויב איך פאַסט נישט.
— מיר זענען דאָך פון דייטשלאַנד, און איר פון פוילן.

ווי איינער זאָגט: מיר, דאָס זעמל־מעל פון יידישן פאָלק, זענען דאָך געבילדעט... אָבער נישט געשמדטע פוילישע יידן פאַסטן שוין אויך נישט?...

* * *

דער דאָזיקער אַנעקדאָט האָט ווידער אַמאָל אויפגעריסן דעם תהום צווישן די צוויי יידישע שבטים: ווי פרעמד זיי זענען זיך; ווי פאַרפרעמדט זיי זענען פון אונדז; ווי פאַרקריפּלט עס איז זייער באַגריף וועגן מאָדערנעם יידנטום!

און עס איז געוואָרן אַזוי אומעטיק: זיי פילן גאָרנישט די קאָמעדיע, וואָס זיי שפּילן מיטן פאַסטן ביז 12 אַזייגער, מיטן פרע־דיקן נישט רויכערן, ווייל יום־כּפור פאַלט אויס אום שבת...

זיי פילן נישט די טראַגעדיע פון יידנטום, וואָס די שולן אין פוילן זענען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די מתפּללים, וואָס דער דורותדיקער עכטער נוסח פון יום־כּפור איז פאַרשניטן, וואָס עס זענען דאָ בלויז דערינערונגען וועגן דעם (מיט וועלכע איך ווערג זיך אַ גאַנצן יום־כּפור, און וועלכע האַלטן מיך ווייט פון זיי), וואָס דאָס אַלץ איז געוואָרן בלויז ליטעראַטור, פון וועלכער מען מוז שעפּן קאָנטינואיטעט, ווייל דאָס לעבן איז פאַרשוווּנדן, — דאָס אַלץ גייט זיי נישט אָן; פאַר זיי איז געווען אַ האַלבער פאַסטן, עט־לעכע אָפּגעטוויטע ניגונים, וואָס דערגייען בלויז צום אויער, ווייל זיי גייען אַרויס בלויז פון דער קעל, דער עקרדיקער גאָטעסדינסט, וואָס עס שלאָגט פון אים אַ חלשות פאַר יעדן עמפּינדלעכן אַפילו אויף 5 פּראָצענט.

פאַר זיי איז דאָס אַלץ גענוג, — אַבי גיט זיי אַ ספּעציעלן מאָלצייט צום פאַרפאַסטן — אַ טריפן, נאַטירלעך.

אויפן וועג קיין אויסטראַליע, סעפּט. 1946.

פון מיין ביאַליסטאָקער זכרונות-אוצר

אַקאָרדן פונעם לייט-מאָטיוו

(אַ פאָרוואָרט צו פראַגמענטן פון אַ לעבן)

אַ פלייץ רעגן. אונדזער גאַס (יאַטקע-גאַס), וואָס פירט צום קליינעם שטאָטישן טייכל ביאַלע, איז פאַרגאָסן. דער זומערדיקער גאַס און די אויפגעלאָפענע רינשטאָקעס, וואָס רייסן זיך האַסטיק צום נאָענטן טייכל, זענען פול מיט אַ מאָדנער קרעפטיקער מעלאָדיע, וואָס איך זאַפּ זי איין ליגנדיק איבערן ברייטן ביישטידל, אויף דער העלפט אַרויסגערוקט אין גאַס.

דאָס בלוט פולסירט אין מיר האַסטיק-האַסטיק, טאַנצנדיק פאַר פרייד, און דאָס האַסטיק-פולסירנדיקע בלוט קלאַפּט אין מיר ריטמיש אויס דעם נישט-לאַנג געלערנטן פסוק פון חומש: „כי הדם הוא הנפש, כי הדם הוא הנפש".

און עס בליצט אויף אין מיר — מיט אַ מאָדנעם טריאומף!

— דער געדאַנק. —

דער ערשטער אין זכרון פאַרבליבענער געדאַנק: „אויב דאָס בלוט איז דער נפש, איז דאָך נישטאָ קיין נשמה". און איך פיל זיך ווי באַפרייט, אויסגעלייזט פון אַ דרוק און פיל אין זיך צוויי שטראָמען פרייד: איינער קומט אַריין אין מיר פון דרויסן; דער צווייטער קוועלט אָן אין מיר פון אינעווייניק.

דאָס איז מיין ערשטער אַפּיקורסישער געדאַנק. ער איז מיר געבליבן איינגעקריצט נישט נאָר אין זכרון,, — איך לעב אים פיזיש איבער מיט דער גרעסטער שאַרפקייט תמיד, ווען נאָר איך דערמאָן זיך אין אים.

איך געדענק נאָך זיין אויסברוך, אָבער נישט זיין פאַרגעשיכטע. אָבער לויט דער שטאַרקייט פונעם אויסברוך קאָן מען מאַכן אַ

אויספיר וועגן זיין פֿאַרגעשיכטע. עס האָט מיך, ווייזט אויס, שוין דאַן געמאַטערט דער געדאַנק וועגן השארת הנפש, וועגן יענער וועלט, וועגן דער לאַסט, וואָס די פֿליכטן לגבי דער נשמה ליגן אַרויף אויף דעם ווער עס נעמט עס ערנסט. און ווען די פֿרייד פֿון דער צעשפּילטער סטיכיע — פֿון זומערדיקן פֿלייץ־רעגן — האָט דורך אונטערערדישע קאַנאַלן (און אפשר דורך דעם פּולסירן פֿון מיין פֿריידיק־אויפֿגערוישטן בלוט?) זיך פֿאַראייניקט מיטן „כי הדם הוא הנפש", האָב איך אַראָפּגעוואָרפֿן די מורא און די לאַסט פֿאַר און פֿון די פֿליכטן פֿאַרן עולם הבא פֿון דער נשמה: דער חומש אַליין זאָגט דאָך, אַז דער נפש איז דאָס בלוט, און ווען דאָס בלוט רינט אויס, רינט אויס מיט אים די נשמה, דער נפש.

די באַפֿרייאונג פֿונם גלויבן קאָן נישט נאָר אַריינוואַרפֿן אין מרה־שחורה, נאָר אויך אין פֿרייד. דער מענטש איז אין יעדן פּרט און אין יעדער זאַך בי־עקסטרעמיק (צווייזייטיק).

* * *

אַ ווינטער־טאָג. דער אויוון הייצט זיך. ביי איין זייט אויוון שטיי איך, ביי דער צווייטער — מיינער אַ ברודער. אוןביידע — קליינע חדר־יינגלעך — וויינען.

אין איין און דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט צוויי טרויעריקע ידיעות: ביי מיין אָם איז געשטאָרבן אַ יונגע טאָכטער; ביים ברודערס אָם איז אין אָרלע אָפּגעברענט געוואָרן דאָס הויז. שטייען מיר ביידע און וויינען.

— פֿאַרוואָס וויינסטו? — פֿרעג איך דעם ברודער — איך דאַרף וויינען, ווייל לעבעדיק מאַכן די טאָכטער קאָן מען שוין קיין־מאָל נישט; אָבער דו? אַ הויז קאָן מען דאָך אָפּבויען!

און איך פֿיל נאָך איצט דעם פֿאַרדרוס פֿון דאַן, צוליבן פֿאַר־שוועכן דאָס טראַגישסטע אין לעבן — דעם טויט: ווי אַזוי קאָן מען, און ווי אַזוי מעג מען פֿאַרגיסן די זעלבע טרערן אי אויפֿן טויט פֿון אַ טאָכטער, אי אויף דער שריפֿה פֿון אַ הויז?...

מיין ערשטע גערייצטקייט צוליבן פֿאַרווישן די ניואַנסירונגען — די נשמה פֿון לעבן.

* * *

איך ליג אין בעטל. די מאַמע זיצט אויפֿן קאַנט פֿון בעטל און גיט מיך אַ קוש — אַ גוטע נאַכט.

איך לאָז זי נישט אָפּ. איך הער פון עס־שטוב דעם געלעכטער פון טאַטן, וועלכער איז ביים אונט־ברויט געזעסן — ווי געוויינלעך — מיט אַ פראַנצויזישער צייטונג אין דער האַנט און געמאַכט אָפּטע, שאַרפזיניקע וויצן. און איך פרעג דער מאַמען אַ קשיא, וואָס פייניקט מיך שוין פון לאַנג:

— ווי אַזוי קאָן דער טאַטע — אַזאַ פרומער — לייענען פראַנצויזישע און ענגלישע — גוישע— צייטונגען און אַזוי אָפּט לאַכן?

די מאַמע שמייכלט מיט ליבע און פאַרגעניגן און ענטפערט מיר עפּעס און גיט מיך אַ גלעט. דעם גלעט איבערן קאָפּ געדענק איך נאָך און דעם ענטפער נישט. אָבער איך געדענק אויך, אַז אַ לאַנגע צייט האָט מיך געפּייניקט די דאָזיקע סתירה: ווי קאָן מען לאַכן — קלות ראש! — און לייענען גוישע צייטונגען און ביכער. האָט דאָך דער ווילנער גאון געלערנט חכמת יוון נאָר אין בית הכסא!

און ווען מען האָט צו מיר געוואָלט נעמען דעם ערשטן לערער, ער זאָל מיך אין דער היים — אָן חלול שבת! — לערנען חכמת יוון, האָב איך געפירט אַ קאַמף קעגן דער גזירה אויף מיין יידישקייט.

דער ערשטער אויסברוך פון קריטיק, דער ערשטער קאַמף — פאַר האַרמאָניע צווישן געדאַנק און טאַט, צווישן גלויבן און אויפפירונג.

* * *

איך זיץ אויפן קאַנט פון מיין בעט, אַ האַלב־אויסגעטועטער, און בין שטאַרק צעקלעמט, — אַזוי שטאַרק, אַז איך בין זיצן געבליבן אין מיטן אויסטאָן זיך און כ׳קאָן נישט פאַרענדיקן מיין לעצטע טאָג־אַרבעט — דאָס צוגרייטן זיך צום שלאָף.

אַ חבר האָט מיך בייטאָג באַליידיקט. איך געדענק שוין נישט אין וואָס די באַליידיקונג איז באַשטאַנען, אָבער ער האָט מיר עפּעס געזאָגט אזוינס, וואָס האָט מיך געקרענקט אַ גאַנצן טאָג און כ׳האָב בשום אופן נישט געקאָנט געפינען די גייסטיקע גלייכגעוויכט. ווי אַזוי האָט ער דאָס געקאָנט זאָגן, און מיך אַזוי באַליידיקן אָן שום גרונט?

איך שטיי פאַר דער דאָזיקער טאָג־געשעעניש און כ׳קאָן נישט אַריבערטרעטן איבער איר: זי גיט מיר נישט קיין רו אַ גאַנצן

טאָג און איצט, אין דער שטילקייט פון דער נאכט, שפּיר איך זי נאָך ווייטאָקדיקער, נישט אריבערצוטראָגן.

און מיטאמאָל לויפט מיר דורך א געדאנק: און אפשר איז דער חבר גערעכט? אפשר האָט ער געהאט רעכט אזוי צו זאָגן און מיך באַליידיקן?

און איך דערפיל זיך ווי אויסגעהיילט פון דער אינערלעכער שפּאַנונג. איך האָב צוריק באַקומען די אינערלעכע גלייכגעוויכט. איך טו זיך שנעל אויס און לייג זיך שלאָפן מיט א רו, וואָס קומט פון אינערלעכער אויסגעגליכנקייט.

איך דערפיל און וויים, אז נישט די באַליידיקונג גופא האָט מיך אזוי וויי־געטאָן, נאָר דאָס געפיל פון באגאנגענעם אומרעכט. די באַליידיקונג איז דאָך אויך איצט געבליבן, און דאָך טוט זי מיר מער נישט וויי, ווייל איך אָנערקען איר בארעכטיקונג.

איך וויים, אז דער חבר איז געווען אומגערעכט, אָבער איך שטוים אוועק דאָס דאָזיקע וויסן. דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג זאָגט מיר אונטער, אז איך דאַרף אָנערקענען די גע־רעכטיקייט פון דער באַליידיקונג, כדי צו האָבן רו.

און אזוי איז דאָס געבליבן אויפן גאנצן לעבן, ביי דער גרעס־טער עוולה, וואָס ווערט באגאנגען לגבי מיר, איז גענוג איך זאָל אויף איין מינוט צולאָזן דעם געדאנק, אז דער עוולה־טוער האָט געהאט רעכט, א שאָטן פון רעכט, א פאַלש סוביעקטיוו געפיל, אז ער איז גערעכט, כדי דער כעס און די שנאה צו אים זאָלן פאַר־שווינדן און איך זאָל מצדיק זיין דעם דין, ווי הארב ער זאָל נישט זיין...

און אין פאַל פון אומדערטרעגלעכער עוולה נאָר איך זיך אַליין דורך אונטעררוקן זיך דעם פאַלשן אורטייל: יענער האָט רעכט געהאט...

די עוולה בלייבט, דער מאַטעריעלער אָדער דער מאָראַלישער שאָדן בלייבט מיינער, אָבער דאָס געפיל, אז עס איז געשען אן אומרעכט, פאַרשווינדט; און ווען דאָס ערגסטע פאַרשווינדט, איז שוין דאָס איבעריקע, ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין, צום דער־ליידן...

* * *

עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך זיץ אין תּפיסה פאַר הרגענען אַ מענטשן. איך זיץ אין תּפיסה און וואַרט מען זאָל אויספירן דעם טויט־אורטייל, וואָס מען האָט אויף מיר אַרויסגעטראָגן.

אויב איך האָב ווען עס איז דורכגעלעבט אַ קאָשמאַר, אויב איך האָב ווען עס איז דערפילט אויף אַן אמת וואָס אַ קאָשמאַר איז, איז עס געשען דאַן, אין יענער נאַכט, אין יענעם חלום.

און אין וואָס איז באַשטאַנען דער קאָשמאַר? נישט אינעם געפיל, אַז אָט־אָט פירט מען מיך צו דער תּליה (עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען וועט מיך באַלד הענגען), נאָר אינעם געפיל, אַז איך בין באַגאַנגען אַ טאַט, וואָס לאָזט זיך שוין נישט גוט־מאַכן: איך האָב געטויט אַ מענטשן — איך קאָן אים נישט אומקערן צום לעבן.

איך האָב שוין מער קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזאַ אימהדיקן צושטאַנד, ווי דאַן: אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געשפירט אַזאַ אומענדלעכע פרייד, ווי ביים אויפכאַפּן זיך פון יענעם חלום: איך האָב קיין מענטשן נישט געטויט! איך בין פריי פון געפיל, אַז איך בין באַגאַנגען אַ טאַט, וואָס מען קאָן זי נישט גוטמאַכן.

אַ גאַנץ לעבן באַגלייט מיך אַ פריידיק און אויך — צו וואָס לייקענען? — אַ שטאָלץ געפיל: די מורא פאַר אַ שלעכטער טאַט האָט איבערגעוווגן ביי מיר די מורא פאַרן טויט (ביי מיר, וואָס איך האָב אַזאַ ווילדע שרעק פאַרן טויט זייט דער פריסטער קינדהייט)! און דאָס אין חלום, ווען די אינסטינקטן זענען אַזוי פריי אין זייער אויפריכטיקסטן אויסדרוק.

* * *

מיר האָבן געוווינט אויף יאַטקע־גאַס אין אַ הויף פון קצבים. מען פלעגט אין הויף ביי אונדז אַריינטרייבן סטאַדעס שעפּסן. און אָפט פלעגן זיי זיך דרייען שעהנווייז אין אַ רעדעלע איינע אַרום דער צווייטער און בשום אופן נישט אַריינגיין אין הויף.

איינמאָל, בעת אַזאַ איינגעשפּאַרטע סטאַדע שעפּסן האָט באַוויזן וואָס זי קאָן, האָט דער קצב געכאַפּט אַ שטעקן און אָנגעהויבן האַקן אַ שעפּס איבערן קאָפּ, איבערן געזיכט, איבער אַלע גלידער. דאָס שעפּסעלע האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט.

איך בין געשטאַנען ביים פענצטער און יעדער קלאַפּ איז גע־

פאַלן אויך אויף מיר. איך האָב ווילד געשריגן פון ווייטאָק און פון צאָרן: „טויטן דאַרף מען אים! טויטן!”

דאָס איז געווען ביי מיר דער ערשטער אויסברוך פון אומגעצוימטן צאָרן.

וויפל איז דאָ אין אַזאַ אויסברוך פון צאָרן בונט קעגן אומגערעכטיקייט, קעגן טעמפּער אכזריות, און וויפל — געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט?

צום העכסטן שרייט די אומבאַהאָלפנקייט, ווען זי פילט, אַז זי וואָלט געווען באַדאַרפט האָבן קראַפט צו האַנדלען, צו טאָן עפּעס, צו באַשטראָפן.

די פעלנדיקע קראַפט פון טאַט ווערט פאַרביטן מיט געשריי.

דאָס שרייט מען אפשר מער קעגן דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, ווי קעגן יענעמס אכזריותדיקן אומרעכט.

* * *

איך בין געשטאַנען מיט שוועסטער־ברידער און גערעדט וועגן איינעם און אים טאַקע באַרעדט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז יענער אָנגעקומען פון גאַס.

איך האָב דעם מענטשן נישט געקענט קוקן אין די אויגן: דער אויסדרוק איז ווי אָנגעמאָסטן געווען אויף מיר. כ'האָב נישט געקענט עפּענען דאָס מויל עפּעס צו זאָגן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די ווענט אַפילו הערן נאָך וואָס איך האָב גערעדט וועגן יענעם הינטער די אויגן, אַז די ווענט וועלן מיר אויפן קול פאָרוואַרפן צביעות, אויב איך קאָן אַזוי שנעל איבערדרייען מיין צונג אויף אַנדערע אומשולדיקע רייד.

דאָס ערשטע געפיל, אַז וואָרט האָט ממשות, אַז עס רייסט זיך אָפּ פון אינעווייניק ווי אַ פרוכט, לאָזט אויף לאַנג אַ געוויסן ריח און אַ געוויסן קלאַנג.

ווען מ'צן הערט זיך טיף איין אין דער אייגענער שטילקייט, דאַכט זיך, אַז די שטילקייט רעדט אויף דרויסן. ווען מען הערט זיך טיף איין אין יעדן אייגענעם אַרויסגערעדטן וואָרט, נעמט זיך דאַכטן, אַז יעדע וואַנט שרייט עס אַרויס.

דערפון שטאַמט דאָס עיקרדיקע פאַר אַ שרייבער: די אחריות פאַרן וואָרט, וואָס איז פאַר אים דאָס ווירקלעכסטע פונעם ווירקלעכן.

* * *

א האַברסטיקער, קאַלטער אָוונט. ליפּאָווע גאַס (אין ביאַלי־סטאָק). אַ רוסישע פרוי גייט נאָך אַ מאַן און בעט זיך ביי אים צוריקצוקערן זיך אַהיים, כאָטש צו די קינדער, אויב נישט צו איר.

ער וויל זיך אָפּטשעפּען פון איר, ווי פון אַ פּריקרער אָנשי־קעניש. און אַ עולם גייט זיי נאָך און איך — אַ קינד — צווישן עולם.

די פרוי איז אַזוי אָרעם געקליידט און אַזוי מאָגער און בלייך, אויסגעשעפּט און פאַרוועלקט, אַז עס וואַקסט אין מיר אַ כוואַליע פון זודיקן רחמנות און מיטלייד צו איר, און אַ כוואַליע זודיקן צאָרן צום מאַן און צום עולם.

איך גיי זיי נאָך און מיין קינדיש האַרץ קאָן נישט באַגרייפן: אַזוי פיל דערוואַקסענע מענטשן, און קיינער, קיינער נעמט זיך נישט אונטער איבערצושניידן די עוולה אין איר ווקס, קיינער העלפט נישט דער פרוי אין איר רעכט.

דער יונגערמאַן שטעלט אַלץ האַסטיקערע טריט, אָבער די פרוי לויפט נאָך און בעט און כאַפּט אים ביים אַרבל. דער מאַן טרייסלט זי אָפּ פון זיך. מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ זעץ אַריין אין אַ לאַנגזאַם פאַרבייפאָרנדיקער דראָשקע און הייסט דעם פורמאַן שנעל פאָרן.

די פרוי בלייבט שטיין אַ פאַרלאָזענע — צום וויפלטן מאָל ?

דער עולם אַרום נעמט זיך פאַנאַנדערגיין — מיט אַ געזע־טיקטן נייגיר.

איך נעם אויף דעם צער פון דער פרוי אויף אייביק. ער איז נישט פאַרשוווּנדן אפילו אין דעם ים צרות און ליידן וואָס איך טובל זיך אין אים זייט דאַן אַלס מענטש און ייד. די דאָזיקע פרוי מיט איר פאַרשעמטן צער האָט באַשטימט מיין באַציאונג צו דער פרוי אויף אַ גאַנץ לעבן.

* * *

איך פאָר אין באַן. אין מיין קופּע זיצן צוויי מיידלעך: איינע — אַ בילד־שיינע; די צווייטע — אַ זעלטענע מיאוסקייט; דער קאָנטראַסט איז אַזוי בולט, אַז ער שרייט מיט טויזנט קולות.

עס ווילט זיך מיר קוקן אויפן שיינעם מיידלשן פּנים; אָבער ווי נאָר איך נעם קוקן אויף איר, כאַפּ איך איבער דעם בליק פון

מיאוסן מיידל און עס דוכט זיך מיר, אז אין מיין אנטציקטן קוקן אויפן שיינעם מיידל לייענט די מיאוסע ארויס איר מיאוסקייט.

איך באצווינג זיך נישט צו קוקן אויפן שיינעם מיידל. איך זע ביידע נישט. איך זאָג זיך אָפּ פון אַ גרויסן גענוס, וואָס פאַרשאַפט עמיצן פיין.

* * *

אקאָרדן פון אַ לעבנס־לייט־מאָטיוו, וואָס איך האָב געגאָסן און געליטן פון אים, אין זיינע פאַרשידנאַרטיקסטע וואַריאַציעס, אין משך פון העכער 60 יאָר באַוווסטזיניקן לעבן...

א) צוליב אַ צווילינג־אַנצוג

1. מען וואַרפט מיך אַרויס פון בית־מדרש...

אַ זוניקער שבתדיקער פרימאָרגן. איך טו אָן די שבתדיקע בגדים, פול מיט זיסער דערוואַרטונג אויפן שבתדיקן דאַוונען. איך פיל זיך כמעט ווי אַ דערוואַקסענער: איך טו זיך אַליין אָן, איך גיס זיך אַליין אָן אַ גלאָז טיי און נעם שבתדיקן זיסן געבעקס אַלס צובייסעכץ און איך גיי אַליין אין נאָענטן שיינעם ניי־וועלט־בית־מדרש מיט זיין גוטן חזן.

די גאַנצע גאַס, וואָס קען מיך גוט, וועט קוקן אויף מיר מיט דערמוטיקנדיקע בליקן: גוט, ייִנגעלע; פיין, ייִנגעלע, — אָט אַזוי, אָט אַזוי...

און באַזונדערס גענים איך פון פאָראַוים דעם ברייטן, פריינטלעכן ברוך הבא פונעם הויכן, בייזן, איינאויגיקן שמש, וועלכער פירט מלחמה מיט דער גאַנצער גאַס שטיפערס, און נאָר פאַר מיר געפינט זיך ביי אים אַ זויערער, קאַסאָקער שמייכל, וואָס פּלאָנטערט זיך קוים אַרויס מיט דער שפּיץ נאָז און איין אויג פון דער זיגזאַגאַרטיק צעקאָלטנטער שוואַרצער באָרד.

ס'איז גוט צו גיין אין בית־מדרש אין זוניקן שבתדיקן פרימאָרגן, אין שבתדיקן אָנטועכץ און מיט שבתדיקע געפילן. איך גיי מונטער, ווי טאַנצנדיק; איך גיב אָן עפן די שווערע געשניצטע טיר און — דער הויכער, בייזער שמש גיט זיך אַ בויג אַראָפּ צו

מיר, גיט אַ צי אויס זיינע מוראַדיק־לאַנגע הענט, נעמט מיך מיט זיי אָן פאַר די אַקסלען, דרייט מיך אויס מיטן פּנים צו דער טיר און שטופּט מיך אַרויס מיט אַ קורצער דערקלערונג: „ביסט שוין ווידער דאָ? אַרויס, דו שקאָץ איינער!"

ווי מאָדנע לייכט דער הימל קאָן אַראָפּפאַלן אויף דער ערד! ווי מאָדנע די אָביעקטיווע וועלט איז אָפּהענגיק פון דער סוביעקטיווער! נאָר וואָס איז אַלץ געווען געמיטלעך, שיין, האַרמאָניש, און אָט איז שוין אַלץ פינצטער, פיינטלעך, ווערטלאָז...

און דער עיקר — פאַרוואָס קומט דאָס מיר? ס'איז אַזוי שווער איבערצוטראָגן די ערשטע בולטע אומגערעכטיקייט לגבי זיך!

און ווי אַזוי וועל איך איצט קאָנען לעבן אויף דער זעלבער גאַס, וואָס זעט צו, דאַכט זיך מיר, מיין שאַנד? פון יעדן פענסטער, דאַכט זיך מיר, קוקט מען אויף מיר: אָט דאָס יינגעלע האָט נאָר וואָס באַקומען אַ פּסק, — מסתמא איז ער עס ווערט געווען.

איבער דער גאַנצער גאַס, דאַכט זיך מיר, קלינגען נאָך אָפּ די ווערטער: „אַרויס, דו שקאָץ איינער!"

וועל איך טאַקע יעדן טאָג זיך דאַרפן דורכגנבענען דורך דער גאַס מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, — כדי נישט צו טרעפן דעם אָפּשפּעטנדיקן בליק פון אַ גאַנצער גאַס מענטשן? מיט אַ געבויגענעם רוקן, — כדי צו קאָנען פאַרטראָגן די משא פון די נאָכגעוואָרפענע בליקן?

ווי לייכט און טאַנצנדיק איז געווען דער וועג צו דער שול, און ווי שווער, בלייאיק־שווער עס איז יעדער טריט אויף צוריק...

אַזוי האָט געמוזט גיין אדם הראשון, ווען מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון גן־עדן.

ניין, אים איז געווען לייכטער. ער האָט כאָטש געוווסט זיין שולד. אָבער איך?...

איך נישטער אין מיין זכרון און קאָן קיין שום שפּור פון קיין זינד נישט געפינען. איך קאָן שווערן, אַז איך בין אומשולדיק לגבי דעם שמש. אָבער ווי דערוווייזט מען דאָס? ווי אַזוי מאָנט מען אויף דעם וויכטיקסטן און גרעסטן חוב — גערעכטיקייט?

אַך, ווי שווער דאָס איז אַפילו היינט, פאַרן דערוואַקסענעם; היינט אַ פּשיטא שוין פאַרן דעמאָלטיקן קינד, וואָס יעדער דערוואַקסענער איז פאַר אים געווען דער פּוסק־אחרון, אַ העכסטע אינסטאַנץ, קעגן וועלכער עס איז נישט געווען קיין אַפּעלאַציע...

און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר פּיינלעכע טעג. די שול האָב איך אויסגעמיטן אַפילו פאַרבייצוגיין; די גאַס פלעג איך דורכגיין וואָס אומבאַמערקטער, ביי די ווענט, ווי אויף די שפּיץ פינגער, — מען זאָל מיך וואָס ווייניקער זען און הערן...

די אומגערעכטיקייט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, האָט נאָך אַרויפגעלייגט אויף מיר אַ שטראָף, ווי פאַר אַן אמתדיקער זינד. איך האָב נאָך דאַן נישט געהאַט אויסגעשמידט פאַר זיך דעם מעכטיקן פאַנצער פונעם זעלבסטבאַוווסטזיין פון אייגענעם גערעכט־זיין, וואָס מען קאָן אים אַקעגנשטעלן די שטאַרקסטע פיילן פון אומגערעכטיקייט. ער קאָן, נאַטירלעך, נישט שטערן מענטשן אויסצושיסן אין אומשולדיקע די פיילן פון זייער תמיד געשפּאַנטן בויגן פון אומגערעכטיקייט, אָבער ער דערלאָזט נישט, אַז די דאָזיקע פיילן זאָלן פאַרשאַפן טיפע אינערלעכע וווּנדן.

* * *

אין אַ שטיקל צייט אַרום גיי איך אַריין אין בשמים־קרעמל, אין שליחות פון מיין מאַמען, עפּעס איינצוקויפן פאַרן שטוב, און דערזע מיטאַמאָל דעם שמש, ווי ער זיצט זיך ברייטלעך אויף אַ שטול אינמיטן קרעמל. — זיך פאָרט נישט געקאָנט אויסהיטן! — אַזוי וואָלט איך היינט געווען אויסגעדריקט אין ווערטער מיין דעמאָלטיק ערשט געפיל ביים דערזען די פאַרקערפּערונג פון מיין קינדישן אומגליק.

דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן ווי מיט האַמערס; די אויגן האָבן גענומען זוכן אַ רעטונג, — אָבער אומזיסט. דער שמש שטרעקט שוין אויס זיינע מוראדיק־לאַנגע הענט און ציט מיך אַריין צווישן זיינע קני. און אָט פיל איך שוין אַ קניפּ אין באַק — „אָט אים האָב איך ליב, — אַן אָרנטלעך קינד!"

איך גלויב נישט די אייגענע אויערן. ווי בינדט זיך דער היינטיקער קניפּ מיטן אַנומלדיקן אַרויסוואַרפן? און איך נעם זיך אָן מיט מוט און פרעג אים פאַרוואָס ער האָט מיך דאַן אַרויסגעוואָרפן פון בית־מדרש.

ער? מיך? וואָס? ווען? ער איז גאָר גאָט די נשמה שולדיק! יע, ער דערמאָנט זיך טאַקע: ער האָט יענעם שבת אַרויסגעוואָרפן פון שול מיין ברודער, דעם גרויסן שטיפער, און נישט איינמאָל, נאָר צווימאָל.

— אזא שקאַץ. אַז מען וואַרפט אים אַרויס, קומט ער אַריין נאָכאַמאָל.

אָבער מיך וועט ער אַרויסוואַרפן ? „דאָס אַרנטלעכסטע קינד פון דער גאַנצער גאַס ? !"

איך בין געפאַלן אַ קרבן פאַר פרעמדע זינד, ווייזט זיך אַרויס. איך מיטן ברודער גייען אָנגעטאָן אין צווילינג־בגדים.

דער ערשטער קינדישער קאָשמאַר איז ווי מיט דער האַנט אָפּגעווישט. אָבער אַ שטיקל ווונד איז לאַנג־לאַנג געבליבן : ווי לייכט מענטשן זענען אויף צו באַגיין אַן עוולה. עס איז געווען דער ערשטער אויבערפלעכלעכסטער איינדרוק מיט איין אויג אַפילו...

2. מיינע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאַזיקע בלוט

אויף ניי־וועלט, פונקט קעגנאיבער שאַפּיראָס הויף, איז געשטאַנען אַ צווישטאָקיק מויערל, וואָס האָט געהערט צו שמואל פּרוש.

דער אַריינגאַנג צום הויף איז געווען אַ געדעקטער, אַ פינסטערער, ווי אַ דורכגעהאַקטער טונעל. דער דאַזיקער טונעל, וואָס האָט געפירט צום הויף, און פון דאָרט צו מיין מומעס וווינונג, האָט געשמעקט נישט נאָר מיט פייכטקייט, נאָר אויך מיט פינסטערער אימה : איך פלעג אויף שנעל אים דורכלויפן, און מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ אַריינ־פאַלן צו דער מומען, ווי געיאָגט פון געפאַרן.

אָט די אימה איז געווען בלויז אין אַ קליינער מאָס אַ רעזולטאַט פון טונקעלן, טוכלען הויף־טונעל; אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דער געהיימניש, וואָס האָט אַרומגערינגלט די פּערזאָן פונם באַלעבאָס פון יענעם הויף — שמואל פּרוש.

פאַרוואָס מען האָט אים גערופן שמואל פּרוש, ווייס איך נישט, אָבער זיין קליינע, אַרים־געקליידעטע (חסידיש־געקליידעטע) געשטאַלט איז געווען איינגעהילט אין אַ געהיימניש.

צי ער האָט דאָן געהאַט אַ פּרוי צי נישט — ווייס איך נישט; יעדנפאַלס האָב איך זי קיינמאָל נישט געזען. קיין קינדער האָט מען ביי אים אויך קיינמאָל נישט געזען. ער פּלעגט זיך דורכשלייכן איבער דער גאַס שווייגנדיק ,מיט אַ גאַנג פון אַ בעטלער, און זיך ווי אַריינגליטשן אין זיין טונקעלן הויף אַריין ווי עפּעס אַ שטיק טונקעלע געהיימניש.

איך האָב אים גוט געקענט פון אויסנווייניק; דאָסזעלבע ער — מיך; און דאָך פלעגט מיר תמיד ווערן אומהיימלעך, ווען איך פלעג דערזען זיין גרוי־איינגעשרומפּן פּנים אונטער דעם יידישן היטעלע.

און לויפנדיק צו דער מומען, פלעג איך דורכלויפן מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ נישט נאָר שמואל פרושעס הויף, נאָר אויך פאַר־ביילויפן מיטן זעלבן האַרצקלאַפּעניש שמואל פרושעס פאַרטער־דירה מיט די תמיד פאַרהאַנגענע פענסטער, וואָס פלעגן מיך היפּש־לעך אינטריגירן, אָבער נאָך מער — שרעקן מיט אַפּגעשלאָסענער געהיימניש.

מיט אַמאָל איז אויף ניי־וועלט געשען אַ סענסאַציע: צום איינזאַמען שמואל פרוש איז אַראָפּגעקומען אַ דערוואַקסענער זון זיינער, אַ ישיבה־בחור, אַ גייסטיק־קראַנקער.

אַ שטיק געהיימניש האָט ווי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון טונקעלן הויף־טונעל, און זי נאָך שווערער געמאַכט.

אַלץ, דאַכט זיך, — דער הויף, שמואל פרוש, — איז גע־בליבן ווי געווען, קיין האָר נישט אַנדערש, און דאָך איז מיר שווערער געוואָרן אַרויפצוגיין צו דער מומען: איך פלעג זיך מינוטן־לאַנג שלאָגן מיט דער דעה צי גיין, צי נישט — און ווי אַז איך וועל זיך אָנטרעפן פּנים אל פּנים מיט שמואל פרושעס משוגענעם זון, אָדער מיט שמואל פרוש גופא?

און אין די זומערדיקע לאַנגע פאַרנאַכטן פלעגט אַזוי שווער זיין צוצוזען, ווי דער אומגליקלעכער משוגענער ווערט אַ ציל־ברעט פאַר די שטיפערישע ווייסע־חברהניקעס, וועלכע האָבן באַקומען אַ נייעם אָביעקט פאַר זייערע שטיפערייען: זיי לויפן אים נאָך, רופן אים: „משוגענער!" און ער דרייט זיך אום, זוכט מיט די משוגענע אויגן שטיינער אויפן ברוק, געפינט, כאַפּט זיי, וואַרפט זיי, וואַרפט אין דער צעשטיפטער חברה, יאָגט זיך נאָך זיי, פלאָנטערנדיק זיך אין דער לאַנגער קאַפּאָטע.

אָבער נאָך שווערער ווי אויפֿן משוגענעם, איז געווען צו קוקן אויפֿן שווייגנדיקן טאַטן, אויף שמואל פּרוש, וועלכער איז זינט זיין זונס קומען נאָך שווייגעוודיקער געוואָרן, מער פֿאַרגראָבן אין זיך, אין זיין געהיימנישפֿולן, צוזאַמענגעבראָכענעם לעבן.

איך פֿלעג בשום אופֿן נישט קאָנען באַגרייפֿן, ווי אַזוי מ׳קאָן אָפּלאַכן פֿון אַ משוגענעם. און דער עיקר, ווי אַזוי מען קאָן זען די קליינע, אָרעם־געקליידעטע פֿיגור פֿון שמואל פּרוש, מיט זיין גראָען נזירישן קאָפּ און פּנים און — יאָגן זיך נאָך זיין זון מיט ווילדע אויסגעשרייען.

און אָפֿט פֿלעג איך איבערלעבן דעם ווייטאָק פֿון דאָזיקן טאַטן, וועלכער פֿלעגט אַרויסקוקן, פֿאַרטאַיעטערהייט, פֿון זיין פֿינסטערן הויף (ווי גוט דאָסדאָזיקע הויפֿל האָט האַרמאָנירט מיט זיין גאַנ־צער אָרעם־קאַרגער פֿיגור, זיין חושכדיקער לעבנספֿירונג און דעם געהיימניש, וואָס האָט צוגעדעקט זיין משפּחה־לעבן) און נאָכקוקן מיט אַ בליק פֿון אַ שטומער, הילפֿלאָזער, פֿאַרבענקטער באַשעפֿע־ניש, ווי מען יאָגט זיך אַרום מיט זיין זון, ווי מען לאַכט פֿון אים, ווי מען רייצט זיך מיט אים.

* * *

איינמאָל, אַרויסקומענדיק אין אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט פֿון אונדזער הויף, האָב איך דערזען קעגנאיבער, אינם פֿינסטערן טונעל, שמואל פּרוש, וועלכער האָט מיך אַ רוף געטאָן מיטן פֿינגער.

כ׳האָב דערפֿילט עפּעס שלעכטס. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַריבער די גאַס, צו צו שמואל פּרוש. ער האָט מיך אַריינגע־פֿירט טיפֿער אין הויף, איז געבליבן שטיין קעגנאיבער מיר און מיט אַ שטים, וואָס איז מיר שוין געבליבן שטעקן אין געמיט, ווי אַ מעסער, אויפֿן גאַנצן לעבן (עס שטעקט טיף, נישט אַרויסצו־נעמען), אַ פֿרעג געטאָן: „דו אויך?״

ער האָט געזאָגט בלויז דידאָזיקע אומקלאָרע ווערטער, אָבער איך האָב גלייך פֿאַרשטאַנען וואָס פֿאַראַ שרעקלעכער חשד עס ליגט הינטער זיי. איין מאָמענט, געדענק איך, איז מיר דורכגעלאָפֿן דורכן קאָפּ: „ער וועט מיך שלאָגן!״, אָבער מאָדנע: איך האָב גאָרנישט געטראַכט וועגן אַנטלויפֿן. און איך בין נאָך אויך היינט זיכער, אַז ווען ער וואָלט מיך אַפֿילו געווען גענומען שלאָגן, וואָלט איך אויך

נישט געווען אנטלאָפן: דער מיאוסער, באַליידיקנדיקער און דער־נידערנדיקער חשד איז געווען ערגער פאַר פעטש, פאַר קלעפּ. און פון אים האָב איך נישט געקאָנט אנטלויפן: ער איז אַריינגע־שניטן געוואָרן אין מיין געמיט.

איך האָב געקוקט אויף שמואל פרוש מיט אויגן, וואָס מיין צו פול האַרץ האָט זיך איבערגעגאָסן אין זיי; איך האָב מיט מיינע בליקן געפּרווט אַרויסנעמען פון זיין האַרץ די באַליידיקונג, וואָס ער פילט, און במילא זיך באַפרייען פון דער עוולה, וואָס ער טוט מיר. צי דען קאָן ער נישט לייענען זיין טעות אין מיינע בליקן?

איך האָב גענומען ריידן צו אים אויפן וונק, — פונקט ווי ער האָט גערעדט צו מיר. עפּעס אַ מאָדנע שעמעוודיקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף אונדזער קורצן, מיט גרויסע שווייגנדיקע הפסקות אָנגעפילטן שמועס.

ער האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. ער האָט מיך אַליין געזען צווישן די לאָבוזעס.

איך בין געשטאַנען פאַר אים אַן אומבאַהאָלפענער, אין פולן באַוווסטזיין פון מיין אומשולד. איך האָב געוווסט, אַז דער שולדי־קער איז מיין ברודערס צווילינג־אָנצוג צו מיינעם, אָבער איך האָב געפילט, אַז אויב ער גלויבט נישט מיינע אויגן און מיינע ווערטער, וועט ער אויך אָט די אויפקלערונג אויפנעמען ווי אַ פּרווו אַראָפּ־צוואַרפן פון זיך די אחריות. און ס'האָט מיך אַזוי געפּייניקט דער פאַלשער חשד, דער צניעותדיקער פאָרוווּרף: „דו אויך?", וואָס האָט געטראָפן אין מיין געוויסן ווי אַ נישט־פאַרדינטער, אָבער דאָך ווייטאָקדיקער קלאַפּ, ווי אַ פּאַטש. איך האָב דאָס נישט געטאָן, אָבער פאַר אים, פאַר שמואל פרוש און זיין געפיל פון עוולה, האָב איך דאָס יאָ געטאָן. „דו אויך?" איך, אויף וועמען ער האָט זיך נישט געריכט, וועמען ער האָט אַזוי לאַנג אויסגעטיילט צום גוטן, — איך האָב אָפּגענאַרט זיין האָפענונג, איך האָב אנטוישט זיין גלויבן אין מיר, זיין גוטע מיינונג וועגן מיר.

ווי לייכט עס וואָלט מיר דאַן, אין יענעם מאָמענט, געווען אויפצונעמען קלעפּ, אַבי ער זאָל מיך באַפרייען פון דעם אומדער־טרעגלעך־דריקנדיקן „דו אויך?"

פול מיט אומענדלעכן טרויער, שווייגנדיק, אַן אומשולדיק־פאַרמשפּטער, בין איך אַוועק פון שמואל פרוש, וועלכער איז גע־

בליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט, נאָך זיין אויסטערליש־דעליקאַטן אויסריידן אַ קינד אַזאַ עוולה.

זייט יענעם טאָג האָב איך דערפילט אַ מאָדנעם דרך־ארץ צו שמואל פרוש: ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז גראָד ער זאָל אויף אַזאַ גייסטיקן אופן רעאַגירן? איך האָב אים געגומען נאָך מער אויסמיידן, דאָס גיין צו דער היים־געליבטער מומע איז געוואָרן אַן אַקט פון אומענדלעכן לויערן אויף שמואל פרושעס אַוועקגיין אין גאַס.

דאָס איז נישט געווען די ערשטע אומפאַרדינטע באַליידיקונג אין מיין דאַן יונג לעבן, אָבער דאָס איז געווען די ערשטע, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ טראַגישער איבערלעבונג.

* * *

אין יאָרן אַרום, איינמאָל, ווען איך האָב אַלס דערוואַקסענער באַזוכט מיין היימשטאָט, האָב איך באַזוכט דעם הויף פון שמואל פרוש, דעם שוין דאַן פון לאַנג געשטאָרבענעם. איך האָב זיך געשטעלט אויפן זעלבן אָרט, ווו עס איז פאָרגעקומען דער קורצער, אָפּגעהאַקטער, טראַגישער דיאַלאָג צווישן אַ באַעוולטן פאָטער און אַ באַעוולט קינד, און איך האָב — ווי אונטער עפּעס אַ צוואַנג — מיט פאַרמאַכטע אויגן איבערגעחזרט אומענדלעכע מאָל: „איך האָב דאָס נישט געטאָן! איך האָב דאָס נישט געטאָן!”

און מיין געפיל איז געווען דאָסזעלבע ווי מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק: אַ געפיל פון טראַגישער אומבאַהאָלפנקייט; און איך האָב געקאָנט קלאָר פאָרמולירן דאָס, וואָס דאָס ניין־צען־יאָריק קינד האָט נישט געקאָנט (הגם עס האָט געפילט און איבערגעלעבט דאָס זעלבע; ווי מען זינגט אויס אַ ליד אָן ווערטער און אָן אַ ניגון — בלויז אינערלעך) פאָרמולירן: עס זענען דאָ פאַלן, ווען עס איז ווייניק צו זיין איבערצייגט אין דער אייגענער אומשולד, — מען דאַרף אויך, אַז אַ צווייטער זאָל דערין זיין איבערצייגט. דאָס באַוווסטזיין פון דער אייגענער אומשולד איז אפשר גענוג, ווען מען ליידט צוליב אַ פאַלשן חשד פיזיש אָדער גייסטיק־ברוטאַל; דאַן אָבער, ווען יענעמס איבערצייגט זיין אין אונדזער שולד דריקט זיך אויס בלויז אין אַזאַ פאַרוווּרף ווי „דו אויך?” — דאַן איז די איבערצייגונג אין דער אייגענער אומשולד לחלוטין נישט גענוג.

כ׳וואָלט נאָך איצט געווען זיין צופרידן, ווען איך קאָן איבער־
צייגן שמואל פרושן, אז ער איז באַגאַנגען לגבי מיר אַן אומרעכט.
מיינע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאַסדאָזיקע בלוט.
נישט דאָן און נישט דערנאָך.

ב) איך ווייז אַרוים מיין עקשנות...

עמיצער האָט מיך געשיקט אָפּגעמען פאָטאָגראַפיעס אויף ליפּאָווע, פּונקט קעגנאיבער ניי־וועלט.

איך בין אַרויס אויף ליפּאָווע און גענומען גיין אויף דער זייט, ווו דער גרעק (אָדער טערק) האָט געהאַט זיין בעקעריי.

ווען איך בין צו ווו פּאַוואַטשיזנע האָט זיך געפונען, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ פּראַוואָסלאַוונע פּראָצעסיע, מיט די הייליקע בילדער, מיט די לאַנגהאָריקע פּאָפּעס אין זייער פולער אוניפאָרם.

וואָס עס האָט פאַר מיר באַדייט אַזאַ פּראָצעסיע, נאָך די קאָשמאַר־געשיכטעס (וואָס זענען טיילווייז אמת געווען) וועגן דער־מאָרדעטע יידישע קינדער אין „שוויענטי ראָך" און נאָך דעם ביאַ־ליסטאָקער פּאָגראָם, איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, — שוין אָפּגע־רעדט דערפון וואָס איך בין געווען דורך און דורך אַ יידיש קינד, אויף הונדערט איינס פּראָצענט, סענסיטיוו ביז קרענקלעכקייט אין אַלע הינזיכטן, בפרט אין הינזיכט פון יידישקייט און קריסטנטום.

די פּראָצעסיע איז מיר געגאַנגען אַנטקעגן טאַקע פון שוויענטי ראָך. די גאַנצע ברייט פון דער גאַס, מיט די טראָטואַרן (ביז די סאַמע הייזער) איז געווען פאַרגאָסן מיטן פּראַוואָסלאַוונעם גלויביקן פאָלק. איך בין געגאַנגען אַנטקעגן דעררדאָזיקער זינגענדיקער מאַסע, דער איינציקער אין דאָזיקן שטראָם, מיט אַ היטעלע אויפן קאָפּ.

עס איז נישט לייכט געווען צו גיין, — און איך האָב זיך באַמיט צו לויפן קעגן שטראָם! איך קאָן עד היום נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר איז אינגאַנצן נישט געקומען דער געדאַנק צו לויפן צוריק. מעגלעך, אַז דער שרעק האָט פּאַראַליזירט מיין פעאיקייט צו דענקען, — אַזוי ווי איך בין געגאַנגען מיטן געדאַנק צוצוקומען צום פאָטאָגראַף, אַזוי בין איך שוין פאַרגליווערט געוואָרן ביים דערזען די פּראָצעסיע און איך האָב געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג,

איין געפיל: וואָס שנעלער זיך ארויסצוכאַפּן פון דאָזיקן שטראָם, וואָס פליִיצט מיר אנטקעגן.

און איך בין קונציק געלאָפן אין זיגזאַגן, דורכגליטשנדיק זיך צווישן די אנטקעגנגייענדיקע. איך האָב געציטערט און געשפּרונגען צווישן זיי ווי אַ קליין, בלייך פלעמל פון שרעק און פון קאָנצענט־רירטער אנטשלאָסנקייט ארויסצוקריגן זיך פון דער פליסנדער פאַסטקע.

אָבער וואָס ווייטער איז מיין לויפן געוואָרן אַלץ שווערער. די מאַסע איז געוואָרן גערדיכטער, און זי האָט אָנגעהויבן, — דורך די, פאַרביי וועלכע איך האָב זיך פאַרבייגעריסן, — צו רעאַגירן אויף מיין באַהיטעלטן קאָפּ.

— „שאַפּקו סנימי!" (נעם אַראָפּ ס'היטל!) — האָבן געגומען שיפּיען שטימעס. איך האָב זיך דאַן געגליטשט פאַרביי דער גע־מויערטער צערקווע־וואַנט, מיט די פאַרטיפונגען (אין גלייבע אָפּ־שטאַנדן), אין וועלכע איך פלעג זיך אריינקוועטשן, ארויפשפּרינ־גענדיק אויף די שוועלן פון די דאָזיקע וואַנט־פאַרטיפונגען (נישעס). צוקומענדיק צום סוף פון דער פאַרטיפונג (אויף אַ ציגל אין דער ברייט) פלעג איך אַראָפּשפּרינגען צווישן עולם, זיך דורכגליטשן און ווידער „אריין" אין דער וואַנט.

אָבער די האַלטונג פונם עולם איז געוואָרן אַלץ דראָענדיקער — סיי אין די שטימעס, סיי אין די באַוועגונגען. הענט האָבן זיך געצויגן צו מיין היטל, וואָס איך האָב עם פעסט צוגעהאַלטן, מיילער האָבן זיך געזידלט, און איך בין געווען אָנגעצויגן ווי אַ פייל, וואָס ווייס איינס: פאָראויס!

איך האָב געשפּירט, אַז אָט־אָט און הענט וועלן נעמען פאַלן אויף מיר מיט קלעפּ, וואָס איך מייד נאָך דערוויייל אויס דורך פלינקייט.

איך האָב זיך געשראָקן, אָבער עס איז מיר אויף קיין איין מאָמענט נישט איינגעפאַלן נישט נאָר אויסצוטאָן דאָס היטל, נאָר אפילו — אַז דאָס איז מעגלעך. מעגלעך זענען געווען קלעפּ, מעגלעך איז געווען מען זאָל מיר אַראָפּרייסן ס'היטל, מען זאָל מיך צע־קוועטשן, צערייסן אויף שטיקער, — אָבער אַראָפּנעמען ס'היטל?!

די גויים, וואָס פלעגן מיר קומען אנטקעגן, פלעגן זען דעם אומדערפאַלגרייכן קאַמף קעגן מיין היטל מצד די, וואָס זענען גע־

גאַנגען פאַר זיי, און ביי זיי איז געוואַקסן דער אימפּעט, דער כעס קעגן עקשנותדיקן ייִנגל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער פּראָצעסיע, שטעלט זיך אַנטקעגן דעם שטראָם און וויל זיך אין גאָרנישט ניִשט אונטערוואַרפן.

די רציחה קעגן מיר וואַקסט, מיין שרעק וואַקסט אויך, אָבער צוזאַמען מיט אים — אויך די עקשנות און די שנעלקייט און די פלינקייט פון קינדערשע פיסלעך. איך לויף און בויג זיך פלינק ווי צווייגן אין שטורעם, כדי אויסצומיידן יעדע אויפגעהויבענע האַנט. מיין גליק איז, וואָס יעדער איינער פון זיי קאָן אויפהויבן די האַנט איין מאָל בלויז אין גיין, — ער ווערט גלייך געיאָגט פאָראויס דורך דעם וואָס הינטער אים, קיינער קאָן זיך ניִשט אָפּשטעלן, און אַרויסגיין פון די רייען איז אויך ניִשט מעגלעך, — ניִשט אַזוי צוליב דער הייליקער עבודה, ווי צוליב מאַנגל אין פּלאַץ.

און אָט איז שוין די צערקווע נישטאָ, דער פאָטאָגראַף ווערט נענטער, די באַוועגונגען פון די צערייצטע פּראָצעסיע־גייער העפּטיקער.

און ווען איך בין אַריינגעפאַלן — גלייך פון דער גאַס — אין הויז פון פאָטאָגראַף, האָב איך געשפּירט אויפן היטל דעם לעצטן קלאַפּ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער פּלייצע, אָבער פאַר מיר איז שוין געווען אַ פרייער טרעפּ אַרויף — אויפן האַלבן שטאָק צום פאָטאָגראַף.

איך האָב דערפילט אַ פאַרלייכטערונג, אָבער איך האָב גלייכצייטיק אויך דערפילט די געפאַר דורך וועלכער איך בין אַדורך: ווי לייכט מען האָט מיך געקאָנט צעשלאָגן, צעדרעפּטשען, ווען ניִשט די אויסטערלישע פלינקייט, וואָס עס האָט מיר צוגעגעבן און מיט וועלכער עס האָט ווונדערבאַר דיריזשירט מיין זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט.

תמיד, ווען איך דערמאָן זיך מיין דעמאָלטיקע עקשנות ניִשט אויסצוטאָן דאָס היטל, בין איך פעאיק זיך אַריינצולעבן אין דער געפיל־וועלט פון די ייִדן, וועלכע האָבן ניִשט אָפּגעווייכט אויף קיין האָר פון זייער לעבנס־פּיר, ניִשט געקוקט אויף קיין שום זאַך: זיי האָבן ניִשט אָנגענומען ווען דעם קיין שום באַשלוסן, — דאָס איז גאָרנישט געשטאַנען אונטער אַ פראַגע־צייכן, — דאָס איז געווען אַן אינסטינקטיווע זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט.

ג) ערשטע אויפבליצן פון סאַציאַלן באַוווסטזיין

— 1 —

אויף איין יאָר האָב איך געביטן דעם חדר אויף דער ביאַלי־סטאָקער ישיבה אויף די פּיאַסקעס (אויף רבי'ס גאַס, אויב איך געדענק גוט, ווו ס'האָט זיך געפונען אויך די תלמוד־תורה).

די ישיבה האָט געהאַט אַן אייגענעם בית־מדרש, ווו די ישיבה־לייט — פון די עלטסטע ביז די יינגסטע — פלעגן קומען שבת פרי און דורכפירן אַליין, מיט אייגענע כוחות, — אַ מנין.

צו דער ישיבה גופא האָב איך גאָרנישט געקאָנט האָבן: דעם שיעור פלעג איך דאָנערשטיק קענען גוט, אָן באַזונדערער אָנ־שטרענגונג, און נישט איין תלמיד פלעגט מיר בעטן איך זאָל דעם שיעור מיט אים איינחזרן; פאַר געסט — פון שטאָט און פון אויס־לאַנד — פלעגט מען מיך פאָרשטעלן און כ'פלעג באַקומען אַ קניפּ אין בעקל; און דער רבי ר' שמואל, פלעגט מיר צוזאָגן אַ מינימום פון 30 טויזנט רובל נדן; וואָס־זשע האָב איך געקאָנט האָבן צו דער ישיבה?

אָבער די שבתים זענען געוואָרן אַן אָפּקומעניש פאַר מיר: פרייטיק פרי פלעג איך שוין ווערן נערוועז און זיך קיין אָרט נישט קאָנען געפינען.

ערשטנס האָב איך פון קינדווייז אָן אויך געליטן אויף אַ היפּערטראָפּירטן אימתא דציבורא. דער געדאַנק פון אויפגערופן ווערן עפנטלעך צו דער תורה, פון אָנטאָן אַ טלית, דורכגיין דעם גאַנצן בית־מדרש צו דער בימה, זאָגן די ברכות און ווערן אַ שטיקל בעל־קורא, האָט אָנגעוואָרפן אויף מיר אַן אימה.

און צווייטנס איז געווען נאָך אַ סיבה: איך בין נישט געווען קיין גביריש קינד, — מיינע עלטערן האָבן געהערט צום באַלעבאַ־טיש־יורדישן שטאַנד; אָבער אין דער ישיבה בין איך געווען פון די „רייכערע". און דער געדאַנק וועגן אָנטאָן שבת דעם נייעם שבתדיקן אנצוג, וואָס וועט זיך אויסטיילן אין ישיבה־בית־מדרש, איז פאַר מיר געווען אומדערטרעגלעך. מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז אַלע חברים פון מיין כיתה וועלן קוקן אויף מיר און מיר מקנא זיין, — און איך פלעג שוין אין געדאַנק אַראָפּלאָזן די אויגן און גיין צו דער בימה ווי דורך שפּיצרוטן.

און יעדן שבת פרי פלעג איך פירן א קאמף.

צוערשט מיטן אויפשטיין. כ׳פלעג זיך מאכן שלאפנדיק, — אפשר וועט מען מיך נישט וועקן און כ׳וועל פארשלאפן דאס גיין אין ישיבה־בית־מדרש. (וועגן א תירוץ וועל איך שוין זארגן נאך שבת).

אבער ווען מען פלעגט מיך אויפוועקן און צוטראגן דעם שבתדיקן אנצוג, און נעמען אונטעריאגן איך זאל נישט פאר־שפעטיקן צום דאווענען, פלעג איך נעמען פירן א קאמף קעגן אנטאן דעם שבתדיקן אנצוג.

קיינער אין שטוב האט נישט געקאנט פארשטיין פארוואס איך בין אזוי אומגליקלעך מיטן נייעם אנצוג: ווי אזוי וויל דאס א קינד גיין שבת אין בית־מדרש דווקא אין אלטן, וואכעדיקן אנצוג! ?

דערקלערן זיי דעם ענין ווי געהעריק האב איך נישט געקאנט. ערשטנס האב איך זיך געשעמט אויסצוזאגן, אז איך שעם זיך צו טראגן א נייע אנצוג צווישן אזוי פיל אלטע, אפגעריסענע, און צווייטנס, האב איך טאקע נישט געוווסט ווי אזוי אויסצודריקן מיין געפיל.

נישט איינמאל פלעגט מיר געלינגען אויף אזא אדער אן אנדער אופן אויסצומיידן די טארטור פון אויסטיילן זיך מיטן אנטאן, — און נאך א שטיקל חיי־שעה, פלעגט מיר נעמען עגבערן דער געדאנק וואס פארא תירוץ צו זאגן מארגן אין דער ישיבה.

און זונטיק פרי פלעג איך האבן אויסצושטיין געברענטע צרות נישט נאר מצד דעם רבי׳ן, נאר אויך מצד די זעלבע תלמידים, צוליב וועלכע די פרייד פון א נייעם בגד פלעגט פארוואנדלט ווערן ביי מיר אין צער און שולד־געפיל, ווען מיר פלעגט נישט געלינגען ארויסצודרייען זיך פונם דאווענען שבת אין מיין אייגענעם בית־מדרש...

און ווען זיי, די זעלבע תלמידים, וואלטן געווען געוווסט די סיבה פון מיין נישט קומען שבת צום מנין, וואלטן זיי, ווארשיינ־לעך, געווען געלאכט פון מיר...

יעדנפאלס, די גרעסטע מערהייט פון זיי...

איך בין אמאָל געזעסן, אַלס יינגל, אין ביאַליסטאָקער שטאָט־גאָרטן. עס איז געווען פארמיטאָג, און אין גאָרטן איז געווען שי־טערלעך. אויף אַ דערנעבנדיקער באַנק צו מיר איז געזעסן אַ פרוי מיט צוויי שיינע, רייך־געקליידעטע, גוט־אויפגעפּאַסטע מיידעלעך.

עס איז ממש געווען אַ נחת צוצוקוקן זיך צו זיי, — צו זייער גוטן אויסזען און שיינער הלבשה...

פּלוצלונג איז נעבן דער באַנק מיט די צוויי מיידעלעך שטיין געבליבן אַן אָרעם־געקליידעט מיידעלע. מיט אויפגעריסענע אויגן האָבן אַלע דריי געקוקט אויף זיך: די רייכע אויף דער אָרעמער און די אָרעמע אויף די רייכע. אין גאָרטן, אין שיינעם זומער־טאָג, איז דער קאָנטראַסט געווען אַ סך בולטער, שרייענדיקער ווי אויף דער טומלדיקער גאַס, ווי יעדער אויסשניט פון דער נאַטור און פון מענטשנס לעבן ווערט בולטער ווען מען נעמט אים אַריין אין אַ ראַם און מען טיילט אים אויס פון קאָמפּליצירטן, ענדלאָזן אַרום.

אָבער די אויפגעריסענע אויגן פון די דריי מיידעלעך מיט דער געמיינזאַמער שטוינונג (וואָס מען קאָן זיין אַזוי שיין אָנגעטאָן; וואָס מען קאָן זיין אַזוי אָרעם אָנגעטאָן) האָבן זיך גענומען אָנפילן מיט פאַרשידענעם אינהאַלט: די אויגן פון די רייך־געקליידעטע קינדער האָבן זיך אָנגעפילט מיט גאווה, זעלבסט־זיכערקייט און גרינגשעצונג, און די אויגן פונם אָרעמען מיידעלע זענען פול גע־וואָרן מיט קנאה און ווייטאָק.

און די מאַמע פון די שיינע מיידעלעך איז געוואָרן אומרואיק, גענומען אָפּטרייבן די אַריינגעדרונגענע אָרעמקייט, גענומען אָפּ־גרעניצן די קינדער אירע פון דער „גאַס"...

דאָס אָרעמע קינד האָט גענומען אָפּטרעטן, אומדרייענדיק כסדר דעם קאָפּ צו דער וויזיע פון אַ פאַנטאַסטישער וועלט, וואָס האָט זיך אפשר צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ בולטקייט איינגעשניטן אין איר אויג און מח.

ווען דאָס קינד האָט זיך אויסגעגליכן מיט מיין באַנק, האָט עס אַ קוק געטאָן אויף מיר אַזוי, ווי עס זאָל פאָדערן אַ דער־קלערונג. און איך האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן איר בליק, כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן, טיף־פאַרשעמט, טיף געקרענקט...

— 3 —

אין יחיאל נעכעס בית־מדרש פלעגט שמחת תורה זיין — שמחת תורה! פאר גרוים און קליין!

די ווענט פון דער שול פלעגן צעצויגן ווערן, — אזוי פיל מענטשן פלעגן אריינקומען. היינט די פענער, מיט די רויטע עפל אין דער שפיץ, מיט די ליכטלעך אין זייערע קעפלעך!

די הקפות זענען געווען אזוי שטורעמדיק־פריילעך, זיי האבן געאטעמט מיט אזא התלהבות, אז מיר דאכט זיך נאך היינט, אז ווער עס האט נישט איבערגעלעבט קיין שמחת תורה אין יחיאל נעכעס בית־מדרש, האט קיינמאל קיין אמתע, שטורמישע שמחה נישט איבערגעלעבט.

די שמחה פון די קינדער, וואס פלעגן באקומען צו טראגן אן אמתע ספר־תורה, איז געווען אין לשער. אמת, מען פלעגט מיט נישט קיין קלענערער התלהבות קושן די ספר תורות ביי אנדערע אין די ארעמס („פעטערל, א קוש! פעטער, לאזט א קוש טאן די תורה!"), אבער פונדעסטוועגן איז דאס נישט גלייך צו דער איבער־לעבונג, ווען מען טראגט אליין א ספר און אלטע יידן בויגן זיך אראפ צו דיר, א קוש צו טאן דיין ספר, אנשטאט דו זאלסט זיך אויסציען אויף די שפיץ פינגער און א קוש טאן דעם ספר, וואס מען לאזט אראפ צו דיר, כדי דו זאלסט אים קאנען גרייכן אויף די שפיץ פינגער.

אבער עס איז זיך אויך נישט פארצושטעלן די קנאה פון בא־וואוסטע יינגלעך צו זייערע גליקלעכערע חברים, וועלכע האבן בא־קומען אן אמתע ספר־תורה, אנשטאט א מגילה.

א מגילה איז אויך נישט קיין קלייניקייט (בפרט — א ספר ישעיה, א תרי־עשר), אבער צו קיין ספר־תורה קומט דאס נישט.

און אט געדענק איך א שמחת תורה אינדערפרי. איך האב באקומען א ספר־תורה, און שטאלץ, מיט שמחה זי געטראגן.

די הקפות שמחת תורה פרי זענען שוין נישט דאס, וואס שמחת תורה אין אוונט, אבער אוועקמאכן מיט דער האנט, קאן מען דאס אויך נישט.

און אט קומט צו צו מיר א פאטער (א נגיד) פון א באוואוסטן יינגל, וועלכער האט באקומען א תרי־עשר, און לייגט מיר פאר

א בייט — איך זאָל זיין ייִנגל אָפּגעבן די ספר־תורה און ער וועט מיר אָפּגעבן זיין תרי־עשר.

איך געדענק נאָך איצט ווי זיין ייִנגל, אינם גימנאַזיע־מונדיר, שטייט נעבן זיין פאָטער אַן אָנגעברוגזטער (דעם ספר תרי־עשר האַלט זיין פאָטער) און דער פאָטער זיינער, מיטן געשטופּלטן פּנים און דעם קמץ־בערדעלע, שטייט איינגעבויגן איבער מיר און רעדט מיר איין:

— דו ביסט דאָך אַ קלוג ייִנגל, נעם דעם תרי־עשר און גיב אים די ספר־תורה...

און מיך רייצט אויף סיי די חוצפּה פון מונדירטן ייִנגל, און סיי זיין טאַטנס חניפה, מיט וועלכער ער וויל אָפּקויפן ביי מיר די בכורה פון טראָגן אַ ספר־תורה, און איך ענטפער מיט פאַראַכ־טונג (ער האָט אפילו קיין „שטאָט" נישט אין דער מזרח־וואַנט, נאָר אַרום דער בימה, און קיין למדן איז ער אויך נישט) און אַביסל אויך מיט שנאה:

— פאַרוואָס זאָל איך אים אָפּגעבן מיין ספר־תורה, — ווייל ער איז רייכער פאַר מיר?

און איך בין אַוועק מיט מיין ספר־תורה...

דעם נגיד אַליין, ווייזט אויס, איז געפעלן געווען מיין ענט־פער, און לאַנג־לאַנג פלעגט אַ פעטער מיינער, יודל גאָלדבערג, איבערדערציילן דעם דאָזיקן עפּיזאָד, וואָס דער נגיד האָט דערציילט די בית־מדרש־ייִדן...

דריי ערשטע אויפבליצן פון סאָציאַלן באַוווסטזיין...

פון די „ביאַליסטאָקער מערקווירדיקייטן"

א) יהושע סאַרנע

יעדעס מאָל, ווען איך בלעטער „דאָס שלום עליכם בוך" און כ'שטויס זיך אָן אויף שלום עליכמס בריוו „צו יהושע סאַרנע" („דאָס שלום עליכם בוך", זייט 302) פיל איך, אז כ'דאַרף פאַר־צייכענען דאָס, וואָס כ'ווייס וועגן דאָזיקן אינטערעסאַנטן טיפּ,

וועלכער האָט שלום עליכמען און זיין פאַמיליע אַזוי באַצויבערט „אויפן ערשטן בליק".

דאָס איז נישט נאָר אַ פאַדערונג פון אַ ביאַליסטאָקער טיפּ צו אַ ביאַליסטאָקער שרייבער, נאָר אויך אַ חוב לגבי דער ביאָ־גראַפיע פון שלום עליכמען.

יאָ, לגבי דער ביאָגראַפיע פון שלום עליכמען. נאָר דאַן, ווען דער אַלזייטיקער פאָרשער פון שלום עליכמען וועט קענען סאַרנען אביסל נענטער, וועט פאַר אים קלאָרער ווערן, ווי נישט צופעליק עס איז געווען שלום עליכמס פארקאַכטקייט אין אים. דאָס וועט וואַרפן נאָך אַ שטראַלכל שיין אויף שלום עליכמס לעבנספרײדיקער נאַטור, אויף זיין זיכערן חוש, ווען ער פלעגט זיך באַקענען מיט איינעם פון זיינע מעגלעכע טיפּן.

* * *

איך פערזענלעך האָב זיך מיט סאַרנען באַקענט אין די צוואַנ־ציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין ביאַליסטאָק אויף דער עלטער, שוין אַ קראַנקער. ער האָט דאַן געשריבן אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן זיין „פעטערבורגער פעריאָד", אָבער נאָך אינטערע־סאַנטער פלעגט ער דערציילן וועגן אים.

אַ קראַנקער, אַ פיזיש געבראָכענער, האָט נאָך דער אַלטער סאַרנע געהאַט אין זיך אַ סך פון יענעם רייץ, פון יענער לעבנס־לוסטיקייט און פון יענעם שפּרודלדיקן הומאָר, וועגן וועלכן איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט פאַר מיין באַקענען זיך מיט אים און נאָכדעם.

העכער פון מיטלן וווקס, אַ דיקער, אַ פאַרסאַפּעטער (ווען ער פלעגט אַראָפּגיין פון דער קאַנאַפּע), איז ער נאָך אויך דאַן געווען שיין, און זיינע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פון לאַכנדיקן פּנים מיט אַזאַ קלוגשאַפט, אַז עס איז נישט קיין ווונדער, וואָס שלום עליכם באַטיטלט אים: — „דאָס איז אַ ייד אַ ממזר... אַ חכם, אַ דורכגע־טריבענער, אַ געריבערטע ליולקע... און דערציילט אַנעקדאָטן, אוי אַנעקדאָטן!"...

יאָ, שלום עליכם האָט אים גלייך דערקענט, הגם איך ספק, צי ער האָט געוווסט אַלע מעלות פון דאָזיקן „אַטשאַראָוואַטעלני יעוו־רעי" („אַ מחיהדיקער ייד", ווי י. ד. בערקאָוויטש איבערזעצט), ווי מען האָט אים גערופן אין שלום עליכמס משפחה.

* * *

סאַרנע האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין ביאַליסטאָק. אַ שיינער ייד, מיט טעכטער, איינע שענער פאַר דער צווייטער. האָט ער געפירט אַ ברייט הויז אויף — יענעמס חשבון, אויב דאָס איז נויטיק געווען (און זייער אָפט איז דאָס טאַקע נויטיק געווען).

ער, סאַרנע, איז געווען אַ בריה אויף נעמען גמילות־חסדים. האָט ער זיך פאַרלייגט צו באַקומען אַ גמילות חסד — איז נישט געווען פאַר יענעם קיין רעטונג. ער פלעגט אים, חס ושלום, נישט באַרויבן, נאָר ער פלעגט נעמען דערציילן אָנעקדאָטן, מעשיות, אַז יענער פלעגט שוין נישט קאָנען זיך אָפּרייסן פון אים, פון סאַרנען, דעם ממזר, דער דורכגעריכערטער ליולקע, און דאָס פלעגט אַזוי לאַנג דויערן, ביז יענער פלעגט עפענען דעם טייסטער און פרעגן וויפיל ער וויל.

מיר האָט אַמאָל דערציילט אַ פעטער מיינער אַ מעשה שהיה, טאַקע מיט אים אַליין. סאַרנע האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט גע־נומען גמילות חסדים און — דערנאָך פלעגט מען אים נישט אָנזען. ער איז געווען אויסער זיך. איינמאָל, אין באַן, — סאַרנע איז דאָ. אָט דאָ, טראַכט ער, וועט נעמען אַ סוף — ער מוז מיר באַצאָלן כאָטש דעם לעצטן גמילות חסד.

— אָבער דער סוף איז געווען אַזאַ — אַז כ׳שעם זיך אַליין צו דערציילן. ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, אויסגעהערט רואיק מיין פאָדערונג, געמאַכט איין שפּאַס און אַ צווייטן און — ביים אַראָפּגיין פון באַן האָט ער, סאַרנע, מיטגענומען נאָך אַ גמילות חסד פון מיר.

דער פעטער מיינער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין, אָבער סאַרנע האָט פאַרמאָגט אַ באַצויבערנדיקע, כמעט אַ היפּנאָטיזירנ־דיקע קראַפט. מען האָט געקאָנט זיין ווי אין כעס אויף אים, פלעגט דער כעס נעמען שמעלצן ביי זיין דערשיינען, ביי זיין געזונטן לעבנס־לוסטיגן דערשיינען, ביז ער פלעגט פאַרשווינדן ווי אַ רויך אויף דער פרייער לופט.

ווען סאַרנע פלעגט נישט האָבן קיין גמילות חסדים, אָדער זיי פליגן אים נישט קלעקן, פלעגט זיין פרוי, ער און די טעכטער גיין איבער די קראָמען, אויסקלייבן פונם שענסטן און בעסטן און הייסן ברענגען אַהיים, און אָפּשיקן די ברענגער מיטן צוזאָג אַליין צו באַ־

צאָלן. און הגם די קרעמערס פלעגן וויסן וועגן זייער ביטערן סוף, פלעגן זיי דאָך נישט קענען אַפּזאָגן אַזעלכע „אַסאַבעס". די גאַנצע משפּחה האָט געהאַט אין זיך עפּעס, וואָס האָט אונטערגעוואָרפן, אַנטוואָפנט, באַצויבערט.

אין איין שיינעם טאָג איז סאַרנע מיט דער פאַמיליע אַריבער־געפאָרן קיין פּעטערבורג. צי ביאַליסטאָק איז אים געוואָרן מאַטעריעל ענג, אָדער ער האָט דערפילט אַז ער דאַרף האָבן אַ ברייטערן שטח פאַר גייסטיקער אויסלעבונג, ווייס איך נישט. אָבער אין פּעטערבורג האָט סאַרנע ערשט אויף אַן אמת באַוויזן זיין קראַפט, זיינע געניאַלע אייגנשאַפטן. אין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", איז דער דאָזיקער ביאַ־ליסטאָקער ייד געוואָרן אַ קראַפט אין די הויכע פענסטער. ער, דער רעכטלאָזער ייד, איז געוואָרן אַ שתדלן אין די הויכע פענסטער פון סינאָד נישט נאָר פאַר יידן, נאָר דער עיקר פאַר הויכע רוסישע באַאַמטע. פּאָליציימייסטערס און מיניסטאָרן, אַפילו, פלעגן זיך ווענדן צו אים נאָך הילף אין ענגע צייטן, און ער פלעגט זיי טאָן די טובה פאַר גוט געלט. אַ ביסינקע האָט סאַרנע אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג איבער זיין דאָזיקער טעטיקייט אין די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען אין פּסח קאַפּלאַנס „דאָס נייע לעבן", און נאָך מער האָב איך וועגן דעם געהערט פון זיין מויל, פון אַנדערע יידן און דער עיקר פון אַ צופעליקן עדות, וואָס האָט אַליין נישט געוווסט, אַז ער דערציילט דאָס מיר.

דאָס איז געווען אין 1911 אָדער 1910. איך בין געווען זומער אין דרוסקעניק. איך בין געזעסן אין דער ווילע אויף אַ באַנק נעבן פאַרקאַן, און אויף יענער זייט פאַרקאַן, אין וואַלד, איז געזעסן אַ פּאָרל, אַ סטודענט מיט אַ מיידל און ער האָט איר שעהנלאַנג דערציילט וועגן אויסטערלישן פּעטערבורגער יידן, סאַרנע, וועגן זיין כמעט היפּנאָטישער ווירקונג אויף זיין אַרום, וועגן זיין מאַכט ביים סינאָד, וועגן זיין ברייט לעבן, וועגן זיינע שיינע טעכטער.

דער סטודענט האָט דערציילט אַ סך מיאוסע מעשים פון סאַרנען. אָבער ער האָט גלייכצייטיק גאָרנישט אויסבאַהאַלטן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז פאַר אים ווי אַ קראַפט פון דער נאַטור, וואָס רופט אַרויס שטוינונג און דרך־ארץ אַפילו דאַן, ווען עס איי פאַרבונדן מיט נעגאַטיווע דערשיינונגען.

קיינער, פון די אַלע, וואָס האָבן מיר דערציילט וועגן סאַרנען,

האָט אים נישט אװעקגעשטעלט פאַר מיר אין אַזאַ ריכטיק ליכט, װי דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער סטודענט.

באַזונדערס האָט זיך מיר אײַנגעשניטן אין זכרון אײן מעשה זײַנע.

זײַנער אַ פרײַנט האָט זיך פאַרליבט אין סאַרנעס אַ טאָכטער. ער האָט זי זײער ליב געהאַט, אָבער ער האָט געהערט װעגן סאַרנען, איר פאָטער, אַזױ פיל טונקעלע געשיכטעס, אַז ער האָט זיך געפונען אין אַ קלעם: זאָל ער חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַזאַ טונקעלן מענטשן, װאָס גאַנץ פּעטערבורג רעדט װעגן אים און אױף אים?

אײנמאָל איז דער פאַרליבטער יונגערמאַן אַרײַנגעקומען צו אַ פּעטערבורגער פרײַנט זײַנעם, בײַ װעמען עס איז געזעסן אַן אומבאַקאַנטער מענטש.

— האָסט דאָך מיר געזאָגט, — רופט זיך אָפּ צו אים דער באַלעבאָס, — אַז דו דאַרפסט זיך נאָכפרעגן װעגן אַ ביאַליסטאָקער? אָט איז אַ ביאַליסטאָקער ייִד, — פרעגט זיך נאָך.

דער יונגערמאַן איז געװאָרן לעבעדיק און אָנגעהױבן צו פאַרװאַרפן דעם ביאַליסטאָקער מיט פראַגעס:

— צי קענט איר אײנעם אַ סאַרנע?

— אװדאי!

— איז ער טאַקע אַזאַ שרעקלעכער מענטש, װי מען זאָגט אױף אים? מען זאָגט, אַז ער נעמט געלט און גיט נישט אָפּ.

— נאָר דאָס? איך װײס װעגן אים ערגערע זאַכן...

בקיצור, װאָס דער יונגערמאַן האָט נישט געזאָגט, האָט דער ייִד צו דעם נאָך צוגעלײגט מער. ער האָט גענומען מאָלן פון סאַרנען אַזאַ בילד, אַז דעם פאַרליבטן איז פינסטער געװאָרן פאַר די אױגן און אױפן האַרצן.

— און צו װאָס דאַרפט איר אַזױ װיסן װאָס דער סאַרנע איז?

— גיט צולעצט אַ פרעג דער פרעמדער ייִד דעם פאַרליבטן יונגנמאַן.

— װאָס הײסט צו װאָס? איך װיל דאָך חתונה האָבן מיט זײַן טאָכטער.

— יונגערמאַן, — רופט זיך אָפּ דער פרעמדער ייִד — אױב

איר וועט חתונה האָבן מיט סאַרנעס טאָכטער, וועט איר מיר האָבן פּאַר אַ שווער.

און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אי פון גוטן וויץ, אי פון דעם, ווי אַזוי דער יונגערמאַן איז געבליבן זיצן.

איז וואָס איז דער וווּנדער, וואָס שלום עליכם שרייבט אין זיין בריוו צו סאַרנען: „ווען עס שטעלט זיך אַרויס, אַז געהרגעט געוואָרן איז נישט סאַרנע, איז אַנגעפאַלן אויף אַלעמען אַ מאָדנער געלעכטער, און ס'איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ באַדויערונג, וואָס דערביי איז נישטאָ ער אַליין, סאַרנע הייסט עס: ער זאָל זיין דערביי, וואָלט ער דאָך געהאַט צו דערציילן אַ פּאָר טוץ אַנעקדאָטן טאַקע אויף זיך אַליין, און איך וואָלט זיך געקאַטשעט פון געלעכ־טער, ווי אין וויסבאַדען".

אָט מיט דעם סאַרנע, דעם מייסטער פון אַנעקדאָט, דעם פּול־בלוטיקן פּאַרשוין, דער היפּנאָטיזירנדיקער פּערזענלעכקייט, האָט זיך צונויפגעטראָפן שלום עליכם. און ער איז צו אים צוגעבאַקן געוואָרן ווי צו יעדן שטיקל שטאַרק־אויסגעפּורעמטן לעבן.

ווען שלום עליכם וואָלט דערקענט סאַרנען אין זיינע יינגערע יאָרן, נישט דריי יאָר פאַר זיין טויט, ווען ער זעט אים אָפטער, וואָלטן מיר סאַרנען געוועזן געהאַט נישט נאָר אין אַ פּרעכטיקן שלום־עליכם־בריוו, נאָר אין שלום עליכמס אַ ווערק.

דער מחבר פון מנחם מענדלען וואָלט אים נישט אַרויסגעלאָזן; מיר וואָלטן געהאַט שלום עליכמס אַ מנחם מענדל אין אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט — נישט קיין שלימזל, נאָר אַן אויסגערויכערטע ליולקע.

* * *

איצט וועט אפשר זיין פאַרשטענדלעכער פאַר די לייענער פון שלום־עליכם־בוך זיין באַגייסטערטער בריוו וועגן סאַרנען, וועלכער איז נישט געווען קיין עטישע פּערזענלעכקייט, אָבער אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט, אַ היפּנאָטישע פּערזענלעכקייט.

אַ שטיקל גלגול פון אַ „יוד זיס".

ב) צו ד״ר כאַזאַנאָוויטשעס ביאָגראַפיע

וועגן ד״ר כאַזאַנאָוויטשן האָט מען אַ סך געשריבן און ער האָט דאָס כשר פאַרדינט. נישט נאָר פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַר דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים און פאַרן ציוניזם, נאָר וייל ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט. ער איז צייטנווייז געווען דאָס, וואָס מען באַצייכנט מיטן נאָמען „אָריגינאַל״; ער איז אָפט געווען דאָס, וואָס מען באַצייכנט מיטן נאָמען „אַ משוגענער״, — אָבער תמיד איז ער געווען אַן אייגנאַרטיקע, אינ־טערעסאַנטע פערזענלעכקייט.

איך וויל דאָ נישט שרייבן וועגן ד״ר כאַזאַנאָוויטשן אַן אַרטיקל און במילא איבערחזרן דאָס, וואָס איז שוין באַשריבן געוואָרן דורך אַנדערע; איך וויל צוגעבן צו זיין ביאָגראַפיע אַן אמת, וואָס איז, אויף וויפל איך וויים, נישט פאַרשריבן געוואָרן.

* * *

ווען מען פלעגט מיך, אַלס חדר־יינגל, פירן צו ד״ר כאַזאַנאָ־וויטשן, פלעגט דאָס הארץ קלאַפּן שטאַרקער, ווי ביים גיין צו אַ געוויינלעכן דאָקטאָר. אפילו מיר, קינדער אין ביאַליסטאָק, האָבן גיוווסט, אַז ד״ר כאַזאַנאָוויטש איז נישט קיין געוויינלעכער דאָק־טאָר; עפּעס דראָט ער תמיד מיט אַ מעסערל און ער רעדט אַזעלכע זאַכן, אַז די באַגלייטנדיקע מאַמע איז פול שרעק און פאַרלוירנקייט.

עלטער ווערנדיק, פלעגן מיר, קינדער, הנאה האָבן פון די אומצאָליקע אַנעקדאָטן וועגן דאָזיקן מאָדנעם דאָקטאָר מיטן פוטער־נעם היטל. באַזונדערס פלעגט מיר געפעלן ווערן פאָלגנדער אַנעק־דאָט: כאַזאַנאָוויטש רופט צו אין גאַס אַ דראָשקע, שטעלט אַרויף אויפן טרעפּל אַ פוס, פאַרשנורעוועט זיין שוך און הייסט דאַן דעם אַנטוישטן דראָשקער פאָרן ווייטער, און כאַזאַנאָוויטש גייט אַוועק צופוס.

אָבער וואָס כאַזאַנאָוויטש איז געווען אַלס דאָקטאָר און מענטש פאַר דער ביאַליסטאָקער אָרעמקייט, האָב איך זיך דערוווסט אין 1912 אָדער 1913 (און אפשר 1911?) אין אַ פּראָסטן דאָנערשטיק.

מיר האָבן דאַן געוווינט אויף יאַטקע גאַס. דאָנערשטיק איז געווען דער טאָג, ווען די אָרעמעלייט פלעגן באַזוכן יאַטקע־גאַס.

פלוצלונג, פון דער העלער הויט, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז כאַזאַנאָוויטש (וועלכער איז געווען קראַנק) איז געשטאָרבן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שטימונג ביי די ביאַלי־סטאָקער שלעפּערס ביים קלאַנג, אַז ד"ר כאַזאַנאָוויטש איז טויט. נישט געווען קיין אָרעמאַן, וואָס זאָל נישט עפענען די טיר מיט אַ טיפער קלאַג אויפן טויט פון ד"ר כאַזאַנאָוויטש. מען האָט גע־קאָנט מיינען, אַז עס איז יעדן פון זיי אָפּגעשטאָרבן אַ פריינט, אַ גואל, דער נאָענטסטער מענטש.

מען האָט געוויינט, געקרעכצט, געלאָזט פאַלן פאָלקסטימלעך־צאַרטע ווערטער פון פאַרצווייפלונג.

מיין געפיל איז דאַן געווען — ס'איז געשען אַ פאָלקס־אומגליק. איך האָב געגומען גלויבן (און כ'גלויב עס ביז אויפן היינטיקן טאָג), אַז די אומרואיקע טרויער־שטימונג ביי די שלעפּערס אויף יאַטקע־גאַס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער שטימונג אין שטאָט. און כ'האָב דערפילט, ווי טיף די פאָלקס־מאַסן האָבן ליב געהאַט דעם־דאָזיקן „משוגענעם", פאָלקסטימלעכן אינטעליגענט.

איך געדענק: איך האָב גענומען אָרומשפּרייזן, טיף דערשי־טערט, איבערן שטוב און אין קאָפּ האָבן זיך צונויפגעשטעלט שורות פון אַן אַרטיקל וועגן דער ווירקונג פון כאַזאַנאָוויטשעס טויט אויף דער ביאַליסטאָקער אָרעמקייט. און ווען איך האָב זיך דערוווסט אין אַ צוויי שעה אַרום, אַז דער קלאַנג וועגן ד"ר כאַזאַנאָוויטשעס טויט איז אַ פאַלשער, האָב איך מקנא געווען כאַזאַנאָוויטשן, וועלכער האָט, אַ דאַנק דעם פאַלשן קלאַנג, געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערוויסן זיך ביים לעבן, ווי טיף ער איז פאַרוואָרצלט אין האַרצן פון די אָרעמע־לייט.

אָבער כאַזאַנאָוויטש האָט זיכער נישט געלייגט קיין אַכט אַפילו אויף דעם־אַ באַווייז פון זיין באַליבט־זיין. דערדאָזיקער מענטש האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין חוש פאַר כבוד־זוכעריי און עגאָאיזם, אַפילו אין זייער איידלסטער פאָרם.

אויב כאַזאַנאָוויטש האָט זיך דערוווסט וועגן דער רעאַקציע, וואָס זיין „טויט" האָט געהאַט אויף די אָרעמעלייט פון ביאַליסטאָק, האָט ער דערויף זיכער רעאַגירט מיט זידלערייען און קללות, מיט וועלכע דערדאָזיקער „אָריגינאַל" פלעגט צודעקן זיין שפּירבאַר האַרץ.

וואָס איז פול געוועזן מיט ליבע צו זיין אָרעם פאָלק און צו זיינע אָרעמע זין.

* * *

איך געדענק נאָך ווי איצט, ווי איך האָב אַ גאַנצן דאָנערשטיק נאָכמיטאָג שפּאַצירט אין שטוב אַהין און צוריק, שרייבנדיק אין געדאַנק אַ „הספּד" אויף ד"ר כאַזאַנאָוויטש, אין סטיל פון די טרויערנדיקע בעטלער — אַ „הספּד" וואָס האָט באַדאַרפט פאַר־ענדיקט ווערן מיט אַ באַגייסטערטן הימן פאַרן ד"ר כאַזאַנאָוויטש, וועלכער האָט דערלעבט דעם זעלטענעם גליק צו קאָנען געניסן די באַגייסטערטע הספּדים נאָך אים מצד נישט פּראָפעסיאָנעלע הספּד־מאַכערס, ד. ה., פון אויפריכטיקע טרויערנדיקע.

ערשט איצט, מיט אַ 35 יאָר שפּעטער, פיר איך אויס דעם פּלאַן פון אַמאָל.

און איך פיר אים אויס אַ סך שוואַכער ווי ער וואָלט אויסגע־פירט געוואָרן דאַן, אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון דער טרויערנ־דיקער פאָלקס־סטיכיע.

געשטאַלטן, וואָס האָבן מיך גייסטיק באַווירקט

1) דודל חלוץ

דודל, א זון פון א באַלעבאַטישער, סוחריש־נגידישער ביאַלי־סטאָקער היים, איז געווען קורץ און דיק, מיט א ווייס, טייגיק־ אויפ־געגאַנגענע פּנים און... ס׳ווילט זיך מיר אים באַשענקען מיט בלויע אויגן (הגם ס׳איז זייער מעגלעך, אַז איך שענק אים זיינס).

כ׳וואָלט אויך געקאָנט שווערן, אַז ער איז געווען בלאָנד, הגם דאָס קאָן אמאָל זיין א פאַלשע שבועה.

אָט דעם דודל האָט קיינער נישט ארויסגעזען, ער איז געווען דער יינגערער ברודער פון מיינעם א חבר, און ער פלעגט זיך פּלאָנ־טערן צווישן די פיס סיי ביי זיך אינדערהיים, סיי אין ביאַליסטאָקער צעירי־ציון פון יינגערן דור.

און מיטאמאָל איז ער געפאַלן א קרבן פון א צייט־מגיפה.

א דור איז געוואָרן אומרואיק און האָט גענומען זוכן פאַר זיך א וועג אין וועגלאָזן מדבר פון זיין פאַרקריפּלטער, טראַגישער וועלט. און איין וועג איז געווען א מאָדנער; אַנדערע האָבן אים אפילו גע־האַלטן פאַר א וועג פון משוגעים.

נישט נאָר פּאָליטישע קעגנער האָבן אזוי געהאַלטן, — אויך טאַטע־מאַמע און נאָענטע משפחה.

און באמת: קינדער, באַלעבאַטישע קינדער פון יידישן ביאַ־ליסטאָק פאַרלאָזן באַלעבאַטישע און אפילו נגידישע היימען און גייען אוועק לעבן אין ענגע, שמוציקע וווינונגען, אָן באַקוועמלעכ־קייטן. א גאַנצן טאָג גייען זיי ארום זעגן און האַקן האָלץ, וואַשן גרעט און ביינאַכט גייען זיי שלאָפן אויף האַרטע בענק מיט א שטיקל טרוקן ברויט אין מאָגן.

אויף דעם לשון פון די „משוגעים" האָט עס געהייסן —

חלוציות, אָבער אויפן לשון פון די „קלאָרע" האָט ער געהייסן — משוגעת.

א דור איז געוואָרן אומרואיק און די מער שפּירבאַרע האָבן גענומען זוכן א וועג, אַן אויסוועג פונם אומרו.

און אויך דודל איז געפאַלן א קרבן פון דער דאָזיקער אומרו־מגיפה.

ער האָט נאָך דעם וועג נישט געהאַט געפונען, אָבער דער אומרו האָט אים שוין געהאַט דערווישט. ס'האָט אים געטריבן פון שטוב, ער פלעגט זיך טראָגן איבער די גאַסן, אָפּשטעלן מיך אינמיטן גאַס, נעבן דעם גרעקס בעקעריי, און נישט אָפּלאָזן:

— וואָס זאָל ער טאָן? וואָסער תכלית איז צו גיין אין א פּראָגימנאַזיע? אָדער זיצן אין טאַטנס קראָם? וואָס זאָל ער טאָן?

און דאָס פולע קינדישע פּנים איז הילפלאָז געווענדט צו מיר, און אין די בלויע אויגן — טרערן פון יאוש און פאַרלוירנקייט.

און אז ער טרעפט מיך נישט אין גאַס, — קומט ער צו מיר אהיים.

מען קלאַפּט. כ'עפן די טיר, — דודל לויפט אריין און גלייך אויף מיר מיט א פאָדערונג אים צו געבן א פאַרטיקן וועג אין לעבן, — איך זאָל תיכף צונעמען ביי אים דעם אומרו. ער קאָן נישט וואַרטן. ער קלאַפּט זיך אין האַרצן, זיין קאָפּ האָר צעשויבערט, די אויגן — מיט א ווילדן גלאַנץ.

און אז כ'ענטפער נישט קלאָר, נעמט ער מיר קלאַפּן אין האַרצן:

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? פאַרקויפן נאַציאָנאַל־פאָנד־מאַרקעס איז נישט גענוג פאַר אים. לערנען גיט נישט קיין רו. און אַלץ ארום איז מיאוס און דערווידער. ער האָט פיינט די עלטערן מיט זייער פיינער דירה און מיט זייער גוטן געשעפט. ער האָט פיינט די געבילדעטע שוועסטערס און דעם רואיקן ברודער, דעם גימנאַזיסט.

ס'איז געווען א צייט, ווען נישט נאָר די עלטערן, — אויך מיר, די חברים פון זיין ברודער, האָבן מורא געהאַט, אז עס וואַקסט באַמת א שטאָט־משוגענער.

ביז... דודל איז געוואָרן א חלוץ. אוועק האַקן האָלץ, אויך צו אַנדערע שווער־פיזישע ארבעטן. און ער האָט אויפגעהערט זיך קלאַפּן אין דער צעבראָסטעטער ברוסט, ער האָט אויפגעהערט קלאַפּן

אין מיין ברוסט. ער האָט אויפגעהערט צו פאָדערן ביי מיר אַן עצה, ווי צו געפינען רו, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער וויים עס בעסער פאַר מיר: איך האָב דער ערשטער אין ביאַליסטאָק, נאָך אין 1911-1910, פאָרגעלייגט שאַפן אַ הכשרה־פּונקט, אָבער פאַרווירקלעכט דעם החלוץ־געדאַנק האָט דודל, נישט איך.

און דודל האָט אויפגעהערט צו זיין אַ שטאָט־משוגענער, — ער איז געווען משוגע בלויז פאַר זיינע שיינע, אַריסטאָקראַטיש־נגידישע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין די משונהדיקע וועגן פון אַ דור, וואָס האָט פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ גרויסער געשיכטלעכער רעוואָלוציע פון אַ פאָלק.

און דודל איז געוואָרן אַ ליבלינג פון ביאַליסטאָקער חלוצים. און ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל און אויך דאָרט (ווי כ'האָב אָפּגענומען גרוסן) געוואָרן דער ליבלינג פון אַ קיבוץ, ווו ער איז געווען אַ פאַסטוך.

דער אומרואיקער, דער אומרואיקסטער דודל האָט געפונען רו.

אויף אַזוי ווייט, אַז ער איז פעאיק געווען צו באַשעפטיקן זיך מיט פאַסטוכעריי, מיט אַ פאַך, צו וועלכן מען מוז זיין גאָר־גאָר רואיק, אַ פאַך, וואָס איז די רו אַליין.

דודל איז אַריינגעפאַלן אין ווירבל־ווינט פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע, אָבער דער ווינט האָט אים אַ וואָרף געטאָן אין דער געהעריקער ריכטונג.

פון דודל דעם משוגענעם איז געוואָרן דודל דער חלוץ.

זיין משוגעת — די משוגעת פון די בעסטע און שפּירבאַרסטע פון אַ דור — איז געווען בלויז דער פּראָצעס פון נאָרמאַלן גאַנג צו נאָרמאַלקייט אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען.

דודל, דער חלוץ פון ביאַליסטאָק, איז אַ לעבעדיקער פאַקט; אָבער ער איז אויך דער לעבעדיקער סימבאָל פון אַ דור.

אַזעלכע דודלעך זענען געווען אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. און נישט קיין איינצלנע.

און אויך אין ביאַליסטאָק איז דודל נישט געווען קיין בן־יחיד.

אָבער ער איז געווען דער בולטסטער באַווייז, ווי אַזוי אַ יחיד פאַלט אַריין אין די נעגל פון אַ דורס קראַנקהייט און געפינט נישט קיין היילונג ביז ער געפינט נישט דעם געהעריקן וועג פון זיין דור און פאַר זיין דור.

2) דער מאָרפיניסט

(פון מיינע ביאַליסטאָקער אוניווערזיטעטן)

די ביאַליסטאָקער גערעדנקען נאָך אוודאי דעם שטאָט־גע־שפּענסט, דעם מאָרפיניסט, וואָס האָט זיך צענדליקער יאָרן אַרומ־געדרייט איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן און איבערראַשט — ער לעבט נאָך אַלץ? — די דערוואַקסענע, און געשראָקן די קינדער.

אַ גאָר הויכער, מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, אַן אויסגע־דאַרטער ווי אַ סקעלעט, אַ געלבלעך אָפּגעקראַכענער, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, פלעגט ער שנעל־שנעל אַרומלויפן איבער די ביאַ־ליסטאָקער גאַסן, די אויגן צוגעקלעפּט צו דער ערד, זוכנדיק שטיק־לעך פּאַפּיראָסן, אויף וועלכע ער פלעגט זיך וואַרפן ווי אַ שפּאַרבער.

פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך געבן אַ שטעל אָפּ פאַר אַ פאַרבייגייער און מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל, בעטן אַ נדבה. באַקומענדיק די נדבה, — פלעגט ער שנעל־שנעל אַוועקטראָגן זיך.

— ער גייט זיך שוין מאַכן אַן איינשפּריצונג, — פלעגט מען זאָגן.

דער עולם האָט געגלויבט, אַז ער לעבט נאָר מיט מאָרפיום. אַז נאָר דאָס האַלט אים אויף ביים לעבן און ער האָט טאַקע אויס־געזען, ווי ער וואָלט נישט געגעסן.

מען פלעגט דערציילן, אַז ער איז אַ געבילדעטער, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטע שטעלע, אָבער צוליב זיין קראַנקהייט — מאַכן זיך מאָרפיום־איינשפּריצונגען — האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן, און ער איז געוואָרן אַן אמתער געשפּענסט, מיט וועלכן מען פלעגט שרעקן קליינע קינדער.

און ער איז אויך געוואָרן אַ רעטעניש פאַר דערוואַקסענע: וויפיל מאָל מען איז געווען זיכער, אַז ער לעבט שוין נישט, און פּלוצלונג פלעגט ער זיך ווידער באַווייזן, ווי דער מלאך־המות וואָלט איבער אים קיין שליטה נישט געהאַט. — ער איז דאָך אַ געשפּענסט!

איינמאָל בין איך געזעסן אין ביאַליסטאָקער שטאָט־גאָרטן. עס איז געווען פאַר מיטאָג. אין גאָרטן איז געווען שטיל, ליידיק. מיט־אַמאָל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ ריזיקער שאָטן — דער מאָרפיניסט.

ער איז געבליבן שטיין, שעמעוודיק — ווי זיין שטייגער איז

געוועז — זיך אומגעקוקט, מיט א זייטיקן גענגל געגומען צוריקגיין און זיך צוגעזעצט נעבן מיר אויף דער באַנק.

עס איז מיר געוואָרן אומהיימלעך — אַזוי נאָענט צום געשפּענסט! ער איז געווען צוויי מאָל אַזוי הויך ווי איך, אָבער ביים זיצן איז ער נישט געווען קיין סך העכער פאַר מיר, — אַזוי שטאַרק איז ער געווען איינגעבויגן, ווי איבערגעבראָכן אין דער העלפט.

ער האָט געקוקט מיט זיין מאָדנעם בליק צו דער ערד, באַוועגט מיטן איבערגעבראָכענעם אויבערשטן האַלבן קערפּער, ווי אויך מיט די לאַנגע הענט, און פּלוצלונג האָט ער צו מיר גענומען ריידן ווי פון דאָסטאָיעווסקיס א ראָמאַן ארויס. (ער איז געווען א רוס, דער געשפּענסט.).

דער לייט־מאָטיוו פון זיינע רייד איז געווען דער כסדר איבער־געחזרטער זאַץ: „נאַדאָ נאַטשאַט ס׳ טשערוויאַטשקאַ" — „מען דאַרף אָנהויבן פונם ווערעמל", ד.ה. מען קאָן נישט אָנהויבן רחמנות האָבן אויפן מענטשן, אויב מען הויבט נישט אָן פונם ווערעמל. אויך דער בנין פון מענטשלעכקייט קאָן נישט געבויט ווערן פונם דאַך, נאָר פונם פונדאַמענט: אַז מען וועט אָהויבן רחמנות האָבן אויפן ווערעמל און זיך היטן אים צו צעקוועטשן, וועט מען קאָנען האָפן, אַז מען וועט מיט דער צייט דערגיין אויך צו רחמנות האָבן אויפן מענטשן.

האָט ער גערעדט צו מיר? ווארשיינלעך יאָ; ער האָט זיך דאָך צוגעזעצט צו מיר און קיינער איז ארום נישט געווען. אָבער גלייכ־צייטיק האָט מען רואיק געקאָנט פאַרזיכערן, אַז ער רעדט נישט צו מיר: ער האָט נישט נאָר נישט געקוקט אויף מיר, נאָר אַפילו נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער: אָפּגערעדט, אָפּגערעדט, האָט ער זיך געגעבן א שטעל אויף, א שוועב געטאָן און זיך געלאָזט טיף אין גאָרטן, צום ארויסגאַנג צו דער עלעקטראָאווניע.

ער איז געגאַנגען־געלאָפן מיט זיינע לאַנגע פיס און געוואָרפן דעם אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף אַלע זייטן, זוכנדיק עפּעס אויף דער ערד, ווי תמיד.

יענעם מאָל, אָבער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער זוכט נישט קיין שטיקלעך פּאַפּיראָסן, כדי אויפצוהויבן זיי, נאָר ער זוכט ווע־רעמלעך, כדי זיי נישט צו צעטרעטן מיט זיין ווייכן, קלאַנגלאָזן, געשפּענסטיקן טראָט.

דער מאָרפֿיניסט, ווייזט זיך אַרויס, האָט געטראָגן אין זיך אַ גרויסן געדאַנק, — גרויס ווי די גאַנצע וועלט.

אויך ער געהער, אין מיין געפיל, צו דער גייסטיקער ביאָ־גראַפיע פֿון ביאַליסטאָק. איז ער דאָך אָן ספק געווען איינער פֿון די חסידי אומות העולם, וואָס האָבן אַ חלק אין עולם הבא...

שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ טיפֿע ווירקונג (אין יענעם מאָמענט און פֿון דאַן — אויף שטענדיק!) אויף אַ צוקונפֿטיקן יידישן שרייבער, וועלכער איז אין ביאַליסטאָק געגאַנגען נישט אין איין אוניווערזיטעט, און צווישן זיי — אויך אינם אוניווערזיטעט פֿון געשפּענסטישן מאָרפֿיניסט.

3) ברוך ראָזענטאַל

מיר האָבן ביידע געהערט צו יחיאל נעבעכס בית־מדרש. ער — ברוך ראָזענטאַל — איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פֿאַר מיר. ווען מען האַלט שוין ביי עטלעכע צענדליק, שפּילן עטלעכע יאָר קיין ראָלע נישט, אָבער צווישן צען און צוואַנציק, שפּילן עטלעכע יאָר אַ גרויסע ראָל. און ברוך ראָזענטאַל פֿלעגט מיך טאַקע באַ־האַנדלען, ווי אַ קליין קינד: בעתן לייענען, פֿלעגט ער מיך איינ־קלעמען צווישן די פּיס און אַ קניפּ טאָן אין בעקל. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביי נאָך צוואַנציק, זענען מיר געוואָרן חברים, צו־ערשט אין דער „גוסטאַוו לאַנדאַועך"־גרופּע און דאַן אין דער חסי־דישער מסיבה פֿון ברוך ראָזענטאַלס רבי'שאַפֿט.

אָבער איידער ברוך ראָזענטאַל איז געוואָרן אַ מין חסידישער רבי און מיר זענען געוואָרן נאָענטע חברים, האָט ער דורכגעמאַכט אַ זעלטענע מעטאַמאָרפֿאָזע.

ברוך ראָזענטאַל, וועלכער האָט שטודירט אין אויסלאַנד אויף אַדוואָקאַט, איז קראַנק געוואָרן: האַלדז־שווינדזוכט. ער איז געווען אין אַ געפֿערלעכן צושטאַנד. די אַרומיקע האָבן מורא געהאַט פֿאַר זיין לעבן, ער — אויך.

איך געדענק אים אין ביאַליסטאָקער וואַלד, ווי ער פֿלעגט זיצן אַ פֿאַרטראַכטער גאַנצענע טעג, גאַנצענע וואָכן און חדשים.

וואָס עס איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, טאַקע פון אים אַליין, ווען ער איז כמעט ווי איינגאַנצן געזונט געוואָרן און ער איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש, און אין אַנדער ייִד.

ברוך ראָזענטאַל האָט לאַנג און שווער געקעמפט פאַר זיין לעבן. אין דאָזיקן קאַמף האָט אים מיט מסירת־נפש געשטיצט זיין יונגע, שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי, וועלכע האָט אים געפלעגט אין דער קראַנקהייט מיט אַ ליבע און איבערגעגעבנקייט, וואָס איז זעלטן אַפילו ביי ייִדישע פרויען.

אין די שווערע יאָרן פון דער קראַנקהייט האָט ברוך ראָזענטאַל געליטן נישט נאָר פיזיש ,נאָר אויך — און אפשר מער ווי פיזיש — גייסטיק. ער האָט געטאָן דאָס, וואָס מענטשן פון דער מאָדערנער צייט טוען אַזוי זעלטן : ער האָט געמאַכט ערנסטן חשבון־הנפש. ער האָט גענומען רעווידירן זיין שטעלונג צו רעליגיע, ער איז געוואָרן נישט נאָר פילאָזאָפיש־רעליגיעז, נאָר ייִדיש־רעליגיעז, ייִדיש פרום.

אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און נאָך גרעסערן ערנסט; אַ מענטש פון גרויסער און טיפער אינטעליגענץ און וויסן, האָט ער בעת דער קראַנקהייט איינגעזען ווי פוסט עס איז די וועלט אָן אַ גאָט.

דאָס זעען איין אַ סך פון היינטיקע מענטשן. אָבער ביי ברוך ראָזענטאַלן איז דאָס געגאַנגען ווייטער : ער האָט נישט נאָר איינגעזען, אַז אָן אַ גאָט איז די וועלט פוסט, נאָר ער האָט גענומען איינזען, אַז די וועלט איז נישט פוסט, ווייל עס איז דאָ אַ גאָט, אַ ייִדישער גאָט ,וואָס איז מחדש בכל יום די מעשי בראשית. ער האָט איינגעזען, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַז דער נייסטער פילאָזאָפישער אמת פון אנרי בערגסאָן, אַז די וועלט איז אַ כסדרדיקער פּראָצעס פון שעפערישער עוואָלוציע, איז אַן אַלטער ייִדישער רעליגיעזער אמת : „מחדש בכל יום מעשי בראשית".

נישט נאָר די מעדיטאַציע בעת זיין קראַנקהייט און בערגסאָנס פילאָזאָפיע האָבן אים צוריקגעקערט צו פרומקייט און צום ייִדנטום,

— אויך משה העס (פון „רוים און ירושלים" און פון די וווּנדערלעכע „קליינע ייִדישע שריפטן") איז געוואָרן זיין רבי.

ברוך ראָזענטאַל איז געוואָרן פרום, האָט זיך גענומען פאַר־

טיפן אין תנ"ך, גענומען אַ רבי אויף צו לערנען גמרא און געוואָרן אַן אַפּאָסטאָל פון יידנטום.

דאָס געזונט ווערן האָט אַלס פאַרשטענדלעכע רעאַקציע — אויפגעהתמעט אין אים אַ ריזיקן קוואַל פון לעבנס־ענערגיע, און ער האָט זיך אינגאַנצן געשטעלט אין דינסט פון פּראָפּאַגאַנדירן דאָס יידנטום, ווי די נביאים, די חכמי התלמוד און ר' משה העם האָבן אים פאַרשטאַנען און געפּרעדיקט. ברוך ראָזענטאַל האָט געשפּרודלט מיט געדאַנקען און ענטוזיאַזם. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט האַלטן רעפעראַטן, נאָר ער האָט טאָג ווי נאַכט געפּרעדיקט אינם נאָענטסטן קרייז און געשאַפן אַרום זיך כמעט ווי אַ רבישע סביבה, אַ חסידישע עדה.

ווען ער פלעגט נעמען ציטירן דעם פּסוק „מחדש בכל יום מעשי בראשית", פלעגט ער אינגאַנצן ווערן ווי אָנגעצונדן. און דאָס איז נישט געווען ביי אים דער איינציקער פּסוק, — יעדן פּסוק פון תנ"ך האָט ער דורכגעלעבט און דורכגעשטראָמט מיט פּערזענלעכער איבערלעבונג. און סאַראַ ווירקונג ער האָט געהאַט אויף זיין אַרום — וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו געבן אַ ביישפּיל אין די פאָלגנדיקע נאָטיצן וועגן דער גייסטיקער ביאָגראַפיע פון ביאַליסטאָק.

ברוך ראָזענטאַל איז שפּעטער אַוועק קיין פּאַריז, וווּ ער האָט געפירט אַ יידיש הויז. דער פּאַריזער אַדוואָקאַט, אַ באַאַמטער ביי דער „יקא" פלעגט יעדן טאָג לערנען אַ בלאַט גמרא.

זיין גייסטיקער איבערברוך בעת דער קראַנקהייט איז געווען אַזוי טיף, אַז ער האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנצן לעבן.

בעת אונדזער געמיינזאַמער חבר הערמאַן פראַנק האָט מיך באַזוכט אין 1932 אין וואַרשע, האָט ער מיר דערציילט, אַז דורכפאָרנדיק פּאַריז, האָט ער געזען ברוך ראָזענטאַלן. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז איינער פון ברוך ראָזענטאַלס קרייז, אונדזער אַ געמיינזאַמער חבר, יעקב ר—טש, אויף וועלכן ראָזענטאַל האָט געהאָפט, אַז ער וועט ווערן זיין גייסטיקער נאָכפאָלגער (ער האָט טאַקע גענומען אַ רבי און געלערנט גמרא), האָט אים באַזוכט אין פּאַריז אַלס אַגענט פון דער ג.פּ.או. (דאַן טשעקאַ). ראָזענטאַל, וועלכער האָט נישט געוווסט וועגן זיין פריינטס גדולה, האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב אויף פרייטיק־צו־נאַכטס.

ביים טיש האָט יעקב ר—טש גענומען דערציילן זיין גדולה.

ברוך ראָזענטאַל, דער אמתער באַוווסטזיניקער ייד, וואָס די יידישע עטיק איז געוואָרן זיין לעבנס־אָטעם, איז געוואָרן אַזוי אויפגע־בראַכט, אַז ער האָט זיין גאַסט און אַמאָליקן חבר און תלמיד אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ.

ברוך ראָזענטאַל, דער גאַנצער ייד און מענטש, האָט אויך דערפילט בשלימות דעם יידישן געבאָט „ובערת הרע מקרבך".

וואָס עס איז געוואָרן מיט ברוך ראָזענטאַלן און זיין פאַמיליע בעתן אייראָפּעאישן שטורעם, איז מיר נישט באַוווסט.

ווען איך דערמאָן זיך ברוך ראָזענטאַלן אַלס אַפּאָסטאַל פון יידישקייט אין ביאַליסטאָק אין די לעצטע מלחמה־ און די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן, זע איך איין בחוש, סאַראַ סך אַ איינצלנער מענטש קאָן גייסטיק צעאַקערן זיין סביבה, אויב ער האָט געגנוג גלויבן אין אַ זאַך, כדי צו דינען איר מיטן אייגענעם ביישפּיל און מיט גרענעצלאָזן ענטוזיאַזם.

4) דער „אומנאַרמאַלער"

אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ (שפּעטער, נאָכן צוזאַמענברוך פון צאַריזם — וואַרשאַווסקאַ) איז געשטאַנען אַ שיינער, דריי־שטאָקיקער מויער (לויט דער ביאַליסטאָקער מאָס), וואָס האָט געהערט דעם ביאַליסטאָקער מיליאָנער, דעם באַנקיר טרילינג. דער שיינער מויער, באַווינט בלויז דורך דער פאַמיליע טרילינג, האָט געהאַט פאַר מיר אַ געהיימעניש: אין דאָזיקן הויז האָט געוווינט טרילינגס משוגענער זון.

די שטאָט האָט געוווסט, אַז דער רייכער טרילינג האָט אַ נישט־נאָרמאַלן זון; אָבער איך האָב געוווסט אַביסל מער ווי די שטאָט און איך האָב זיך נישט געקאָנט באַפרידיקן מיט דער דאָ־זיקער אַלגעמיינער דערקלערונג: אומנאָרמאַל.

מיין פאָטער ע"ה האָט געאַרבעט אַלס קאַסיר אין טרילינגס באַנקהויז און דער פאָטער האָט מיר איינמאָל דערציילט פאָלגנדעס: טרילינג האָט געוואָלט מאַכן אַ פּרווו צו מאַכן אויך דעם אומ־נאָרמאַלן זון פאַר אַ מענטש. האָט ער אים אַריינגענומען אין זיין באַנק, ער זאָל זיך דאָרט מענטשלען צווישן מענטשן. אָבער דער

עקספּערימענט האָט זיך נישט איינגעגעבן. ער האָט אים אינגיכן אָפּגעשיקט אַהיים.

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט.

— ער פלעגט כסדר נעמען געלט אין דער קאַסע און פאַנאַנ־דערטיילן אויף רעכטס און אויף לינקס — וועמען עס האָט נאָר געבעטן און וועמען עס האָט זיך נאָר געגלוסטן איין דעם לויטן אויסזען אָדער לויט דער קליידונג.

איך האָב זיך שטאַרק גענומען אינטערעסירן מיטן דאָזיקן „אומנאָרמאַלן" און איך האָב גענומען צווייפלען אין נאָך אַ מענטשלעכער באַצייכענונג — „נאָרמאַל" און „אומנאָרמאַל".

איך האָב געוווּסט, אַז טרילינגס גראָטעסקע זיינען גיבן אויס אויף הולטאַיעווען מער, ווי דער אומגעראָטענער אויף צדקה, און דאָך איז זייער טאַטן קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו באַצייכענען זיי אַלס אומנאָרמאַל, ווייל הולטאַיעווען איז דאָך אַזוי נאָרמאַל, ווען מען האָט אַ סך געלט, אָבער אַ יונגער גבירישער יורש זאָל אָנשטאָט הולטאַיעווען טיילן צדקה און לעבן ווי אַ פּרוש — דאָס איז אומנאָרמאַל.

זייט דאַן האָט דאָס גרויסע, שיינע הויז באַקומען פאַר מיר אַ געהיימנישפולע באַדייטונג: דאָרט געפינט זיך אַ מענטש, וואָס איז אַנדערש, ווי אַלע, און במילא איז ער געשטעמפּלט געוואָרן אַלס אומנאָרמאַל; אָבער וואָס שטעלט ער פאָר מיט זיך אין דערווירקלעכקייט?

איינמאָל איז מיין העברעאישער לערער ש. רובינשטיין גע־קומען צו דער לעקציע מיט אַן איטאַליעניש בוך.

דער העברעאישער לערער רובינשטיין איז געווען אַן אינטע־רעסאַנטער מענטש, אַ שטרענג רעליגיעזער מענטש. מיט אַ שוואַר־צער באָרד, אַ לאָמלעכער, איז ער געווען אויך אַ גרויסער משכיל: ער האָט נישט נאָר געקענט גרונטיק העברעאישע גראַמאַטיק, נאָר אויך פראַנצויזיש און דייטש (ער האָט נישט געקאָנט פאַר־שטיין ווי אַזוי איך קאָן זיך באַציען מיט גרינגשעצונג צו היינעס „די ליליע", און זיך באַגייסטערן מיט „דייטשלאַנד אַ ווינטער־מעשהלע"). און אָט קומט ער שוין מיט איטאַליענישע ביכער!

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב נישט געוווּסט, אַז ער קען איטאַליעניש.

— איך לערן איצט, — האָט ער געענטפערט. — טרילינגס

א זון, דער שטובזיצער, לערנט ביי מיר העברעאיש און די יידישע מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע, און אַלס צוגאָב צום געהאַלט, האָט ער פאַרגעלייגט צו לערנען מיט מיר איטאַליעניש.

דערהערט, אַז מיין לערער איז אויך זיין לערער, האָב איך גענומען אויספרעגן וואָס פאַר אַ מענטש ער איז, און אין וואָס עס באַשטייט זיין אומנאָרמאַלקייט.

אַ דעליקאַטער, אַ מזג־טוב, האָט רובינשטיין געענטפערט נישט גערן, אָבער דאָך האָב איך אַרויסבאַקומען פון אים אַט־וואָס:

— מען האַלט אים פאַר אַ משוגענעם, אָבער איך זע אין אים נישט קיין שום אומנאָרמאַלס. ער זיצט גאַנצענע טעג אין אַ צימער מיט ביכער און לערנט און לייענט. ער קען זייער אַ סך. ער לייענט פילאָזאָפיע, געשיכטע פון רעליגיע. ער רעדט כסדר וועגן זאַכן העומדים ברומו של עולם, — עס עקזיסטירט פאַר אים נאָר דאָס העכערע אין לעבן.

איך האָב גייסטיק דערזען פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס עס איז געשען מיט אים אַן אומגליק: אין מיטן פון זיין זאָרגלאָזן לעבנס־וועג איז אים באַפאַלן דער זעלטענער, גרוילזאַמער גזלן — דער געוויסן. ווייטער גיין מיטן זעלבן וועג קאָן ער נישט, און ער זוכט פיבערדיק אַ נייעם וועג פאַר זיך. געפינט דער דאָזיקער קרבן אַ וועג — ווערט פון אים אַ בודדא, אַ ישעיהו, אַ קראָפּאָטקין; געפינט ער נישט קיין וועג פאַר זיך, בלייבט ער אַ גריבלער, אַ נישט נאָרמאַלער, אַ משוגענער.

5) דער גולם מיטן שם המפורש

קעגנאיבער דעם באַרימטן ביאַליסטאָקער שטאָט־זייגער, אויף ליפּאָווע, זענען געשטאַנען צוויי קליינע, צוויי־שטאָקיקע מויערן, פאַראייניקט מיט איין טויער און איין הויף. דער גרענעץ צווישן זיי איז געווען אַ רינשטאָק פונקט אינדערמיט.

אין זייט הויף האָט געהערט מיין זיידן (און דערנאָך זיינע יורשים) און די צווייטע — משה י.—ז, אַ יידן אַן עם־הארץ,

א בעל־גוף, א ברייטן און קורצן, מיט רויטלעכע האָר, אַז אייגנ־טימער פון א גרויס גלאָזוואַרג־געשעפט.

א פאַמיליע האָט ער געהאַט א שפּאַרע: איך געדענק צוויי יינגלעך און פיר צי פינף מיידלעך. די מיידלעך זענען געווען אינ־טעליגענט און געבילדעט, די צוויי יינגלעך — רוי און עם־האַרציש.

ווייזט אָבער אויס, אַז עפּעס האָט געשטעקט אין זייערע רויע נשמות, און דאָס פלעגט זיך אַפּרופן אין א געהעריקן מאָמענט.

מיט דער יינגסטער טאָכטער פון דער פאַמיליע י. איז געשען אַן אומגליק.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די יונגיטשקע, קליינינקע און שיינינקע ש. י. געפאָרן קיין רוסלאַנד, אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע.

אין א צוויי יאָר אַרום (אומגעפער) איז זי צוריקגעקומען א גייסטיק־קראַנקע. איר משוגעת איז, ווייזט אויס, געקומען פון א ליבע־טראַגעדיע אָדער פון אַן עראָטישן שאָק און האָט זיך אויס־געדריקט אין א געשלעכטלעכער מאַניע: זי פלעגט אַרומגיין איבער דער שטאָט און הינטער דער שטאָט און זוכן מענער.

אין טיפער מעלאַנכאָליע, א שטילע, מיט גליענדיקע טרויער־אויגן, פלעגט זי זיך שאַרן, ווי א שאָטן, ווי א געשפּענסט איבער די גאַסן, איבער די הינטערשטאָטישע שאָסייען, און זוכן — אפשר א פאַרלאָרענעם חלום.

אָבער א סך טראַגישער פאַר איר (טראַגעדיע פאַדערט דאָך — באַוווּסטזיין, און דאָס האָט זי נישט פאַרמאָגט) איז געווען איר ברודער, דער יינגערער פון די צוויי זין: אויף א דיסטאַנץ פלעגט ער נאָכשלייכן זיין שוועסטער, כדי זי צו פאַרטיידיקן פאַר — איר גופא.

מיט אומענדלעכן צער אין די אויגן פלעגט ער איר נאָכגיין שעהן, גאַנצענע נאָכמיטאָגן און אָוונטן. און וויפיל מאָל פלעגט ער אַרומלויפן ווי משוגע, צו זוכן זיין שוועסטער, וועלכע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיין השגחה און איז ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן.

אָבער נישט די געשיכטע פון דער דאָזיקער ביאַליסטאָקער משפחה וויל איך דאָ דערציילן (הגם די אַטמאָספער פון דאָזיקן הויז און געשעפט, און דער גורל פון עטלעכע משפחה־מיטגלידער אירע וואָלטן געווען א פּאַסיקער און דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר

א ראָמאַן), נאָר די דערהויבענע געשיכטע פון עלטסטן זון פון דער דאָזיקער משפחה, ס—ר, אויף וויפיל זי איז מיר באַקאַנט.

די ווידערגעבורט פון א נשמה, די פאַרוואַנדלונג פון א נשמה איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע דערשיינונגען אויף אונדזער וועלט. אָבער די דאָזיקע פאַרוואַנדלונגען זעען אַלע בלויז דאַן, ווען זיי קומען פאָר ביי א טאָלסטאָי, ביי א מתתיהו אחר, ביי א הערצל, ביי א הלל ציטלין. אָבער די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג קומט פאָר אויך ביי קליינע מענטשן, וואָס הויבן זיך נישט אַרויס פון דער מאַסע. און זי איז ביי זיי פונקט אַזוי אינטערעסאַנט און הייליק, ווי ביי די גרויסע.

און וועגן אַזאַ גייסטיק־דערהויבענער פאַרוואַנדלונג ביי א רויען, עם־הארצישן, כמעט ווילדן מענטשן וויל איך דאָ דערציילן.

* * *

ס—ר י. איז געווען פון נישט הויכן וווקס, ווי זיין פאָטער. אמת, נישט אַזוי ברייט ווי יענער, אָבער דאָך פיזיש מעכטיק. איך, מיין ברודער אליהו און מיין שוועסטערקינד אברהמל (וועלכער האָט געוווינט אין מויערל קעגנאיבער דעם שטאָט־זייגער, איז שכנות מיט די י—ס) האָבן אים געקאַנט זייט דער פריער קינד־הייט. א ווילד שטאַרק ייִנגל איז ער שטענדיק געווען: ווי ער וואָלט געוווען געוווסט אינסטינקטיוו די מימרא, אַז „תורה מתשת כחה של אדם״, האָט ער נישט געהאַלטן פון לערנען און לייענען. מיט איין ביכל האָט ער זיך שטאַרק אָפּגעגעבן, — מיט א מעטאָדע ווי צו שטאַרקן די מוסקולן. און ער האָט זיך פאַרנומען דערמיט מיט אַזאַ התמדה, אַז אין איין שיינעם טאָג, ווי מען זאָגט, האָט ער אונדז דערקלערט, אַז מען קאָן אים קלאַפּן אין דער אָנגע־שפּאַנטער ברוסט מיט א האמער און ס'וועט אים גאָרנישט געשען.

אמת, מיט דער גאַנצער קראַפט קלאַפּן א מענטשן מיט א האמער אין דער ברוסט האָט נישט ביי מיר, נישט ביי מיין ברודער אליהו און נישט ביי מיין שוועסטערקינד אברהמל קיין האַרץ נישט געסטייעט, אָבער מיט די פויסטן האָבן מיר יאָ שטאַרק געקלאַפּט און ס. י. איז געשטאַנען ווי א פעלז, — ער האָט זיך קיין ריר און קיין קרים נישט געטאָן.

ווען ער איז אריינגעטראָטן אין אונדזער גרופּע פון „צעירי־ציון", איז ער געווען דער שטאַרקסטער אין דער גאַנצער גרופּע.

ווען מיר פלעגן זומער גיין זיך באָדן אין די „קופּאַלניעס" (ערגעץ נעבן וואַלד, ווי מיר דאַכט זיך), פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן יעקב ראַוויטשן, האַלטן אים אין אַ האָריזאָנטאַלער פּאָזיציע אויף די הענט און לויפן מיט אים אין אַ רעדעלע אַרום די „קופּאַלניעס", אויף דעם הילצערנעם דיל, ווי אַ ווינט, אומצאָליקע מאָל, נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום סימנים פון מידקייט דערנאָך.

דאָס איז געווען די איינציקע אייגנשאַפט זיינע, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אונדזער קרייז. אויף אינטימערע, גייסטיקערע פאַרזאַמלונגען פלעגט ער תמיד זיצן אַ שטילער און מען האָט אומבאַוווסטזיניק זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ שטאַרקער, היימישער, געטרייער חיה.

מען האָט זיך מיט זיין אינערלעכן לעבן נישט אינטערעסירט; ווען עמיצער וואָלט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן ס. י—ס גייסטיק לעבן, וואָלט ער געווען געפילט בלויז פאַרוווּנדערונג: צי דען קאָן ער האָבן אַ גייסטיק לעבן?...

מען האָט געוווּסט וועגן אים, אַז ער לערנט זיך ביי ווילבושעוויטשן אין אַפּטייק אויף פּראָוויזאָר (אָדער געהילף־פּראָוויזאָר) און אַז ער איז אַ שטאַרקער, דרייסטער, גוטער חבר. (איך געדענק: בעתן דורכגעפאַלענעם פּרווו צו גרינדן אַ זעלבסטשוץ אין 1918, — זע: „אַ פּרווו פון אַן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק מיט 30 יאָר צוריק", — האָט י.—ס געטראָגן פון אונדזער לאָקאַל, בית עם, האַנטגראַנאַטן אין די קעשענעס אַזש אַראָפּ אונטערן גאָס.).

* * *

ווען ברוך ראָזענטאַל איז געזונט געוואָרן און גענומען פּרעדיקן אין רעפּעראַטן און אין „רביאישע מסיבות" (איך זאָג דאָס נישט לגנאי, נאָר כדי פּרעציז צו באַצייכענען דעם כאַראַקטער פון יענע מסיבות), איז ס. י. געווען, נאַטירלעך, איינער פון דער ברוך־ראָזענטאַל־חברותא. און פּונקט ווי ער איז פריער געווען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן יעקב ראַוויטשן, איז ער דאָס איצט געוואָרן אויך לגבי ברוך ראָזענטאַלן.

צי בעת שפּאַצירן אין שטאָט־גאָרטן, אין וואַלד, איבער די

גאסן; צי בעת די שבת־צונאכטסן, ווען ברוך ראָזענטאַל פלעגט נישט אויפהערן צו זאָגן מיט התלהבות זיין תורה, — פלעגט ס. י. נישט אראָפנעמען די אויגן פון זיינע צוויי אָפּגעטער: ברוך רזענאָטאַל און יעקב ראַוויטש (וועלכע זענען געווען שטארק צו־געבונדן צו זיך, אהבת נפש, הגם ברוך ראָזענטאַל איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן רעליגיעז־עטישע נאַטור און יעקב ראַוויטש — אויסגעשפּראָכן אַמאָראַליש.).

* * *

אין ביאַליסטאָק פלעגן אָפט פּאַרטיי־חברים (און אויך ברוי־דער פון חברים) קומען אויסגיסן פאַר מיר דאָס הארץ (וועגן עטלעכע אַזעלכע ווידויים וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן). מיר וואָלט אָבער קיינמאָל נישט געווען איינגעפאַלן, אַז אויך ס. י. וועט זיין איינער פון זיי.

איינמאָל, אין שטאָט־גאָרטן, אַ שבת נאָכמיטאָג, קומט צו צו מיר ס. י.

ער איז צוגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר.

אין זיין שטומען צוגיין איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געצווונגען אויפמערקזאַם צו ווערן. כ'האָב אַ קוק געטאָן אין זיינע אויגן און דערזען ווי טיף זיי זענען, ווי פול מיט צער.

מיטאַמאָל גיט ער אַ פרעג צי איך וויל אים אויסהערן.

— פאַרוואָס נישט? — האָב איך געענטפערט אַ פאַרוווּנ־דערטער סיי פון זיין פרעגן, סיי פונם געדאַנק, אַז י. קאָן עפּעס זאָגן, וואָס לוינט אויסגעהערט צו ווערן.

— איך בין נישט צופעליק צוגעגאַנגען צו דיר, — כ'זוך דיך אַרום אַ גאַנצן טאָג. איך וויל זיך אַראָפּריידן פאַר דיר פון האַרצן.

און אַז ער האָט גענומען ריידן, האָט ער נישט אויפגעהערט שעהנלאַנג. דאָס וואָס ער האָט גערעדט, איז באַשטימט געווען פאַר אַ דאָסטאָיעווסקי אָדער אַ טשעכאָוו. נאָך אַז ערך פון 30 יאָר, וויל איך גאָרנישט פרווון איבערגעבן זיינע אייגענע רייד, זיין פיבערדיקן סטיל, זיין פייערדיקן סאַרקאַזם. דאָס איז שוין נישט געווען דער שטומער גולם, נאָר אַ פאַרוואַנדלטער דורך אַ

שם־המפורש, וואָס עמיצער אָדער עפּעס האָט אַריינגעגעבן אין אים.

ער ווייס, האָט ער געזאָגט, אַז אַלע קוקן אויף אים ווי אויף אַ שטיק שטאַרק פלייש, מען מיינט, אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט. און מען זשענירט זיך נישט פאַר אים. ער זיצט אָבער אויף די מסיבות פון ברוך ראָזענטאַל און הערט זיך צו און קוקט זיך צו און ער איז מיר געקומען אָנטרויען זיין גרויסן „איך פאַראורטייל!"

וואָסערע קאָנקרעטע טענות ער האָט צום ברוך־ראָזענטאַל־קרייז האָב איך נישט געקענט אַרויסקריגן פון אים, — נישט פון זיינע אימפּעטיקע רייד, נישט פון זיינע ענטפערס אויף מיינע פראַגעס. ער איז אָבער געווען פאַרביטערט, וואָס מען רעדט אַזוי פיל שיינע רייד און לעבן לעבט מען אַנדערש (לגבי ברוך ראָזענ־טאַלן, ווי ס'האָט באַוויזן זיין שפּעטערדיק לעבן, איז ער אַוודאי געווען אומגערעכט).

ער איז געקומען אַהין, — האָט ער מיר געזאָגט, — מיט אַ געפיל, ווי מען קומט צווישן הייליקע, אָבער מען האָט דאָרט פאַרשוועכט אַלע זיינע ריינסטע געפילן און האָפענונגען.

און כסדר האָט זיך איבערגעחזרט דער רעפרעין פון דאָזיקן ווידוי: מען מיינט אַז ער זעט גאָרנישט און פאַרשטייט גאָר־נישט, אָבער ס'איז אַ טעות: ער זעט נישט נאָר יעדע פאַלשע טאַט, נאָר ער כאַפּט אויף יעדן פאַלשן טאָן, וואָס איז נישט אין אַבסאָלוטן הסכם מיט די אידייען, וואָס מען פּרעדיקט אין זיין קעגנוואַרט, — יאָ, אין זיין קעגנוואַרט, ווייל פאַר אים פּרעדיקט מען זיי נישט, מען האַלט אים פאַר צו טעמפּ דערויף.

און נאָך אַ לייט־מאָטיוו האָט דער דאָזיקער ווידוי פאַרמאָגט: עס עקלט אים פון אַלע אינטעליגענטן, וועלכע מיינען אַז זיי זענען מי יודע וואָס, און אינדערעמתן זענען זיי נישט ווערט מען זאָל זיי אַנטקעגנטראָגן די פאַרערונג, וואָס ער האָט זיי אַנטקעגנ־געטראָגן.

די פּאָר שעה, וואָס י. האָט גערעדט, געהערן צו די אומפאַר־געסלעכסטע אין מיין לעבן. אַ שטומע נשמה איז פּלוצלונג רע־דעוודיק געוואָרן; אַ פּרימיטיווע נאַטור האָט באַקומען פליגלען, — עס איז געשטאַנען פאַר מיר אַ מענטש אין דער העכסטער פאַרוואַנדלונג, אין דער וווּנדערלעכסטער פאַרוואַנדלונג.

פאַרוואָס אָבער האָט ער אויסגעקליבן גראָד מיך אויף אָנ־צוטרויען עמיצן זיין ווידוי?

אַמאָל, ווען איך טראַכט וועגן דעם, דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט מיר געזאָגט פאַרוואָס; אָבער זיכער בין איך נישט, און אין די דאָזיקע נאָטיצן צו דער גייסטיקער ביאָגראַפיע פון ביאַליסטאָק פאַרצייכן איך דאָס זיכערסטע (ווי איך גלויב), — כ׳שרייב נישט קיין בעלעטריסטיק.

אָבער איין השערה מיינע וויל איך דאָ פיקסירן, ווייל זי באַזירט אויף אַ פאַקט: איך פלעג הערן ראָזענטאַלס אַלע רעפע־ראַטן, גיין מיט אים שפּאַצירן, אַליין אָדער מיט אַ גרופּע, אָבער די שבת־צונאַכטן, ווו זיין „רביסטוואָ" האָט אָנגענומען אַן אָר־גאַניזירטע פאָרם און ווו זיין פאַרבינדונג מיט יעקב ראַוויטשן (איך האָב דאָס באַטראַכט פאַר אַ מעזאַליאַנס פאַר ראָזענטאַלן, — כ׳האָב צו גוט געקענט ראַוויטשן) איז געווען צו בולט, פלעג איך זעלטן באַזוכן. און דאָס אפשר האָט מיך אין י—עס אויגן אויס־געטיילט צום גוטן, — איך האָב זיך דירעקט נישט באַטייליקט אין פאַרשוועכן זיינע געפילן.

* * *

וואָס איז געשען מיט ס. י.? וואָס האָט אים דערפירט צו אַזאַ פאַרוואַנדלונג?

די דאָזיקע טיפע פּראָצעסן פון דער מענטשלעכער נשמה קאָן מען קיינמאָל נישט אויסמעסטן און אויסזאָנדירן ביזן גרונט; אָבער די אויסערלעכע סיבות, וואָס גיבן דעם ערשטן שטויס צום דאָזיקן פּראָצעס, קאָן מען כמעט תמיד פעסטשטעלן.

און די דירעקטע סיבה, וואָס האָט אַזוי ווונדערלעך פאַר־וואַנדלט די דאָזיקע רויע נשמה, איז געווען אַ גרויסע אומגליק־לעכע ליבע.

ביי ווילבושעוויטשן אין אַפּטייק האָט ער דערזען ווילבושע־וויטשעס שיינע טאָכטער — מאַניע (אויב איך האָב קיין טעות נישט). ער האָט זיך פאַרליבט אין איר מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין רויער נאַטור. זי האָט אָבער אפילו אין זיין ווינקל נישט געקוקט.

אונטער א גרויסן אטמאָספערישן דרוק קומען פאַר ווונדער־לעכע פאַרוואַנדלונגען מיט האַרטע, רויע, נישט איידעלע מעטאַלן. די אַלכעמיקער זענען נישט געווען סתם קיין משוגעים, — זייער פּרינציפּ פון פאַרוואַנדלען נישט־איידעלע מעטאַלן אין גאָלד האָט אַ שטיקל אָנהאַלט אין די פּראָצעסן פון דער נאַטור.

בנוגע דעם גייסט, דער מענטשלעכער נשמה, שפּילט אַזאַ אַטמאָספערישער דרוק אוודאי אַ גרויסע ראָל אין זייער פאַר־וואַנדלונג.

דער גרויסער אַטמאָספערישער דרוק פון אַ גרויסער ליבע, וואָס האָט פאַרכאַפּט זיין רוי־געזונטע נאַטור, האָט ס. י. פאַר־וואַנדלט: די שטאַרקע פיזישע קראַפט איז ווי טראַנספאָרמירט געוואָרן אין גייסטיקער.

דער פריערדיקער זין פון לעבן, וואָס איז באַשטאַנען אין רויער גבורה און גראָב־פיזישע פאַרגעניגנס, איז פּלוצלונג אויס־געראונען; די גרויסע ליבע, וואָס האָט אים געוועזן געקאָנט געבן אַן אַנדער זין, האָט ביי אים איינגאַנצן צוגענומען דעם באָדן פון אונטער די פיס; אין זיין פאַרצווייפלונג, אין זיין שאַרפער וואַכ־זאַמקייט פון אַ קאַטאַסטראָפאַלן צושטאַנד, האָט ער זיך צוגע־טוליעט צום גרויסן זין, וואָס ברוך ראָזענטאַל האָט געפּרייידיקט. ער האָט געטראָגן זיין טיף־פאַרוווּנדעטע נשמה צום דאָזיקן קרייז, מיט אַ האָפענונג אויף גענעזונג און — ס'איז אים נישט געגנוג געווען. ער האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד, ווען אַ נשמה בכלל פאָדערט אַבסאָלוטס, בפרט אַ נשמה אַ קרקע בתולה, וואָס איז נאָר וואָס פאַרוואַנדלט געוואָרן פון גוף אין גייסט, וואָס האָט גע־האַט אַ הייסהונגער נאָך נשמהדיקער דערהויבונג, ווייל דאָס איז פאַר אים געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט, די עצם לופט צו אָטעמען אין איר נייער עקזיסטענץ.

ס'איז אים ווייניק געווען די אַטמאָספער פונם ברוך־ראָזענ־טאַל־קרייז, — ס'איז אים דאָרט געווען צו קיל אין זיין ליידנ־שאַפטלעכער געשפּאַנטקייט.

און אפשר האָט מען זיך אין דאָזיקן קרייז דערלויבט אומ־שולדיקע שפּאַסן אויפן חשבון פון זיין אומגליקלעכער ליבע, — און ער האָט אין דעם דערזען די פּוסטקייט פון דאָזיקן קרייז, די סתירה צווישן רייד און מעשים.

היט זיך פאַר די אָרעמע אין גייסט, ווייל זייער אָרעמקייט ווערט אַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ שטוינלעכער עשירות, וואָס אַלע נגידים זענען קבצנים לגבי איר.

* * *

זייט דעם אויבן־באַשריבענעם שמועס פלעג איך אָפט זען י—ן, — אָבער גערעדט האָבן מיר נישט; איך פלעג בלויז קוקן אויף אים מיט טיפער אַכטונג. און אויך מיט פאַרוווּנדערונג, ווי מען קוקט אויף אַ זעלטענער אָבער מעכטיקער נאַטור־דערשיינונג.

ער האָט זיך דערווייטערט פונם קרייז, ווי אויך פון זיינע איינצלנע מיטגלידער.

ווען זיין ליבע איז געוואָרן אויסזיכטלאָז טראַגיש, איז ער אוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד.

ער האָט קיינמאָל קיין אינטערעס נישט געהאַט פאַר פּאָלי־טישע פראַגן, אָבער ער איז אוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד ווי מען גייט אוועק אין אַן אַנדער וועלט.

ער האָט געוואָלט איבעררייסן מיט אַלדאָס אַלטע, מיט די באַקאַנטע, מיט דער היימשטאָט, מיטן לאַנד, וווּ דאָס לעבן גייט לויטן אַלטן שטייגער, — ער איז אוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער וועלט, כדי צו פאַרגעסן און זיך אויסצולעבן אַ פאַרוואַנדלטער.

* * *

פאַר די לעצטע 30 יאָר האָב איך נישט איינמאָל געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו וויסן, צי י—ס פאַרוואַנדלונג איז געווען אַ דויערנדיקע און ווי אַזוי זי האָט אויסגעפורעמט זיין לעבן אין דער נייער וועלט.

אָבער עס איז שווער צו וויסן וועגן די, וועלכע גייען אוועק אין אַן אַנדער וועלט.

6) ליאַלע בראַמסאַן

קומענדיק איינמאָל — אַ שטיקל צייט פאַר 1910 — אין דער העברעאישער ביבליאָטעק אין אַ הויף אויף ניקאָלאַיעווסקי גאַס — האָב איך נעבן דעם ביבליאָטעקאַר, אָדער דער ביבליאָטעקאַר־שע — דערזען אַ הויכן, אויסטערליש דאַרן רעאַליסט (ווי מען האָט ביי אונדז גערופן די שילער פון דער רעאַל־שולע). ער איז געשטאַנען מיט עטלעכע קעפּ העכער פאַר אַלע און שטיל, באַשיידן געעצהט וואָס צו נעמען און וואָס צו געבן. און זיין גוטער העברעאיש האָט זיך אַזוי נישט געבונדן מיט דעם בלאָנדן קאָפּ און דעם מונדיר פון דער רעאַל־שולע, וואָס איז ביי אונדז, יינגלעך פון חדר, געווען פאַררעכנט פאַר מער גויאיש, ווי די מונדירן פון דער גימנאַזיע, שוין אָפּגערעדט פון דער קאָמערץ־שולע.

זייט דאַן פלעג איך אים כמעט שטענדיק זען ביים בייטן ביכער און איך האָב באַמערקט, אַז זיין נישט שיין פּנים אויף דער קרענקלעכער פיגור איז מאָדנע סימפּאַטיש. איך האָב דאַן נישט געקאָנט אויסדריקן מיין געפיל, אָבער היינט וואָלט איך געזאָגט: דאָס, וואָס דעם פּנים האָט געפעלט פון אויסן, האָט ער באַקומען — קאָמפּענסירט — פון אינעווייניק.

מיט אַמאָל איז ער פאַרשוווּנדן, דער מאָדנער „רעאַליסט", וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גוי און האָט אַזוי גוט גערעדט העברעאיש און האָט מיט אַזאַ התמדה אָנגעפירט מיטן לייענען פון די יונגע יידישע יינגלעך, וועלכע זוכן אַ וועג פון חדר אין די רייען פון די צעירי־ציון.

בעת דער וועלט־מלחמה, האָב איך באַקומען אַ צוטריט צו הערמאַן פראַנקס פּריוואַט־ביבליאָטעק, די בעסטע אין שטאָט נישט נאָר לויט דער צאָל ביכער, נאָר לויט דעם אָפּקלייב פון די ביכער. אויב אַלע ביאַליסטאָקער יונגעלייט, וועלכע פלעגן לערנען שפּראַכן און זוכן פראַנצויזישע, דייטשישע און ענגלישע קלאַסיקער, פלעגן מוזן אָנקומען צו מיין פאָטערס ביבליאָטעק, האָבן אַלע, וואָס האָבן געזוכט קאָנטשאַפט מיט די נייע שטרעמונגען פון אייראָפּעאישן געדאַנק און אין דער יודאאיקאַ, געמוזט אָנקומען צו הערמאַן פראַנקס ביבליאָטעק. פרוידן און בובערן, בערגסאָנען און גוסטאַוו לאַנדאַוערן האָט מען געקאָנט באַקומען אין ביאַליסטאָק נאָר אין פראַנקס ביבליאָטעק.

גוסטאוו לאַנדאוער האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז איך האָב פאַרגעלייגט צו שאַפן אַ גוסטאוו לאַנדאוער גרופּע, פון וועלכער איך געדענק בלויז דריי: זיך, פראַנקן און ברוך ראָזענטאַלן (וועלכער געהערט אויך צו די, וואָס שאַפן ביאַ־ליסטאָקס גייסטיקע גרופּע). די דאָזיקע גרופּע האָט זיך נישט אַנטוויקלט, אָבער עפּעס האָט זי אויפגעטאָן: די גרופּע האָט פאַרגעלייגט הערמאַן פראַנקן און ברוך ראָזענטאַלן איבערצוזעצן לאַנדאוערס „אויפרוף צום סאָציאַליזם" און זי האָט מיך צוריק צונויפגעפירט מיטן מאָדנעם „רעאַליסט".

איינמאָל, קורץ נאָך דער מלחמה, זאָגט צו מיר הערמאַן פראַנק, אַז מען דאַרף איינאָרדענען אַ רעפעראַט וועגן גוסטאוו לאַנדאוערן פון איינעם ד"ר בראַמסאָן, וועלכער איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון דער שווייץ.

אין אַ גרויסן צימער פון דער פּראָפעסיאָנעלער שולע אויף ליפּאַווע זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע מענטשן, — איך גיב אַ קוק: דער דאָקטאָר איז דער „רעאַליסט".

ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז נישט צוגעגרייט צום רעפעראַט, — זיין דאָזיקע באַמערקונג האָט ער געמאַכט מיט דער זעלבער שעמעוודיקייט און באַשיידנקייט, מיט וועלכער ער פלעגט ראַטן צו נעמען ביכער. מער נישט דער מונדיר האָט אים געפעלט.

הגם די עטלעכע מענטשן, וואָס זענען געקומען הערן דעם רעפעראַט, זענען געווען גוט באַקאַנט מיט לאַנדאוערן, דאָך האָבן מיר געפילט, אַז הינטער דעם פּשוטן קורצן רעפעראַט שטייט אַ גרויס וויסן, אַ טיפער קולטור־הינטערגרונט.

זייט יענעם טאָג איז בראַמסאָן געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד אין ביאַליסטאָקער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ערשטנס האָט ער, אַלס דאָקטאָר, געאַרבעט אין „אָזע" און אין גיכן איז ער געוואָרן דער ליבלינג פון די ביאַליסטאָקער אָרעמע מאַסן, וועלכע האָבן אין אים באַקומען אַ דאָקטאָר אַ פריינט, אַ דאָקטאָר, וואָס האָלט, אַז נישט זיי זענען באַשאַפן געוואָרן פאַר אים, נאָר אַז ער דאַרף זיי דינען. ער האָט אויף זיין דאָקטאָר־פאַך געקוקט נישט ווי אויף אַ פאַך, נאָר ווי אויף אַ פליכט, ווי אויף אַן אויפגאַבע.

און חוץ דער דאָזיקער אַרבעט איז ער געווען אומעטום, ווו

מען האָט מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען אביסל גייסט. עס פלעגט זיך דוכטן אמאָל, אַז עס זענען נישטאָ פאַר אים קיין פאַר־שלאָסענע טעמעס — וועגן אַלץ האָט ער געקאָנט ריידן, ווייל אַלץ האָט ער געקענט. זיינע גייסטיקע אינטערעסן זענען געווען אויסערגעוויינלעך פאַרשידנאַרטיק — פילאָזאָפיע און סאָציאַליזם, ליטעראַטור און פּאָליטיק, אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

בראַמסאָן האָט געהאַט דאָס, וואָס מען רופט „אַן אָפענעם קאָפּ". אָבער אַ חוץ דעם קאָפּ, האָט ער געהאַט אויך אַן איידעלן כאַראַקטער און אַ וואַכזאַמען געוויסן. ער איז געווען אין אונדזערע קרייזן אין ביאַליסטאָק איינער פון די געבילדעטסטע, אָבער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט גלייכן צו אים מיט באַשיידנקייט.

דער דאָזיקער איידעלער גייסט האָט, ליידער, נישט לאַנג באַשיינט ביאַליסטאָק. ווען עס איז, נאָך דער מלחמה, אויסגעבראָכן די רעצידיוו־עפּידעמיע פון דער „שפּאַנקע", האָט בראַמסאָן נישט גערוט טאָג ווי נאַכט, — ווו אַן אָרעמער קראַנקער, איז ער געווען מיט הילף. זיין שוואַכער, קרענקלעכער אָרגאַניזם האָט זיך אָנגעשטעקט, און נישט האָבנדיק קיין ווידערשטאַנד־קראַפט — געשטאָרבן.

זיין טויט איז געווען אַן אמתער טרויער ביי די ביאַליסטאָקער פּאָלקס־מאַסן. ווער האָט דען נישט ליב געהאַט דעם דאָזיקן הערלעכן מענטשן, וואָס איז ווי אינגאַנצן געוועבט געווען פון איידלקייט און גייסט?

נאָך זיין טויט האָב איך זיך דערוווּסט אַ סוד פון פאַרשטאָרבענעם בראַמסאָן.

הגם איך פלעג צו אים אָפט קומען, האָב איך נאָך זיין טויט נישט געקאָנט אַרויפגיין צו זיין מוטער, דער אלמנה, וועלכע איז פאַרבליבן מיט איר צווייטן זון, אויך אַ רעאַליסט, אויך אַ הויכן, קרענקלעכן און פעאיקן בחור, וועלכער איז אָבער ווייט געווען פון נאַציאָנאַלן יידישן לאַגער. (שפּעטער איז ער אַראָפּ פון זינען צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע). די מוטער האָט אַזוי ליב געהאַט איר פאַרשטאָרבענעם זון, זי איז אַזוי צעבראָכן געווען פון זיין פריצייטיקן טויט, אַז עס איז פּשוט נישט מעגלעך געווען צו זיצן

מיט איר אין איין צימער, ווו זי פלעגט זיצן אַזוי אָפט מיטן פאַרשטאָרבענעם.

אָבער איינמאָל האָט מיר אַ באַקאַנטע געזאָגט, אַז בראַמסאָנס מוטער וויל מיך זען. איך בין אַרויף. זי האָט מיר דערקלערט, אַז ווײסנדיק וועגן מיין פריינטשאַפט מיט איר זון, וויל זי מיר ווייזן דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט איר איבערגעלאָזן, — דאָס טייערסטע, ווייל דאָס איז פאַר אים געווען דאָס ווערטפולסטע. און זי האָט מיר דערלאַנגט אַ 5—6 קליינע נאָטיץ־ביכלעך מיט עסטע־טישע טאָוועלעך, מיט גאָלדענע ראַנדן און גוטן פּאַפּיר. איך האָב געעפנט איין ביכעלע, אַ צווייטן, אַ דריטן — אַלע זענען זיי באַ־שריבן — אין אַ פּערלדיקן כתב — מיט העברעאישע לידער.

איך האָב גענומען לייענען און בראַמסאָן האָט זיך מיר באַ־וויזן אין אַ נייער געשטאַלט — אין דער געשטאַלט פון אַ טיף־פילנדיקן, רייפן דיכטער. די ביכעלעך, ווי מען האָט געזען לויט די אויפשריפטן, האָבן נאָך געשטאַמט פון דער שווייץ.

בראַמסאָנס מוטער האָט קוים איינגעוויליגט מיטצוגעבן מיר אַהיים די ביכעלעך, אונטער אַ ערן־וואָרט, אַז איך וועל קיינעם נישט ווייזן און אַז כ׳וועל פאַר קיינעם נישט אָפּשרייבן. איך האָב נישט געקאָנט פועלן ביי איר זי זאָל לאָזן איבערשרייבן און אָוועק־שיקן די לידער אין זשורנאַלן, אין אַ פאַרלאַג.

מיט עטלעכע ביאַליסטאָקער — באַזונדערס מיט משה זאַבלודאָווסקי, דעם גוט־באַקאַנטן לערער פון דער העברעאישער גימנאַזיע — האָב איך נישט איינמאָל גערעדט וועגן דעם, וואָס מען קאָן טאָן אויף אויסצולייזן די לידער פון פאַרשטאָרבענעם דיכטער, אָבער מיר האָבן גאָרנישט צוגעטראַכט. די מוטער האָט געציטערט איבערן דאָזיקן אוצר, זי האָט דאָס געהיט ווי אַ רע־ליקוויע (זי האָט ריכטיק געשפּירט, אַז דאָ ליגט פאַר איר דער גייסט פון איר זון). זי וואָלט דאָס אפשר געלאָזט אַרויסגעבן, ווען דער פאַרלאַג קומט צו איר אַהיים און אונטער איר אויפזיכט וואָלט דאָס אַרויסגעגעבן געוואָרן (הגם זי האָט קיין העברעאיש נישט געקענט).

און אַמאָל מאַך איך זיך פאָרווורפן: אפשר בין איך נישט געווען גענוג ענערגיש אויף אויסצולייזן דעם גייסט פון פאַרשטאָר־בענעם פריינט.

7) איליוויצקי

ער איז געווען פון דעם מין למדן־וואָוניקעס.

אַ העברעאישער לערער, איז זיין ברייטע, פעסטע פיגור געווען געבויגן פון טראָגן דעם שווערן יאָך פון אַ מאַטעריעל־פרײַדלאָזן לעבן. ער איז תמיד געגאַנגען געבויגן, דעם לייבן־קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, און אין די אויגן, ווען איר האָט זיך אַמאָל באַגעגנט מיט זיי, איז געווען דער פאַרצערנדיקער פייער פון אַ לייב אין אַ שטייג.

אַ לייב אין שטייג פון אַ שווערן לעבן, — שווער נישט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די שטייג איז אַ פּראָווינץ־שטאָט, ווו דער שווערער פּרנסה־עול לאָזט נישט גייסטיק פאַנאַנ־דערוויקלען די לייבן־כּוחות.

און די דאָזיקע לייבן־כּוחות זענען נישט געווען קיין אייננ־רעדעניש. איליוויצקי האָט דאָס געוווּסט און געליטן דערפון, און איך האָב דאָס געשפּירט און מיטגעליטן מיט אים.

עפּנטלעך אַז ער געווען אַ שטילער מענטש, איליוויצקי, און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אַרומגעקוקט: אַ העברעאישער לערער, אַ שטיקל „טשודאַק", אַ „מרוק", — עס טרעפט זיך אַזוינס.

אָבער איך, דער חבר פון זיין ייִנגסטן זון, האָב געוווּסט, אַז הינטער דעם באַשיידענעם גרויען פאַסאַד באַהאַלט זיך אויס אַ וועלט פון אַ גרויסער ליבע: דער אַלטער איליוויצקי האָט גע־פירט אַ ראָמאַן מיטן תנ"ך.

אָפּגעפּטרט דעם שווערן טאָג, איז דער אָוונט, די נאַכט גע־ווען זיינע: ער פלעגט זיך אַרויסכאַפּן פון דער אָרעמקייט, פונם הונגער, פון דער דירה־ענגשאַפט, פון פאַמיליע־צרות (און איליו־וויצקי האָט זיי געהאַט גענוג, איבערגענוג) און אַריינטרעטן ווי אַ הערשער אין דער וועלט פון תנ"ך.

איליוויצקי האָט שטודירט תנ"ך און ביבל־קריטיק. ביי אַ נאָרמאַלן פאָלק וואָלט אַזאַ ליבע באַלוינט געוואָרן מיט אַ פּראָ־פעסור, מיט דער מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ ווערק וועגן תנ"ך, אָבער ביים אָרעמען ייִדישן פאָלק האָט דער אָרעמער פּראָווינציאַל איליוויצקי נישט געהאַט אויף וואָס צו האָפן.

אָבער איך בין איבערצייגט, אַז ער האָט גאָרנישט געהאָפט

אויף עפּעס, ער האָט זיך גאָרנישט געשטעלט די דאָזיקע פראַגע, — ער איז קעניגלעך באַשאַנקען געוואָרן דורך זיין גרויסער ליבע גופא, אויף וועלכער מען האָט געקוקט ווי אויף אַן איינפאַל פון אַ טשודאַק.

איינמאָל איז איליוויצקי אַרויסגעטראָטן פון זיין פּריוואַטן טונקל. און איך ווייס נישט ווי פאַר אַנדערע, פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

דאָס איז געווען אין 1915, גלייך ווי מיר, די צעירי־ציון, — האָבן געעפנט דעם לאָקאַל אויף דייטשישער גאַס, ביי קעמפּ־נערן אין הויז. צווישן די לעקטאָרן, וועלכע מיר האָבן איינגע־לאַדן, האָט זיך געפונען אויך איליוויצקי: ער האָט געדאַרפט האַלטן אַ ציקל לעקציעס וועגן דער אַלטער יידישער געשיכטע, וועגן דער תנ"ך־עפּאָכע.

סאַראַ אומפאַרגעסלעכע אָוונטן דאָס זענען געווען!

אַרומשפּרייזנדיק פאַרן עולם ווי אין אַ פאַרברייטערטער שטייג, האָבן זיינע אויגן געשאָסן מיט פייער און זיין לייבן־שטים, וואָס האָט אַזוי פיין האַרמאָנירט מיט זיין לייבן־קאָפּ, האָט געדונערט.

דאָס זענען נישט געווען קיין לעקציעס פון אַ „נאָרמאַלן" לערער, — דאָס זענען געווען שעפערישע אַקטן, שעפערישע אימ־פּראָוויזאַציעס, שעפערישע אויסברוכן פון לאַנג־פאַרשטיקטס: גייסטיקע דערפאַרונג פון לאַנגע יאָרן האָט זיך געריסן צום אויס־דרוק אינם ענגן רוים פון יעדער לעקציע.

באַזונדערס קאָן איך נישט פאַרגעסן איין לעקציע וועגן נאַ־ציאָנאַליזם, — אַ לעקציע, וואָס האָט גלייך אויפן אָרט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ נביאישער, און וואָס ווייטער דאָס לעבן האָט מיך אָפּגערוקט פון דער דאָזיקער לעקציע דורך יאָרן, אַלץ נענטער האָט מיך דאָס לעבן צוריקגעפירט צו איר דורך איר אינהאַלט, וואָס איז געוואָרן אַלץ אַקטועלער.

איליוויצקי האָט דערקלערט דעם אַמאָליקן רעליגיעזן נאַציאָ־נאַליזם, ווען אַ גאָט האָט געהערשט בלויז אויף זיין אייגענער טע־ריטאָריע, און דאָס לאַנד פון אַ צווייט פאָלק איז געווען דער געביט פון אַן אַנדער גאָט.

היינט, האָט איליוויצקי ווייטער געזאָגט, פאַרנעמט דעם אָרט פון אַמאָליקן רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם אַ וועלטלעכער, וועלכער

איז נאָך אומטאָלעראַנטער פאַרן אַמאַליקן: דער גאָט איז די נאַציע גופא.

און פּלוצלונג איז אין טעמפּעראַמענטפולן איליוויצקין ווי אויסגעבראָכן אַ שטורעם: זיין שטים איז געוואָרן מעכטיק, זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט אמתע פונקען, די באַוועגונגען פון זיינע גרויסע הענט זענען געווען דערדריקנדיק: ער איז איבערגעגאַנגען צוריידן וועגן דער לאַגע פון יידישן פאָלק אין דער עפּאָכע פון נייעם נאַציאָנאַליזם:

„איצט, — האָט ער גערונערט, — איז נאָך גאָרנישט; אָבער נאָך דער מלחמה וועט זיך דער נייער מולך פאַנאַנדערוואַקסן; די פעלקער וועלן זיך פאַנאַנדערפלאַקערן מיט אַזאַ שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם, אַז ווו מיר וועלן גיין וועט אונדז אַנטקעגנשלאָגן אין פּנים אַ העלישער פייער"...!

אין זאַל האָט מען ממש געשפּירט די היץ פון די דאָזיקע העלישע פלאַמען, עס האָט מיך אַרומגענומען אַ גרויל, איך האָב געשפּירט, אַז פון איליוויצקין שרייט אַרויס נישט היסטעריע, נאָר וויזיע.

העכער 50 יאָר זענען פאַרביי זייט יענער לעקציע, און אַפילו אין די קורצע אילוזיע־יאָרן פון נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָב איך זי קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן.

אין די שפּעטערע דרייסיקער יאָרן פלעג איך זיך אַליין אָפטער און אָפטער דערמאָנען אין איר און כ׳פלעג טראַכטן און דערציילן וועגן איליוויצקין, וועגן מענטשן, וועלכער האָט איינמאָל, אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, אין לאָקאַל פון ביאַליסטאָקער צעירי־ציון, דערזען דעם גאַנג פון אייראָפּע און פון יידישן פאָלק צו זייער גורל.

דער דאָזיקער מענטש האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט די נביאים און ער האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין זיי, אַז אַ פונק זייערער איז אַריינגעפלויגן אין זיין שטורמישער נשמה און זי אָנגעצונדן מיט אַ וויזיע, וואָס איז, לײַדער, נישט נאָר געווען גראַנדיעז, נאָר אויך אמתדיק.

אין שאַנכיי האָב איך איינמאָל דערפילט מיינעם אַן אַלטן שטומען נדר: איך האָב פאַר אַ קליינער גרופּע מענטשן דערציילט, אין שייכות מיט דער היינטיקער צייט, וועגן דעם אומבאַקאַנטן יידישן נביא, וועלכער האָט דערזען די מאָדערנע שייטערהויפנס, אויף וועלכע זיין פאָלק ווערט פאַרברענט. („די פלאַמען

וועלן אונדז שלאָגן אין פּנים, ווו מיר וועלן זיך ווענדן און זיי וועלן אונדז פאַרברענען און פאַרסמאַליען״. הער איך נאָך איצט זיין דונערדיקע שטים.).

און איצט חזר איך איבער דאָס דערציילטע אין שריפט פאַר אַ ברייטערער אוידיטאָריע ביאַליסטאָקער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אפשר מענטשן, וועלכע האָבן איליוויצקין געקענט און זיי וועלן זיין ביכולת בולטער מאַכן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע, אָבער אין טונקל געבליבענע ביאַליסטאָקער געשטאַלט.

8) דער „עין־יעקב״ רבי

אין קצבישן בית־מדרש, אויף יאַטקע־גאַס, האָט זיך אַ יאָר צוויי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַוויזן אַ נידעריק יידל מיט קאַליע־אויגן, אין אַ חסידיש היטעלע, און ער האָט גענומען לערנען מיט די קצבים — צווישן מנחה און מעריב — אַ פּרק „עין יעקב״.

מיר האָבן דאַן געוווינט אויף יאַטקע גאַס און אין מיטן דער וואָך פלעג איך גיין דאַווענען נישט אין אונדזער ווייטערן יחיאל נעכעס בית מדרש, נאָר אין קצבישן. און איך פלעג באַזוכן דעם בית־מדרש דריי מאָל אַ טאָג, — כ׳האָב דאַן, נאָך אַ פּעריאָד פון אַפּיקורסות, דורכגעמאַכט אַ רעצידיוו פון שאַרפער פרומקייט.

איינמאָל, נאָך מנחה, פוילנדיק זיך צו גיין אַהיים ביז מעריב, האָב איך זיך צוגעהערט צום עין־יעקב־לערנען פונם נייעם רבי.

און ס׳איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערלעבונג.

דאָס קליינע יידעלע מיט די שרעקלעכע קאַליע־אויגן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פלאַמיקער רעדנער. איך האָב פאַר זיך דערזען אַ קאָפּיע פונם קעלמער מגיד (ווי איך האָב זיך אים פאָרגעשטעלט לויט שריפטלעכע און מונדלעכע באַשרייבונגען): ער פלעגט מיט אַזאַ פלאַסטישקייט אויסמאָלן דעם גיהנום, אַז אַ שרעק פלעגט אָנכאַפּן, הערנדיק אים. ער פלעגט אַזוי דורכנעמען מיט זיין כח־הדבור, מיט זיין שילדערונגס־קראַפט, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען נישט צו באַוואַשן זיך מיט טרערן. און דאָס האָבן געטאָן

נישט נאָר די בערדיקע קצבים, נאָר אויך איך, דאָס זיבעצן־יאָריקע בחורל, וואָס האָט שוין געהאַט געלייענט דאַרווינען, און נישט נאָר אים.

און אפשר האָב איך געוויינט מער פאַר די פּרימיטיווע קצבים, ווייל מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט איז געווען רייצבאַרער און כ׳האָב טאַקע געהאַט פאַרוואָס מורא צו האָבן — נאָך אַ פּאָר יאָר אַפּיקורסות...

חדשים לאַנג פלעג איך נישט פאַרפעלן קיין איין אָוונט צוצוהערן זיך צום פּרק עין־יעקב.

שטייענדיק הינטער איינעם פון די זיילן פון בית־מדרש, און אַריינקוקנדיק אין אַ ברענענדיקן אויוון (ס׳איז געווען ווינטער־צייט), פלעג איך הערן דעם נייעם קעלמער מגיד, וועלכער פלעגט מיט אַ ליבנשטימע אויסמאָלן די לײדן אין גיהנום מיט אַזאַ גענויקייט, ווי ער וואָלט דאָרט געבוירן און דערצויגן געוואָרן. און אָפטמאָל פלעגט ווערן אַזוי שווער אויפן הארצן, — נאָך שווערער אפשר ווי אין דער קינדהייט, ביים לייענען דעם „קב הישר". ס׳פלעגט זיך גאַרנישט וועלן גיין אַהיים צום אָוונטברויט, צו ליכטיקער וואַרעמקייט, צו אַ ריינער בעט, — וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס פאַרבייגייענדיקע, אויב עס ענדיקט זיך אַזוי אין דער אייביקייט אַריין?

און נאָך מעריב, בעת וועלכן איך פלעג פאַרגיסן טייכן טרערן (אונטערן איינדרוק פון דעם פאַנאַטישן „עין־יעקב"־אויסטייטשער), פלעג איך אָפט בלייבן אין בית־מדרש און קוקן אויפן טיש און אויף די בענק אין טונקעלן ווינקל און פול זיין מיט פאַרוואונדערונג: אָט נאָר וואָס איז דאָ אַלץ געשטאַנען אין פלאַמען, ס׳האָט געדונערט, קאָשמאַר־וויזיעס זענען געווען ווירקלעכער און לעבעדיקער פאַר דער לעבנס־ווירקלעכקייט, און אָט איז אַלץ שטיל, אויסגעלאָשן, טונקל־שאָטנדיק, און געבליבן איז נאָר אַ געפיל פון שווערקייט, פון שרעק, פון אומענדלעכער דערדריקטקייט, און אויך אַ געפיל פון פאַרוואונדערונג פאַר דער קראַפט פון וואָרט פון אַ קליין, קראַנק, הונגעריק יידעלע.

איך האָב אויך פריער געהאַט פאַרשיידענע באַווייזן פאַר דער קראַפט פון גערעדטן וואָרט, — באַזונדערס האָט דאָס מיר דערוויזן זשאַבאָטינסקיס אומפאַרגעסלעכער רעפעראַט אין ביאַליסטאָק; אָבער ערשט אין קצבישן בית־מדרש, אויף יאַטקע גאַס, האָב איך

אין משך פון עטלעכע חדשים געהאט אז אומפארגעסלעכע, חדשים־לאנג דויערנדיקע לעקציע ווי ווייט עס קאן גרייכן די קראפט פון מענטשלעכן וואָרט, אויב עס פאלט נאר אויף א געהעריק־צוגע־גרייטן באָדן.

און אמאָל העלפט עס אליין צוצוגרייטן דעם באָדן פאר זיך.

* * *

און אפשר איז טאקע צוערשט געווען דאָס וואָרט?

„ויאמר אלהים", און גאָט האָט געזאָגט, און מיטן וואָרט גע־שאפן א גאנצע וועלט...

און ווען משה האָט אויסגעדונערט זיינע צען געבאָטן, האָט דאָס פאָלק געשריגן „נעשה ונשמע", — „מירן טאָן און ערשט דערנאָך וועלן מיר הערן".

זיי האָבן גענומען אויף זיך צו טאָן זאכן, נישט הערנדיק אפילו וואָס, — אזוי שטאַרק האָט געווירקט אויף זיי דאָס געטלעכע וואָרט...

עס טרעפט אָבער נאָך ערגער: אונטער דער ווירקונג פון דונערנדיקן וואָרט טוט מען אָפּ זאכן, נישט וויסנדיק וואָס...

9) דער נזיר

(דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן מיט די אייזערנע קייטן)

דאָס איז געווען איינער פון די אויסטערלישסטע עפּיזאָדן אינם ביאַליסטאָקער פּעריאָד פון מיין לעבן.

איינמאָל איז געקומען צו מיר אַ יונגערמאַן, וועלכן איך האָב געקענט בלויז פון זען אויף די צענטראַלע גאַסן פון ביאַליסטאָק. זיינע גרויסע, שוואַרצע, טרויעריקע אויגן פלעגן זיך אָפט פאַר־טשעפען אין מיינע ביים פאַרבייגיין.

ער איז געווען העכער פון מיטעלן וווקס, פעסט געבויט, אָבער אין זיין גאַנג איז געווען אַ מאָדנע שווערקייט, ווי עס וואָלט אים באַשווערט זיין ברייטלעכע, אביסל געבויגענע פּלייצע.

איינמאָל איז ער אומגעריכט געקומען צו מיר. זיך געזעצט אויף אַ ברעג שטול, געזעסן „אויף דערוויל״, ווי ער זאָל יעדע רגע גרייט זיין אויפצושפּרינגען און אַוועקגיין, און געהאַלטן אומ־געשיקט זיין היטל אין דער האַנט.

וואָס וויל ער?

ער האָט געהערט וועגן מיר און ער וויל איך זאָל מיט אים לערנען פילאָזאָפיע. ער האָט אַ טיפן אינטערעס פאַר פילאָזאָפיע.

אויף אַלץ האָב איך זיך געקענט ריכטן, אָבער נישט אויף אַזאַ „בטלנישן״ פאָרשלאָג.

עס איז מיר איצט שווער צו זאָגן, וואָס עס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקערן איינדרוק: צי דאָס וואָס אַ יונגערמאַן, אַ ביאַליסטאָקער יונגערמאַן, וועמען מען זעט אַזוי אָפט אויף ליפּאָווע און גומיענער, אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט פילאָ־זאָפיע, צי די עניוות פון דאָזיקן יונגנמאַן, וועלכער קומט בעטן אַן אומבאַקאַנטן (אין אַלע הינזיכטן) ער זאָל ווערן זיין רבי.

צי איך האָב אויסגעדריקט מיין שטוינונג אין ווערטער, געדענק איך נישט, אָבער באַמערקט מיין פאַרווונדערונג האָט ער זיכער. און ער האָט צוגעגעבן:

— איך אינטערעסיר זיך שטאַרק מיט פילאָזאָפיע, אָבער עס איז מיר שווער זי צו פאַרשטיין. אפשר וואָלט איר געמאַכט אַ גרופּע צו שטודירן פילאָזאָפיע?

איך האָב אים געזאָגט, אַז זיין פאָרשלאָג איז מיר זייער סימפּאַטיש און איך בין טיף גערירט פון זיין צוטרוי, אָבער איך פיל זיך נישט בכח צו זיין אַ לערער פון פילאָזאָפיע, — אויב ער וויל לייענען צוזאַמען פילאָזאָפישע ביכער — איז מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

און אין משך פון אַ געוויסער צייט פלעגן מיר זאָלבעדריט איינמאָל אין וואָך (פּרייטיקצונאַכטס) זיך צונויפקומען ביים יונגנ־מאַן אין שטוב, און לייענען פאַולסענס געשיכטע פון דער פילאָ־זאָפיע און „די וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג״ פון שאָפּענ־הויערן (אין דייטש).

איך פלעג לייענען און קאָמענטירן, — דער יונגערמאַן (וואָס זיין נאָמען געדענק איך נישט) פלעגט זייער אויפמערקזאַם זיך צו־הערן, אָבער זעלטן אַקטיוו אָנטיילנעמען אין באַהאַנדלען אַ פילאָ־

זאָפישע פראַגע, ער פלעגט אויך זעלטן אָפּאָנירן. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט ער שטעלן אַ פראַגע. עס האָט אָבער אַרויסגע־שטראַלט פון אים אַ גרויסער ערנסט. באַזונדערס ווען איך פלעג קומען צו אַ פילאָזאָפישן פונקט, וואָס איז מיר געווען נאָענט צום האַרצן און איך פלעג זיך אַנצינדן און אַריינפלעכטן אין מיין אויסטייטשן שאָפּענהויערן בערגסאָנס שעפערישע עוואָלוציע, מיט וועלכער איך האָב אין יענע יאָרן געפיבערט טאָג ווי נאַכט.

אין אַ צייט אַרום איז אונדזער קליינע פילאָזאָפישע גרופּע זיך צעפאַלן. פון צייט צו צייט פלעג איך זיך אָבער באַגעגענען מיטן יונגנמאַן, — אָדער מיר פלעגן זיך טרעפן אין גאַס אָדער ער פלעגט אַריינקומען צו מיר לייען אַ בוך.

אויך ביי די דאָזיקע באַגעגענישן פלעגט ער זיין זייער איינ־געהאַלטן אין ריידן, — ער פלעגט זיך אויסלעבן מער אינם אָנגע־שטרענגטן, פיבערדיקן קוקן...

איינמאָל איז ער געקומען צו מיר מיט אַ מאָדנער בקשה. ער זוכט אַ בוך. דאָס בוך געפינט זיך, ווי ער האָט זיך דערוווּסט, ביי דער יונגער פרוי איקס (אַ פרוי, וואָס האָט פאַרדינט אַ בוך פון אַ גרויסן שריפטשטעלער). איז וויל ער איך זאָל אים געבן אַ צעטעלע צו איר, זי זאָל אים לייען דאָס בוך. ער האָט זיך דער־וווּסט, אַז איך בין זייער באַפריינדעט מיט איר.

אַלע מיינע פאַרזיכערונגען, אַז ער קען גיין לייען דאָס בוך אָן מיינעם אַ צעטעלע, האָבן קיין דערפאָלג נישט געהאַט: ער איז נישט דרייסט צו גיין אַליין, אָן אַ רעקאָמענדאַציע.

איך האָב אים ענדלעך צוליב געטאָן...

* * *

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געקומען צו מיר אָן איבערגע־קערטער: ער איז פּלוצלונג געוואָרן באַרעדעוודיק. און אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט, אַ צעשטראַלטער:

דאָס בעטן ביי מיר אַ רעקאָמענדאַציע צו דער פרוי איקס, זי זאָל אים לייען דאָס בוך, איז געווען בלויז אָן אויסרייד: ער האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט יענער פרוי, און ער האָט, צוליב זיין אומדרייסטקייט, געוואָלט האָבן פון מיר אַ רעקאָמענדאַציע.

וואָס זאָל אים צוגעבן מוט, ער זאָל זיך האָבן אין וואָס אָנצו־שפּאַרן אין זיין שעמעוודיקייט.

ער איז טיף רעליגיעז, הגם נישט אין טראַדיציאָנעלן זין, און ער זוכט אין פילאָזאָפיע, אין דער געשיכטע פון רעליגיעס, אין מיסטיק אַ גייסטיקן אָנהאַלט אין לעבן.

דערביי איז ער אָבער שרעקלעך ליידנשאַפטלעך. ער קאָן נישט זען אַ שיינע פרוי נישט האָבנדיק דערביי קיין זינדיקע געדאַנקען.

אַט דער אינערלעכער קאַמף רויבט צו ביי אים אַלע כוחות, — ער פאַרלירט זיין פסיכישן גלייכגעוויכט, זיין זיכערקייט. ער האָט שוין נישט איינמאָל ערנסט געטראַכט וועגן באַגיין זעלבסט־מאָרד.

כדי גובר צו זיין דעם יצר הרע, וואָס האָט אַ שטאַרקן צד אין זיין גרויסער פיזישער קראַפט, פּייניקט ער זיין לייב נישט נאָר מיט תעניתים, נאָר אויך דורך טראָגן אייזערנע קייטן אויפן קער־פּער (איך האָב דאָן פאַרשטאַנען דעם איינדרוק פון זיין שווערן גאַנג). עס העלפט אָבער נישט.

ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די פרוי איקס, האָט זי אים איבערראַשט מיט איר שיינקייט. זעענדיק מיך אַמאָל צו־זאַמען מיט איר, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן וועגן איר. איך האָב אים דאָן מיט באַגייסטערונג געגומען רימען איר גייסטיקע רייכ־קייט, איר באַצויבערנדיקע דיכטערישע נשמה, דעם שטאַרקן איינ־דרוק וואָס עס מאַכט אויף אַלעמען איר פּערזענלעכקייט. און ס'האָט זיך דאָן אין אים דערוועקט אַ פאַרלאַנג אויסצופּרובירן אויף זיך איר גייסטיקע קראַפט. ער האָט באַשלאָסן אַרויפצוגיין צו איר מיט אַ תירוץ און זען: אויב ער וועט אין איר נאָענטקייט נישט האָבן קיין זינדיקע געדאַנקען, וועט ער נעמען גלויבן, אַז עס איז נאָך דאָ פאַר אים אַ האָפענונג צו געפינען גייסטיקע רו; טאָמער נישט — וועט ער ווייסן, אַז ער איז אַ פאַרלאָרענער.

און ער איז ביי איר געווען. ער איז לאַנג געזעסן ביי איר און צום ערשטן מאָל, זינט ער איז געשלעכטלעך רייף געוואָרן, איז ער געזעסן מיט אַ שיינער רייצנדער פרוי אין איין צימער און נישט געליטן פון זיין ווילדער תאווהדיקייט. אדרבא, איר טיפע פּערזענ־לעכקייט האָט אים באַרואיקט, געוועקט אין אים אַלדאָס גוטע און דערוועקט אין אים אַ האָפענונג, אַז ער איז נישט קיין פאַרמשפּטער.

דער אָוונט ביי דער פרוי איקס האָט אים באַגליקט, און פון דאנקבאַרקייט צו מיר, האָט ער באַשלאָסן מיר אַנצוטרויען זיין טיפסטן סוד.

* * *

נאָך דעם דאָזיקן ווידוי האָב איך דעם יונגנמאַן געזען נאָך עטלעכע מאָל אין גאַס, אָבער ער פלעגט מיך, קאָנטיק, אויסמיידן.

איך האָב געפּרוווט אָנפרעגן וועגן אים ביי זייטיקע, און כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז ער האָט איבערגעריסן זיין שטודיום (אין אַן אויסלענדישן אָדער רוסישן אוניווערזיטעט) צוליב אַ טיפן פּסיכישן קריזיס און מען קוקט אויף אים, אין זיין משפחה, ווי אויף אַ שטיקל אומנאָרמאַלן.

געוויינען האָב איך זיך וועגן אים נישט דערוווּסט (און מעג-לעך, אַז איך האָב פאַרגעסן, ווי זיין נאָמען און פאַמיליע-נאָמען), אָבער לאַנג, לאַנג האָב איך נישט געקאָנט פאַרגעסן זיין ווידוי: אין די 20קער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גייט אַרום איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק אַ יונגערמאַן מיט אייזערנע קייטן אויפן קערפּער, אַ יונגערמאַן אַ פּיזישער גבר, וועלכער פאַסט תעניתים — אין קאַמף מיטן יצר הרע — און זוכט ליידנשאַפטלעך אַ גייסטיקן אָנהאַלט אין לעבן.

ווי אויסטערליש! ווי ווייניק מיר ווייסן וועגן די מיט-מענטשן פון זייער אויסערלעכקייט!

און ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך נישט פאַרגעסן זיין שטראַלנ-דיק געזיכט, זיין טיפע געריכטקייט פון דעם, וואָס אַ יונגע, רייצנ-דיקע פרוי האָט אין אים נישט געוועקט קיין זינדיקע געדאַנקען און געפילן.

אויב איך האָב קיין טעות נישט (און וואַרשיינלעך נישט), איז ער געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזאָגט וועגן דער פרוי איקס:

— זי האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ הייליקע... איך האָב אויף איר געקוקט ווי אויף אַ מאַדאָנע...

און שיין איז יענע פרוי געווען, טאַקע ווי אַ מאַדאָנע פון די גאַר גרויסע מאָלערס...

10) ש. לעוו

א גרויסע שייכות צו די מוזעס (א שייכות פון ריינער ליבע) האָט געהאַט דער ביאַליסטאָקער ש. לעוו.

זיין פרוי איז געווען א גוטע שניידערקע און די ביאַליסטאָקער דאַמען פלעגן פאַסן ביי איר זייערע קליידער ביי מוזיק־באַגלייטונג: איר מאַן פלעגט אין א דערנעבנדיקן צימער שפּילן אויף זיין פידעלע.

געטאָן האָט ער דאָס נישט צוליב דער טובה פון געשעפט (אדרבא, עס איז גאָר מעגלעך, אז נישט אלע דאַמען האָבן בכלל ליב געהאַט מוזיק און בפרט ש. לעווס פידל־שפּילן), — ער האָט ליב געהאַט מוזיק, זיין פידעלע, און ווען נאָר ער פלעגט האָבן צייט (און צייט פלעגט ער האָבן א סך) — פלעגט ער שפּילן.

ש. לעוו איז געווען א מענטש מיט א פרייען געמיט. ער האָט נישט נאָר געקענט שפּילן פידל אין מיטן העלן טאָג, נאָר אויך שמועסן האָט ער ליב געהאַט. און געשמועסט האָט ער געמיטלעך, מיט הנאה, געניסנדיק פון א געמיטלעכן מיינונגס־אויסטויש, פון א געמיטלעכער פּאָלעמיק.

א חוץ א פידלער איז ש. לעוו געווען אויך א שרייבער, א פעליעטאָניסט, און דווקא א גוטער. ער האָט זיך אָבער נישט געריסן צו ווערן א פּראָפעסיאָנאַל. ער האָט געשריבן און געדרוקט אין זיין היימישער צייטונג נישט צוליב פּרנסה און נישט צוליב אמביציע — ער האָט הנאה געהאַט פון שרייבן א פעליעטאָן און ער האָט הנאה געהאַט וואָס מענטשן האָבן הנאה פון זיינע פע־ליעטאָנען.

זיינע פעליעטאָנען, געדרוקט אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", זענען געווען אזוי גוט, אז מען פלעגט זיי אָפט איבער־דרוקן אין אנדערע פּראָווינץ־צייטונגען.

עס פלעגט אפילו געשען, אַז מען פלעגט אים איבערדרוקן אין א וואַרשעווער צייטונג, אָבער שוין נישט אויף א פּראָווינ־ציעלן אופן — מיט הכל בכל מכל כל, אפילו מיטן נאָמען פונם מחבר; אין דער וואַרשעווער צייטונג פלעגט מען מאַכן געוויסע קליינע ענדערונגען; דער עיקר — אין נאָמען פונם מחבר.

אזוי, למשל, געדענק איך ווי דער פעליעטאָניסט פון „מאָ־

מענט״ באַנטשע (א. ראָזענפעלד) האָט איבערגעדרוקט אין „מאָ־מענט״ ש. לעווס אַ פעליעטאָן פון „דאָס נייע לעבן״ מיט גאָר קליינע ענדערונגען, אויסמעקנדיק דעם נאָמען „ש. לעוו״ און צו־געבנדיק — „באַנטשע״.

און געטאָן האָט דאָס באַנטשע מיט גרויס „דרייסטקייט״: ער האָט אפילו נישט געוואַרט ביז ש. לעווס פעליעטאָן וועט פאַר־געסן ווערן אין ביאַליסטאָק. גלייך אויף דער צווייטער וואָך נאָך זיין דערשיינען אין „דאָס נייע לעבן״, האָט ער אים איבערגעדרוקט אין „מאָמענט״.

מיינט איר אפשר, אַז ש. לעוו האָט פון אַזאַ חוצפּה זיך אויפגערעגט? אַ נעכטיקער טאָג! ער איז געבליבן געמיטלעך. אויפ־גערעגט האָב איך זיך:

— ס׳טייטש! אַזאַ סקאַנדאַל! פּלאַגיאירן אין מיטן העלן טאָג! פאַרוואָס שווייגט איר?!

איך קאָך זיך און ש. לעוו שטייט זיך געמיטלעך אויף ליפּאָווע גאַס און קוקט מיט די שמייכלענדיקע שפּעלטעלעך פון זיינע קליינע פאַרזשמורעטע אויגן — אַ געשעפט האָט ער!

ער האָט קיין צייט נישט זיך אויפצורעגן — אַז ער דאַרף גאָר גיין שפּילן אויפן פידעלע.

— אפשר ווילט איר קומען הערן מיין שפּילן? אָבער מיט איין תנאי: אויב מיין ווייב וועט גראָד האָבן אַ נערוועזע דאַמע צום פּאַסן און זי וועט מיך אַרויסטרייבן פון שטוב צוזאַמען מיטן פידעלע, זאָלט איר זיך נישט איבערנעמען... עס טרעפן אַזעלכע זאַכן... קומט!

איך האָב אָבער אַזאַ עוולה נישט געקאָנט פאַרשווייגן. און איך האָב אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין „דאָס נייע לעבן״, ציטירנדיק זייט ביי זייט ש. לעוון און באַנטשען. און איך האָב געשטורעמט קעגן דער גזילה.

איך בין זיכער געווען, אַז אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין וועט אויסברעכן אַ שטורעם: אַזאַ אָפענער פּלאַגיאַט! אָבער קיינעם האָט דאָס נישט געאַרט. באַנטשע גופא האָט זיך איך גאָר־נישט געמאַכט דערפון.

— וואָס וויל ראַפּאָפּאָרט האָבן? — האָט ער ציניש דער־קלערט, ווען חברים־ליטעראַטן האָבן אים שוין יאָ גענומען אויפן

צימבל, — איך זע אַ גוטן פעליעטאָן פּאָרדרוקט אין אַ פּראָווינץ־ציַיטונג, וואָס קיינער לייענט זי נישט, איז מיר אַ שאָד אַ גוטע טעמע, וואָס גייט פאַרלאָרן פאַרן ברייטן עולם. דרוק איך עס איבער. בפרט אַז איך פּאַק דעם פעליעטאָן פונקט דאַן, ווען עס פעלט מיר אויס אַ גוטע טעמע פאַר אַן אייגענעם פעליעטאָן. אלא וואָס, איך האָב אויסגעלאָזן ש. לעווס נאָמען? איז ווידער די זעלבע מעשה: ווער קען זיין נאָמען? מיך קען מען! וועט מען לייענען!...

און דער עולם ליטעראַטן האָט הנאה געהאַט פון באַנטשעס וווילערישקייט. און איך האָב איבערגעלעבט נאָך אַן אַנטוישונג.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן באַנטשעס בליק אויף מיר, ווען ער האָט מיך באַגעגנט אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין. עס איז אין אים אַפילו נישט געווען קיין כעס אויף מיר — בלויז שפּאָט: ביזט אַ יאָלד; געפונען אַ חטא.

* * *

ווען איך האָב געהאַט איבערגענומען דעם אַמט פון פאַרוואַלטער פון דער ביאַליסטאָקער קהלה־ביבליאָטעק, פלעגט ש. לעוו זיין ביי מיר אַן אָפטער גאַסט אין ביבליאָטעק, — האָט ער דאָך תמיד געהאַט צייט צו פירן געמיטלעכע שמועסן...

הגם ש. לעוו איז געווען אַ בונדיסט, און איך אַ צעירי־ציוניסט, איז אָבער אַפילו מיר, מיט מיין היציקייט, מעגלעך געווען צו פירן מיט אים געמיטלעכע שמועסן וועגן פראַגן פון יידישן לעבן, וועגן פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, וועגן מאַרקסיזם. נישט נאָר עס איז נישט מעגלעך געווען אים אָרויסצופירן פון גלייכגעוויכט, נאָר ער פלעגט נאָך ווירקן בארואיקנדיק אויך אויף אַנדערע.

איינמאָל, בעת זיינעם אַ באַזוך אין דער ביבליאָטעק, האָט ער מיר געלאַסן דערציילט וועגן אַן אַמאָליקן חבר זיינעם, אַ פייערדיקן רעוואָלוציאָנער, אַ מיטרייסנדיקן מיטינג־רעדנער, אַ מענטשן מיט געניאַלע פעאיקייטן.

— אָבער אין איין פונקט איז ער געווען משוגע, — האָט ש. לעוו געזאָגט מיט געמיטלעכן באַדויער, וואָס אַפילו דער חבר זיינער איז נישט געווען קיין פּולקאָמענקייט, — ער פלעגט פּרעדיקן

סאָציאַליזם און גלייכצייטיק אַטאַקירן דעם מאַרקסיזם. איר האָט שוין אַמאָל געזען אַזאַ משוגענעם?

— קוקט אויף מיר, — האָב איך אים געענטפערט מיט אַ געלעכטער, — וועט איר זען אַ צווייטן...

איין מאָמענט בלויז האָט זיך ש. לעוו דערפילט אומבאַקוועם, ווי מען דערפילט זיך אין אַ געזעלשאַפט, וווּ מען רעדט וועגן האַרבאַטע און פלוצלונג באַמערקט מען, אַז איינער פון די געסט האָט אַ וואַזשנעם האָרב. אָבער טאַקע נאָר איין מאָמענט.

זיינע אייגעלעך האָבן זיך תיכף פאַרמרוזשעט נאָך מער ווי געוויינלעך, און געלאַכט מער ווי געוויינלעך, און אָפּגעפּטרט די פאַרלעגנהייט לייכט, אין צוויי ווערטער:

— איר אויך!?...

און מיר האָבן ביידע געלאַכט. און דערנאָך איז ער אוועק שפּילן פידל, שרייבן אַ פעליעטאָן אָדער געמיטלעך שמועסן מיט אַ באַקאַנטן וועגן נאָך אַ משוגענעם, וואָס פּרעדיקט סאָציאַליזם און האַלט נישט פון מאַרקסיזם...

* * *

ש. לעוו איז געווען אַ טאַלאַנטירטער מענטש אויף אַ סך געביטן. אָבער זיין גרעסטער טאַלאַנט איז באַשטאַנען אין זיין געבענטשטער געמיטלעכקייט.

אַ געבוירענער באָהעמע־טיפּ, האָט ער אויך דאָס פּראַקטי־צירט אָן עקסטר־עמען — געמיטלעך.

און ווען איך טראַכט וועגן ש. לעוון, קומט מיר תמיד אויפן רעיון אַן אַפאָריזם, וואָס די קאָנטשאַפּט מיט ש. לעוון האָט מיך אָנגערעגט אים צו שאַפן:

„כדי צו קאָנען זיין געמיטלעך, מוז מען האָבן אַ געוויסע דאָזע פוילקייט; כדי צו קענען געניסן פוילקייט (זי זאָל נישט פאַלן צו לאַסט), מוז מען פאַרמאָגן אַ גרויסע דאָזע געמיטלעכ־קייט".

ש. לעוו האָט פאַרמאָגט אי די נויטיקע פוילקייט, אי די נויטיקע געמיטלעכקייט.

11) ד״ר הערמאַן פראַנק

מיט הערמאַן פראַנקן האָב איך זיך באַקענט אין 1916. ווער עס האָט אונדז באַקענט געדענק איך נישט; אָבער איך האָב אַ חשד, אַז דאָס איז געווען זיין גלענצנדע ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך נייעסן פון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור, ווי אויך פון דער יידישער — אין פרעמדע שפּראַכן.

איך געדענק מיין ערשטן באַזוך ביי אים: איך גיי אַרום אין זיין גרויסן צימער אויף ניקאָלאַיעווסקע גאַס, עס מיט די אויגן די גרויסע פּאָליצעס ביכער אַרום די ווענט, און נישטער גיריק אין די דאָזיקע אוצרות.

ביי פראַנקן האָב איך געפונען ביכער, וואָס מען האָט זיי דאַן נישט געקאָנט געפינען אין קיין שום אַנדער אָרט אין ביאַליסטאָק.

איך האָב זיך ביי אים באַקאַנט מיט מאַרטין בובערן און זיינע תלמידים (מיט דער גאַנצער פּראַגער גרופּע, מיט הוגאָ בערגמאַנען בראש); מיט אַנרי בערגסאָנס פילאָזאָפיע; מיט זיגמונד פרוידס פּסיכאָאַנאַליז, און — דער עיקר — מיט גוסטאַוו לאַנדויערס ביכער.

אין זיין נעקראָלאָג־אַרטיקל צו הערמאַן פראַנקס טויט, שרייבט י. נ. ש. (זע „אויפן שוועל״, סעפּט.־אָקט. 1952, ז׳ 7): „אַלס יונגער מאַן פון 28 יאָר איז ער אין בערלין פאַרכאַפּט געוואָרן פון די געדאַנקען פון יענעם סאָציאַל־עטישן גאון פון אונדזער עפּאָכע, וואָס הייסט גוסטאַוו לאַנדויער״.

דער חשובער י. נ. ש. מאַכט דאָ אַ טעות: פראַנק איז שוין געפאָרן קיין בערלין אין 1921 אַ הייסער אָנהענגער פון לאַנדויערן. אין 1916 האָט ער מיר — בעת מיינע ערשטע באַזוכן ביי אים — געליען אַ זאַמלבוך (אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון הוגאָ בערגמאַן אין פּראַג), אין וועלכן איך האָב מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איבערגעלייענט גוסטאַוו לאַנדויערס אַרטיקל „צי זענען דאָס אפּיקורסישע געדאַנקען?״ („זינד דאַס קעצערגעדאַנקען?״).

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוויסט, איז דאָס געווען לאַנדויערס ערשט יידיש אַרטיקל (ער האָט בכלל ווייניק געשריבן אויף יידישע טעמעס), אָבער אָט דאָס אַרטיקל פון אַן אומבאַקאַנטן פאַר

מיר שרייבער, האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ קאָלאָסאַלן רושם, אַז אָפּברענגענדיק פראַנקן דאָס בוך, האָב איך צו אים געזאָגט.

— דער איינדרוק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן, ווען איך האָב, ביים איבערקוקן דאָס אַרטיקל צום צווייטן מאָל, באַמערקט, אַז עס האַלט קוים ביי אַ צענדליק זייטן. דער איינדרוק איז מיר געבליבן ווי פון אַ גרויס, רייך בוך.

דאַן האָט מיר פראַנק גענומען רימען גוסטאַוו לאַנדויערן און ער האָט מיר געליען צוערשט דעם „אויפרוף צום סאָציאַליזם” און דערנאָך — „די רעוואָלוציע”.

דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט מיינע מיט לאַנדויערן אַדאַנק הערמאַן פראַנקן, איז נישט געבליבן אָן רעזולטאַטן.

מיר האָבן געגרינדעט אַ קליינעם גוסטאַוו־לאַנדויער־קרייז, וואָס דריי מיטגלידער זיינע געדענק איך: הערמאַן פראַנק, ברוך ראָזענטאַל און דער שרייבער פון דידאָזיקע שורות.

מיר פלעגן זיך צונויפקומען אין פראַנקס גרויסן צימער איינ־מאָל אין צוויי וואָכן, אויסהערן רעפעראַטן אויף גוסטאַוו־לאַנדויער־טעמעס, זיי באַהאַנדלען און אַרומריידן אונדזער ווייטערדיקע אַרבעט.

אויף איינער פון דידאָזיקע זיצונגען, נאָך מיין רעפעראַט „גוסטאַוו לאַנדויער און זיין שטעלונג צו מלחמה” (אַ קיצור פון דאָזיקן רעפעראַט האָב איך שפּעטער אָפּגעדרוקט אין אַ בערלינער פּועלי־ציוניסטישער יידישער וואָכנצייטונג, וואָס איר רעדאַקטאָר איז געווען ניישטאַט (פאָרגאָמען פאַרגעסן).

אויף איינער פון דידאָזיקע זיצונגען האָב איך פאָרגעלייגט, מען זאָל איבערזעצן אויף יידיש דעם „אויפרוף צום סאָציאַליזם”. נאָך אַ דינגעניש, ווער עס זאָל מאַכן די איבערזעצונג, בעת יעדער איינער האָט פאָרגעלייגט דעם צווייטן, איז געבליבן אַז די צוויי פּאַסיקסטע קאַנדידאַטן זאָלן צוזאַמען מאַכן די איבערזעצונג — הערמאַן פראַנק און ברוך ראָזענטאַל.

די דאָזיקע איבערזעצונג, גלויב איך, איז דערשינען, — אַ בולטער סימן פון אונדזער גוסטאַוו־לאַנדויער־קרייז.

דעם העפט מיט די פּראָטאָקאָלן פון דאָזיקן קרייז האָב איך

יאָרן לאַנג געהיט מיט פּיעטעט. און ער איז אַוועק מיטן רויך פון יידישן וואַרשע.

ווי מען זעט, איז פראַנקס ליבע צו לאַנדויערן נישט געבוירן געוואָרן אין בערלין, נאָר אין ביאַליסטאָק, און אין 1916 האָט ער אים שוין גוט געקענט.

אין יענער צייט, ווען הערמאַן פראַנק איז געווען פאַרליבט אין לאַנדויערן, האָט ער געהאַט נאָך אַ גרעסערע ליבע: די ליבע צו מאַרטין בובער.

פראַנקס יידישע איבערזעצונג פון בובערס „דריי רעדעס וועגן יידנטום" איז באמת געווען אַ קינד פון גרויסער ליבע.

יעדעס בוך בובערס, יעדעס אַרטיקל בובערס (אין זיין זשור־נאַל „דער יודע") איז דורך אים געלייענט און פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן.

אין ביאַליסטאָק איז דאַן בכלל געווען אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן געפיבערט מיט יידישקייט, ווי דאָס האָט אָנגענומען אַ מאַסן־דערשיינונג אין דער יידישער וועלט ערשט זייט די שפּעטע דריי־סיקער.

איינער פון זיי איז געווען פראַנק, וועלכער איז אין דאָזיקן פּרט שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין חבר ברוך ראָזענטאַל, אַ טיפע, שטאַרקע פערזענלעכקייט.

ווי ראָזענטאַל און אַנדערע, האָט אויך הערמאַן פראַנק זיך געזעצט לערנען אַביסל גמרא (אגב, ער האָט באַאיינפלוסט אַ דייטשישן ייד, האַנס גאָסלאַר, וועלכער האָט געדינט אין ביאַליסטאָק אַלס דייטשישער זעלנער, און בעת דער ווייַמאַרער רעפּובליק, ווען גאָסלאַר איז עולה לגדולה געווען, האָט ער געהאָלפן ביאַליסטאָקער יידן שטודירן אין דייטשישע אוניווערזיטעטן), אָבער זיין עיקר יידישקייט־שפּייז איז געווען מאַרטין בובערס ביכער און מאַרטין בובער גופא, מיט וועמען ער האָט איינגעשטעלט אַ בריוולעכן קאָנטאַקט.

די דאָזיקע גרויסע ליבע האָט אָבער געהאַט אַן אומעטיקן סוף.

ווען פראַנק איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד, איז ער קודם כל פאַרפאָרן צו זיין רבין (אויף דעם לעצטנס איינלאַדונג), און האָט ביי אים פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט.

ווען איך בין געקומען — אין יולי 1922 — קיין בערלין,

און האָב קודם כל געפרעגט פראַנקן (איך בין פאַרפאַרן צו אים) וועגן זיין באַזוך ביי מארטין בובערן (אַ באַזוך, מיט וועלכן ער האָט געפיבערט פאַרן פאָרן, ווי אַן אמתער חסיד, וועלכער קלייבט זיך אויף ימים נוראים צום רבין), האָב איך אויסגעהערט אַן ענט־פער פון אַ טיף־אַנטוישטן מענטשן. גענוי האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין (הגם איך האָב געמאַכט אַ סך פּרוּוון) וואָס עס האָט גורם געווען זיין אַנטוישונג, אָבער די אַנטוישונג האָט געמוזט זיין זייער גרויס.

— ראַפּאָפּאָרט, — פלעגט ער זאָגן מיט זיין כאַראַקטערים־טישער דביקות אין טאָן, אויסציענדיק דערביי יעדעס וואָרט, — ראַפּ־פּ־פּאָ־פּאָרט, איך האָב אַ טעות געהאַט... הלוואי וואָלט איך נישט געווען געפאָרן אהין... ס'איז ני־י־ישט דאָס... ס'איז נישט דאָס...

באַזונדערס שלעכט פלעגט דערביי אָפּשניידן בובערס שוואַרצע באָרד...

— די שוואַרץ־צע באָ־אָרד, ראַפּאָפּאָרט, די שוואַ־אַר־צע באָאָרד־ד...

* * *

אין זיין נעקראָלאָג־אַרטיקל, האָט ד"ר ישראל רובין זייער ריכטיק אָנגעוויזן אויף דער מאָדנער צווייאיקייט אין פראַנקס גייס־טיקן לעבן; פון איין זייט האָט אים געצויגן צו סאָציאַל־עקאָנאָמיק, צו סטאַטיסטיק, און פון דער צווייטער זייט איז ער פאַרליבט גע־ווען אין גייסטיק־ראָמאַנטישע באַוועגונגען און אידייען.

איך פלעג אָפטמאָל זיך וווּנדערן: ווי אַזוי קאָן דער ענ־טוזיאַסט הערמאַן פראַנק זיין פאַרליבט אין סטאַטיסטיק, אין קאָנסום־קאָאָפּעראַציע (ער האָט זיך בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אין ביאַליסטאָק שטאַרק באַשעפטיקט דערמיט סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש). אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער האָט זיך ענטוזיאַסטיש אויסגעלעבט אויףביידע פלאַכן: נאָכן אָנשרייבן אַ בראָשור פול מיט ציפערן און דיאַגראַמעס, פלעגט ער, ווי אַן אמתער חסיד, אַריינפאַלן אין דביקות פון בובערס אַ נייעם אַרטיקל.

עס איז דערביי אויך אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער סטאַטיסטיקער און קאָנסום־קאָאָפּעראַטאָר פראַנק האָט איבערגע־

זעצט און געשריבן לידער. איך געדענק נישט צי ער האָט גע־
דרוקט אַ סך פון זיינע איבערזעצונגען, אָבער ער פלעגט אָפּט פאַר
מיר פאָרלייענען מיט גרויס געפיל זיינע לידער־איבערזעצונגען.
באַזונדערס איז ער געווען פאַרליבט אין זיינע איבערזעצונגען פון
בייראָנס „יידישע מעלאָדיעס".

* * *

פראַנקס אָרט אין גייסטיקן לעבן פון ביאַליסטאָק בעת דער
דייטשישער אָקופּאַציע (פון 1915 ביז 1918) און דערנאָך ביז
1920, איז געווען זייער אָנזעעוודיק.

פראַנק האָט פאַרמאָגט אַ סך וויסן און אַ שטאַרקע אינטע־
ליגענץ. דערצו האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַ
פעאיקייט צו שפּראַכן און אַ נישט דורכשניטלעכע התמדה.

פראַנק איז געווען דער טרעגער פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע־
באַוועגונג אין ביאַליסטאָק; פראַנק האָט געהאַלטן רעפעראַטן אויף
די פאַרשיידנסטע טעמעס; פראַנק האָט געשאַפן דעם זשיטלאָווסקי־
קלוב; פראַנק איז געווען לעקטאָר אין לערער־סעמינאַר, וואָס איז
געגרינדעט געוואָרן אַ קורצע צייט נאָך דער מלחמה; פראַנק האָט
געשריבן אין דער ביאַליסטאָקער פּרעסע, א.א.וו., א.א.וו.

אָבער איינס מוז גאָר באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן:
הגם ער איז געווען ביי אונדז אין ביאַליסטאָק איינער פון די
געבילדעטסטע און גייסטיק־טעטיקסטע יונגעלייט, איז אויף זיין
טעטיקייט נישט געלעגן דער שטעמפּל פון „געטוע" (לויט מאַרטין
בובערס אַן אויסדרוק, וואָס אונטערשיידט פּוילווערטיקע טעטיקייט
פון פּוסטער אַרומפּאַרעניש). דער צערפּול־שעמעוודיקער אויסדרוק
פון זיין פּנים (ווי ער וואָלט געטראָגן אַ צערפולן סוד) האָט גע־
דעמפּט אויך זיין טעטיקייט, און זי איז תמיד געווען באַגלייט מיט
אַ צוריקגעהאַלטענער באַשיידנקייט.

אויך אין בערלין האָב איך דאָס באַמערקט. ער איז געווען
ווייט פונם קאַפע־לעבן און פונם יידישן געזעלשאַפטלעכן יאַריד,
וואָס איז אין יענע יאָרן פּערמאַנענט פאָרגעקומען אין בערלין.

* * *

איינמאָל האָט מיר פראַנק דערציילט וועגן אַן אינטערעסאַנטן עקזעמפּליאַר, וואָס ער האָט געפונען אין דייטשישן דזשונגל.

דאָס איז אַ דייטשישער אדעליקער, אַ געוועזענער פּאָטסדאַ־מער יונקער, וועלכער האָט פאַרלאָרן זיין פּאָסטן אין מיליטער און זיין אָרט אין דער דייטשישער געזעלשאַפט צוליב זיין פאַרנעמען זיך **מיט** און זיין האַלטן **פון** יידנטום.

און איינגיכן האָט מיר פראַנק פאַרגעלייגט צו באַזוכן אָט דעם אינטערעסאַנטן עקזעמפּליאַר אין אַ ווייטער בערלינער פאָרשטאָט, ווו דער יידנטום־ליבהאָבער האָט געהאַט אַ הויז מיט אַ גרינס־גאָרטן, און ווו ער שרייבט זיינע ביכער וועגן יידנטום און זיינע פּאַמפלעטן וועגן טיילווייזן צוריקקער צום יידנטום.

און עס איז ווערט געווען צו מאַכן אָט די רייזע.

דער געוועזענער פּרייסישער יונקער און דער פאָרשטויסענער (פון זיין פאַמיליע) דייטשישער אַריסטאָקראַט, איז געווען אַ מענטש פון הויכן וווקס, אין די מיטעלע יאָרן.

ער האָט אונדז געוויזן אַ ריי זיינע ביכער וועגן יידנטום, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן, ווי אויך אַ געדרוקטע רשימה פון ביכער, וואָס זענען גרייט צום דרוק.

דער גאַסטגעבער אונדזערער האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן עטישן ווערט פון יידנטום און וועגן דער דעגענעראַציע פון אָפיציעלן קריסטנטום.

באַזונדערס שטאַרק האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דער שפּאַציר זאַלבעדריט (בעת זיין פרוי האָט געגרייט דעם אָוונטברויט פאַר איר פאַמיליע און פאַר די געסט) צוערשט אין אַ שיינעם יונגן וועלדל און דערנאָך — צו אַ טייכל זיך באָדן.

וואָס די דייטשן האָבן אַלץ נישט אַריינגעכאַפּט פון אים! ער האָט זיי געזידלט מיט די לעצטע ווערטער (אין 1923); אויך קאַנט איז נישט געשוינט געוואָרן: ער האָט אים אָנגערופן „דער אַלטער אייזל".

עס איז געווען אַ זוניקער טאָג, שפּעטער נאָכמיטאָג; דאָס וועלדל איז געווען יונג, דורכזיכטיק און רואיק, באַשפּריצט מיט זון און פויגל־געזאַנג.

צוויי יידן זענען געגאַנגען שפּאַצירן מיט אַ דייטש, אַ שפּראָץ פון אַ אַנטיסעמיטישער אדל־פאַמיליע, אַ פּאָטסדאַמער יונקער,

וועלכער איז אויף דרייפערטל געפאנגען געוואָרן פון יידנטום; און עס איז געווען אַזוי מאָדנע קלאָר, אַז דאָס לעבן איז פּאָרט נישט אַזוי איינפאַך, אַז די שפּרונגען פון לעבן זענען אַ סך אַפּטער — ווי מען זעט דאָס אויף דער אויבערפלאַך — משונהדיק „אומ־נאָרמאַל".

דער געוועזענער יונקער, הגם אַ סך עלטער פון אונדז, איז געווען דער שטאַרקסטער און לעבנס־לוסטיקסטער. ער איז געלאָפן, געשפּרונגען, געשווומען און געשאָטן מיט נישט ציוויליזירטע געדאַנקען:

— אויב מען וויל געזינטער מאַכן אונדזער ציוויליזאַציע, — האָט ער געזאָגט, גייענדיק פון וואַסער אין באָד־הייזעלעך און פּאָבענדיק ווילד מיטן באָד־האַנטוך, — מוז מען זיך צוריקקערן צו פּאָליגאַמיע.

פאַרערונג פון יידישער עטיק איז אין דאָזיקן מענטשן געווען פאַרמישט מיט אַ דראַנג צו אורגעטשנדינעריזשקייט. דעם אָפּיציעלן קריסטנטום האָט ער שטאַרק פיינט געהאַט.

נאָכן אָוונטברויט האָבן מיר זיך אָפּגערעדט צו טרעפן נאָכ־אַמאָל ביי אים אין שטוב, אָבער איך בין שוין מער צום אויסטער־לישן דייטשישן יונקער נישט געפאָרן. צי פראַנק האָט אים געזען נאָכאַמאָל, ווייס איך נישט.

* * *

אין 1922, ווען איך בין געקומען קיין בערלין, בין איך איינגעשטאַנען ביי פראַנקן, ביז איך האָב באַקומען אַ צימער.

דעם ערשטן יאָר פלעגן מיר זיך אַ סך טרעפן און אויך אַרבעטן צוזאַמען. היות איך האָב מיטגעבראַכט פון ביאַליסטאָק מיין איבערזעצונג פון טאַגאָרס „נאַציאָנאַליזם" (איבערגעזעצט פון ענגליש), האָב איך אים פאַרגעלייענט מיין מאַנוסקריפּט און ער האָט געקוקט אין ענגלישן אָריגינאַל (ער האָט שוין דאַן געקענט ענגליש פּערפעקט אין וואָרט און אין שריפט), און געמאַכט פאָר־שלאָגן צו ענדערן ווערטער און אויסדרוקן, אויב ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק.

איך, דאַכטן, פלעג זיך באַטייליקן מיט ליטעראַרישע עצות

אין זיינע פּילצאָליקע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און פּלענער. איך פּלעג אים אויך אַרויסהעלפן אין איבערזעצונגען אין יידיש.

* * *

אין אַ צייט אַרום נאָך מיין קומען אין בערלין, איז צווישן מיר און פראַנקן דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. מיר האָבן זיך דערווייטערט איינער פון צווייטן. דאָס איז פאָרגעקומען צוליב ריין פּערזענלעכע ענינים. איך האָב זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט אים ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, אין 1923.

דער ברוגז צווישן אונדז האָט געדויערט ביז 1931 אָדער 1932. איינמאָל, אַראָפּגייענדיק אין גאַס פון מיין וואַרשעווער דירה אויף נאָוואָליפּקי, שטויס איך זיך צונויף פּנים אל פּנים מיט פראַנקן.

איך בין געוואָרן שטאַרק צעטומלט, אָבער **ער** האָט ווי פאַרגעסן וואָס עס איז געשען, צוליב וואָס איך האָב זיך פון אים דערווייטערט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט פאָרגעקומען.

— איך זוך אַרום אייער וווינונג, — האָט ער געזאָגט און זיך צעקושט מיט מיר.

ער איז דאַן געהאַט געקומען קיין פּוילן בעת זיין רייזע פון אַמעריקע איבער מערב־ און מזרח־אייראָפּע.

מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, אַ סך גערעדט וועגן זיינע רייזע־איינדרוקן, וועגן אַמעריקאַנער יידנטום, וועגן ליטעראַרישע אַרבעטן (מיינע און זיינע), אָבער מיט קיין איין וואָרט איז נישט דערמאָנט געוואָרן די פאַרגאַנגענהייט, סיידן דאָס גוטע אין איר.

ער האָט מיר דערציילט וועגן די אַמאָליקע ביאַליסטאָקער פריינט אין אַמעריקע, אין פּאַריז און אין אַנדערע לענדער.

באַזונדערס אַ סך האָבן מיר גערעדט וועגן אומפאַרגעסלעכן ברוך ראָזענטאַל, וועלכן מיר האָבן ביידע טיף געשעצט און ליב געהאַט. און דאַן טאַקע האָט מיר הערמאַן פראַנק דערציילט ווי ברוך ראָזענטאַל האָט אַראָפּגעוואָרפן פון דריי שטאָק טרעפּ יעקב ראַוויטשן, דעם ביאַליסטאָקער צעירי־ציוניק, וועלכער איז געוואָרן אַ טשעקיסט און האָט זיך — בעת אַן אַמטלעכן וויזיט אין פּאַריז —

באַרימט ביי ברוך ראָזענטאַלס פּרום־פּריוויק־צונאַכטיקן טיש מיט זיין טשעקיסטישער מלאכה.

ווען איך האָב געשריבן וועגן דעם אין מיין אַרטיקל אין דער „ביאַליסטאָקער שטימע" וועגן ברוך ראָזענטאַל, האָט הערמאַן פראַנק אָפּגעלייקנט דעם פּרט מיטן אַראָפּוואַרפן ראַוויטשן. און עס איז מיר נאָך אַלץ אַ גרויסער חידוש, ווי אַזוי פראַנק, מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון, האָט געקאָנט פאַרגעסן אַ פּרט, וואָס ער האָט מיר אַליין דערציילט און דערביי אַזוי פיל הנאה געהאַט פון ברוך ראָזענטאַלס אויסגעהאַלטנקייט.

איך דערמאָן זיך אויך אַ פּרט, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אויף מיר מיט מיין פרוי אַ טיפן איינדרוק.

ווען פראַנק איז ביי אונדז דאָן געוועזן אויף מיטאָג, איז מיין זון אַלט געוועזן אַ דריטהאַלבן־דריי יאָר.

ווען מיין פרוי האָט געזאָגט פראַנקן, אַז זי איז אים מקנא זיין אינטערעסאַנטע רייזע, האָט ער, מיט טיפן אומעט, איר גע־ענטפערט, אָנווייזנדיק אויף מיין זון:

— איך דאַרף אייך מקנא זיין.

* * *

זייט דאָן איז אונדזער פאַרבינדונג מער נישט איבערגעריסן געוואָרן. מיר פלעגן זיך פון צייט צו צייט דורכשרייבן. אַמאָל זענען אונדזערע באַציאונגען געווען הייסער, אַמאָל קילער (ווי, למשל, אין די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין רעדאַגירן די „פ. א. ש.", ווען איך בין געוועזן שטאַרק אומצופרידן מיט זיין באַהאַנדלען מיינע אַרטיקלען: אי ער פלעגט מיך כסדר איינלאַדן מיטצו־אַרבעטן, אי ער פלעגט אַנאַנסירן מיינע אַרטיקלען און אי זיי זייער זעלטן דרוקן), אָבער דעם חברישן בריוולעכן קאָנטאַקט פלעגן מיר קיינמאָל נישט איבעררייסן.

עס ליגן ביי מיר אַ סך בריוו זיינע, פול מיט פּעסימיזם וועגן דער לאַגע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, וועגן דער יידישער ליטע־ראַטור און פּרעסע. דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן און צו זיין שעפעריש. די לעצטע בריוו זיינע צו מיר זענען געווען וועגן זיין געפּלאַנטן דריי־חודשניק אין קאַליפאָרניע, אין וועלכן ער

האָט מיך איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן, און וועגן דעם ערדעלשטאַט־זאַמלבוך, פאַר וועלכן ער האָט געבעטן ביי מיר אַן אַרטיקל.

* * *

אין מיין אַרכיוו פאַרמאָג איך, נאַטירלעך, בלויז די בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון אים זייט דעם סוף פון דער מלחמה. זיי פאַרמאָגן זיכער אַ סך וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר זיין גייסטיקער ביאָגראַפיע.

צו דער גייסטיקער
ביאָגראַפיע
פון ביאַליסטאָק

1) א. ש. הערשבערג

(דער גורל פון אַ יידישן וויסנשאַפטלער)

כמעט שטענדיק, ווען איך פלעג קומען קיין ביאַליסטאָק, פלעג איך אים טרעפן אין גאַס, און כמעט שטענדיק פלעגט ער מיך בעטן אַריינקומען צו אים, און כמעט שטענדיק, צו מיין חרפה, פלעג איך עפּעס קיין צייט נישט האָבן. אים, דעם זקן, פאַר וועמען ביאַליסטאָק איז געווען אַ גרויסע איינזאַמע צעלע, פלעגט זיך וועלן איבערריידן אויף אַ קורצער שעה זיין איינזאַמקייט, זיין אָפּגעשלאָסנקייט; און קיינמאָל פלעג איך אַזוי נישט פאַרשטיין זיין דאָזיקן פאַרלאַנג. ווי איין שאַנכיי: נאָר דאָ, אין דער גרעסטער איינזאַמקייט פון אַ יידישן שרייבער, קאָן מען ווי געהעריק מיטפילן אַ. ש. הערשבערגס גורל. און מיין געוויסן פייניגט מיך, וואָס איך פלעג אַזוי זעלטן געפינען צייט פאַר אים.

איך ווייס נישט צי הערשבערג איז געווען אַ גרויסער געלערנטער אָדער נישט, אָבער זיין גורל איז אַ סימבאָל פון דער באָדנלאָזיקייט פונעם יידישן גייסט. אַ סימבאָל פון דער טראַגעדיע פון יידישן שעפערישן מענטשן. עס האַנדלט זיך אפשר נישט אַזוי אין הערשבערגן — דעם מענטש, ווי אין הערשבערגן דער געשטאַלט, ווי אין הערשבערגן — דעם סימבאָל.

* * *

הערשבערג האָט מיר נישט איינמאָל דערציילט געניי זיין ביאָגראַפיע; נישט ווייניק וועגן אים האָט מיר דערציילט פסח קאַפּלאַן, זיין יאָרנלאַנגער פריינט און קעגנער; איך האָב אויך געלייענט וועגן אים, — אָבער קיין פּרטים געדענק איך נישט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סימבאָל.

הערשבערג איז געווען אַ רייכער איידעם און אַ סעקרעטאַר, אַ מיטאַרבעטער פון ר׳ שמואל מאָהילעווער, דעם ביאַליסטאָקער ראַבינער און בארימטן חובב־ציון. הערשבערג איז געווען אַ מיטגליד פון אחד־העמס בארימטן אָרדן „בני־משה" און נאָך אַ רייזע קיין ארץ־ישראל, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן זיין רייזע און וועגן לאַנד.

הערשבערג איז אויך געווען א פאבריקאנט און היות אים איז באשערט געווען צו ווערן א יידישער וויסנשאפטלער, האט ער פאר־לוירן זיין קאפיטאל ביי דער פאבריקאציע. דערפאר אבער האט ער פון זיין דערפארונג געשלאגן וויסנשאפטלעכן קאפיטאל — ער האט אנגעשריבן „די געשיכטע פון דער פאבריקאציע אין ביאליס־טאק", וועלכע ידער „ביאליסטאקער צענטער" אין ניו־יארק האט פאר דער מלחמה געזאלט ארויסגעבן. הערשבערג איז געווען א קור־צע צייט דער רעדאקטאר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין ביאליסטאק, און זיין צייטונג האט זיך, נאטירלעך, נישט צוגע־פאסט צום צייטונגס־מארק. און ווען הערשבערגן איז שוין נישט מעגלעך געווען אפצוזאגן זיך פון דער געוווינהייט צו דרוקן זיך, האט ער געמוזט אנקומען צו פסח קאפלאנען, דעם דערפאלגרייכן רעדאקטאר און דעם יארנלאנגן קעגנער און פריינט זיינעם.

הערשבערג האט די צווייטע העלפט פון זיין לאנג לעבן, גע־פירט א לעבן פון א פרוש און ער האט געשריבן זיינע פילבענדיקע וויסנשאפטלעכע ווערק אן האנאראר, אן עפנטלעכער אנערקענונג, אן האפענונג זיי ארויסצוגעבן. ער האט זיי געשריבן מיט עכטן הערגיזם, מיטן הערואיזם פון א גרויסער, איינציקער ליבע.

* * *

ביאליסטאק — לאמיר זאגן דעם אמת אין אונדזער אייגענעם קרייז — איז נישט געווען ווילנע, הגם פאר די פוילישע יידן זע־נען ביאליסטאקער און ווילנער געווען פון איין טייג געקנאטן — ליטוואקעס. אין פארגלייך מיט ווילנע דער אריסטאקראטישער שטאט, איז ביאליסטאק געווען א שטאט א פלעבעיִשע. ווילנע איז געווען גייסט, יידיש־דורותדיקע קולטור, א שאפונג פון לאנגע יארהונדערטער; ביאליסטאק איז געווען גראבע מאטעריע, אן אויפגעקומענע אינדוסטריעלע באשעפעניש. פאר ווילנע זענען טיפיש פון איין זייט דער יידישער באלעבאס דער למדן, און פון דער צווייטער — דער בטלן; פאר ביאליסטאק זענען טיפיש — דער יידישער פאבריקאנט דער עם־הארץ און דער פריקאזטשיק, וואס גרייט זיך צו ווערן א פאבריקאנט.

און אין דאזיקן קולטורלאזן, פאבריקאנטישן ביאליסטאק איז אויסגעקומען צו לעבן א מענטשן, וועלכער האט זיך באשעפטיקט

מיט פראגן פון יידישער ארכעאָלאָגיע: מיט דער פראגע פון יידי־שער הלבשה אין דער צייט פון תּלמוד; מיט דער פראגע וועגן יידי־שער טעקסטיל־אינדוסטריע אין דער צייט פון תּלמוד און ענלעכע פראגעס.

ביז נישט לאנג צוריק איז די יידישע וויסנשאפטלעכע ליטע־ראטור געווען אזוי אָרעם, אז עס איז אפילו נישט געווען קיין האָ־פענונג צו געפינען א פארלעגער פאר אזעלכע ווערק, וואָס אינטע־רעסירן בלויז ספּעציאַליסטן. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעקילט הערשבערגס התמדה אין משך פון יאָר־צענדליקער, וועלכע ער האָט פארבראכט נישט נאָר אָן האָפענונג ארויסצוגעבן זיינע ווערק, נאָך אויך ווייט פון אזא קולטור־צענטער, ווי ווילנע, וווּ עס וואָלט זיך, לכל הפּחות, געפונען א קרייז באַגייסטערטע אָנהענגער, אויב שוין נישט א קרייז מענטשן פון וויסנשאפט — וואָס דאָס איז אויך געווען מעגלעך — אָדער וויסנשאפטלעכע דילעטאנטן. דער דאָזיקער מענטש פון וויסנשאפט האָט זיך געפונען אין אַן אַטמאָספער פון קולטורלאָזיקייט, ער האָט זיך געפילט ווי פארוואָרפן צווישן וויל־דע. און אויב זיין ליידנשאפטלעכע התמדה צו ארבעטן איז פון דעם נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז אָבער דערפאר מיט יעדן יאָר געוואָקסן זיין פארביטערטקייט, אין זיינע אויגן האָט זיך אַלץ מער פאנאנדערגעפלאקערט דאָס פייערל פון פאראכטונג. און נעבן דער נאָז, פון ביידע זייטן, זענען אַלץ טיפער געוואָרן יענע קנייטשן, וועלכע בייסן זיך איין אין פּנים פון פארצווייפלונג, פון אַנטויי־שונג און פון אומענדלעכן, אומבאהאָלפענעם פארבייסן מיט די ציין.

צוערשט האָב איך אים דערקענט נאָך פארן ערשטן וועלט־קריג, ווען איך פלעג באזוכן די פארזאמלונגען פון „חובבי שפת עבר”, אין דער גרויסער געביידע פון דער האנדווערקער שולע, אויף ליפּאָווע גאַס. הערשבערג איז געווען דער פאָרזיצער פון די ליב־האָבער פון דער העברעיִשער שפּראַך. אויף די דאָזיקע פארזאמלונ־גען פלעגן די ליבהאָבער פון העברעיִש לייענען אָדער הערן רעפע־ראטן אויף פארשידענע ליטעראַרישע און געזעלשאפטלעכע טעמעס. און נאָך די רעפעראטן פלעגט מען פירן דיסקוסיעס. דאַן פלעגט מיר אויסקומען צו הערן מאָדנע מיינונגען פונעם פאָרזיצער — מיינונגען, וואָס פאר מיר זענען זיי אָפּטמאָל געווען ווי לעסטע־רונגען. למשל: לויט הערשבערגס מיינונג האָט די נייע העברעיִשע

ליטעראַטור באַדאַרפט באַשטיין בלויז פון וויסנשאַפטלעכע ווערק; אין לידער און דערציילונגען נויטיקן מיר זיך נישט.

אויסערלעך איז די דאַזיקע מיינונג ענלעך געווען צו אחד־העמס מיינונג וועגן דער העברעישער ליטעראַטור. אָבער טאַקע נאָר אויסערלעך. אחד־העם האָט געהאַלטן, אַז דער ייד איז גע־ווינט צו אַן ערנסטער ליטעראַטור, און אויב די נייע העברעאישע ליטעראַטור וויל אים באַהערשן אָדער דערציען, מוז זי זיין אין זיין גוסט, דאָס הייסט, זי מוז זיין נאַציאָנאַל לויט איר כאַראַקטער. דאָס איז געווען נאָר איין מאָטיוו פאַר זיין מיינונג. דער צווייטער איז געווען, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אָרעם אין כוחות און זי דאַרף די אָרעמע כוחות פאַרווענדן נישט אויף שיינער ליטע־ראַטור, נאָר אויף ערנסטער.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אַנצווייזן אויף די פעלערן פון אחד־העמ׳ס דאַזיקן געדאַנקענגאַנג, — אָבער זיין דאַזיקער געדאַנקען־גאַנג איז לחלוטין נישט ענלעך צו הערשבערגס מיינונג וועגן ליטע־ראַטור. אחד־העם האָט געפּרעדיקט קעגן שיינער ליטעראַטור פאַרן יידישן פאָלק צוליב פּראַקטישע מאָטיוון, אָבער אין תוך האָט ער אָנערקענט די גרויסע באַדייטונג און דעם גרויסן ווערט פון דער שיינער ליטעראַטור. הערשבערג אָבער האָט די דאָזיקע באַדייטונג און דעם דאַזיקן ווערט אָפּגעפרעגט. פאַרוואָס? ווייל בלויז יונגע, קולטורעל־אומרייפע פעלקער פאַרנעמען זיך מיט בעלעטריסטיק, וואָס אַנטשפּרעכט זייער אומרייפן עלטער. אָבער פאַרן יידישן פאָלק, אַלס דעם עלטסטן קולטור־פאָלק, פּאַסט נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע יינגלשע זאַכן (הערשבערגס אייגענע ווערטער), ווי מאַכן גראַמען און שרייבן ראָמאַנען („ספורי אהבה").

הערשבערג איז געווען איינזייטיק אַנטוויקלט.

דער דאָזיקער געלערנטער איז געווען רעליגיעז אין שטרענג־טראַדיציאָנעלן זין פון דאָזיקן וואָרט. ווען אַ יונגער טעמפּעראַ־מענטפולער העברעישער לערער, אַ ביאַליסטאָקער, סוקעניק (דער שפּעטערדיקער פּראָפעסאָר פון אַרכעאָלאָגיע אין ירושלימער אוני־ווערזיטעט) האָט אַטאַקירט דויד המלך, אַלס טיראַן (אַרויסרופנדיק די אַנטציקונג פון די יונגע צוהערער, ווייל דער דאָזיקער בליק אויף דוד המלך, פולשטענדיק באַזירט אויף דעם תנ"ך, שטייט אין שאַרפער סתירה צו דער טויזנטיאָריקער לעגענדע, וואָס האָט אונדז פאַרכישופט), האָט הערשבערג נישט געענטפערט, — ווי עס פּאַסט

פאר א געלערנטן, — מיט ארגומענטן, נאר איז ארויפגעפאלן מיט צארן אויף דעם לעסטערער פון דער סאמע פארגעטערטער געשטאלט פון דער יידישער געשיכטע.

הגם איך האב נישט געקאנט אננעמען זיינע מיינונגען, פלעגט מיר דאך אפט אימפאנירן זיין אריגינעלקייט, זיין שארפקייט, זיין בייסיקייט און אמאל טאקע אויך זיין גוטמוטיקייט, — ער האט פארמאגט א סך פון די דאזיקע סתירהדיקע עלעמענטן.

אפטמאל פלעגט מיר אויסקומען צו רעדן מיט אים און עס פלעגט מיך אמאל איבערראשן דער מילדער אורטייל איבער מענטשן פון דאזיקן בייסיקן זקן: ווי זעלטן בייסיקייט גייט האנט אין האנט מיט מילדקייט. איך געדענק: כ'האב שפאצירט מיט אים און גע־רעדט מיט היץ וועגן געוויסע גנבות אין א געזעלשאפטלעכער אינ־סטיטוציע. הערשבערג האט זיך צוגעהערט צו מיינע לײדנשאפט־לעכע ווערטער און מיר רואיק, מיט איבערציײגונג געענטפערט: „אדאנק די גנבים ווערט כאטש עפעס געבויט; זיי בויען פאר זיך די מעגלעכקייט צו גנבענען, אבער אדאנק דעם באקומט אויך די געזעלשאפט איר טייל. די יעניקע וועלכע גנבענען נישט — בויען נישט".

ווי יעדער לעבנס־אמת, איז דאס איבערגעטריבן, אבער א גע־וויסער טראגישער אמת איז דא אין הערשבערגס ווערטער. ס'איז מאדנע, אבער דא, אין שאנכיי, האט מיר א ייד דערמאנט אין הערשבערגס לעבנסקלוגשאפט. דער שאנכייער ייד האט מיר גע־זאגט: „ווען איך גיב צען דאלאר אויף א געזעלשאפטלעכן ציל, ווייס איך פארויס, אז זיבן דאלאר וועט מען צעגנבענען, דערפאר אבער וועלן דריי גיין אויף א וויכטיקן ציל".

יא, הערשבערג האט גוט געקענט דאס לעבן, הגם ער האט זיך פארנומען מיט ארכעאלאגיע...

מיט די יארן איז ער אלץ מער און מער אוועק פון געזעלשאפט־לעכן און פריוואטן לעבן און זיך פארטיפט אין זיין ארבעט. צוויי מאל א טאג, אין א באשטימטער צייט, פלעגט מען אים קאנען זען א שפאצירנדיקן מיט א שטעקן מיט א קײלעכדיקן קאפ פון על־פאנט־ביין. די דאזיקע איינזאמע שפאצירן זענען געווען זיין איינ־ציקער אפרו. און וויפיל ביטערע געדאנקען פלעגן באגלייטן זיין דאזיקן אפרו! ווי איינזאם ער האט זיך באדארפט שפירן אויף יענער זייט שוועל פון זיין פרוש־צעלע...

דערפאַר אָבער פּלעגט ער אין זיין פרוש־צעלע אַלץ פאַרגעסן; אַנישט וואָלט ער גאָרנישט געוועזן געקענט מיט אַזאַ אויסדויער פאַרברענגען אַזוי פיל צייט ביי זיין אַרבעט.

איך בין איינמאָל אַריין צו אים. דאָס גאַנצע צימער איז פאַר־לייגט געווען מיט ביכער און מאַנוסקריפּטן, מיט גאַנצע קעסטלעך מאַנוסקריפּטן. און ווי גערן, ווי פיבערדיק ער האָט מיר געוויזן זיינע מאַנוסקריפּטן, דערציילן וועגן זיינע פּלענער. דערמאָן איך זיך וועגן יענע מינוטן, פאַרבראַכטע אין דער דאָזיקער צעלע פון אַ געלערנטן, וועלכער האָט פאַרגעסן די וועלט און וועמען די וועלט האָט פאַרגעסן, קאָן איך אויסדריקן מיינע דעמאָלטיקע גע־פילן בלויז דורך דער פאַרזיכערונג, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אויך עפּעס אַזאַ זאַך, ווי ליידנשאַפט פון באַוווסטזיין, תאווה פון גייסטיקער אַרבעט, ליידנשאַפט פון זוכן דעם אמת, תאווה פון זאַמלען און פאַרשפּרייטן וויסן — מיט איין וואָרט: די ליידנשאַפט אָדער די תאווה פון וויסנשאַפט.

הערשבערג איז באַהערשט געווען פון דער דאָזיקער ליידנ־שאַפט.

איך בין געווען אַזוי ווייט פון הערשבערגס גייסטיקער וועלט, אַז איך פלעג ליכט נישט געפינען קיין צייט אויף אָנצונעמען זיינע איינלאַדונגען צו באַזוכן אים: ער האָט מיך אינטערעסירט און איך האָב אים געשעצט, אַזוי צו זאָגן, טעאָרעטיש, אָבער פּראַקטיש, אין רעאַלן לעבן,' איז ער מיר געווען פרעמד...

און דער דאָזיקער מענטש האָט זיך דאָך כמעט ווי דערוואַרט — אָן שום האָפענונג — אויף זיין גליקלעכער שעה.

איינער פונעם מיליאָן קריגס־מיליאָנערן פון יענער מלחמה, שטיבעל, האָט פאַרווענדט זיינע מיליאָנען אויף אַ גוטער זאַך — אויף קולטור: ער האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור, ער האָט אויפגעאַקערט און באַפרוכפּערט איר באָדן. מיט אַ גאָלדענעם כישוף־שטעקעלע האָט ער אַרויסגערופן אויף דער ליכטיקער שיין יידישע שעפערישע כוחות און ער האָט אויך אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שיין פון די פאַרשימלטע קאַסטנס די פאַרגעלטע מאַנוסקריפּטן פון שרייבער און געלערנטע, וועלכע האָבן שוין גע־האָט פאַרלוירן יעדע האָפענונג צו דערלעבן די פרייד פון דרוקן זייערע מאַנוסקריפּטן.

אינעם ידיקן זשורנאל „התקופה" האָבן זיך גענומען באַוויזן הערשבערגס גרויסע אַרבעטן. און מיט וואָסער פרייד ער האָט מיר אונטערגעטראָגן די בשורה, אַז שטיבעלס פאַרלאַג האָט אָנגענומען און וועט אַרויסגעבן זיינע פילבענדיקע ווערק וועגן דער „טעקסטיל־אינדוסטריע אין תלמוד", וועגן „יידישער הלבשה אין תלמוד" (אַ שטאַרק פאַרגרעסערט ווערק פונעם אַמאָל דערשינענעם ביכל אונטערן זעלבן טיטול).

זעענדיק אין „התקופה" הערשבערגס אַ וויסנשאַפטלעכע אַר־בעט (איך פלעג זיין אַזוי ווייט פונם געביט פון זיינע גייסטיקע אינטערעסן) — פלעג איך פילן פרייד פאַרן דאָזיקן מענטשן. און נישט דערפאַר, ווייל הערשבערגס פערזענלעכער גורל איז נאָענט געווען מיין האַרצן, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז פאַר מיר געווען אַ סימבאָל פונעם גורל פונעם יידישן געלערנטן בכלל. און זעענדיק זיינע אַרבעטן אין דער „התקופה", פלעג איך טריאומפירן: איז שוין, הייסט עס, געקומען די צייט, ווען דער יידישער געלערנטער וועט שרייבן נישט פאַרן שופלאַד, ווען דער שטאָף־וועקסל, ווען די בלוט־צירקולאַציע פון דער יידישער קולטור וועלן געבראַכט ווערן אין אָרדענונג, ווען דער יידישער גייסטיקער אַרבעטער וועט אַרויסגיין פון זיין דערדריקנדיקער איינזאַמקייט.

אָבער די דאָזיקע ליכטיקע מאָמענטן זענען אינגיכן פאַר־שווונדן: שטיבעלס מיליאָנען זענען איינגעשרומפּן געוואָרן, זיין פאַרלאַג האָט פאַרשמעלערט די אַרבעט, דאָס אַרויסגעבן הערש־בערגס גרויס ווערק איז געווען אַ טעכניש שווערע און טייערע אַר־בעט און זי האָט זיך פאַרצויגן.

און הערשבערג האָט זיך נישט דערוואַרט אויפן גליקלעכסטן מאָמענט אינעם לעבן פון אַ שרייבער, אינעם לעבן פון אַ וויסנ־שאַפטלער: עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אין סוף 1939־טן יאָר, אין ביאַליסטאָק, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך די באָל־שעוויקעס, איז געשטאָרבן אין פולסטער פיזישער און גייסטיקער איינזאַמקייט דער אַלטער הערשבערג.

און די גרעסטע טייל אַרבעט פון אַ גאַנץ לעבן, וואָס איז גע־ווידמעט געווען דער וויסנשאַפט, איז אומגעקומען.

און שטאַרבנדיק האָט ער זיכער געוווסט, אַז ער איז געפאַלן אַלס אַ קרבן פון דער באַדנלאָזיקייט פון אונדזער קולטור; אַ סך

פון זיינע ווערק, דער רעזולטאַט פון אַ פלייסיקער אַרבעט, זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן, און אַ אַנלויף פון אַ שטאַרקן ווינט האָט זיי פאַרטראָגן אין תהום פון כאַאָס, פונעם תהו ובהו.

2) פסח קאַפּלאַן

פסח קאַפּלאַן געהערט צו די ביאַליסטאָקער מערקווירדיקייטן. זיין קליינע, רירעווודיקע, לעבעדיקע פיגור איז אין ביאַליסטאָק געווען אַלעמען באַקאַנט. זיין גייסטיקע טעטיקייט איז געווען פאַרשידנאַרטיק און טאַלאַנטירט: אַ פלינקער זשורנאַליסט, אַ וויציקער פעליעטאָניסט, אַ בעלעטריסט, אַ קריטיקער, אַ גוטער פּראָזע־ און דיכטונג־איבערזעצער, אַ פעיקער רעדאַקטאָר, אַ מוזיקער, אַ דיריזשאָר, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט געפעלט כאַראַקטער־פעסטקייט און דאָס זעלבע האָט אויך געפעלט זיין גייסטיקער אַרבעט. — ווען ער וואָלט געווען געאַרבעט ווייניקער, אָבער דערפאַר מיט מער טיפקייט, מיט מער ערייקייט, מיט מער אידייאישן אויסדויער, וואָלט ער זיך געווען דערהויבן צו דער מדרגה פון די ביאַליסטאָקער פערזענלעכקייטן; אָבער אָן דעם, איז ער געווען בלויז איינער פון די ביאַליסטאָקער מערקווירדיקייטן.

דער דאָזיקער געוועזענער מלמד איז אָן ספק געווען רייך באַגאַבט. און אַרבעטן האָט ער געקענט! „דאָס נייע לעבן", די טעגלעכע ביאַליסטאָקער צייטונג, וועלכע פסח קאַפּלאַן האָט זייער גוט רעדאַקטירט, איז געווען תמיד אויסגעפילט מיט זיינע אַרטיקלען אונטער יתרום נעמען. נאָכן עלעגאַנטן, שאַרפן פעליעטאָן, פלעגט ער גלייך קאָנען איבערגיין צום שלייענדיק־גלאַטן לייט־אַרטיקל, און פון אים צו אַ קאַפּיטל שטאָט־זכרונות, אָדער צו אַ ליטעראַרישער קריטיק, און ער פלעגט נאָך געפינען צייט פאַר ערנסטערע אַרבעטן אויך, ווי, למשל, די פולשטענדיקע איבערזעצונג פון קרילאָווס „משלים" אָדער אַן איבערזעצונג פון דער דיכטונג אין תנ"ך.

פסח קאַפּלאַן פלעגט שוין אַרבעטן אַ ביסל צו לייכט. דעריבער פלעגן זיך ביי אים טרעפן פעלערן, וואָס ביי זיין געשמאַק און טאַלאַנט וואָלט ער זיי לייכט געווען געקאָנט אויסמיידן, ווען ער זאָל

זיך געבן צייט צו טראכטן. אזוי, למשל, זאָגט ביי אים קאָראָלענ־קאָס פויער אין „אַן אַ לשון": „אין וועלכער שול מען קומט, אַזאַ קדושה שפרינגט מען". ביי אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט וואָלט אַזאַ איבערזעצער, ווי פּסח קאַפּלאַן, געווען פאַרשטאַנען, אַז אַ רוסישער פויער דאַרף אַזאַ ווערטל נישט זאָגן, אפילו אין אַ יידישער איבער־זעצונג, ווייל מגייר זיין אים טאָר נישט דער איבערזעצער. ער האָט בעסער באַדאַרפט זאָגן: „אַז מען וווינט מיט וועלף, וואָיעט מען ווי אַ וואָלף".

איך האָב געבראַכט דעם דאָזיקן פעלער נישט דערפאַר, ווייל ער איז וועזנטלעך, נאָר אַלס אילוסטראַציע פאַר אַ סך אַנדערע, וויכ־טיקערע פעלערן, צוליב מאַנגל אין ליטעראַרישער אויפמערקזאַמ־קייט; איך האָב געבראַכט דעם דאָזיקן פעלער, ווייל איך געדענק אים, בעת די אַנדערע פעלערן, — פון קרילאָווס איבערזעצונג, למשל, — געדענק איך נישט אויסנווייניק און די נאָטיצן זענען פאַרבליבן אין וואַרשע.

פּסח קאַפּלאַן פלעגט אויך אָפט האָבן מאָדנע ליטעראַרישע מיינונגען. אַזוי, למשל, האָט ער פלוצלונג געמאַכט אַ רעוויזיע אין זיין מיינונג וועגן ביאַליקן.

— וואָס האַלט איר פון ביאַליקן? — גיט ער מיר איינמאָל אַ פרעג אויף זיין אימפּולסיוון שטייגער.

איך האָב אים געזאָגט מיין מיינונג.

— און איך האַלט, — האָט ער מיט טריאומף געענטפערט, — אַז ביי ביאַליקן ווירקט נאָר דער לשון, אַז קיין פּאָעט איז ער נישט קיין גרויסער.

און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען שוין געקאָנט לייענען אין „דאָס נייע לעבן" אַן אַרטיקל אין פאָרזעצונגען וועגן ביאַ־ליקס דעטראָנירט ווערן ווי אַ גרויסער דיכטער.

צו שרייבן וועגן ביאַליקן אַזאַ אַרטיקל דאַרף מען האָבן מוט. אָבער נישט יעדעס מאָל האָט פּסח קאַפּלאַן געהאַט דעם דאָזיקן מוט. מערסטנטייל פלעגט ער זיינע מיינונגען האַלטן ביי זיך און נישט איינרייסן מיט דער אָנגענומענער עפנטלעכער מיינונג.

באַזונדערס פאָרזיכטיק איז ער געווען אַלס רעדאַקטאָר.

איך געדענק אַ פאַל, אין די אָנהייב צוואַנציקער, ווען איך

האָב אים געגעבן אַן אַרטיקל, — אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג וועגן יעקב כהן. ער האָט געלייענט, געלייענט און צום סוף אַ זאָג געטאָן:

— וועגן אַזאַ אָנגענומענעם דיכטער אַזוי שרייבן! ניין, איך קאָן דאָס נישט דרוקן.

אָבער ביי אַלע זיינע פעלערן איז פסח קאַפּלאַן געווען אַן אויסגעצייכנטער זשורנאַליסט, ליטעראַט און דיכטונג־איבערזעצער. ער האָט געהאַט אַ לייכטע פעדער און אַ לייכט־באַוועגלעכן גייסט; ער האָט געהאַט הומאָר און שנעל אונטערגעכאַפּט און פּיקסירט אַ געדאַנק.

פּסח קאַפּלאַן איז געווען דאָס, וואָס מען רופט אָן: אַ געבוירענער מענטש פון דער פען.

אָבער נישט דער ערך מער איז ער געווען — מוזיקער. אַ געוויסע צייט — באַזונדערס בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע (1915—1918) — האָט זיך פּסח קאַפּלאַן אָפּגעגעבן מיט שאַפן כאָרן און אָנפירן מיט זיי.

ווען ער פלעגט שטיין מיט דעם דיריזשאָר־שטעקעלע, פלעגט דער דאָזיקער ליבהאָבער פון מוזיק, ווי איבערגעאַנדערשט ווערן. אויפן דאָזיקן געביט איז שוין נישט נויטיק געווען קיין אידייאישער אויסדרויער און קיין כאַראַקטער־פעסטקייט, — דאָ איז ער געווען גאַנץ און ער פלעגט זיך אָפּגעבן דעם שטראָם פון מוזיק אינגאַנצן, אומגעטיילט, מיט ליידנשאַפטלעכער ליבע, מיט מוזיקאַלישן געשמאַק.

ער האָט ליב געהאַט מוזיק. וויפיל מאָל פלעג איך אים הערן זינגענדיק, אונטערברומענדיק אַ פאָלקס־ניגון אָדער אַן אַריע ביים שרייבן זיינע לייט־אַרטיקלען אָדער ביים גיין אין גאַס, — און דאַן פלעגט זיין גאַנצער קערפּער ווי מיטוויברירן מיט דער מוזיק, — אַפילו זיין הינקעדיקייט פלעגט ווי ריטמיזירט ווערן. און איך זאָג דאָס נישט לשם מליצה, — איך פלעג דאָס תמיד באַמערקן: איז פּסח קאַפּלאַן געווען אין אַ מוזיקאַלישער שטימונג, פלעגט ער אויפהערן נאָרמאַל צו הינקען, נאָר זיין הינקעדיקייט פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מוזיקאַלישער באַוועגונג.

* * *

איך בין מיט פסח קאפלאנען געווען באקאנט א לאנגע צייט. איך האב א צייטלאנג מיטגעארבעט אין זיין צייטונג און געהאט דערביי אנגענעמע און אומאנגענעמע דערפארונגען. עס פלעגט מיך אפט אויפרעגן זיין אידייאישע און פערזענלעכע לייכטזיניקייט, און איך פלעג אפט באמערקן זיין אומגערעכטיקייט לגבי פערזאנען אדער געשעענישן און נישט שטענדיק פלעג איך מיין מיינונג באַהאלטן פאר זיך — איך פלעג דאס אים זאגן און איך בין אויך ארויסגעטראטן קעגן אים עפנטלעך מיט שריפטלעכן ווארט. איך בין געווען דער פארמיטלער אין איינער פון די אפטע קריגערייען צווישן א. ש. הערשבערגן און פסח קאפלאנען. ער איז באגאנגען לגבי מיר עוולות און מיך עפנטלעך געלויבט אין זיין צייטונג. עס איז זיך אבער נישט כדאי אפצושטעלן אויף די דאזיקע קלייניקייטן, וועלכע כאראקטעריזירן אפילו דעם מענטשן און שרייבער פסח קאפלאן, אבער איצט, אויפן פאן פון די קאטאקליסטישע געשעענישן, ווילט זיך נישט נאכיאגן דעם לעבנס-שטויב, וואס איז פארוויט געווארן דורכן שטורעם.

איך וויל בלויז קורץ באשרייבן מיין לעצטן וויזיט ביי פסח קאפלאנען — א וויזיט, וואס איז אזוי טראגיש אין זיינע שטילע, פשוטע טענער. די טראגיק איז געלעגן מער אין הינטערגרונט, ווי ביי די צוויי, וועלכע האבן זיך געזען צום לעצטן מאל.

* * *

אין אנהויב אקטאבער 1939 בין איך צוריקגעקומען פון קאַוועל, — ווהין איך בין פארלאפן צופוס אין סעפטעמבער פון זעלבן יאר — קיין ביאליסטאק. איך בין דארט געקומען אויפן וועג קיין ווילנע, וווהין איך בין אוועקגעפארן דעם 11-טן אקטאבער.

די עטלעכע טעג אין ביאליסטאק האב איך זיך געפונען אין כסדרדיקן אומרו, ווי די גאנצע שטאט. איך האב מורא געהאט צו טרעפן באקאנטע, באזונדערס פון דער ליטערארישער וועלט: אלץ איז דאן געווען אומזיכער, אבער באזונדערס באקאנטע ליטעראטן. אז איך פלעג טרעפן אין גאס ב—ן אדער ג—ן, פלעג איך זיך מאכן פאר א אינה נראה (איך פלעג זיך איינקארטשען אין זיך און זיך ווי ארויינשטויסן אין א וואנט) און אפילו פאר א אינה רואה.

פאָלשטענדיקע נייטראַליטעט.

מײַנע אַלע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיטן אַוועקפאָרן, דאָך אָבער האָב איך געוואָלט איינעם זען — פּסח קאַפּלאַנען.

נישט געקוקט אויף איינציקע גאַנץ שאַרפע קריגערייען צווישן אונדז, האָב איך ליב געהאַט דעם דאָזיקן לעבעדיקן, יוגנטלעכן אַלטן, דעם זיבעציק־יאָריקן, וואָס שרייבט פעליעטאָנען ווי אַ צוואַנציק־יאָריקער.

איך בין אַוועק דורך הינטערגעסלעך אויף ניי וועלט, ווו ער האָט געוווינט אין איינעם פון די דאָרטיקע קליינע הילצערנע שטיבלעך, וואָס זעען אויס, ווי קליינשטעטלדיקע.

איך בין געגאַנגען מיט דער שטימונג פון אַ מאָדערנעם מאַראַן.

זיין פרוי האָט מיך נישט געקאָנט (זי איז ווייט געווען פון איר מאַנס ליטעראַרישן לעבן), האָט זי מיר קאַלט געענטפערט, אַז פּסח קאַפּלאַנען קאָן מען נישט זען — ער איז קראַנק.

איך האָב קוים געפועלט ביי איר זי זאָל גיין זאָגן דעם מאַן, אַז ראַפּאָפּאָרט וויל אים זען, און איך קאָן אים זען נאָר היינט, ווייל ביינאַכט פאָר איך אַוועק.

זי איז אַרויסגעקומען און מיך איינגעלאַדן אין שלאָפצימער.

פּסח קאַפּלאַן האָט אויסגעזען גאַנץ געזונט. אויך אין רעדן איז נישט געווען צו באַמערקן, אַז ער זאָל זיין קראַנק. ער האָט געהאַט אַ לייכטע פאַרקילונג, גיכער אַ קאַטער, וואָס אין אַ נאָרמאַלער צייט וואָלט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן צו גיין אין רעדאַקציע און צווישן איינמאָל אויסשנייצן די נאָז און דעם צווייטן, וואָלט ער געווען אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן, אַ לייטאַרטיקל, אַ שטיקל געשיכטע פון ביאַליסטאָק א. א. וו. איצט אָבער, אַרויסגעוואָרפן פון זיין סטיכיע, איז ער געווען ווי צופרידן, וואָס ער האָט אַ תירוץ נישט צו דאַרפן אַרבעטן, צו קאָנען ליגן אין בעט און פאַרדעקן פאַר זיך אַליין די אייגענע אומטעטיקייט, די אייגענע אומנוציקייט.

און אגב איז דאָס קראַנק זיין אויך אַ דיפּלאָמאַטיש מיטל — מען קאָן אַ דאַנק דעם קיינעם נישט צולאָזן צו זיך, ווען עס ווילט זיך זיין אַליין.

— איך ליג אין בעט, — האָט פּסח קאַפּלאַן געזאָגט שנעל, אויף זיין לעבעדיק־יינגלישן אופן, — און איך לאָז קיינעם נישט אַריין. נאָר פאַר אייך האָב איך געמאַכט אַן אויסנאַם.

— מען קאָן מער קיינעם נישט טרויען, — האָט ער ווייטער גערעדט. — מען דאַרף זיך היטן פאַר א וואָרט. יעדער איינער איז א מסור. איך ראָט אייך אויך זיך מיט קיינעם נישט צו זען; מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסרעדן.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז אויך אָן זיין עצה מייד איך אויס די ליטעראַרישע קאָנטשאַפטן, איז ער געווען זייער צופרידן.

— פאַר מיר קענט איר נאָך רעדן, — האָט ער א זאָג געטאָן מיט א בליץ אין זיינע לעבעדיקע, ממזרישע אויגן, — אָבער מער נישט.

ער האָט מיר דערציילט וועגן דער באַלעבאַטישקייט פון די דייטשן אין ביאַליסטאָק פאַר דער וואָך, וואָס זיי זענען דאָרט גע־ווען. אויך ער האָט איבערגעלעבט טויטשרעק. איינמאָל איז פאַר־פאָרן צו זיין שטוב אָן אויטאָ מיט צוויי דייטשישע אָפיצירן און זיך געפרעגט אויף אים. ער איז ארויס צו זיי, גרייט אויף אַלץ, מיט א ווידוי־שטימונג אין האַרצן. זיי האָבן אים געפרעגט צי ער האָט דעם שליסל פון דער דרוקעריי פון „דאָס נייע לעבן". ער האָט אים געהאַט. האָבן זיי אים געהייסן אריינזעצן זיך אין אויטאָ און קומענדיק צו דער דרוקעריי, אים געהייסן אויפשליסן, איבער־געבן די דרוקעריי — און געלאָזט אים גיין צוריק אהיים.

דאָן האָבן נאָך די דייטשן צייטנווייז געמאַכט דעם אָנשטעל פון מענטשן. צווישן מאָרד און רויב פלעגט זיך נאָך עמיצן פאַר־וועלן נישט אויפרייסן די טיר, אפילו נישט אויפשליסן אליין א צוגערויבטע אונטערנעמונג, נאָר דווקא אויף א „לעגאַלן" אופן באַ־קומען אַלץ פון די הענט פון בארעכטיקטן באַלעבאָס. פסח קאַפּלאַן איז געבליבן לעבן, אָבער די צייטונג, וועלכע ער האָט געבויט אין פארלויף פון א צוואַנציק יאָר, האָט ער דאָך פארלוירן. ער האָט בכלל פארלוירן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן.

— און איר, — גיט ער זיך פלוצלונג ווי א דערמאָן, — אויך איר ווילט אוועקפאָרן קיין ווילנע, קיין ליטע? איר קענט דאָך בלייבן, — איר זענט דאָך תמיד געווען אזוי לינק.

אין פסח קאַפּלאַנען, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער קלוג־שאַפט און זיין לאַנגער לעבנס־דערפאַרונג, איז אויפן גאַנצן לעבן פארבליבן עפּעס פון דער לעבנספרעמדקייט פון א יידישן מלמד. ווי ביי א קינד, זענען אַלע נישט ווייסע פארבן — שוואַרץ, אזוי

זענען ביי אים אלע סאָציאַליסטן געווען — לינק, ד. ה. כשר. ער האָט אָבער געהאַט אַ פלינקן פאַרשטאַנד און ער האָט זיך אַביסל פאַרשעמט, ווען איך האָב אים געזאָגט:

— איז דען אַלץ וואָס לינק — כשר? פאַראַן אַ „לינק", וואָס אין געוויסע אויגן איז עס נאָך ערגער פאַר „רעכט". א י ר זאָלט נישט אונטערשיידן אַזעלכע זאַכן?!...

און אפשר איז דער דאָזיקער דורכגעטריבענער אַלטער גאָר נישט געווען אַזוי מלמדיש נאַאיוו אין יענעם מאָמענט. — ער האָט אפשר בלויז געוואָלט אַ טאַפּ טאָן דעם וואָגן אָדער שטעלן פאַר אַ נסיון (זשורנאַליסטישע נייגיריקייט!): אויב שוין יאָ געגעסן חזיר (געווען לינק), טאָ זאָל כאָטש רינען איבערן מויל, — אייגענע קאָנען זיך דאָך צונויפרעדן: מען שלאָגט זיך על חטא און מען בלייבט אויף אָן אָרט און מען ווערט פעט...

דעם דאָזיקן געדאַנק אָבער האָב איך גלייך אָפּגעוואָרפן: איך האָב דערשפּירט און דערזען זיין גרונטלאָזיקייט. פסח קאַפּלאַן האָט פשוט נישט געקענט משיג זיין — ווי אַ סך יינגערע פון אים, — די אויסטערלישע ווירקלעכקייט אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן.

ער איז געלעגן און געשוויגן, און איך האָב אויך געשוויגן. מיר האָבן אָבער געטראַכט וועגן איין זאַך און מיר האָבן זיך פאַר־שטאַנען — אין געמיינזאַמען געפיל — בעסער ווי דורך רייד.

— גוט וואָס איר פאָרט אוועק, — האָט פסח קאַפּלאַן אי־בערגעריסן דאָס שווער אָנגעלאָדענע שווייגן. — פאָרט וואָס שנע־לער. אַ שאָד, וואָס אויך איך קאָן נישט מיטפאָרן. איך בין שוין צו אַלט.

מיר דאַכט זיך, אַז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז פסח קאַפּלאַנען געקומען דער געדאַנק, דער באַוווסטזיין פון זיין אַלטקייט. און אין צימער האָט פאַרשמעקט מיט טרויער, וואָס באַגלייט תמיד דעם באַוווסטזיין פון אַלטקייט, בפרט דאַן, ווען זי ווערט גרויזאַם אַרויפגעצוווּנגען פון דרויסן...

מיר האָבן נאָך גערעדט וועגן דעם, וועגן וואָס מען רעדט געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן: וועגן דער ווירקלעכקייט און וועגן מענטשן, וועלכע ווערן אַזוי שנעל געענדערט צום שלעכטן, ווען זיי דערשפּירן אַ מעגלעכקייט אַפּצולעקן אַ ביינדל אויפן צווייטנס חשבון... איך האָב דאַן נאָך גערעדט אַבסטראַקט, פון מיין לעקטור,

און פון מיין אָביעקטיווער לעבנס־דערפאַרונג. פסח קאַפּלאַן האָט שוין אָבער גערעדט אויפן סמך פון זיין סוביעקטיווער, צאַפּלדיק־פּערזענלעכער דערפאַרונג... ער האָט גערעדט מיט רמזים, אָבער ביי יעדן רמז איז אויפגעשוואומען פאַר מיר אַ לעבעדיקער מענטש, וועלכער האָט פּסח קאַפּלאַנען געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין גאַנצע ליטעראַריש־זשורנאַליסטישע קאַריערע.

מיר האָבן זיך געזעגנט ווי מאַראַנען: איך — מיט האָפנונג, ער — מיט קנאה. אָבער ביידע האָבן מיר קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס עס שטייט פאַר די געבליבענע און די אַוועקפאָרנדע, וואָס דער גרויזאַמער גורל האָט צוגעגרייט פאַר זיי...

איך האָב פּסח קאַפּלאַנען מער נישט געזען און וועגן אים מער נישט געהערט.

געהערט האָב איך וועגן גורל פון ביאַליסטאָק, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן אומצערייסבאַר — אין משך פון אַזאַ לאַנגן, פרוכטבאַרן לעבן — אויף לעבן און טויט.

3) מיינע באַציאונגען מיט חיים רובינשטיין

חיים רובינשטיין איז געווען אַ ביאַליסטאָקער ייד. ער איז אפילו נישט געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק (ער איז געווען דעם סעמיאַטיטשער רבס אַ זון), אָבער צוערשט האָט ער זיך דערנענטערט צו ביאַליסטאָק (געוווינט אַ צייט אין לאַפּי) און דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק, וווּ ער האָט געלעבט ביז זיין עמיגרירן קיין אויסטראַליע.

אין ביאַליסטאָק איז ער געווען אַ ייד אַ סוחר, אַ בוי־אונטער־נעמער, אָבער אין מעלבורן איז ער געוואָרן אַ רעדאַקטאָר.

די דאָזיקע אומגעריכטע ענדערונג אין זיין לעבן האָט ער גע־האַט צו פאַרדאַנקען איינעם פון זיינע זין, וועלכער האָט זיך אין אויסטראַליע אויך גענומען צו געשעפטן, וועגן וועלכע ער האָט אין ביאַליסטאָק נישט געחלומט: ער האָט גענומען האַנדלען מיט גאָלד־גרובנס און גאָלד־אַקציעס.

אין מעלבורן איז אין די אָנהויב דרייסיקער דערשינען אַ קליין, איין־און־איינציק יידיש צייטונגל, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך דעם טאַלאַנטפולן, יונג־פאַרשטאָרבענעם שרייבער פון לאָדזש — פּנחס גאָלדהאַר. איז חיים רובינשטיינס זון מיט די גאָלד־אַקציעס געקומען צו אים מיט אַ רעקלאַמע־אַרטיקל וועגן די גליקן פון גאָלד־אַקציעס. היות גאָלדהאַר האָט עס נישט געוואָלט דרוקן און היות די צייטונג, וואָס האָט געהערט צו ר׳ דוד אַלטשול (דאָן אַ ייד אַן אָרעמאַן), איז געשטאַנען אין שידוכים, האָט חיים רובינשטיינס זון זי אָפּגעקויפט און זיין פאָטער, וועלכער איז אַרום יענער צייט גע־האַט געקומען קיין אויסטראַליע און איז שוין געוועזן צו אַלט צו נעמען זיך אויפסניי צו מסחרים, איז געוואָרן רעדאַקטאָר.

חיים רובינשטיין איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ משכיל. און היות מעלבורן איז נאָך אויך היינט נישט אַזוי איבערקלייבע־ריש אין ענין רעדאַקטאָרן, האָט זי דאָן, מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, אוודאי און אוודאי נישט געווען קיין מפונקת אויף שרייבערישע קוואַליפיקאַציעס פון רעדאַקטאָרן. און באמת: ווו שטייט דאָס גע־שריבן אַז אַ רעדאַקטאָר דאַרף קענען שרייבן?

ווי מען האָט מיר דערציילט, ווען איך בין געקומען קיין מעל־בורן, איז חיים רובינשטיינס שרייבן אין זיינע ערשטע רעדאַקטאָר־יאָרן געווען שרעקלעך; דער עולם אָבער האָט דאָס נישט גענומען טראַגיש און האָט זיך געוויילט מיט זיינע אַרטיקלען — געהאַט „פאַן".

דאָס וואָס מען האָט מיר דאָס באַדאַרפט דערציילן, באַווייזט שוין אַז מיטן לויף פון די יאָרן האָט זיך חיים רובינשטיין (אַ מוסמך און אַ משכיל) איינגעאיבט אַביסל אין זיין נייעם פאַך און די פאָרם פון זיין שרייבן איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין רעדאַקטאָריי גע־וואָרן דערטרעגלעכער.

* * *

ביי מיין קומען קיין אויסטראַליע איז מיר, צו מיין אומגליק, גאָרנישט איינגעפאַלן אַז איך קאָן (און דאַרף) בייטן דעם פאַך. איך האָב תיכף אונטערגעשטעלט מיין נאַקן פאַרן יאָך פון יידיש־שרייבן און יידיש־שאַפן. אָבער עס איז אפילו נישט געווען ווער עס זאָל אַרויפלייגן דעם יאָך. עס פעלט מיר אָבער די פעיקייט פּראַקטיש

אויסצוטייטשן די קאַפּוליער אַנצוהערענישן פון אונדזער לעבן. (דע־רויף איז נויטיק געווען עפּעס מער דראַסטישס, ווי אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש).

ביי מיין קומען זענען אין מעלבורן געווען צוויי יידישע צייטונגען: איינע אַ קליינע און אַ שלעכטע, און די צווייטע — נאָך אַ קלענערע און ערגערע.

אין דער דעמאָלטיקער „יידישער פּאָסט" האָב איך געטראָפן מיינע איבערגעדרוקטע אַרטיקלען פון ניו־יאָרקער „טאָג" און דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר איז געקומען צו לויפן נאָך אַן אינטערוויו און פאַרגעלייגט מיר מיטצואַרבעטן, אָבער קיין געלט האָט ער נישט געוואָלט, אָדער נישט געקאָנט צאָלן.

איז געבליבן די צווייטע צייטונג.

די היגע שרייבער, ווי אויך די וועלכע איך האָב געקענט נאָך פון פּוילן, האָבן מיר אָפּגעשלאָגן די פליגלען, ווען איך האָב גע־זאָגט, אַז אַ טייל פון מיין פּרנסה וועל איך האָבן פון די „יידישע נייעס" — איך וועל בעטן פינף פונט פאַר אַן אַרטיקל.

— פינף פונט? — האָבן זיי אָנגעשטעלט אויף מיר בליקן פול מיט חוזק און פאַרוואונדערונג, — אַז איר וועט באַקומען אַ פונט, וועט איר דאַרפן זיין צופרידן. דער נאָרמאַלער פּרייז, אויב מען צאָלט שוין יאָ, איז צען שילינג.

דאָס האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ קאַלטער עמער וואַסער, און איך האָב באַשלאָסן צו בעטן דריי פונט — דריי־פּאַך ווי די היגע עקספּערטן האָבן מיר געעצהט.

אָבער נישט נאָר אין זאַכן פון פינאַנסן האָבן זיי מיר אָראָפּגע־פּאַטשט די פליגל, — זיי האָבן בכלל נישט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַרן רעדאַקטאָר: ער פאַרשטייט גאָרנישט אין שרייבן, ער דאַרף נישט קיין גוטע אַרטיקלען אאַז"וו אאַז"וו.

צו מיין ערשטן באַזוך ביי חיים רובינשטיינען אין רעדאַקציע בין איך געווען זייער שלעכט צוגעגרייט; כ'האָב אָבער געהאַט אַן אָנגענעמע איבעררעשונג: ער האָט מיך אויפגענומען נישט נאָר האַרציק, נאָר אויך מיט גרויס פּשטות. איך האָב גלייך ביים ערשטן שמועס געפילט אין זיין רעדן אַ נאָטע פון אויפריכטיקייט, אַ נאָטע וואָס איך האָב זי שפּעטער זייער אָפט געשפּירט ביי אים אין זיין באַציאונג צו מיר.

ער האָט געזאָגט אַז ער קען מיך שוין פון לאַנג פון מיין שרייבן (שפּעטער האָט ער מיר אונטערגעטראָגן אויסשניטן פון מיינע אַרטיקלען אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן" פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן צוריק, ווייל די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָב איך שוין אין „דאָס נייע לעבן" נישט געשריבן).

— ווען איך האָב געהערט, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — אַז איר קומט, האָב איך וועגן אייך גערעדט מיט מיינע קינדער און געזאָגט צו זיי, אַז עס קומט אַהער אַ באמת גוטער שרייבער...

ווען מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך וועל אים געבן אַן אַרטיקל אַ וואָך, און איך האָב אים געפרעגט וועגן האָנאָראַר, האָט ער געזאָגט:

— באַשטימט איר דעם פּרייז. וויפל ווילט איר?

עס איז אויפגעשוומען פאַר מיר דאָס געזיכט פון אַ שרייבער און איך האָב דערהערט זיין האַרבן פאַרזאָג: „מער ווי אַ פונט פּרוווט גאָרנישט בעטן" — און איך האָב זיך דערשראָקן פאַר דער מעגלעכקייט פון דינגען זיך און פון זיין געצוווּנגען אַראָפּצולאָזן פונעם געפאָדערטן פּרייז, און איך האָב אַרויסגעשאָסן:

— דריטהאַלבן פונט.

— גוט, — האָט דער אַלטער רובינשטיין געזאָגט.

ווען איך האָב דאָס איין אָוונט דערציילט די וואָרענער, זענען זיי געווען אי איבעראַשט, אי געקרענקט. עס איז זיי שווער געווען צו גלייבן (און אַנדערע, בין איך זיכער, האָבן טאַקע נישט גע־גלייבט), ווייל אויב דאָס איז אמת, איז דאָך דאָס אַן אמתע רעוואָ־לוציע אין די האָנאָראַר־באַדינגונגען אין יידישן מעלבורן. און אַזאַ לייכטער זיג?!

עס איז זיי שווער געווען דאָס צו גלייבן און זיי האָבן געקוקט מיט חשד.

און עס איז פאַרזייט געוואָרן דאָס ערשטע קערנדל פון קנאה (מ'שטיינס געזאָגט) און פאַרדרוס.

* * *

די קנאַפּע פופצן חדשים, וואָס איך האָב געאַרבעט אין די „אויסטראַלישע יידישע נייעס" אַלס מיטאַרבעטער, אונטער דער רעדאַקציע פון אַלטן רובינשטיין, זענען געווען די בעסטע פון די

פופציק חדשים, וואָס איך בין געווען פאַרבונדן מיט דער צייטונג. איך האָב מיט מיין רעדאַקטאָר פאַר דער גאַנצער צייט נישט גע־האַט קיין איין קאָנפליקט; די איינציקע אומצופרידנקייט מיינע איז געווען פון ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער: איך האָב פאַרדינט ווייניק; דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט דאָס וויכטיקסטע פאַר א שרייבער: די פולע פרייהייט צו שרייבן וועגן וואָס איך האָב געוואָלט און ווי איך האָב געוואָלט, נישט פילנדיק דערביי אויף זיך קיין קרומע בליקן, ווי דאָס איז געווען שפּעטער.

ביים ערשטן אַרטיקל, וואָס איך האָב געבראַכט דעם רעדאַק־טאָר, האָט ער מיר געהייסן אים איבערגעבן גלייך דעם זעצער:

— **איך** וועל **אייך** גיין רעדאַקטירן? — האָט ער געזאָגט מיט דער פּשטות און אָפנקייט פון אונדזער ערשטן שמועס.

— איך וועל אייך לייענען ווען עס וועט זיין געדרוקט.

אַן אַנדער רעדאַקטאָר וואָלט, לכל הפּחות, לפנים וועגן געווען אָפּגעהיט זיין פּרעסטיזש; רובינשטיין האָט דאָס נישט געטאָן און ער האָט דערמיט אַרויסגעוויזן אַ זייער פיינעם שטריך פון כאַראַק־טער — אַ שטריך, וואָס איז בכלל זעלטן, בפרט ווען מען זיצט ביי אַ רעדאַקטאָרישן טיש.

אין אונדזער צעפאַרענער ליטעראַרישער ווירטשאַפט פעלן נישט קיין רעדאַקטאָרן, וואָס זיצן נישט אויף זייער ריכטיקן פּלאַץ; מען קאָן אפילו זאָגן, אַז די דאָזיקע פּסעוודאָ־רעדאַקטאָרן (נישט נאָר אין אויסטראַליע) מערן זיך ווי בייזוויליקע באַצילן; יעדער שרייבער קען זיי אָט־די רעדאַקטאָרן, די פּלאָג פון אונדזער פּרעסע און פון אונדזער פּעריאָדיק. וואָס ווייניקער זיי טוען פאַר זייער וויכטיקן אמט, אַלץ אַ גרעסערן אָנשטעל מאַכן זיי, אַלץ מער גע־וועלטיקן זיי „ביד רמה", כדי מיט דער שטאַרקער האַנט צו פאַר־דעקן די שוואַכע קעפּ און די ראַכיטישע פעדערס. ביי חיים רובינ־שטיינען האָב איך דאָס נישט באַמערקט. אדרבא, ער האָט גאָרנישט געוואָלט מאַכן קיין אָנשטעל.

גאַנץ אָפט פלעגט ער מיך פרעגן, צי איך האָב געלייענט זיין לייט־אַרטיקל; און ווען איך פלעג אים אויפווייזן, אַז ער האָט אָנ־געהויבן מיט דעם רעכטן פוס און פאַרענדיקט מיט אַ פּלאָנטער, פלעגט ער זאָגן:

— איך ווייס דאָס; איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער עס איז נישט אַרויסגעקומען. מען וואָלט דאָס באַדאַרפט איבערשרייבן פונדאַסניי.

יעדן איינעם איז זיך שווער מודה צו זיין אין אַזאַ דורכפאַל, בפרט ווען ער קומט פאַר אַפּט; אָבער באַזונדערס שווער איז דאָס פאַר אַ רעדאַקטאָר, וואָס באַזיצט די מאַכט צו פּייפּן סיי אויף יענעמס מיינונג, סיי אויף דעם אייגענעם איינזען. חיים רובינשטיין האָט אָבער באַוויזן די גבורה צו זיין אַ „כובש את יצרו".

און דערביי האָט ער גראָד יאָ פאַרמאָגט אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אים קוואַליפיצירט אַלס רעדאַקטאָר.

ער האָט נישט געקאָנט גוט שרייבן. הגם זיין שרייבן איז אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן געווען „גאָלד לגבי זיין אָנהייב־שרייבן" (ווי אַלטע תושבים פלעגן מיר זאָגן), דאָך איז אים נאָך דאַן שווער געווען אויסצודריקן אַ געדאַנק מיט אַ שרייבערישער פאַכמענישקייט; אָבער ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר יענעמס שרייבן, און ער האָט געקאָנט אונטערשיידן צווישן עכטס און אומעכטס, צווישן קאָרן און שטרוי. מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט פאַרמאָגט אַ קריטישן חוש אין אַ גרעסערער מאָס, ווי מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן פון אַ מענטשן, וואָס איז אַ גאַנץ לעבן געווען אַ סוחר און האָט מיט ליטעראַטור נישט געהאַט צו טאָן פראָפעסיאָנעל.

איך רעד דאָ נישט וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף בולט שלעכטס אין יענעמס, ווי אין אייגענעם שרייבן (הגם אויך אָט־די נידעריקסטע פאָרם פון קריטישן חוש פעלט אַ סך פון אונדזערע רעדאַקטאָרן, אפילו אַ סך פון די באַקאַנטע אין די גרויסע צענטערס); ער האָט געקאָנט אַרויספילן די פּוסטקייט אויך אין זאַכן, וואָס אויסערלעך זענען זיי געווען גלאַט מיט אַ פאַרפירערישער גלאַטקייט.

חיים רובינשטיין האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן ליטעראַטור. און מען האָט געזען אַז ער האָט אַ סך געלייענט — סיי יידישע שרייבער, סיי רוסישע.

איינמאָל, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן איינעם אַ שרייבער, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער קאָן אין אים גאָרנישט געפינען, אַז ער „פילט קיין טעם נישט אין אים".

— איך ווייס נישט, — האָט ער מיר געזאָגט, — וואָס מען מאַכט פון אים אַזאַ צימעס, — איך קאָן אים נישט לייענען.

און דאָס איז נישט געווען סתם געזאָגט: ער האָט גענומען יענעם קריטיקירן מיט אַ פּאַכמעגישקייט, וואָס האָט מיך באמת איבעראַשט. דער דאָזיקער אַלטער ייד האָט אַרויסגעוויזן אַ זעלבּ־שטענדיקע מיינונג אין אַ פאַל, ווען אַ סך פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער זענען דורכגעפאַלן, אָננעמענדיק אַ שאַבלאָנאַרטיק־גלאַטיקן שרייבן פאַר שעפערישקייט.

דאָס נישט אַרונטערפאַלן אונטער דער סוגעסטיע פון געדרוקטע מיינונגען איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך, — און דאָס זאָגט עדות אויף אַ קלאָרן פאַרשטאַנד און אויף אַ טיף־געזונטן אינסטינקט. און דער אַלטער רובינשטיין האָט די ביידע זאַכן פאַרמאָגט בנוגע ליטעראַטור.

פאַלן פון עכטער מבינות סיי לגבי מיינע אַרטיקלען, סיי לגבי אַרטיקלען פון אַנדערע שרייבער האָב איך צו פאַרצייכענען אַ סך; דאָס זיין אַ מבין אויף גוטס ווי אויף שלעכטס איז דאָך אָבער אַ פּאַסיווע רעדאַקטאָרישע פעיקייט; זיין אַקטיווע רעדאַקטאָרישע פעאיקייט האָב איך באַמערקט בלויז איין מאָל, און דאָס — שוין נאָך זיין טויט, ווען איך האָב איבערגענומען די רעדאַקציע.

איך האָב געפונען אַ גרויסן אַרכיוו מיט אַרטיקלען: איין פּאַק אָפּגעוואָרפענע דורך אים (און אויך וועגן דעם וואָלט איך געהאַט צו זאָגן עפּעס גאָר אינטערעסאַנטס, ווען איך וואָלט דערביי נישט באַדאַרפט צעדראַפּען אַ גאָר גרויסן מורינו...), און אַ צווייטן אָנגעגרייט צום דרוק. צווישן די לעצטע האָב איך געפונען אַ גרויסן אַרטיקל, אויסגעשניטן פון אַ יידישן זשורנאַל (איך געדענק שוין נישט פון וועלכן, אָבער מיר שיינט אַז פון דער ניו־יאָרקער „יידישע קולטור") וועגן שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעציע". דער אַרטיקל איז געווען גרויס, אַ סך צו גרויס פאַר „די יידישע נייעס", און איז במילא דורך רובינשטיינען שטאַרק געקירצט געוואָרן. איך האָב צוויי מאָל איבערגעלייענט דעם אַרטיקל, כדי צו זען ווי אַזוי דער אַלטער רובינשטיין האָט דורכגעפירט די דאָזיקע שווערע אָפּעראַציע.

די שווערסטע פּראָבע פאַר אַ רעדאַקטאָר איז דאָס קירצן אַן אַרטיקל: דאָ מוז ער אַרויסווייזן אָדער אַלע זיינע מעלות אָדער זיינע אַלע חסרונות. אַ פּאַרטאַטש קאָן אפילו אַ פּשוטן פּובליציסטישן אַרטיקל נישט קירצן ווי געהעריק: איר באַמערקט תמיד אַז מען האָט

דאָ געשניטן, — עס פעלט אייך עפּעס כסדר; די איבערגעלאָזענע טיילן קומען זיך נישט צונויף נאַטירלעך, איר באַמערקט די צעריסענע געוועבן פונעם אַרטיקל.

אינעם דערמאָנטן אַרטיקל אָבער האָב איך נישט געקאָנט באַמערקן קיין פּוסטע שטחים — אַלץ האָט זיך אַריינגעפּאַסט, ווי דער מחבר וואָלט דעם אַרטיקל געוועזן געשריבן אין דער אויסרעדאַקטירטער, געקירצטער פאָרם. אַלץ וואָס האָט געקאָנט אַרויסגענומען ווערן, דער אַרטיקל זאָל דערביי נישט פאַרלירן זיין אָרגאַנישקייט, איז אַרויסגענומען געוואָרן. און אַז עס איז נייטיק געווען צו פאַרבינדן צוויי טיילן מיט אַ וואָרט, איז דאָס וואָרט געווען דאָס ריכטיקע, דאָס פּאַסיקסטע.

דאָס איז פאַר מיר געווען דער איבערצייגנדיקסטער באַווייז, אַז חיים רובינשטיין האָט פאַרמאָגט אין זיך אייגנשאַפטן פון אַ גוטן רעדאַקטאָר, — אייגנשאַפטן, וואָס ער וואָלט געקאָנט אַנטוויקלען, ווען ער זאָל געווען אָנהייבן זיין דאָזיקע אַרבעט אַביסל יינגער.

* * *

נאָך אַ פיינע מידה האָט חיים רובינשטיין אַרויסגעוויזן לגבי מיר: לאָיאַלקייט.

אין דעם קליינעם יידישן ישוב פון מעלבורן בושעוועט די מכה פון אינטריגע. דער קליינער ישוב פאַרמאָגט אַזויפיל אינטריגאַנטן פון אַ גרויסן פאַרנעם, אַז דער סכום זייערער וואָלט געסטאַיעט צו פאַרסמען אַ פאָלק פון אַ פינף מיליאָן.

איך וויל דאָ באַריירן די דאָזיקע מכה בלויז אין שייכות מיט מיין באַגרענעצטער טעמע — מיינע באַציאונגען מיט חיים רובינשטיין דעם רעדאַקטאָר.

דאָס דרוקן יעדע וואָך אַן אַרטיקל פאַר צוויי פונט צען (און דערנאָך צוויי אַרטיקלען וועכנטלעך פאַר פיר פונט) האָט נישט געלאָזט רוען די היגע ליטעראַרישע „גדולים". מען האָט גענומען עולה רגל זיין אין רעדאַקציע מיט טענות און אינסינואַציעס.

אויב איך ווייס אַ ביסל וועגן דעם, האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען חיים רובינשטיינען. (צו זיין שבח מוז געזאָגט ווערן, אַז ער פלעגט כמעט קיין מאָל נישט אָנרופן קיין נעמען; אָבער אין גע-

וויסע פאַלן פֿלעג איך זיך אַליין גלייך אָנשטויסן וועגן וועמען עס רעדט זיך, אָדער איך פֿלעג נעמען האַלטן אָפֿן די אויגן און — דער־זען די קריכערס).

— זיי קומען צו מיר כּסדר מיט טענות, — האָט ער איינ־מאָל געזאָגט צו מיר, — פֿאַרוואָס איך דרוק אייך יעדע וואָך; פֿאַר־וואָס איך דרוק נישט זיי. אָבער, צי דען וועלן זיי יעדע וואָך קאָנען געבן אַן אַרטיקל? עס וועט זיי דאָך גלייך פֿאַרפֿעלן פֿאָדעם...

איינמאָל בלויז האָט ער אָנגערופֿן צוויי נעמען. איין אינטרי־גאַנט איז געקומען צו אים מיט אַ נאַרישן בילבול אויף מיר. ווען איך בין אַריינגעקומען אין רעדאַקציע, איז נאָך יענער געווען. ער איז אָבער גלייך אַוועק, און דער אויפֿגעבראַכטער חיים רובינשטיין האָט מיר דערציילט וואָס דער געמיינער יונג האָט געזאָגט.

ווען ער האָט דערהערט דעם אמת און דערזען ווי לייכט מען קאָן אויפֿווייזן דעם גרונטלאָז־נאַרישן בילבול, האָט ער געזאָגט:

— דאָס מאָל האָב איך אים געכאַפּט ביי דער האַנט. איך וויל אייך נישט באַהאַלטן פֿון אייך ווער דאָס האָט געזאָגט, ווייל איך זע, אַז די אינטריגעס צוליב באַליידיקטער שרייבערישער אַמביציע גייען שוין צו ווייט.

און אָנרופֿנדיק מיר צוויי נעמען, האָט ער געזאָגט:

— איר זאָלט זיך היטן פֿאַר אָט די צוויי. זיי זענען שרעק־לעכע אינטריגאַנטן. זיי ווילן שוין פֿון לאַנג אַריינשטעלן אַ פֿוס אין דער צייטונג, אָבער כּל־זמן מיינע אויגן זענען אָפֿן, וועלן זיי די שוועל נישט אַריבערטרעטן...

דאָס איז געווען אַן אויסברוך פֿון מאָראַלישער אויפֿגעבראַכט־קייט, אַ זאַך וואָס מען טרעפֿט זי אין מעלבורן זייער זעלטן.

* * *

חיים רובינשטיין האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו מיין לאַגע פֿון אַ שרייבער, וואָס האָט נישט קיין באָדן צו אַרבעטן. ער פֿלעגט אָפֿט ריידן מיט מיר וועגן פֿאַרשידענע מעגלעכקייטן צו פֿאַרבעסערן מיין לאַגע. ער איז אַפֿילו איין מאָל געקומען צו מיר אין שטוב מיט אַ פֿאָרשלאָג צו עפֿענען אַ בוכהאַנדלונג מיט אַן אויסלענדישער צייַ־טונג־אַגענטור.

איינמאָל, ווען איך האָב אָפּגעדרוקט אין „אויפבוי" אן אַר־טיקל וועגן ביאַליקן, האָט חיים רובינשטיין פאַרפירט א שמועס וועגן אים. איך האָב אים געזאָגט, אז עס ליגן ביי מיר נאָך עטלעכע ביאַליק־אַרטיקלען (זיי זענען אריין א סך שפּעטער אין מיינע „זוי־מען אין ווינט"), וואָס אַלע דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע און שאַפן א געוויסע איינהייט. פּלוצלינג האָט ער א זאָג געטאָן:

— אויב איך וועל לעבן איבעראַיאָר, וועל איך ארויסגעבן אייערס א בראָשור וועגן ביאַליקן.

אין א יאָר ארום האָב איך אים דערמאָנט וועגן דעם. ער האָט מיר געהייסן צוגרייטן די בראָשור און צוגעזאָגט צו ריידן מיטן זעצער.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער אין מיטן צו־גרייטן די ביאַליק־אַרטיקלען איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אז חיים רובינשטיין איז פּלוצלונג געשטאָרבן.

נאָך א ליטעראַרישער פּראָיעקט זיינער פאַר מיר איז איבער־געריסן געוואָרן צוליב זיין טויט.

ער האָט גענומען פּלאַנעווען א חודש־זשורנאַל, וואָס זאָל ארויסגיין אונטער מיין רעדאַקציע.

אין א דאָנערשטיק בין איך געזעסן ביי אים ביז א זייגער עלף (זיין פרוי האָט אים געטריבן שלאָפן, און ער האָט נישט געוואָלט איבעררייסן דעם שמועס אינמיטן) און אַרומגערעדט די לעצטע דע־טאַלן פון דער נייער אויסגאַבע.

מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו באַגעגענען נאָך א מאָל דעם נאָענטסטן מאָנטיק, נאָך דעם ווי ער וועט מיטן זון איבעררײדן וועגן דער פינאַנסיעלער זייט פון דער אונטערנעמונג.

שבת ביינאַכט איז ר' חיים רובינשטיין געשטאָרבן.

* * *

איינמאָל, אפשר א האַלב יאָר פאַר זיין טויט, האָט ער מיך פאַרהאַלטן, ווען איך האָב געבראַכט מיין אַרטיקל; איז דערנאָך ארויס מיט מיר אויף דער גאַס, און שפּאַצירנדיק אַהין און צו־ריק אויף פּאַראַדיי־גאַס, האָט ער מיט מיר איינגעטענהט, איך זאָל, א חוץ געבן די צוויי אַרטיקלען, קומען אין רעדאַקציע אויף צוויי שעה א טאָג און העלפן אים רעדאַגירן די צייטונג.

— איך ווייס, — האָט ער געזאָגט, — אַז ווען איר וועט זיין אויפן אָרט, וועט איר זיך מישן אין אַלע ענינים פון דער רעדאַקציע, און מיר וועט זיין לייכטער און די צייטונג וועט ווערן בעסער.

איך האָב מסכים געווען, אָבער מיר זענען נישט דורכגעקומען וועגן פּרייז. פאַר די צוועלף שעה א וואָך אַרבעט האָט ער מיר פאַרגעלייגט א פּרייז, וואָס איז געווען שוין צו ווייניק אפילו פאַר א יידישן שרייבער אין מעלבורן...

ער האָט פאַרגעלייגט פאַר די צוויי שעה א טאָג — איין פונט — אַנשטאָט 4—5.

— איך ווייס אַז דאָס איז ווייניק, — האָט ער מיר געזאָגט, — אָבער די געלט־זאַכן ווענדן זיך נישט אין מיר. איך וויל זייער איר זאָלט אָננעמען מיין פאַרשלאַג. איך בין אפילו גרייט אַרויפצושטעלן אייער נאָמען אַלס מיטרעדאַקטאָר און אפילו אַלס רעדאַקטאָר...

ווען חיים רובינשטיינס קערפּער איז נאָך געלעגן אין שטוב, האָט מיר א פאַרווייַנטע טאָכטער דערציילט, אַז דער פאָטער פלעגט די לעצטע צייט זאָגן צו דער פרוי און צו די קינדער:

— אויב עס וועט מיט מיר עפּעס געשען, דאַרף די רעדאַקציע איבערנעמען ראַפּאָפּאָרט...

איך בין זיכער אַז זיין אויבן־באַשריבענער פאַרלאַנג, איך זאָל זיך נעמען מישן אין אַלע רעדאַקציע־ענינים, איז געווען פאַרבונדן מיט זיין מונדלעכער צוואה וועגן דער צייטונג.

די דאָזיקע זאָרג איז מסתמא פאַרבונדן מיטן פריערדיקן אימפּולסיוון אויסברוך, ווען ער האָט צו מיר געזאָגט: „זיי ווילן שוין פון לאַנג אַריינשטעלן א פוס אין דער צייטונג, אָבער כל־זמן מיינע אויגן זענען אָפן, וועלן זיי די שוועל נישט אַריבערטרעטן...״

וואָס נאָענטער חיים רובינשטיין האָט געפילט דעם סוף, אַלץ מער האָט ער געוואָלט פאַרזיכערן דעם גייסטיקן גורל פון זיין צייטונג אויפן פאַל, ווען זיינע אויגן וועלן זיך פאַרמאַכן...

4) ד״ר יוריסעם קאַשמאַר־רעפּעראַט

בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז מיר אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַ יידישער אַלמאַנאַך אויף דייטש. האָב איך דאָרט געפונען אַ שיין־געשריבענעם אַרטיקל אין גייסט פון מאַרטין בובער, אונטערגעשריבן דר. יוריס.

איז מיר דער נאָמען גלייך איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן.

היינט שטעלט זיך פאָר מיין צופרידנקייט, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, אַז דר. ש. יוריס וועט האַלטן אַ רעפּעראַט אין „פּאַלאַס"־טעאַטער.

איך האָב זיך געגרייט צום דאָזיקן אָוונט ווי צו אַ שמחה.

און דער דאָזיקער אָוונט איז טאַקע געווען איינער פון די אומ־פאַרגעסלעכסטע אין מיין לעבן, — אָבער צוליב סיבות, וואָס איך האָב זיך זיי גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן אין מיין דמיון.

אין טאָג פון רעפּעראַט איז באַקאַנט געוואָרן די היסטאָרישע פּינסקער טראַגעדיע: די פּוילישע סאָלדאַטעסקע האָט געכאַפּט אין פּינסק אַ פאַרזאַמלונג פון ציוניסטישע יונגעלייט און זיי דערשאָסן אָן אַ געריכט, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין ווילנע מיטן דיכטער און דראַמאַטורג א. ווייטערן און אַנדערע.

די שטימונג אין שטאָט איז געווען אַ געדריקטע, מערער נאָך: אַן אימהדיקע.

אין אָוונט האָבן זיך אין „פּאַלאַס"־טעאַטער פאַרזאַמלט קוים אַ צוויי־דריי צענדליק מענטשן. יעדער איינער האָט געקוקט אויף זיך און אויפן צווייטן ווי אויף משוגעים: וואָס טוט מען דאָ אין „פּאַלאַס"־טעאַטער, בעת די שטימונג טרייבט אין שטוב, אין אַ ווינקל?

קיין עלעקטריש ליכט איז דעם אָוונט נישט געווען, — אין דער עלעקטרישער סטאַציע איז עפּעס קאַליע געוואָרן, און די פינצטערניש האָט בולטער און שאַרפער געמאַכט די אימה. יעדער איינער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבערן גרויסן פּאָיע, ווי אַ פאַראורטיילטער, אויסמיידנדיק אַפילו גוטע באַקאַנטע, ווייל יעדער איינער האָט מורא געהאַט צו פאַרגרעסערן די אייגענע נידערגעשלאָגנקייט דורכן קאָנ־טאַקט מיטן צווייטנס נידערגעשלאָגנקייט. קיינער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן אָפן זיין שטימונג, מען האָט זי אָבער דערקאָנט אינם נערוועזן אַרומשפּרייזן.

און ווען באַקאַנטע האָבן זיך שוין יאָ צונויפגעשטויסן אין אַ ווינקל, האָט מען מיט אַן אבל־שטימע געפרעגט איינער דעם צווייטן:

— ווערט טאַקע נישט זיין קיין עלעקטריע? ווערט דער רעפּעראַט פאָרקומען?

יעדער איינער האָט געוואָלט גיין אַהיים, אָבער ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך און פאַרן צווייטן. דאָס איז געווען אַ העראָישע בושה, וואָס האַלט אָפּט אָפּ פון פּאַניק אין אַ מיליטער־אָפּטיילונג, אין אַ קליינער מאַסע, וואָס קאָן קאָנטראָלירן אירע באַשטאַנד־טיילן.

איך בין זיכער געווען דאַן, און איך בין זיכער איצט, אַז מיין געפיל פון שטיין ערב אַ פּינסק אין ביאַליסטאָק (אָט קומט מען דאָ, מען רינגלט אַרום דעם פינצטערן „פּאַלאַס" און מען נעמט אונדז צו צום דערשיסן אין נייעם דזשונגל — פּוילן) האָט באַהערשט נישט איינעם פון די צוויי־דריי צענדליק קולטור־דורשטיקע ביאַליסטאָקער מיידלעך און בחורים.

און דער רעפעראַט איז פאָרגעקומען. אין גרויסן זאַל פון „פּאַלאַס" איז דער קליינינקער עולם ווי פאַרזונקען צווישן די ריזיקע שאָטנס, געוואָרפן פון אַ ברענענדיקער ליכט אויף דער בינע, ווי ביי אַ „סטענדער" איז געשטאַנען דער קליינוווקסיקער דר. ש. יוריס אין אַ מאָדנעם הלוך (ער איז געקומען צו אונז כמעט גלייך פון דער געפאַנגענשאַפט, אין צעריסענע הויזן און אין אַ מאָדנעם סאַמעטענעם רעקעלע) און גערעדט פאַרן קליינעם עולם מיט זיין כאַראַקטעריסטי־שער באַגייסטערונג, ווי אויף אַ מאַסן־מיטינג, און זיין כאַראַקטעריס־טישע שפּיציק־זינגענדיקע שטימע, וואָס האַרמאָניזירט אַזוי מיט דער שפּיציקער פאָרם פון זיין פּנים און מיט די צענדליקער שפּיצן פון זיין פריזור, האָט אָפּגעקלונגען אין זאַל מיט אַזאַ יוגנט־פרייד און מיט אַזאַ צוקונפט־זיכערקייט, אַז ס'האָט זיך אים געוואָלט אויסקושן יעדעם גליד: זיין גערעדט וואָרט, וואָס איז אַזוי ענלעך געווען אויף זיין געשריבענעם אינם אַלמאַנאַך פון בערלינער „יידישן פאַרלאַג", האָט מיט זיין צוגעשפּיצטער בובערשער גייסטיקייט גובר געווען די פינצטערניש אין זאַל, די פינצטערניש, וואָס האָט געשפּאַרט אויף אונדז פון פּינסק, פון די פּוילישע דזשונגל־זומפּן; שוין אָפּגערעדט, אַז ס'האָט גובר געווען ש. יוריסעס הונגעריקע אויסגעדאַרטקייט, זיינע שרעקלעך צעריסענע הויזן, וואָס פון זייערע ריסן האָבן זיך געוויסט אין דער פינצטערניש די גאַטקעס (אַנטשולדיקט מיר אין

נאָמען פון זעלטענעם היסטאָרישן אמת, — א לעקטאָר מיט צע־פליקטע הויזן פון אַלע זייטן).

פון דער טריבונע האָט געשלאָגן א ליכט, וואָס האָט פאַרטריבן — ביי אונז אינערלעך — די שאָטנס.

בעת דער הפסקה (יוריסעס רעפעראַט האָט געדויערט א 2 שעה) בין איך אַרויף אויף דער בינע, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף א סתירה אין זיין אויסטייטשן בובערן און זיך געוואָרעמט ביי דר. ש. יוריסעס לעבנסלוסטיקער וויציקייט.

דר. יוריסעס רעפעראַט האָט זיך אָנגעהויבן אין אַן אינערלעכער און אויסערלעכער אַטמאָספער פון קאָשמאַר און האָט זיך געענדיקט אין א שטימונג פון גייסטיקער צופרידנקייט פון נישט האָבן אונטער־געגעבן זיך דער פּאַניק.

לויט דער אויסערלעכער דעקאָראַציע און לויט דער אינערלעכער שטימונג איז דאָס דער מערקווירדיקסטער רעפעראַט, וואָס איך האָב וועו געהערט.

און איך ספק, צי ביז דער היטלער־עפּאָכע האָט ער געהאַט זיינס גלייכן אין יידישן לעבן אין פּוילן.

זייט יענעם רעפעראַט האָב איך דר. יוריסן געהערט אין ביאַלי־סטאָק אין לאָקאַל פון די לינקע פּועלי־ציון אויף ניי־וועלט, אין יידישן סטודענטן־פאַראיין אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ, אָבער די רעדעס זיינע האָבן שוין נישט געמאַכט אויף מיר דעם שטאַרקן רושם ווי דאָס ערשטע מאָל.

אפשר דערפאַר, ווייל יורים איז שוין דאַן געווען אויסגעפּוצט, און עס איז געווען עלעקטריע און די שטימונג פון פּינסק איז שוין געווען — אויף א צייט — אויסגעוועפּט.

אָבער יענעם רעפעראַט יוריסעס אין „פּאַלאַס" האָב איך קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן און כ'וועל נישט פאַרגעסן.

און ווען איך בין נישט צופרידן מיט יוריסעס אַן אַרטיקל אָדער בוך, דערמאָן איך זיך יענעם אָוונט און — כ'באַפעל זיך גופא צו שווייגן.

אַזאַ חוב טאָר מען נישט פאַרגעסן...

און ס'איז מיין חוב צו פאַררעכענען יענעם רעפעראַט „צו דער גייסטיקער ביאָגראַפיע פון ביאַליסטאָק", ווייל אָן דער ביאַליסטאָקער גייסטיקייט וואָלט אים יורים נישט געווען געקאָנט האַלטן...

5) יעקב ראַוויטש

דערקענט האָב איך אים אין 1915, ווען די „צעירי ציון" האָט, בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, געעפנט א לאָקאַל אויף דייטשישער גאַס אין קעמפּנערס הויז.

איך געדענק שוין נישט — צי ער איז צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק האַרט פאַר דער מלחמה אָדער — דורך א וועלכער נישט איז שפּאַרונע — בעת דער מלחמה; אָבער צוריקגעקומען איז ער פון ארץ־ישראל, ווו ער האָט באַזוכט די יפוער גימנאַזיע.

געשיקט אַהין האָט אים זיין פאָטער דערפאַר, ווייל מען האָט אים אויסגעשלאָסן — אָדער געהאַלטן ביים אויסשליסן — פון איי־נער פון די ביאַליסטאָקער מיטלשולעס.

אין „צעירי־ציון" האָט ער גלייך גענומען שפּילן אַ פירנדיקע ראָל, ווי דאָס איז אים געקומען לויט זיין אינטעליגענץ און פעאי־קייטן. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער און אַ גוטער לעקטאָר. אויף פאַרטיי־פאַרזאמלונגען האָט מען זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט, און אין דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס מיר האָבן געגרינדעט ביי „צעירי־ציון", איז ער געווען אַ פאָפּולערער לעקטאָר.

ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין די „לעבעריקע צייטונגען" (וואָס „צעירי־ציון" פלעגט אָרגאַניזירן), סיי ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר, סיי ווי אַ רעדאַקטאָר און סיי ווי אַ שרייבער.

ווי א שרייבער האָט ער געהאַט א שטיקל אַרעאָל אין אונדז־ער גרופּע: ער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן א בראָשור וועגן ארץ־ישראל — צי וועגן דער יוגנט (ספּעציעל וועגן דער יוגנט פון דער יפוער גימנאַזיע), צי בכלל וועגן ארץ־ישראל. — געדענק איך שוין נישט, אָבער ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן א „בוך"!

אמת, איך האָב שוין געהאַט געדרוקט לידער אין א רוסישער ביאַליסטאָקער צייטונג „ביעלאָסטאָטשאַנין", אָבער צו אַ „בוך" איז דאָס נישט געקומען. און דעריבער, ווען ראַוויטש האָט, נאָך דעם ערשטן נומער פון דער „לעבעדיקער צייטונג" געזאָגט צו מיר, אין קעגנוואַרט פון עטלעכע חברים: „איר (ד. ה. איך — י. ר.) שרייבט ווי אַ שרייבער; הלוואי וואָלט איך אַזוי געשריבן", — האָב איך דעם ערשטן מאָמענט געמיינט אז ער לאַכט פון מיר: ראַוויטש, וואָס אַלע זענען אים מקנא זיין געדרוקטע בראָשור, — ער איז גאָר מיך מקנא?!

* * *

יעקב ראוויטש האָט ליב געהאַט ליטעראַטור; נאָך הערמאַן פראַנקס פּריוואַטער ביבליאָטעק, איז זיינע געווען אפשר די צווייטע אין שטאָט לויט דער צאָל און דער קוואַליטעט פון די ביכער. ער האָט פאַרמאָגט אויך וויסנשאַפטלעכע ביכער (הגם קיין סך האָט ער זיי זיכער נישט געלייענט), אָבער דער עיקר האָט ער ליב געהאַט ליטעראַטור, דיכטונג און בעלעטריסטיק.

מיט איין וואָרט — ער איז געווען דאָס וואָס מען רופט „א קולטור־מענטש", און א בחור מיט א סך מעלות: אינטעליגענט, מיט א ראַפינירטן ליטעראַרישן געשמאַק און פיינע מאַניערן, אן ערשטקלאַסיקער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר; ער פלעגט שנעל כאַפּן אן ענין, אים גוט פאָרמולירן, — זיך אָנציינדן מיט אים (צי מיט אן איינגענעם, צי מיט א געבאָרגטן פייער), אָבער זיך שנעל אויסלעשן.

בעת א גרופּע ביאַליסטאָקער יונגעלייט זענען אָנגעשטעקט געוואָרן, בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, אונטער דער השפּעה פון ברוך ראָזענטאַלן, מיט א בענקשאַפט צו יידישקייט, איז ער אויך מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן דאָזיקן שטראָם. אָבער בעת אַנדערע האָבן טאַקע בפועל ממש געלערנט מיט א רבין גמרא, איז ער גלייך אָפּגעפאַלן, בלייבנדיק ביי די איינגעקויפטע גמראָס און אַנדערע ספרים.

אויף דריי געביטן האָט ער געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אין ביאַליסטאָק: אין „צעירי־ציון" (סיי אין דער פּאָליטישער, סיי אין דער קולטורעלער טעטיקייט פון דערדאָזיקער גרופּע), אין דער גנע־סין־שולע (וואָס ער האָט זי געהאָלפן גרינדן און פירן, און ווו ער איז געווען א לערער), און אין דער דעמאָקראַטישער קהילה, וואָס ער האָט זי געהאָלפן געבוירן ווערן.

אויב ירוחם לעווין (מיט א יאָרצענדליק צוריק געשטאָרבן אין עפּולה), וואָס וועגן אים וועט זיין א יושר צו שרייבן באַזונדער, איז געווען דער גייסטיקער האַרעפּאַשנער רוקנביין פון דער ביאַליסטאָקער צעירי־ציון־פּאַרטיי, איז ראַוויטש געווען איר אויסערלעכער אַמבאַסאַדאָר, איר רעפּרעזענטאַנט, ווו מען האָט באַדאַרפט א גלאַנץ טאָן; אויב מ. מגיד איז געווען דער גייסטיקער אַרכיטעקט

פון דער גנעסין־שולע, איר לעבעדיקער אָטעם, איז יעקב ראַוויטש געווען דער, וואָס האָט איר געגעבן די אויסערלעכע פאָרם, געצייכנט אירע פּלענער לויט מגידס וויזיע; אויב ירוחם לעווין אין „צעירי־ציון" און מ. מגיד אין דער גנעסין־שולע זענען געווען, לאָמיר זאָגן, די משהס, איז יעקב ראַוויטש געווען דער אהרן, דער פּיר־שפּרעכער, דער קולט־היטער. און פּונקט ווי אהרן איז ער יעדע רגע גרייט געווען צו מאַכן א גאָלדענע קאַלב, אויב דער המון זאָל דאָס נאָר פאַרלאַנגען פון אים.

אָבער די גלאַנץ־ראָלע פון ראַוויטשעס געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין ביאַליסטאָק האָט ער געשפּילט אין דער דעמאָקראַטישער קהלה, אָדער ריכטיקער — ביי דער געבורט פון דער דעמאָקראַטישער קהלה.

ווען די דייטשן האָבן געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט די ביאַ־ליסטאָקער געזעלשאַפטלעכע מיינונג געפאָדערט צו באַזייטיקן דעם ועד־הקהל און שאַפן א דעמאָקראַטישע קהילה.

דער ראש פון ועד הקהל איז דאַן געווען א. טיקטין, א טיפּ פון אן אריסטאָקראַטישן אויפגעקלערטן אויטאָקראַט. אין דאָזיקן קאַמף האָט יעקב ראַוויטש געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען זיינע אַלע פעיקייטן פון א פּאָליטיקער, אָדער ריכטיקער: פון א דיפּלאָמאַט. זיין פעיקייט בליץ־שנעל אָנצוואַרפן רעזאָלוציעס, זיי צוצופּאַסן צום גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען און וויכוחים, זיי פאַרטיידיקן דורך זיין גרויסער רעדנער־קונסט און זיין גרויסן דיפּלאָמאַטישן טאַלאַנט, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי בויגעוודיק ווי זיין שלאַנקער גוף און פּונקט אַזוי ביינלאָז, ווי זיין אויבערפלעכלעכער גייסט, — דאָס אַלץ האָט אים געגעבן א געלעגנהייט צו שפּילן די ערשטע פידל ביי די אונטערהאַנדלונגען פון די געזעלשאַפטלעכע פאָרשטייער מיטן אַלטן ועד־הקהל און זיין פּרעזידענט טיקטין. די רעזאָלוציע, וואָס האָט דערפירט צו טיקטינס „אבדיקאַציע", איז פאָרמולירט געוואָרן דורך יעקב ראַוויטשן, און בעת די וויכוחים אַרום איר זענען ראַוויטשעס רעדעס געווען פון די גלאַנצפּונקטן.

איך בין אָבער דאַן געווען זיכער — און איך בין נאָך היינט מער זיכער אין דעם, — אַז פון אַלע אָנטיילנעמער אין די דאָזיקע היסטאָרישע אונטערהאַנדלונגען, פון וועלכע עס איז געבוירן געוואָרן די ערשטע דעמאָקראַטישע קהלה אין ביאַליסטאָק, איז ראַ־

וויטש געווען דער לעצטער, וואָס האָט דאָס גענומען ערנסט; דאָס איז פאַר אים בלויז געווען אַ געלעגנהייט אויסצולעבן זיינע גרויסע כוחות און פעיקייטן, פאַר וועלכע ער האָט קיין ציל נישט געהאַט.

איינמאָל, אין זינאַ גראַנדראָווסקיס הויז (זינאַ גראַנדראָווסקאַ, יעקב ראַוויטשעס שכנטע לויטן הויף, האָט געפירט מיט אים אַ האַמסונישע ליבע, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנגע, לאַנגע יאָרן, מיט איבעררייסן, אַנהויבנדיק פון די יונגע שילער־יאָרן ביז אין רייפן עלטער, ווען ער איז אַוועק קיין בערלין און פון דאָרט קיין ראַטנפאַרבאַנד), אין אַ שבת נאָכמיטאָג, זענען מיר געזעסן זאַלבעדריט, זינאַ גראַנדראָווסקאַ, יעקב ראַוויטש און איך, און גערעדט וועגן פאַרשידנס. צווישן אַנדערן האָב איך גענומען קורץ כאַראַקטעריזירן געוויסע געמיינזאַמע באַקאַנטע.

מיטאַמאָל גיט ראַוויטש מיך אַ פרעג: — און וואָס בין איך?

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, און אַלץ וואָס איך האָב געוווסט וועגן אים ביז דאַן אומקלאָר, איז מיר קלאָר געוואָרן, און מיין וויסן האָט זיך קאָנדענסירט אין איין בילד, וואָס איך האָב דערזען פאַר זיך: אַ וואָרצללאָז גראָז. און איך האָב שנעל אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט אַ „קאַוויל־טראַוואַ" (אַ וואָרצללאָז סטעפּןגראָז) . . .

איך האָב דערפילט, אַז ער האָט באַקומען אַן עלעקטרישן קלאַפּ. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפן קנאַפּל, געמאַכט אַ פולן קרייז און צוערשט גאַרנישט געענטפערט, אָבער זיין פּנים האָט אָנגענומען אַן אָנגעצויגענע מינע.

ער האָט געקאָנט אויפנעמען אַ קלאַפּ. און ער האָט אים אָפּגעשאַצט. נישט נאָר זיין שטאַרקייט, נאָר אויך זיין ריכטיקייט.

זינאַ האָט זיך, אויף איר שטייגער, דין פאַנאַנדערגעלאַכט, שאַרף אַ קוק געטאָן אויף ראַוויטשן און געזאָגט, ווי מען טראָגט אַרויס אַן אורטייל:

— גוט פאָרמולירט.

— יאָ, אים איז געלונגען, — האָט ראַוויטש געענטפערט און איז אַרויס.

אָט דאָס איז געווען יעקב ראַוויטש אין זיין טיפסטן מהות:

וואַרצללאָז; יעדעס ווינטל האָט אים געקאָנט טרייבן אין יעדער ריכטונג. און ער איז צום סוף ווייט־ווייט פאַרטראָגן געוואָרן.

* * *

אין 1922 בין איך אוועקגעפאָרן קיין בערלין. אין א קורצער צייט ארום האָב איך באַקומען א בריוו פון ראַוויטשן, אז ער קומט קיין בערלין.

געקומען איז ער — אָפיציעל — לערנען; און ער האָט זיך פאַרשריבן אין אוניווערסיטעט אין יענא, אָבער געוווינט האָט ער אין בערלין און פאַרבראַכט האָט ער אין סטודענטן־פאַראיין. קיי־נער האָט אים קיינמאָל נישט געזען לערנען. ער האָט אויך אין בערלין נישט באַקומען קיין וואָרצלען. און אין בערלין האָב איך באַזונדערס שאַרף באַמערקט, אז ער ליידט פון דעם, וואָס ער האָט נישט פאַרוואָס אָפּצוגעבן זיינע גרויסע כוחות מיטן גאַנצן האַרצן. אין בערלין איז דאָס געווען א סך בולטער, ווי אין ביאַליסטאָק. (הגם אויך אין ביאַליסטאָק האָט זיך דאָס געלאָזט אָפּן מערקן). איך האָב באַמערקט אין אים א זאך, וואָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר אים: ער פלעגט ווערן אומרואיק, ווען א פריינט זיי־נער פלעגט זיך אריינוואַרפן מיטן גאַנצן ברען אין לערנען אָדער אין ארבעטן פאַר עפּעס. דאָס איז ווי געווען פאַר אים א שפּיגל, אין וועלכן עס פלעגט זיך אָפּשפּיגלען זיין ציללאָז לעבן. און אינ־סטינקטיוו כמעט פלעגט ער טאָן אַלץ, כדי יענעם אָפּצורייסן פון זיין ארבעט, פון זיין לערנען. עס פלעגט אים זיין לייכטער, ווען ער פלעגט פאַרבטלען זיין צייט אין צווייען.

ער פלעגט אָפט ארויפקומען צו מיר און ווי וועלן אָפּציען מיך פון מיין ארבעט. אין דער מלוכה־ביבליאָטעק פלעגט ער אָפט צו־גיין און פאַרלייגן מיטגיין דאָ און דאָרט.

אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין בערלין האָט ער נישט אנטיילגענומען. אפילו פון דער דאָרטיקער צעירי־ציון־פּאַרטיי איז ער געשטאַנען ווייט.

בלויז איינמאָל האָט ער זיך אָנגעצונדן — ער האָט באַקומען א געלעגנהייט אויסצואַיבן זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיקייטן, שפּילן א ראָל פון א פירער. דאָס איז געווען אין 1923, ווען מען האָט זיך געריכט אין בערלין אויף א פּאָגראָם.

יעקב ראַוויטש האָט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין דער צו־גרייטונג פון דער זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע. איך געדענק נאָך ווי היינט, ווי ערנסט ער איז צו צו מיר און מיר פאָרגעלייגט אריינ־צוטרעטן אין דער זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע. כמעט פייערלעך האָט ער מיר געגעבן אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז איך טרעט אריין פרייוויליק אין דער אָרגאַניזאַציע און איך וועל נישט האָבן צו קיינעם קיין תביעות אויב עס וועט עפּעס געשען מיט מיר.

דער פּאָגראָם איז פאַרגעקומען. די זעלבסטשוץ האָט געאַר־בעט נישט ווי געהעריק; איך בין געווען אַ קוריער, אַ פאַרבינדלער, און געזעסן אין דער מלוכה־ביבליאָטעק און געוואַרט אויף באַפעלן, אָבער — אָדער זיי זענען נישט געקומען אָדער זיי זענען געקומען נישט צו דער צייט. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָס געווען דער איינציקער מאָמענט אין בערלין ,ווען יעקב ראַוויטש האָט זיך אריינגעוואָרפן אין אַ זאַך מיט ברען, ווען ער האָט דערמאָנט דעם ראַוויטשן פון ביאַליסטאָק, וועלכער האָט זיך אויסגעלעבט אין בויען די צעירי־ציון־פּאַרטיי, די גנעסין־שולע, די יידישע דעמאָ־קראַטישע קהלה.

אחוץ דעם דאָזיקן מאָמענט האָט ער זיך געלאַנגווייליקט און געלאַנגווײלט אַנדערע, זיך פאַרנומען מיט ליבעס (ער האָט גע־האַט דערפאָלג ביי פרויען), געזוכט הילף ביי אַנדערע (אויך ביי מיר) זיי זאָלן אים באַשיצן פאַר געוויסע ליבע־באַציאונגען, וואָס האָבן געדראָט צו ווערן ערנסט און — אים בינדן.

ער האָט געהאַט צו פיל פרייהייט; ער האָט געבענקט נאָך אַ פאַרבונדנקייט, און גלייכצייטיק מורא געהאַט פאַר דער נאָרמאַלסטער פאַרבונדנקייט, ער האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן זיין ציללאָזע פרייהייט.

* * *

איינמאָל איז ער געקומען צו מיר און מיר דערציילט, אַז ער וויל קריגן אַ שטעלע אין דער סאָוועטישער האַנדלס־מיסיע אין בערלין.

אויף מיין באַמערקונג, אַז זיי וועלן נישט אָננעמען קיין צעירי־ציוניק, האָט ער מיר געזאָגט:

— מאַלע וואָס איך בין געווען אין דער יוגנט אַ צעירי־ציוניק!

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דאָן דערוווּסט, אַז ער באַטראַכט זיך נישט מער פאַר קיין צעירי־ציוניק.

אין א צייט אַרום האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט אָנגעגעבן אַן אַפּליקאַציע אויף א פּאָסטן אין דער סאָוויעטישער האַנדלס־מיסיע; מען האָט אים אַרויסגערופן אויף אַן אינטערוויו, און ער האָט באַקומען אַן אָפּזאָג. דער מאָטיוו: מען האָט אויסגעפונען אַז ער איז אַמאָל געווען א צעירי־ציוניק..

ווען ער האָט מיר דאָס דערציילט, האָב איך געהאַט א „זינדיקן" געדאַנק: א י ם אַרט נישט אַזוי די נוקם־ונוטרדיקייט פון די סאָוויעטן, ווי דאָס וואָס ער איז אַמאָל געווען א צעירי־ציוניק. צי וואָס האָט ער דאָס באַדאַרפט?

* * *

אין 1924 בין איך אָפּגעפאָרן פון בערלין קיין ריגע.
אין 1925 בין איך געקומען קיין וואַרשע.

איינמאָל, ווען איך בין געווען אויף א קורצן באַזוך אין ביאַליסטאָק, האָב איך אויף ליפּאָווע באַגעגנט דעם אַדוואָקאַט נ., וועלכן איך האָב געקאַנט פון בערלינער סטודענטן־פאַראיין.

מיר האָבן גענומען רעדן וועגן געשעענישן אין אונדזער בערלינער וועלטל זינט איך בין אַוועק פון דאָרט.

— שאַ, — זאָגט ער, — איר ווייסט, אַז יעקב ראַוויטש איז געוואָרן א קאָמוניסט?...

— איך האָב נישט געוווּסט, — האָב איך אים געענטפערט,— אָבער אויב ער איז עס געוואָרן, בין איך זיכער אַז ער אַרבעט אין דער סאָוויעטישער האַנדלס־מיסיע אין בערלין.

— פונוואַנעט ווייסט איר? — האָט פאַרווונדערט געפרעגט אַדוו. נ.

איך האָב אים דערציילט ראַוויטשעס באַמיאונגען אַריינצוקומען אין דער סאָוויעטישער האַנדלס־מיסיע, און צוגעגעבן:

— אויב זיין אַמאָליקער צעירי־ציוניזם איז אים געשטאַנען אין וועג, האָט ער זיין יוגנט־פלעק פאַרדעקט מיט דער קאָמוניסטישער מיטגלידס־קאַרטע.

ער האָט דערביי וואַרשיינלעך (און מ'קען אפשר זאָגן אַז זיכער!) געהאַט נישט נאָר א מאַטעריעלע אויסרעכענונג; עס האָט

אים אויך געצוויגן די נעפּלדיקע האָפענונג, אַז ער וועט געפינען א פעלד ווו צו פאַנאַנדערוויקלען זיינע כוחות, ווו זיך איינצוואָרצ־לען. עטישע אָדער אידעאָלאָגישע מאָמענטן זענען פאר אים אינ־גאנצן נישט געקומען אין באטראַכט.

איך געדענק אונדזערס א שמועס אויפן צווייטן טאָג נאָכן באָלשעוויסטישן אריינמאַרש אין ביאַליסטאָק אין 1919, בעת דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. איך האָב גערעדט מיט פּאַרבי־טערטקייט וועגן די יידישע באַלעבאַטישע יינגלעך, וועלכע זענען גלייך געוואָרן קאָמוניסטן און געכאַפּט אויפן גאַס עלטערע מענטשן אויף אַרבעט; איך האָב גערעדט וועגן דער „הערשאַפט פונעם כאַם", וואָס זיי ברענגען מיט זיך. ער האָט געפונען ווערטער פון פאַרטיי־דיקונג פאַר זיי, — „זיי ווילן העלפן בויען אַ נייע סאָציאַליסטישע אָרדענונג" און אַזוי ווייטער אין באַקאַנטן נוסח.

אין א וואָך אַרום — ראַוויטש איז אַן איבערגעקערטער: ער איז פול שנאה צו די בויער פון דער נייער אָרדענונג.

איך הויב אים אָן דערמאָנען זיין מיינונג פון א וואָך פריער — און די אַל קריכט לייכט אַרויס פונעם צעקראָכענעם זאַק: אין שטוב ביי זיי איז דאָס עסן נישט בשפע... די גאַנצע וועלט־אַנשויאונג זיינע האָט זיך געביטן... ווי זאָגט דער דייטש: מאַן איזט וואס מאַן איסט...

אָט די לייכטזיניקייט, וואָס מאַכט אָפּהענגיק די באַציאונג צו גרויסע פּראָבלעמען פון א ביסל עסן אין אייגענעם שטוב (ביי אַנ־דערע — מאַכט נישט אויס) איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן דאָזיקן פּעאיקן אָבער אַמאָראַלישן מענטשן...

איך האָב שפּעטער געהערט, אַז ראַוויטש איז אַוועק קיין רוס־לאַנד, און פאַרנעמט דאָרט א „פיינע" פּאָזיציע אין דער „טשרע־זוויטשייקע" (אַוועק איז ער אהין מיט דער זייער פעיקער טאָכ־טער פון א גראָדנער דיין — מלכה. אָבער וועגן איר דאַרף מען שרייבן אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג).

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געהאַט וועגן אים דעם לעצטן גרוס. דער ביאַליסטאָקער ברוך ראָזענטאַל, דער גרויסער ייד, האָט דערציילט הערמאַן פראַנקן, בעת דעם לעצטנס זיין אין פּאַריז, אין די פריע דרייסיקער, אַז ער האָט באַגעגנט ראַוויטשן, זיין אַמאָליקן

ליבלינג, אין פּאַריז, און אים איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ פּריוואַט־צונאַכטיקן מאָלצייט.

בעתן עסן, ווען ראַוויטש האָט זיך גענומען באַרימען מיט זיינע גרויסע אויפטוען אין דער „טשרעזוויטשייקע", האָט ברוך ראָזענטאַל (איך קאָן ממש זען ווי מאַיעסטעטיש דערדאָזיקער ייד האָט געמוזט אויסזען אין דאָזיקן מאָמענט, — ווי אַ היינטצייטיקער פּנחס בן אליעזר הכהן) אים אָנגענומען ביים קאָלנער און אים אַרויסגעוואָרפן פון שטוב.

* * *

אין ד"ר ישראל רובינס בוך „פונדאַנען אַהין", וואָס איך האָב באַקומען נאָכן אָנשרייבן, אין 1956, אָט דאָס אַרטיקל, געפין איך אַ פּאָר שורות וועגן יעקב ראַוויטשן.

ישראל רובין האָט געזוכט אַרבעט אין דער סאָוויעטישער האַנדעל־מיסיע אין בערלין, האָט מען אים דערקלערט, אַז „אַלץ איז אָפּהענגיק נאָר פון „טאָוואַרישטש יאַראָוו", צו אים איז אָבער נישט לייכט זיך צו דערשלאָגן...

„בין איך אַוועק צו „טאָוואַרישטש יאַראָוו" און נאָך מאַטער־ניש זיך דערשלאָגן צו אים אַליין. ווי איבעראַשט בין איך אָבער געוואָרן, ווען אין „טאָוואַרישטש יאַראָוו" האָב איך דערקענט מיין אַלטן ביאַליסטאָקער באַקאַנטן, דעם פאַרוואַלטער פון דער דאָרטי־קער „גניעסין־שול", יעקב ראַוויטש. [איך בין זיכער, אַז שול־פאַר־וואַלטער איז אפילו פאַרמעל (פאַקטיש געווים) געוועזן מלך מגיד; — י.ר.]... פאַר דער צייט איז אָט דער ראַוויטש מגולגל געוואָרן קיין בערלין און איז פון אַ טרייען צעירי־ציון־פירער, געוואָרן אַ טרייער קאָמוניסט (טיילווייז כדי צו באַקומען אַ שטעלע. — י.ר.); אין דער האַנדלס־מיסיע איז ער געשטאַנען בראש פון דער „טשרעז־וויטשייקע" — די פּאָליטישע דעפּענסיווע לגבי חשודע עלעמענטן צווישן די מיטאַרבעטער פון דער האַנדלס־מיסיע... ער איז אַ שם־דבר אין די בערלינער קאָמוניסטישע רייען, מ'האָט פאַר אים מורא געהאַט ווי פאַרן טויט..."

„דאָס באַשטעטיקט די ידיעה וואָס איך האָב געהאַט פון ראַ־וויטשן, אַז ער אַרבעט אין רוסלאַנד אין דער „טשרעזוויטשייקע". איך קאָן זיך אויך פאָרשטעלן, אַז מען האָט פאַר אים מורא

געהאַט: ער האָט, ערשטנס, געדאַרפט אויסקויפן זיין אַמאָליקע צעירי־ציוניסטישע זינד (ווי לאַנג איז דאָס אים געלונגען? ביז דער גרויסער רייניקונג, מסתמא); און צווייטנס איז ער געווען פון די טיפן, וואָס דאָס געפיל פון מאַכט איז פאַר זיי ווי אַן ערזאַץ פאַרן פעלנדיקן חוט־השדרה און פאַרן פעלנדיקן זין אין לעבן, — זיי כאַפּן זיך אָן אין דאָזיקן פאַרשכורנדיקן געפיל און לאָזן אים נישט אָפּ, ווייל ער איז זייער גאַנצער אינהאַלט און אָנהאַלט.

אמת, אין יענע יאָרן, אין 1925 אָדער 1926, האָט נאָך ראַוויטש באַגעגנט רובינען מיט אַ געלעכטער:

— „דו האָסט דאָך מיר געשלאָסן מיין „גניעסין־שול" — האָט ער געלאַכט, — און איצט ווילסטו גאָר אַ טובה פון מיר... איך זאָל דיר איצט, הייסט עס, באַצאָלן מיט גוטס פאַר דעם שלעכטס וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געטאָן?... און ער האָט מיר דאָך געגעבן די געבעטענע אַרבעט". (בעת דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, בעתן רוסישן אַריינמאַרש קיין ביאַליסטאָק, איז רובין געווען קאָמיסאַר פון די שולן).

איך וואָלט אָבער מיין פריינט רובינען נישט געוווּנטשן, ער זאָל געווען האָבן דאָס אומגליק אַריינצופאַלן אין ראַוויטשעס הענט בעת דער גרויסער רייניקונג, איידער ער, ראַוויטש גופא, איז מסתמא געריייניקט געוואָרן.

(דאָס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן פאַרן פּלוצלונגן, פּריי־צייטיקן טויט פון ישראל רובין).

6) שיינע מיין אַם

איר פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט; געהייסן האָט זי שיינע; געווען איז זי אַ גוטע, האַרציקע פרוי, אַן אויסגעדאַגהטע, אַן אויסגעצרהטע, פאַרבונדן מיט מיר און מיט אונזער משפחה אַ לעבנלאַנג.

געווען אַ סך קעכינס און אַמען ביי אונדז, וואָס אַז זיי פלעגן קומען אין יאָרן אַרום קיין ביאַליסטאָק, — אַלס באַלעבאָסטעס, — צו אַ דאָקטאָר אָדער איינצוקויפן סחורה פאַר אַ קרעמל, — פלעגן זיי

איינשטיין ביי אונז, ווי אין אַן אכסניה; אָבער שיינע מיין אַם איז, נאָכן אויסזייגן מיך, געבליבן אַ היימישער מענטש ביי אונז אַ גאַנץ לעבן.

ס׳קאָן זיין, אַז נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט געלעבט אין ביאַלי־סטאָק און ס׳איז איר תמיד געגאַנגען שלעכט; אָבער עס קאָן אויך זיין, אַז דאָ האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן איר מענטשלעכע ווייכקייט און דעליקאַטקייט, און מיין מוטער, וואָס האָט געקלעפּט צו אַלע קעכינס, אַמען, איינגייערקעס, מיט איין וואָרט צו אַלע אָרעמע פרויען, איז באַזונדערס צוגעבאַקן געוואָרן צו שיינען, מיין אַם.

זי פלעגט אָפט אַריינקומען נישט נאָר אינדערוואָכן, עפּעס צו פאַרקויפן אָדער אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן, צו בעטן אַ טובה אָדער פרעגן אַן עצה; זי פלעגט קומען אויך שבת און יום־טוב צוגאַסט, און מיין מוטער פלעגט זיך ממש מחיה זיין מיט אַ האַרציקן שמועס מיט שיינען.

און אויך צווישן אונז, צווישן מיר און שיינע מיין אַם, איז געווען אַ שטאַרקע פאַרבינדונג.

איך האָב געפילט, אַז זי האָט מיך ליב; אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז זי האָט מיך ליב, און איך האָב זיך געפילט ווי כ׳זאָל האָבן אָנדערטהאַלבן מאַמעס.

פלעג איך ווערן נישט געזונט, פלעגט מיר אַ טאַפּ טאָן דעם שטערן נישט נאָר דער מאַמעס האַנט, נאָר אויך די האַנט פון מיין אַם.

און אַז שיינע פלעגט האָבן צרות, פלעג איך דאָס איבערלעבן אַזוי, אַז קיין אייגענע קאָן מען שוין שטאַרקער נישט איבערלעבן.

און זי האָט מיר געגעבן אַ סך געלעגנהייטן צו אַנטוויקלען מיינע פעאיקייטן מיטצופילן יענעם...

איר מאַן איז געווען אַ סטאָליאַר, אָבער אַ שלימזל אַ ייד.

אַ גאַנץ לעבן האָט זי געמוזט זיין די שפּייזערין, די פאַרזאָר־גערין פון איר גאַנצער משפחה, פון איר מאַן און אירע צוויי טעכטער.

דער מאַן אירער איז געווען ווי אַ שאָטן, וואָס אי מען זעט אים, אי מען זעט אים נישט.

איך געדענק זיין קליין קאָזע־בערדעלע, זיין גוטמוטיק, תמעוואַט שמייכעלע, אָבער מער נישט. איך בין נישט זיכער אַפילו צי ער האָט בכלל עקזיסטירט. והראיה — איך געדענק נישט ווען ער האָט אויפ־

געהערט צו עקזיסטירן. עפּעס מיטאמאָל איז ער נישט געוואָרן, טאַקע נאָר ווי אַ שאָטן, וואָס אָט איז ער דאָ און אָט — נישטאָ אים.

אָבער שיינען מיין אַם, מיט איר ליבשאַפט און אירע צרות, געדענק איך גוט.

זי האָט מיר געשאָנקען צוויי גרויסע מתנות: מאַמישע ליבע און אַ גלענגנהייט ליב צו האָבן אַ „פרעמדן" אַקטיוו, ביזן פאַרלירן יעדע גרענעץ צווישן זיך און יענעם.

איך געדענק אַ ווינטער־נאָכמיטאָג. דאָס האָלץ אין אויוון ברענט. איך מיט מיין ברודער שטייען פון ביידע זייטן אויוון (ווי יצחק מיט רבקהן אין די צוויי ווינקלען אין „כל אגדות ישראל") און וויינען.

מיר האָבן אין איין טאָג באַקומען טרויעריקע ידיעות פון אונ־זערע אַמען: ביי מיין אַם איז געשטאָרבן אַ יונגע טאָכטער, און ביים ברודערס אַם איז דאָס הויז אינעם שטעטעלע אָרלע אַוועק מיטן פייער.

און מיט אַ וויינענדיקער שטימע פרעג איך מיין ברודער:

—פאַרוואָס וויינסטו? איך מעג וויינען, ווייל לעבעדיק מאַכן אַ טויטע קאָן מען נישט; אַ הויז אָבער קאָן מען דאָך אָפּבויען...

עס איז מיר געווען אַ פאַרדראָס, וואָס מיין טרויער אויף מיין אַמס אומגליק ווערט דורך די זעלבע טרערן אויסגעגליכן מיט דעם אומגליק פון אַן אָפּגעברענט הויז. איך האָב געפילט, אַז מיין ברו־דערס טרערן פאַרשוועכן דעם טויט פון מיין אַמס געליבטער טאָכטער.

איך האָב פאַר די אויגן געזען מיין אַמס לעבעדיקע טאָכטער מיט די בלאָנדע האָר; איך האָב פאַר די אויגן געזען מיין אַמס צערפּול פּנים, פאַרגאָסן מיט טרערן, און די גאַנצע לאַסט פון אַ מאַמעס שווער געמיט האָט זיך געלייגט אויף מיר. און עס איז אַזוי שווער געווען די דאָזיקע לאַסט צו טראָגן! עס האָט זיך מיר געדאַכט אין יענעם מאָמענט, אַז כ'וועל שוין קיינמאָל נישט קאָנען קוקן מיין אַם אין די אויגן אַריין: איך לעב און איר טאָכטער — נישט. כ'וועל זיך שעמען פאַר איר מיט מיין לעבן...

פאַרוואָס קומט דאָס מיר? און פאַרוואָס קומט דאָס איר?...

און אויך פון דער צווייטער טאָכטער אירער האָב איך געהאַט עגמת נפש.

צוערשט האָב איך געהאַט נחת פון איר: זי איז געוואָרן אַ כלה. שיינע מיין אַם האָט געשיינט און זיך געשושקעט יעדן טאָג שעהנלאַנג

מיט מיין מאַמען: וועגן נדן, וועגן דעם אויסשטייער, וועגן דער חתונה. און די איינציקע טאָכטער (נאָכן טויט פון דער ייִנגערער) האָט שיינע אַריינגענומען צו זיך און גענומען האָרעווען און בעטלען פאַר דער פאַרגרעסערטער פאַמיליע: אויך פאַרן איידעם, וועלכער האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טויגעניכטס, וואָס האָט געוואָלט לעבן אויפן חשבון פונעם ווייב און פון דער שוויגער. שיינע מיין אַם האָט זיך ווידער געשושקעט מיט מיין מוטער, אָבער שוין נישט מיט קיין שיינענדיקע אויגן, — מיט אַ פאַרצערט און פאַר־ווינט פנים.

איך האָב זיך דערוווּסט: דער איידעם וויל קיין גט נישט געבן, סיידן מען זאָל אים אָפּגעבן זיין ווייבס גאַנצן אויסשטייער, וואָס די מאַמע אירע האָט איר געגעבן מיט אַזויפיל שפיכות דמים. און נישט נאָר ער וויל, — ער נעמט פון שטוב אַלץ, וואָס עס פאַלט אים איין.

שיינע לויפט צו אונז, די מאַמע לויפט אַרום איבער דער שטאָט, און איך, אַ יונג ייִנגל, קאָן נישט פאַרשטיין: וואָס הייסט — ער וויל? וואָס הייסט — ער נעמט? און ווו איז יושר? און ווו איז רעכט? און ווו איז פּאָליציי? און איך האַלט אין איין פאָדערן ביי די דערוואַקסענע זיי זאָלן עפּעס טאָן.

פון זייערע אומגעדולדיקע ענטפערס און זייערע שמועסן צווישן זיך דערוויס איך זיך, אַז מען קאָן דעם אויסוווּרף גאָרנישט טאָן. נאָכמער: מען האָט מורא עפּעס צו טאָן. וואָסי? ער האָט בלאַטע חברה, חברים זיינע, און נישט נאָר שיינע מיט איר טאָכטער, — אויך זייערע פריינט ציטערן און זענען הילפלאָז.

איך לעב אין אַ געשפּאַנטער שטימונג. שוין נישט בלויז צוליב שיינעס צרה, נאָר אויך צוליב אַ געדיכטן שאָטן, וואָס פאַלט אויף מיר פון דער וועלט. איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל דערפילט בחוש די מאַכט פון שלעכטס און די הילפלאָזיקייט פונעם גוטן. איך האָב דאַן דערזען די וועלט אין איר ריכטיקן מעמד, און אַ גרויזאַם בילד האָט זינט דאַן גענומען שוועבן פאַר מיר אין משך פון לאַנגע יאָרן, און דאָס בילד קומט אין מיר אויף נאָך אויך היינט: נישט דאָס אומרעכט איז אַן אויסנאַם אין לעבן, — אַן אויסנאַם, מיט וועלכן עס קעמפן געזעצן, געריכטן און פּאָליציי; אַן אויסנאַם אין לעבן איז דאָס רעכט; די געזעצן זענען ווי אַ קלייניניקע נעץ, וואָס ווערט גע־וואָרפן אין אַ ים פון אומרעכט און נאָר ברעקלעך פון אים, — פון דאָזיקן אומרעכט, — ווערן אין דער דאָזיקער נעץ פאַרכאַפּט.

נאָך העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, אין משך פון וועלכן איך האָב דאָס געפּילט און געזען טויזנטער מאָל, איז די שאַרפקייט פון אַט דער איבערלעבונג אַביסל אָפּגעטעמפּט געוואָרן, און במילא איז אויך אַביסל פאַרבלאַסט געוואָרן דאָס אויבנגעבראַכטע בילד, אָבער בשעתו איז דאָס בילד געווען אַזוי רעליעף, אַזוי גרויזאַם, אַזוי דער־דריקנדיק: אַ ים, וואָס ווימלט און קאָכט מיט אומרעכט, און אין דאָזיקן ים ווערט פאַרוואָרפן אַ קליינינקע נעץ, וואָס פאַרכאַפּט אַמאָל אַ שטיקל קליין אומרעכט, און אָפטמאָל רייסט דורך אויך דאָס פאַרכאַפּטע שטיקל אומרעכט די שוואַכע קליינע נעץ פון רעכט...

די דאָזיקע איבערלעבונג מיט מיין אַם, און די וויזיע וועגן דעם אומרעכט, וואָס זי האָט ביי מיר אַרויסגערופן, האָט באַווירקט, ווי מיר דאַכט, מיין גאַנץ לעבן. איך געפין די שפּורן פון דער דאָזיקער איבערלעבונג אומעטום, ווו איך קער זיך און ווענד זיך.

ווען איך האָב, אין יאָרן אַרום, גענומען לערנען „קהלת" און בין געקומען צו די פּסוקים:

„און איך האָב ווידער געזען אַלע רויבערייען וואָס ווערן אָפּגע־טאָן אונטער דער זון. און אַט זענען די טרערן פון די גערדיקטע, און נישטאָ ווער זאָל זיי טרייסטן, און אויף דער זייט פון זייער דריקער איז די מאַכט, און נישטאָ ווער זאָל זיי טרייסטן", האָב איך פאַר זיך געזען די טרערן און די הילפלאָזיקייט פון שיינען מיט איר טאָכטער און איך האָב גוט געפילט קהלתן, ווען ער זאָגט: „דרום האַלט איך די טויטע... פאַר גליקלעכער פון די... וואָס לעבן נאָך".

איך געדענק: דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. און היות די היימישע דערוואַקסענע האָבן זיך באַגנוגנט מיט דער דערקלערונג, אַז מען קאָן גאָרנישט טאָן, און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַט די דערקלערונג, בין איך אַרומגעלאָפן צו פרעמדע דערוואַקסענע, דערציילט, זיך געקלאָגט און אָנגעקלאָגט, און געפאָדערט פון זיי אַ געהעריקע אַקציע, ווייל עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז עס איז נישטאָ קיין מיטל קעגן הפקרות.

איך האָב זיך דאַן איבערצייגט, אַז קעגן הפקרות איז טאַקע נישטאָ קיין מיטל. אָבער אַט די דערקענטעניש מיינע איז געבליבן אין געביט פון טעאָריע; קומט צום געביט פון פּראַקטיק, זאָג איך זיך טאַקע, אַז עס זענען נישטאָ קיין מיטלען קעגן שלעכטס, אָבער גלייכ־צייטיק וואַרף איך זיך אין דאָן־קיכאָטישן קאַמף ,מעג דער דאָזיקער קאַמף אָפּט פאַרקומען בלויז אין מיין געמיט און שלאָפלאָזע נעכט...

צוויי שפּעטערדיקע באַגעגענישן מיט מיין אַם האָבן געלאָזן אין מיין געמיט אומפאַרווישבאַרע שפּורן.

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען דאַן, ווען איך האָב זי געטראָפן צום ערשטן מאָל נאָך מיין מוטערס טויט.

איך בין געווען ביי מיין שוועסטער (איינע פון די אומגעקומענע דורך היטלערן). שיינע איז דאָרט אַרויפגעקומען זיך זען מיט מיר. זי איז שוין דאַן געווען איינגאַנצן אַליין, — זי האָט איבערגעלעבט אירע ביידע שיינע טעכטער. בלויז איך בין איר געבליבן, — אַ שטיקל ערזאַץ פאַר אַן אייגן קינד.

איך געדענק נישט וואָס זי האָט גערעדט, אָבער איך הער און פיל נאָך איצט איר טרערן־באַוואַשענע שטימע, אַ וויברירנדיקע פון צער און ליבע. איך האָב געפילט, אַז נישט נאָר איך בין פאַר איר אַ שטיקל ערזאַץ פאַר אירע קינדער, נאָר אויך זי איז אַ שטיקל ערזאַץ פאַר מיין מאַמען. אַ שטיקעלע מאַמע איז מיר געבליבן...

פאַראַן זאַכן, וואָס דערוואַקסענע שעמען זיך צו דערציילן; אָבער פאַראַן פאַלן, ווען מען קאָן דאָס נישט אויסמיידן. און איך וויל דערציילן, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז כ'האָב דאַן אַזוי פיל געוויינט, ווי וויייניקע מאָל אין מיין לעבן.

און ווען איך האָב זיך שוין געהאַט גוט אויסגעוויינט, האָב איך אַזוי באַדויערט, וואָס איך בין אַן אָרעמאַן! כ'האָב וויייניקע מאָל אין מיין לעבן געוואָלט האָבן געלט, — אין יענעם מאָמענט האָב איך דאָס גאָר שטאַרק געוואָלט.

ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איך קאָן לייכטער מאַכן מיין אַמס עלטער, באַפרייען איר כאָטש פון דער פיזישער נויט.

און איך האָב זיך עפּעס געפילט ווי שולדיק, וואָס איך קאָן אַזוי וויייניק טאָן פאַר איר.

מיין האַרץ איז געווען פול. אָבער נאָר מיין האַרץ...

און דאָס לעצטע מאָל האָב איך זי געזען ביי דער זעלבער שוועסטער.

עס איז געווען אָנהייב אָקטאָבער 1939. איך בין געקומען קיין ביאַליסטאָק פון קאָוועל, וווהין איך בין אַנטלאָפן פון די דייטשן — און אַנגעטראָפן די באָלשעוויקעס.

איך בין געקומען אין מיין היימשטאָט צו זען זיך און צו געזעגענען זיך מיט מיינע נאָענטע.

עס איז געווען מיין לעצטער טאָג אין ביאַליסטאָק. איך האָב

געשיקט רופן שיינען צו מיין שוועסטער — איך האָב זיך געוואָלט געזעגענען מיט איר.

און ווידעראַמאָל האָב איך זיך באַגאָסן מיט טרערן. איך האָב צום לעצטן מאָל געפילט די הארציקייט פון אַ פרעמדער פרוי, וואָס איז מיר געוואָרן אַ צווייטע מאַמע.

און ווען נאָר איך באַמי זיך דורכצורייסן די פינצטערניש, וואָס דעקט צו די פּרטים פונעם גורל, וואָס איז באַפאַלן מיינע נאָענטע אין ביאַליסטאָק, באַמי איך זיך אויך צו זען מיין אַם שיינע אין אירע לעצטע טעג, אין אירע לעצטע מינוטן.

דער תהום פון שלעכטס האָט זי איינגעשלונגען, — דאָס איז קלאָר; אָבער די פּרטים פון איר סוף קאָן איך נישט זען.

ווי איך קאָן נישט זען די פּרטים פון מיין אייגענעם סוף...

7) די רעוואָלוציע פון 1905

(קינדער־דערינערונגען)

1. איך קום אין באַרירונג מיט דער רעוואָלוציע פון איר רעכטער זייט...

אָט איז איינע פון די רעוואָלוציע־געשעענישן אין מיין היים־שטאָט ביאַליסטאָק, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן נישט נאָר אין מיין זכרון, נאָר אין מיין גאַנצן וועזן.

* * *

עס איז געווען אַ נאַכט נאָענט צו פּסח.

איך כאַפּ זיך אויף און הער אָפּטע שאָסן.

איך זע ליכט אין צווייטן צימער: מיין מוטער זיצט שפּעט אין דער נאַכט און פאַרריכט וועש אויף יום־טוב.

מיין עלטערער ברודער ש. הויבט זיך אויף אין אַ צווייטן צימער, נעמט זיך אָנטאָן. איך הער אַ דיאַלאָג:

— פאַרוואָס טוסטו זיך אָן?

— איך וויל אַראָפּגיין אין גאַס, זען ווו מען שיסט, ווער עס שיסט..

— גיי נישט, מען שיסט אַזוי שטאַרק. גאָט ווייס וואָס דאָרט טוט זיך...

דער ברודער אָבער איז אַ מיטגליד פון זעלבסטשוץ, ער וויל — און דאַרף — זען וואָס דאָרט קומט פאָר.

— איך וועל נאָר אַרויסקוקן פון טויער, כ'וועל ווייט נישט אַוועקגיין...

דער ברודער איז אַראָפּ און איז באַלד צוריקגעקומען:

— אין גאַס זעט מען גאָרנישט, מען הערט נאָר שיסן זייער נאָענט, אפשר טאַקע אויף ניי־וועלט (די גאַס וואו מיר האָבן געוווינט).

איך בין נאָך געלעגן שעהן לאַנג און זיך צוגעהערט צו דער שיסעריי.

צומאָרגנס האָט מען זיך דערוווסט: אין אַ הילצערן צוויי־שטאָקיק הויז, אַראָפּ ניי־וועלט, אַ שטיק נאָך דעם ניי־וועלט־בית־מדרש, האָבן געוווינט עטלעכע אַנאַרכיסטן. ווען פּאָליציי איז געקומען ביינאַכט מאַכן אַ רעוויזיע און אַרומגערינגלט דאָס הויז, האָבן די אַנאַרכיסטן געענטפערט מיט אַ שיסעריי. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שעהן־לאַנגע באַלאַגערונג, מיט אַ קעגנזייטיקער שיסעריי, — קיין לעבעדיקע האָבן זיי זיך נישט אונטערגעגעבן...

די דאָזיקע געשעעניש, וואָס איך געדענק זי שוין נישט מיט אַלע פּרטים, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער גאַנצער שטאָט, אָבער באַזונדערס אויף ניי־וועלט, וווּ אַלע האָבן געקענט די דאָזיקע נגידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך העלדיש אַנטקעגנגעשטעלט דער פּאָליציי. און פאַר מיר איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט דער שלאָפלאָזער נאַכט, מיט איר שטימונג פון געהיימנישפולקייט, פון שרעק.

די יונגעלייט (קאַלישעם אייניקלעך, אויב איך געדענק ריכטיק), וועלכע איך פלעג אָפט זען, און וואָס זייער פאַמיליע־נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט, זענען אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן צו לעגענדאַרי־שער גרויס: זייער קאַמף און זייער טויט אין קאַמף, מיט די דאָזן געגנויע פּרטים ווי אַזוי דער קאַמף איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי זיי זענען אומגעקומען, זענען געווען דער ערשטער העראָאישער ראָמאַן, גע־לייענט נישט אין אַ בוך, נאָר דורכגעלעבט אין דער טאָג־טעגלעכקייט, אויף אַ וואָכעדיקער גאַס, אין אַ וואָכעדיק הויז. און ווער וואָלט זיך

דאָס געווען פאַרגעשטעלט, אַז אָט אויף דער גאַס, ווו מען שפּילט זיך אין כאַפּערלעך, אין „שליעפּע באַבע", אַז אָט אין דעם צוויי־שטאָקיקן הילצערנעם הויז, אָן וועמענס ווענט מען רייבט זיך יעדן טאָג ביים פאַרבייגיין, זאָל קענען געשען אַ זאַך, וואָס קומט פאָר נאָר אין ביכער, אין מעשיות, אינעם ווייטן אַמאָל, אָדער אין דער ווייטער פרעמד.

יאָרן לאַנג פלעג איך פאַרבייגיין דאָס דאָזיקע הויז מיט אַ געפיל פון יראת הכבוד. איך פלעג זיך אַרומקוקן אויף אים און ווי וועלן דורכדרינגען מיטן בליק ביז די טיפסטע געהיימנישן פון יענער נאַכט, פון יענע עטלעכע מענטשן, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ יונג מיידל, וועלכע האָט אויך געקעמפט, איז אויך אומגעקומען און האָט צוגעגעבן יענער געשעעניש נאָך מער צויבער, נאָך מער געהיימנישפולע ראָמאַנטיק...

2. איך קום אין באַרירונג מיט דער רעוואָלוציע פון איר לינקער זייט...

ביאַליסטאָק איז אין יענע יאָרן (1905־1906) געווען אַ צענטער נישט פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק, נאָר פון אַ געוויסער „אַנאַרכיסטישער" טעטיקייט.

גרופּעס יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך גערופן „אַנאַרכיסטן" (אָדער „די אָרגאַניזאַציע"), פלעגן אויספירן טעראָר־אַקטן און מאַכן „עקספּראָפּריאַציעס" לטובת... דער אייגענער קעשענע.

אַלע ביאַליסטאָקער געדענקען נאָך מסתמא דעם אומזיניקן מאָרד איבער דעם פאַבריקאַנט מאַריין בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ בורזשוי; אָבער ווייניקע, מסתמא, געדענקען נאָך דעם מאָרד פון אַ עופות־פאַרקויפערין אויפן מאַרק. היות ווי זי האָט פאַרקויפט עופות, אַ זאַך וואָס בורזשויען עסן, האָט מען ביי איר געפאָדערט אָפּצוגעבן פאַר דער אָרגאַניזאַציע איר טאָג לייזעכץ; און היות ווי זי האָט נישט געוואָלט, האָט מען זי דערשאָסן און דאַן „עקספּראָפּריאירט" איר גרויסע קעשענע אויפן לייוונטענעם שירץ פון אַ מאַרק־זיצערקע.

איך געדענק נאָך היינט דעם פאַרנאַכט, ווען די דאָזיקע ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט אויף ניי־וועלט. יידן זענען געשטאַנען אין רעדלעך און גערעדט מיט עמפּערונג וועגן דער הפקרות אין דער שטאָט.

— און „זיי" ווילן דאָס אראָפּברענגען משיחן ? „זיי" ווילן דאָס איינפירן יושר ? !

— דערשיסן אַן אָרעמע עופות־הענדלערקע צוליב אַ טאָג לייזעכץ !... אַ מאַמע פון קינדער...

איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער ניי־וועלט, אַ קינד פון צען יאָר, געזען אין מיין פאַנטאַזיע ווי מאָריין ליגט דערהרגעט אין זיין רייכן צימער; ווי די יידענע ליגט טויט אויפן מיטן מאַרק, און נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי מען נעמט און מען שיסט אַ מענטש דערפאַר, ווייל ער האָט געלט...

און באַזונדערס שטאַרק איז מיר אַריין אין זכרון דער אַרגומענט פון איינעם אַ ייד:

— וויפיל האָט זי דען אין גאַנצן געקאָנט האָבן די מאַרק־זיצערקע ? און אַז זי האָט שוין געהאַט מיט אַ האַלבן רובל מער פאַר „זיי", איז דאַרף מען זי שוין שיסן ?

איך האָב דאַן קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז אין גיכן וועל איך זיי זען ביי זיך אין שטוב, און דער שאָטן פון זינלאָזן מאָרד וועט אַדורכשוועבן ביי אונז אין שטוב, פאַר מיינע אויגן...

ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ „דינסט": אַ הויכע, אַ גראָבע, אַ פרייליכע און אויסגעלאַסענע. זי פלעגט אונדז, קליינע קינדער, אָפּט צורופן צום קיך־פענצטער, און פון דאָרט אונדז ווייזן, אין אַ קעגנאיבערדיקן פענצטער, „אינטערעסאַנטע" זאַכן. און דערביי פלעגט זי דאָס געזעענע געשמאַק קאָמענטירן, כדי דאָס צו מאַכן צוטריטלעך פאַר די ברייטע, אומבאַוווסטזיניקע „מאַסן"...

איינמאָל האָב איך געהערט ווי מיין מוטער ע"ה רעדט מיט אַ קרובה וועגן דעם, אַז די „קעכין" (ווי זי פלעגט איבערזעצן דעם ביאַליסטאָקער וואָרט „דינסט") איז פאַרדעכטיק דיק געוואָרן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין פאַר דער מוטער קלאָר געוואָרן, אַז „די מויד" איז שוואַנגער.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָס האָט באַדייט פאַר מיינע עלטערן: ביי אונז אין שטוב אַזאַ זאַך...

איז געבליבן, אַז מען איז זי, חס ושלום, נישט מבייש, נאָר מען זאָגט זי אָפּ פון דער שטעלע און מען באַצאָלט איר פאַר אַ חודש...

חוה (אַזוי האָט די קעכין געהייסן) האָט אָבער געמאָלדן, אַז „היינטיקע צייטן" קאָן מען נישט אָפּזאָגן... זי האָט צו ווענען זיך צו ווענדן...

און כך הוה: אין א „שיינעם נאָכמיטאָג" (ווי מען זאָגט אין אלע ראָמאַנען) האָבן זיך באַוויזן ביי אונז אין שטוב צוויי צי דריי יונגע־לייט „פון דער אָרגאַניזאַציע" און געמאָלדן דער מוטער, אַז מען קאָן חוהן נישט אָפּזאָגן אָן זייער דערלויבעניש... און אויב מען וועט נישט פאָלגן, וועט מען האָבן מיט זיי צו טאָן...

די מוטער האָט געזאָגט, אַז דער מאַן איז איצט נישטאָ, קאָן זי קיין תשובה נישט געבן... זאָלן זיי קומען מאָרגן אין אָוונט...

אין עטלעכע טעג אַרום, פּאַרנאַכט צו, זענען זיי ווידער געקומען. דאַן איז שוין דער פאָטער אויך געווען אין דער היים פון דער אַרבעט.

איינער פון די יונגעלייט איז געשטאַנען אויף שמירה אין דער קיך, כדי קיינער זאָל נישט קאָנען אַרויסגיין רופן פּאָליציי, און די צוויי אַנדערע זענען אַריין אין ערשטן צימער — פון דער קיך — פירן אונטערהאַנדלונגען: אָדער חוה בלייבט אויף דער שטעלע, אָדער מען גיט איר אָן אַנטשעדיקונג וואָס די „אָרגאַניזאַציע" האָט באַשטימט.

און זיי האָבן אָנגערופן א גרויסע סומע..

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז אין ביאַליסטאָק פירט זיך פון תמיד אָן, אַז מען קאָן אָפּזאָגן א מענטש. ער איז אָבער גרייט צו באַצאָלן א חודש געהאַלט לפנים משורת הדין...

נאָך א לאַנגער שפּאַרעניש האָבן די יונגעלייט, צעהיצטע, אַרויסגעכאַפּט רעוואָלווערן און זיי אָנגעשטעלט אויף די עלטערן.

עס איז געווען א מאָדנע סצענע: די עלטערן זענען געשטאַנען אונטער די אָנגעשטעלטע אויף זיי רעוואָלווערן. זיי האָבן נישט נאָר נישט געשריגן, ווי מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן ביי אַזעלכע באַדינגונגען, נאָר איך האָב נישט געקאָנט באַמערקן אויף זייערע פּנימער קיין שום שפּור פון שרעק. דאָס האָט, ווייזט אויס, זיך איבערגעגעבן די עטלעכע יינגערע קינדער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף א צעראַטענער קאַנאַפּע (כדי בעסער צו זען) מאָדנע שטיל, אומהיימלעך שטיל.

פון אַלע דעמאָלטיקע רייד געדענק איך היינט, נאָך א זעכציק יאָר, בלויז איין זאַץ, דעם פאָטערס, וואָרט ביי וואָרט:

— איך קען מער נישט געבן ווי פאַר איין חודש, און אויב איר ווילט — שיסט.

און ער האָט רואיק אויסגעשטרעקט די ברוסט...

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען מיין עלטערער ברודער ש., וועלכער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט.

מיין ברודער ש. איז געווען אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער זעלבסטשוץ, און אויפן בוידעם, הינטער די קעסטלעך פּסחדיקן געפעס, האָט ער געהאַט פאַרגראָבן אינעם זאַמד־דיל אַ ברויונינג און אַ בלייערנע נאַהייקע, וואָס מיר, קינדער, האָבן זיי דערשנאַפּט און פלעגן אָפּט אַרויסגראָבן און קוקן אויף דעם אַ ביסל מיט שרעק און מיט אַ סך נייגיר.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע" קעגן די עלטערן צוליב חוהן, האָט ער — ווי ער האָט שפּעטער דערציילט — אַראָפּגענומען דעם „שפּייער" פון בוידעם און אים געהאַלטן ביי זיך.

ער איז אַריינגעקומען, צוגעגאַנגען, זיך געשטעלט ביי דער זייט פון פאָטער, האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און געזאָגט:

— אויב שיסן, האָב איך אויך מיט וואָס...

זיין גרויסער, שוואַרצער ברויונינג האָט געגלאַנצט מיט אַ נייעם טיפן גלאַנץ, און אין פאַרגלייך מיטן דאָזיקן „שפּייער" האָבן זייערע רעוואָלווערן אויסגעזען ווי פון בלעך...

— לייג אַריין דעם רעוואָלווער אין קעשענע — האָט דער פאָטער געזאָגט רויק אין דער מאָדנער שטילקייט פון צימער, — אפילו דאָס דראַמאַטישע באַווייזן זיך פון ברודער מיטן אויסגעצויגענעם רעוואָלווער האָט נישט אַרויסגערופן נישט ביי דער מוטער, נישט ביי די קינדער קיין שום קלאַנג, קיין שום באַוועגונג, ווי צונויפגעהאַלטן פון טאַטנס שטאַרקן ווילן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון נערוועזע אויפטרייסלונגען (אויך ביים פּאָגראָם נישט).

דער ברודער האָט געענטפערט:

— אויב זיי וועלן אַריינלייגן די רעוואָלווערן אין די קעשענעס, וועל איך מיינעם אויך באַהאַלטן; אויב אָבער זיי דראָען צו שיסן, וועלן מיר זען ווער עס וועט שיסן בעסער...

די צוויי מיטגלידער פון דער „אָרגאַניזאַציע" האָבן זיך דערפילט אומהיימלעך. אפשר נישט אַזוי צוליבן ברודערס רעוואָלווער, ווי צוליב דער מאָדנער רעאַקציע מיט שווייגן מצד די עלטערן און די קליינע קינדער (אַזוי יעדנפאַלס דאַכט זיך מיר היינט).

זיי זענען אַוועק.

און אין גיכן איז אויך חוה אַוועק, באַקומענדיק באַצאָלט פאַר אַ געוויסער צייט.

איך קאָן ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרשטיין אויף זיכער, פאַר־וואָס מיין מוטער און מיר, די קינדער, האָבן נישט רעאַגירט נאָרמאַל מיט וויינען און שרייען; איך ווייס אָבער היינט אויף זיכער, אַז אָט די אומנאָרמאַלע רואיקייט האָט געראַטעוועט די עלטערן אין יענער הפקרדיקער צייט.

* * *

די דאָזיקע סצענע איז נישט געגאַנגען לאיבוד. די מעשיות וואָס איך האָב געהערט וועגן עקספּראָפּריאַציעס מיטן אויסגעשריי „רוקי וו'ווערך!" („הויב אויף די הענט!"), זענען מיר אַריין אין נאָז שוין לאַנג. אָבער איצט, ווען איך האָב דאָס אויך געזען, האָב איך שוין אינגאַנצן באַהערשט די טעכניק פון דער דאָזיקער איג־טערעסאַנטער שפּיל.

איך האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע קינדער פון מיין חדר (נעבן אַנגערס גאַס; מיר פלעגן זיך אַרויסכאַפּן, ווען דער אַלטער רבי פלעגט איינדרימלען, כאַפּן „שליאָנקעס" אין גאָרטן פון בראַניצקיס פּאַלאַץ, דורך די דורכגעפּוילטע ברעטער פונם ריזיקן, קילאָמעטער־לאַנגן פּאַרקאַן.), און מיט אויסגעשניצטע (פון האָלץ) רעוואָלווערן האָבן מיר דורכגעפירט צוויי „עקספּראָפּריאַציעס".

די ערשטע איז געווען געווענדט קעגן דער פאַבריק פון פּאַפּי־רענע טאָרבעס פון גאָדלשטיין (די עלטערן פון אונדזערס אַ געווע־זענעם חדר־חבר). מיר זענען אַרויף אויף די טרעפּ (ווו דאָס איז געווען קאָן איך זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אויף פּאַוואָטשיזנע), זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די אַרבעטאָרינס (אפשר אַ האַלבער טוץ, אחוץ דער פאַמיליע גאָלד־שטיין, וואָס האָבן אַלע אויך געאַרבעט) און אַז עפּן געטאָן די טיר מיט אַ געשריי „רוקי וו'ווערך!"

דער ענטפער איז געווען אַ בהלה, מיט געשרייען, מיט היס־טעריקעס, מיט איבערגעקערטע בענקלעך, מיט איבערגעקערטע טעפּ קליי.

אין אַ מינוט אַרום זענען מיר שוין געפלויגן פון די טרעפּ, נאָכגעיאָגט מיט בעזימס און נאָך ענלעך געוועער, געשמיסן דורך

קללות, ווי, למשל: „אין דער מאמעס בויך האָט איר געדאַרפט אויסגערונען ווערן!"; „נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן — אַזוי איבערגעשראָקן!"

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס מען האָט מיך דאָרט דערקענט און מען האָט גערדאָט אונטערצושטעלן אַ בענקעלע ביים רבין און אין דער היים...

די צווייטע עקספּראָפּריאַציע האָבן מיר געמאַכט אויפן געשעפט פון זינגערס ניי־מאַשינען, אויף ליפּאָווע, נאָענט צו דער שמאָלער געסעלע (חיי־אָדם־געסעלע?), וואָס האָט געפירט צום שול־הויף.

איך האָב אַן עפּן געטאָן, גייענדיק פון חדר אין אַ ווינטער־פאַרנאַכט, די טיר און אַ געשריי געטאָן „רוקי וו'ווערך!" און גע־נומען, צוזאַמען מיט די איבעריקע חברה, אַנטלויפן, געיאָגט דורך די צוויי אַנגעשטעלטע. אָבער נישט אומזיסט האָבן מיר אויסגע־קליבן זינגערס געשעפט — דאָס געסעלע האָט אונדז געראַטעוועט...

די גאָלדשטיינס האָבן אין שטוב ביי אונדז נישט געמסרט; דערפאַר אָבער האָט זיך דערוווּסט דער רבי און ער האָט דאָס דער־ציילט זיינעם אַ פריינט, אַ ייד מיט פּעאיקייטן פון אַ דערפינדער, וועלכער האָט אָבער זיין טאַלאַנט פאַרטרונקען מיט בראָנפן (און אפשר האָט ער אים דערטרונקען אין בראָנפן דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין בילדונג און קיין באַדינגונגען זיין טאַלאַנט אויסצובילדן, צו אַנטוויקלען; ער האָט, יעדנפאַלס, עפּעס דערפונדן אַן אויסבעסערונג אין זינגערס ניי־מאַשין — אַזוי האָט דערציילט מיט שמאָלץ מיין רבי) און אָט דער ייד פלעגט תמיד אָנווייזן אויף מיר (יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען צום רבין אַ בגילופינדי־קער) און זאָגן:

— און איך זאָג אייך, אַז ער וועט נאָך וואַרפן באָמבעס...

און דער רבי איז אויך געווען זיכער אין דעם. באַזונדערס, זינט איך האָב געביטן די מעטאָדע פון אַרויסדרייען זיך פון גיין אין חדר.

איך האָב איינגעזען, אַז ווען איך קלאָג זיך אויף קאָפּ־ווייטאָג, גיט מען אַ טאַפּ דעם שטערן און מען גיט אַ זאָג:

— קאַלט... נישקשה, קענסט גיין אין חדר, ס'וועט דיר גאָרנישט שאַטן...

האָב איך געביטן די טאַקטיק און זיך גענומען קלאָגן אויף בויך־ווייטאָג; דאָ העלפט נישט קיין טאַפּן...

אז דער רבי האָט גענומען הערן וועגן מיין אָפּטן בויך־ווייטאָג, איז ער שוין אינגאַנצן געווען זיכער, אז איך וועל וואַרפן באָמ־בעס:

— אז אַ יינגל איז פעאיק אויף אַזעלכע שמד־שטיק, איז שוין אַלץ מעגלעך... מען קאָן גאָרנישט ספקן, אז ער וועט נאָך וואַרפן באָמבעס... אַז עס ציט אים שוין צו „רוקי וו'ווערך!"...

8) די „גנעסין־שולע"

איך בין מסופק צי אַ סך ביאַליסטאָקער ווייסן וועגן דעם, אַז אין ביאַליסטאָק איז געווען אַ „גנעסין־שולע", וואָס האָט געזאָלט זיין אַ סינטעז צווישן די צוויי עקסטרעמען — צווישן די העברעאיס־טישע שולן און די יידישיסטישע. די דאָזיקע שולע האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט, אָרגאַניזירט און געפירט דורך אַ קליינער גרופּע מענטשן, אָן פּובליסיטי און אָן טאַראַראַם, — במילא האָבן בלויז ווייניקע געוווּסט וועגן איר בעת איר עקזיסטענץ, און נאָך ווייניקערע ווייסן, אַז זי האָט עקזיסטירט.

איך בין זיך מודה, אַז איך גופא האָב כמעט געהאַט פאַרגעסן וועגן איר עקזיסטענץ. ערשט לעצטנס האָב איך זיך דערמאָנט וועגן איר מיט וואַרעמקייט, און דערפילט, אַז זי פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן. די סיבה פון מיין דערמאָנען זיך איז געווען אַ פשוטע: איינער פון די לערער אין דער „גנעסין־שולע", בריאַנסקי, האָט מיר צוגעשיקט פון ניו־יאָרק אַ קליין בריוועלע: „איך בין געווען אין מאָנטרעאַל. זיך געזען מיט מ. מגידן, גערעדט וועגן אייך און דער־מאָנט זיך די „גנעסין־שולע".

פון די דאָזיקע ווערטער האָט פאַרשמעקט מיט אַזוי פיל טייערע זאַכן! עס האָט פאַרשמעקט מיט היים־שטאָט, מיט יוגנט, מיט פאָלק און פאָלקס־אַרבעט, און מיט טרוימען.

די שטאָט איז חרוב, אַלדאָס יידישע אין איר, דאָס לעבעדיקע איז געטויט און געשענדעט געוואָרן דורך אַ פאָלק היענעס; די יוגנט איז פאַרביי; דאָס פאָלק איז שלאַף, ווי שוין לאַנג נישט אין זיין גע־

שיכטע, און די טרוים־פעאיקייט האָט געענדערט איר ריכטונג: זי פּליט נישט פאָראויס, — אויף צוריק...

דאָס מאָל צו דער גנעסין־שולע.

מיין אָנטייל אין דער גנעסין־שולע איז געווען נישט קיין גרויסער. איך האָב געהערט צו דער איניציאַטיוו־גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ 5־6 מענטשן. די דאָזיקע קליינע גרופּע האָט אויסגעאַרבעט די הויפּט־פּרינציפּן, די אידעאָלאָגישע ריכטונג פון דער שולע. איך האָב אָנטייל גענומען אין באַטראַכטן די גענויע פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם רוח־החיים פון דער שולע — דורך מ. מגיד, וועלכער פאַרנעמט זיך אויך איצט מיט דערציען יידישע קינ־דער אין קאַנאַדע. צום לערער־פּערסאָנאַל האָב איך נישט געהערט. היות איך בין געווען אַן אָפטער איינגייער אין דער שולע, האָב איך איין מאָל פאַרטראָטן אַ לערער און געגעבן איין לעקציע, — גיכער, אַ רעפעראַט — וועגן די נביאים. דער חבר אונזערער פון צעירי־ציון, יהודה נעוואָדאָווסקי (איצט אין אַ קבוצה אין א״י), האָט זיך איינגעהערט הינטער דער טיר (אַ בעלנות פון אַ יונגן הכשרהניק — מיר האָבן דאַן זיך געגרייט צו א״י) און איז געווען שטאַרק צופרידן פון דער לעקציע, אָבער איך — נישט. די קינדער זענען געווען צופרידן, אָבער צוליב גאָר אַנדערע טעמים: איך האָב זיי נישט גע־טשעפּעט און אַליין אויסגעפּילט די לעקציע.

אָבער הגם נישט קיין לערער, בין איך געווען אין דער פאַר־וואַלטונג פון דער שולע און האָב זי באַטראַכט ווי אַן אייגענע זאַך.

* * *

ווי איז די דאָזיקע שולע אַנטשטאַנען?

קאָן זיין, אַז מ. מגיד און אַנדערע וואָלטן געקאָנט גענויער דער־ציילן וועגן דעם, אָבער איך מוז זיך באַגנוגענען מיטן ביסל, וואָס איך געדענק, וויסנדיק אויף קלאָר, אַז מיין זכרון ווייזט דאָ אויף בלויזן.

אויף וויפיל איך געדענק, האָט אויפן דאָזיקן פּראָיעקט געווירקט דער גייסט פון ברוך ראָזענטאַל, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף אונזער קרייז, אויף מ. מגידן, י. ראַוויטשן (ברוך ראָזענטאַל פלעגט אים אין זיין חסידישן עקסטאַז קלאַפּן אין דער פּלייצע און רופן: ר׳ יעקב! ר־ר־רעב יע־ע־עקב! מיר וועלן נאָך

האָבן נחת פון אייך !...) און אויף מיר. ער האָט אויפגעוועקט אין אונז אַ גרויסן אינטערעס צו די ווערטן פון אַלטן יידנטום. מ. מגיד האָט ערנסט געלערנט מיט אַ רבין גמרא; יעקב ראַוויטש, וואָס פלעגט ווערן באַאיינפלוסט פון אַלעמען, האָט אויך געגומען אַ רבי, אָבער געלערנט ווייניקער; איך, וואָס בין אויך נישט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער דאָך האָב איך נאָך אַביסל געדענקט פון אַמאָל, האָב זיך אויך געקליבן צוצושטיין צו דער גרופּע לערנער, אָבער איך בין געבליבן ביים ווילן. אָבער דאָס איז נישט געווען די איינציקע ווירקונג ראָזענטאַלס. ער האָט אין אונז געשמידט די איבערצייגונג, אַז דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום אין זיין מאָדערנער פאָרם, מוז זיך אָנזאַפּן מיט די זאַפטן פון אונזער אַמאָליקער קולטור, — נישט אוועקוואַרפן די שאָל צוזאַמען מיטן קערן. דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום טאָר נישט באַשטיין בלויז פון פאָרם, נאָר מוז אויך האָבן יידישן אינהאַלט, יידישע קולטור. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג מוז זיין אַ המשך פון אַלטן קולטור־געוועב.

דאָס איז נישט געווען קיין נייעס: דאָס האָבן מיר געוווּסט פון אחד־העמען, פון בובערן, פון משה העסן. אָבער ניי איז געווען דאָס, וואָס די דאָזיקע טעאָרעטישע געדאַנקען האָבן גענומען אויפ־געלעבט ווערן צוריק אין אונזער וועלטלעך־נאַציאָנאַלן קרייז מענטשן, מיט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, ווי ברוך ראָזענטאַל, און מיר האָבן זיך אָנגעשטעקט פון אים. טאַט האָט געבוירן טאַט.

איך געדענק די ערשטע זיצונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער שולע (וויסאָצקים), אויף ליפּאָווע, וו עס איז געווען די קהלה. מיר האָבן אונדזער ציל פאָרמולירט אומגעפער אַזוי:

1) אַ יידישע שולע קאָן נישט יוצא זיין מיט דער יידישער שפּראַך — זי מוז געבן דעם שילער יידישן גייסט. — דער שילער מוז קענען דעם תנ״ך, מדרש און טאַקע פאַרשטיין אויך דעם גייסט פון תלמוד, ער זאָל נישט קוקן אויף דעם, ווי אויף עפּעס טויטס, ווי אויף אַ טויטן באַלאַסט;

2) אַ יידישע שולע קען נישט יוצא זיין בלויז מיט העברעאיש — דער יידישער שילער טאָר נישט פאַרפרעמדט ווערן פון יידישן לעבן, פון דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור;

3) די יידישע שולע מוז זיין אַ צוויי־שפּראַכיקע, — די שולע ווערט געפירט אין יידיש, אין דער לעבעדיקער שפּראַך פון יידישן קינד, אָבער דער שילער פון דער סינטעטישער יידישער שולע דאַרף

נישט נאָר לערנען אַ ביסל העברעאיש, נאָר ער דאַרף פילן, אַז העב־רעאיש איז אויך זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, די שפּראַך פון דער דורות־דיקער יידישער קולטור, און ער מוז זי קענען גוט, ווי אַ שליסל צו די קולטור־אוצרות.

מיט איין וואָרט, די גנעסין־שולע האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון איינזייטיקן, העברעאיסטישן טיפּ שולעס, וואָס פאַרמיאוסן ביי די יידישע קינדער די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, אָבער גלייכ־צייטיק האָט זי זיך אויך אָפּגעגרענעצט פון די עקסטרעמע יידישיסטישע שולעס, וואָס גיבן דעם יידישן קינד צו ווייניק העברעאיש און פאַרפרעמדן אים במילא — שוין נישט רעדנדיק וועגן דער פּראָגראַם, וואָס איז ווייניק קולטור־יידישלעך, וואָס גיט נאָר אַ לעק פון אונדזערע גייסטיקע אוצרות, פון קולטור־המשך.

דאָס איז געווען דער ציל פון דער שולע, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „גנעסין־שולע", ווייל גנעסין איז דעמאָלט געווען אונ־זערער אַ באַליבטער דיכטער: מגיד, ראַוויטש און איך זענען געווען אויסגעבונדן מיט זיינע אייגנאַרטיקע, טיף־דיכטערישע דערציילונגען. מיר האָבן דורכן דאָזיקן נאָמען אָפּגעצאָלט אַ שטיקל פּאָעטישן חוב דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם, איינזאַמען, גרויסן יידישן דיכטער (וועלכער האָט געשריבן אין מוזיקאַלישסטן העברעאיש).

דער פאַרוואַלטער און די פּעדאַגאָגישע נשמה פון דער גנעסין־שולע, איז געווען מ. מגיד, וועלכער האָט זיך געפּאַסט פאַרן דאָזיקן אמט, סיי צוליב זיינע נייגונגען צו פּעדאַגאָגיק, סיי צוליב זיין גלענצנדער קענטעניש פוןביידע שפּראַכן אונדזערע, סיי צוליב זיין קענען און ליב האָבן אונדזער אַלטע און נייע ליטעראַטור. ווי לערערס זענען טעטיק געווען: י. ראַוויטש, ברוך ראָזענטאַלס יינגערער ברודער (זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן), בריאַנסקי און נאָך עטלעכע.

די „גנעסין־שולע" האָט לאַנג נישט עקזיסטירט. אירע טוער און לערערס זענען זיך צעפאָרן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער איז איר פּראָגראַם אויפגעשטאַנען אַ טיילווייזן תחית־המתים אין שול־קולט.

דער ציל פון דער „גנעסין־שולע" קאָן נאָך איצט אויך לייכטן אַלס ציל פאַר אַ יידישער שולע. ער איז נישט נאָר נישט־פאַרעלטערט געוואָרן, נאָר אויך — ליידער — נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

באַזונדערס איז נויטיק אַזאַ שולע איצט, נאָכן חורבן פון אונזער נאַטירלעכן פיזישן און גייסטיקן רעזערוואַר, — נאָכן חורבן פון פּויליש־ליטווישן יידנטום.

9)ווידערשטאַנד־פּרווו אין ביאַליסטאָק מיט קרוב 50 יאָר צוריק

אין 1918, ווען עס איז אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד די רעוואָלוציע, איז אויך אין ביאַליסטאָק, אין בראַניצקיס פּאַלאַץ, נעבן שטאָט־גאָרטן, אויסגעוויילט געוואָרן אַ סאָלדאַטן־ראַט. אָבער די פאַרלוירנקייט, וואָס האָט דאַן אַרומגעכאַפּט דאָס דייטשישע פאָלק, האָט אויך אַרומגעכאַפּט די דייטשישע אַרמיי, און דער סאָלדאַטן־ראַט אין ביאַליסטאָק האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט דער מאַכט, וואָס איז אים פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין די הענט.

ער האָט אָבער געפונען אַ דעמאָקראַטישן אויסוועג: ער גיט איבער די מאַכט איבער דער שטאָט דער פּוילישער באַפעלקערונג (דער מינדערהייט!), אַבי מען זאָל זיי, די דייטשישע זעלנער, נישט טשעפּען.

און כך הוה: דער זעלנער־ראַט האָט איבערגעגעבן די מאַכט — מיט אַ טייל געווער — די ביאַליסטאָקער פּאָליאַקן און איינס־צוויי זענען שוין געשטאַנען אומעטום פּוילישע וואַכן, ציוויל־געקליידעט, אָבער זעלנעריש באַוואָפנט. איך זע נאָך היינט דעם פּוילישן פריזירער פון דער דייטשישער גאַס, ווי ער שטייט מיט דער ביקס אין דער האַנט, גרייט צו נעמען זיך צו די יידן...

די יידן האָבן גלייך דערפילט דעם פאָר־טעם פון שפּעטערדיקן פּערמאַנענטן, 20־יעריקן פּשיטיק.

דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז עטלעכע טעג.

די דייטשן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן אַרויסגעלאָזן פון האַנט דעם וועג, דורך וועלכן עס דאַרפן אָפּטרעטן קיין דייטשלאַנד זייערע אַרמייען פון אוקראַינע. און אין איין שיינעם פאַרמיטאָג האָבן זיך אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן באַוויזן דייטשישע פעלד־יעגערס אין גרינע אוניפאָרמען, מיט קאָקאַרדעס פון אַ שאַרבן מיט טויטן־

ביינער אויף די קיילעכדיקע היטעלעך, מיט האַנט־גראַנאַטן אין די גאַרטלען, און פלינק, ווי טייוולאָנים, האָבן זיי זיך צעשאָטן איבער דער שטאָט צו צוויי, צו צוויי און גיך־גיך אַנטוואָפנט די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן שוין געהאַט איבערגענומען די שטאָט און גענומען באַלעבאַטעווען איבער די יידן אויף זייער שטייגער.

די אויפרעגונג און די שרעק, וואָס האָבן באַהערשט די יידישע באַפעלקערונג, ווען מען האָט זיך דערוווּסט וועגן באַשלוס פונם דייטשישן סאָלדאַטן־ראַט און ווען מען האָט געזען זיינע ערשטע רעזולטאַטן, האָבן גענומען פאַרשווינדן.

אינגיכן האָבן זיך גענומען ציען איבער ליפּאָווע גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער באַן, ריזיקע קאָלאָנעס דייטשישע זעלנער. איך געדענק איין בילד. איך שטיי אויפן ראָג יאַטקע גאַס און קוק אויף דייטשישער קאַוואַלעריע, וואָס ציט זיך אין אומענדלעכע רייען. די רייטער — פון דער זון און פון ווינט אָפּגעברענטע ריזן. און איך שטוין: אָט דאָס זענען רעשטלעך פון אַ באַזיגטער אַרמיי?!

און אָט בלייבט דער קאַוואַלעריע־שטראָם שטיין. און איינער פון די רייטער רופט־צו מיט אַ האַנט־באַוועגונג אַ קוכן־הענדלערין, בויגט זיך אַרונטער, ציט אויס אַ האַנט ווי אַ לאָפּאַטע די גרויס, נעמט עטלעכע קוכנס און באַצאָלט (ס'איז נאָך געווען 1918...) און מיר קומט אין געדאַנק: „געשטאַלטן ווי פון „מתי מדבר", ביאַליקס, — ריזן! מיט אַזאַ אַרמיי פאַרענדיקט מען נישט קיין מלחמה, — מען קאָן זי אָנהויבן...

די דייטשן האָבן שוין געהאַט אַרויסגעפירט זייערע אַרמייען און די מאַכט האָט אַ ליאַדע טאָג געדאַרפט ווידער איבערגיין צו די פּאָליאַקן, וועלכע מיר האָבן געקענט נישט בלויז פון דער מלחמה־צייט, צוליב זייערע צוויי־פּראָנטיקע בלבולים וועגן יידן־שפּיאָנען (דאָ — אַ מסירה דעם רוס, דאָ — אַ מסירה דעם דייטש), נאָר אויך פון פאַר דער מלחמה, פון די יאַגעלאָ־צייטן, און טאָקע פון זייער הער־שאַפט אין משך פון די פאָר טעג אין נאָוועמבער, 1918. איז געבוירן געוואָרן ביי די „צעירי־ציון" דער געדאַנק צוצוגרייטן אַ זעלבסט־שוץ, נישט צו לאָזן שוצלאָז דאָס יידישע ביאַליסטאָק, ווען די שטאָט וועט פולשטענדיק איבערגיין אין די הענט פון די „ריטער־לעכע" פּאָליאַקן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „גענעראַל־שטאַב", אין וועלכן עס זענען אַריינגעגאַנגען עטלעכע געוועזענע יידן־אָפיצירן פון דער רוסי־

שער אַרמיי, ווי אויך עטלעכע אָנפירנדיקע מיטגלידער פון צעירי־ציון (פון זיי געדענק איך בלויז איין נאָמען — י. ראַוויטש).

מען האָט קודם־כּל אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר דער זעלבסטשוץ־אַקציע, — די שטאָט איז צעטיילט געוואָרן אויף אַ געוויסע צאָל ראַיאָנען, און יעדן מיטגליד פון „גענעראַל־שטאַב" איז אָנגעטרויט געוואָרן די אָנפירונג מיט דער פאַרטיידיקונג פון באַטרעפנדיקן קוואַרטאַל.

מען האָט גענומען איינקויפן געווער, רעוואָלווערן און האַנט־גראַנאַטן.

און גאָר אינגיכן האָט מען באַשטימט אַ רעגיסטראַציע פון זעלבסטשוץ־פרייוויליקע. פאַרשרייבן האָט מען זיך געדאַרפט אין לאָקאַל פון צעירי־ציון, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין אַ פראָנטאָוון גרויסן מויער (מיט אַ גרויסן הויף), אויפן צווייטן שטאָק, נישט ווייט פון ווילבושעוויטשעס אַפּטייק.

די מעלדונג וועגן דער רעגיסטראַציע איז, נאַטירלעך, נישט געווען קיין עפנטלעכע, — מען האָט זי פאַרשפּרייט פון מויל צום אויער, און דאָך איז דער לאָקאַל פון צעירי־ציון, ווי אויך דער אַרויף־גאַנג צום לאָקאַל ביז אויף דער גאַס אַרויס, באַלאַגערט געווען פון קאַנדידאַטן צום זעלבסטשוץ. און נישט נאָר די יוגנט איז געקומען זיך רעגיסטרירן, — אויך מיטל־יעריקע מענטשן זענען געקומען מיט אַ הייץ און מיט אַ ברען, וואָס האָט אונדז אַלעמען איבערראַשט. און נישט נאָר מען איז געקומען זיך רעגיסטרירן, — דער עולם האָט געפאָדערט געווער, און טאַקע שוין!

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די געשטאַלט פון אַ חסידיש־געקליידטן הויכן ייד, מיט אַ לאַנגער געלער באָרד, אַ קרעמער, וואָס זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט נאָך מער ווי זיין רויט־באַוואָקסן פּנים, און ער האָט געשטורעמט און געשריען:

— פאַרוואָס האָט מען אַזוי לאַנג געוואַרט ? ! פאַרוואָס האָט מען אונז פריער נישט גערופן ? ! גיט אונדז געווער !...

ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין הויכער פיגור, מיט זיין חסידישער קליידונג (נישט קיין סטאַנדאַרד־קליידונג אין ביאַליסטאָק), מיט זיין רויטער באָרד, און במילא האָט ער זיך איינגעקריצט מער ווי אַנדערע אין מיין זכרון, — אָבער ער איז נישט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געשטורעמט, הגם נישט קיין סך האָבן פאַרמאָגט אַזאַ טעמפּעראַמענט, ווי ער.

דער קאָמיטעט פון צעירי־ציון און דער „גענעראַל־שטאַב" האָבן זיך געפילט פאַרלוירן פון אַזאַ צושטראָם פון פּריוווּיליקע, און מער ווי פאַרלוירן — אַביסל דערשראָקן: די געשרייען וועגן געווער זענען געווען צו־אָפן און צו־הויך.

י. ראַוויטש, — וועלכער האָט נישט בײַ איין געלעגנהייט אַרויס־געוויזן פעאיקייט פון אַ פירער צו באַהערשן אַ סיטואַציע, — האָט גענומען באַרואיקן דעם עולם, ער זאָל זיך רעגיסטרירן, לאָזן די אַדרעסן און גיין אַהיים. געווער וועט מען טיילן, — ווען מען וועט דאַרפן.

— מען וועט אײַך צו וויסן טאָן! — האָט ער גענומען העפלעך, אָבער אַנטשלאָסן אַרויסשטויסן דעם געל־בערדיקן, רעוואָלוציאָנערן קרעמער.

איך בין געווען אויסער זיך: איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאָר־געשטעלט, אַז יידן, קליינבירגערלעכע קרעמער, זאָלן זיך אַזוי רײַסן צום געווער.

— פאַרוואָס, — האָב איך אַ צעפּלאָמטער געשריען, — האָט מען זיי טאַקע נישט גערופן פריער? פאַרוואָס האָט מען נישט אויסגענוצט די גרייטקייט פון עולם צו אָרגאַניזירן זיך פאַר אַ ווידערשטאַנד?

איך האָב דאַן געהאַט אַן אָנשוילעכע לעקציע, וואָס מען קאָן אויפטאָן מיט אַ מאַסע, ווען מען קומט צו איר מיט אַ ריכטיקן לאָזונג אין אַ ריכטיקער צײַט.

די צווישנצײַט צווישן דער געענדיקטער הערשאַפט פון די רוסן און דער אויפן־שוועל־שטייענדיקער הערשאַפט פון די פּאָליאַקן, האָט בײַ די ביאַליסטאָקער יידן (אונטער דעם גלייכבאַרעכטיקטן דײַטשישן יאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה) אַרויסגערופן אַ געפיל פון טראַגיקייט: עס האָט זיך זיי נישט געוואָלט ווידער אַרונטערקריכן אונטער אַ ספּעציפיש־יידישן יאָך.

אין אַ יאָר אַרום איז דאָס שוין נישט מעגלעך געווען: מען איז שוין געווען אונטערן יאָך, און אַראָפּוואַרפן אַ יאָך איז שווערער, ווי נישט לאָזן אים אָנטאָן אויף זיך...

און ווען איך דערמאָן זיך הײַנט וועגן יענעם מאָמענט, גיט אַ שניט בײַם האַרצן פון אַ פּײַנלעכער אַסאָציאַציע: ס'אַ סך שטאַרקער עס וואָלט געווען זײַן דער אָפּרוף אויפן רוף צום קאַמף, ווען ער וואָלט געקומען אין ריכטיקן מאָמענט: נישט בײַם סוף

פון דער ליקווידאַציע פון פּוילישן יידנטום, נאָר ביי איר אָנהויב, אויף איר שוועל...

* * *

די שרעק פון דער זעלבסטשוץ־אָנפירונג איז נישט געווען קיין אומזיסטע.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דער דורכגעפירטער רעגיסטראַציע, אין אַ נאָכמיטאָג, ווען אין לאָקאַל פון צעירי־ציון האָבן זיך געפונען ביי אַן אנדערטהאַלבן צענדליק חברים און חברטעס, איז אין לאָקאַל אַריינגעפאַלן אַ גרופּע שפּאָגל־נייע פּוילישע פּאָליציאַנטן, אין דער באַגלייטונג פון אַ דייטשישער וואַך, וואָס איז געבליבן ביי דער טיר פון אונדזער לאָקאַל.

בראש פון דער פּאָליציי־אָפּטיילונג איז געשטאַנען דער פריש־געקרוינטער פּאָליציי־קאָמיסאַר, דער פּוילישער שוסטער פון ליפּאָווע גאַס, מיט די ברייטע, לאַנגע וואָנסעס, סעמאַדאָרסקי.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרינטלעכע רעוויזיע.

פון אַלע אָנוועזנדיקע אין לאָקאַל געדענקט איך אויף זיכער זיך אַליין, מאַניא זאַבלודאָווסקין (איצט אין ישראל) און גאָלדינען (אין די 20ער אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד). די איבעריקע זע איך ווי דורך אַ נעפּל און אָדער איך געדענק אינגאַנצן נישט זייערע נעמען אָדער איך בין נישט גאַנץ זיכער צי איך געדענק זיי ריכטיק.

דער עולם איז געווען רואיק, אָבער דערדריקט. יעדנס געדאַנקען זענען געווען אין דער קיך, ווו עס איז געהאַט פאַרגעקומען אַ זיצונג פונם „גענעראַל־שטאַב" און ווו עס האָט זיך געפונען, אין אַ פּעטשורקע אויף דער פּליטע — אַ קאַסטן האַנט־גראַנאַטן.

אין די קורצע רגעס, וואָס זענען אַוועק פון דעם טומל: „פּאָליציי גייט!" ביז זייער אַריינקום, האָבן מיר באַוויזן פעסטצושטעלן, אַז דער „גענעראַל־שטאַב" האָט זיך געראַטעוועט דורך דער קיך־טיר, — אָבער וואָס איז געוואָרן מיטן קאַסטן האַנט־גראַנאַטן?

די רעוויזיע איז געווען אַ שטרענגע און אַ גרינטלעכע.

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך געמוזט געפינען אין גרויסן צימער. אָבער דאָרט האָט מען זיך פריי געקאָנט באַוועגן.

כדי נישט צוצולאָזן צו זיך די נערוועזע שטימונג, האָב איך פון מיין מאַנטל־קעשענע אַרויסגענומען דעם הינדוסישן עפּאָס וועגן

בורדא (אין אַ דייטשישער „רעקלאַם"־אויסגאַבע) און גענומען לייענען. מאַניאַ זאַבלודאָווסקי האָט זיך צוגעזעצט צו מיר און נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן איצט לייענען דייטשישע העקזאַמעטערס וועגן „בורדא", בעת די פּאָליציאַנטן מיטן ריזיק־באַוואָנסעטן סעמאַדאָרסקי בראש האָבן אויפן גרויסן טיש אַרויפגעשטעלט אַ קליין טישל און פון דאָרט גרינטלעך רעווידירט דעם הויכן אויוון, וואָס האָט זיך געענדיקט כמעט אונטערן סאַמע מוראַדיק־הויכן סופית.

וואָס גרינטלעכער מען האָט געזוכט, אַלץ מער זאָרג האָבן מיר געהאַט פאַר דער קיך, ווען עס וועט קומען איר ריי רעווידירט צו ווערן.

און ווען די צייט איז געקומען, און די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צו דער קיך, זענען מיר אַלע געבליבן פאַרגליווערט.

אָבער אַלץ איז אַדורך בשלום. שפּעטער האָט קיינער פון אונדז נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווער עס האָט זיי פאַרבלענדט די אויגן, נישט צו זוכן אין דער פּעטשורקע, וואָס ביי דער הינטערשטער וואַנט אירער איז געשטאַנען אַ קאַסטן מיט האַנט־גראַנאַטן, וואָס ווען מען געפינט אים, וואָלט ער געוועז געחתמעט אונדזער אַלעמענס גורל . . .

דאָס האָבן מיר אָבער זיך דערוווּסט שפּעטער. דערווייל, כל־זמן די פּאָליציי איז געווען אין לאָקאַל, האָבן מיר וועגן רעזולטאַט פון דער רעוויזיע אין קיך נישט געקאָנט וויסן...

אָבער אינצווישן האָט זיך אין דרויסן, קעגנאיבער דעם הויז (שאַברינסקים?) צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם. צווישן זיי די טיף־באַאומרואיקטע משפּחות פון די בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געפונען אין לאָקאַל. דורך די גרויסע באַלקאָן־שויבן האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט זיי דורך האַנט־באַוועגונגען.

דערווייל איז עמיצער געלאָפן אינטערווענירן ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און עס איז שוין געווען שפּעטער פאַרנאַכטצו, ווען מיר האָבן דערזען דעם בלינדן דר. גוטמאַן, ווען מען צוויי ציוניסטישע פירערס האָבן געפירט אונטער די אָרעמס.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן זיי זיך אומגעקערט פון אַ דערפאָלגרייכער אינטערווענץ ביי דער פרישער פּוילישער מאַכט (מען האָט דאָך גאָרנישט געפונען!).

נאָך אַ קורצן שמועס פון דער דעלעגאַציע מיט סעמאַדאָרסקין,

איז אַריינגעקומען דער דייטשישער זעלנער, וואָס האָט געהאַלטן וואַך ביי דער טיר, און געגעבן אַ ריטש: „יודען, ראַוס!!!".

אין דאָזיקן אומגעריכטן ריטש איז געווען אַזויפיל טעמפּע אַכזריות, אַז דער אַנדערטהאַלבן צוועלפיק בחורים און מיידלעך, וואָס זענען געשטאַנען ממש אויף דער שוועל פון טויט (בעת דער רעוויזיע אין דער קיך) אויסערלעך רואיקע און אפשר אויך אינערלעך גלייכ־געוויכטיקע, זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ פּאַניק און איינגעהויערטערהייט דורכגעלאָפן פאַרביי דעם זעלנער, אונטער זיין ביקס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ביידע הענט האַלב־אויסגעבויגן, ווי גרייט צו גיין אין אַן אַטאַקע.

שוין דאַן איז מיר אַט דער ווילדער ריטש: „יודען, ראַוס!" אַריין טיף אין די ביינער; איך האָב אינסטינקטיוו דערפילט די ווילדע פּאָטענצן וואָס ליגן אין אים, הגם דער גאַנצער קאָנקרעטער אינהאַלט פון דאָזיקן ריטש האָט זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן ערשט מיט 15 יאָר שפּעטער.

* * *

נאָך דעם בשלומדיקן אויסגאַנג פונם פּאָליציייאישן איבערפאַל, האָט מען גענומען פאַרזיכטיק ליקווידירן דעם קאַסטן האַנט־גראַנאַטן. אַריבערפירן דעם גאַנצן קאַסטן מיטאַמאָל האָט מען מורא געהאַט, — דער לאָקאַל איז מסתמא געווען אונטער אָבסערוואַציע. האָט מען גענומען עטלעכע דרייסטע יאַטן (איך געדענק בלויז דעם עלטערן יאַגוסט) און נעמענדיק צו צוויי גראַנאַטן (צו איינעם אין יעדער הויזן־קעשענע), האָבן זיי דורך אַנגערם גאַס זיי אָפּגעטראָגן אויף באַשטימטע ערטער, ערגעץ־ווו נעבן וואַלד.

* * *

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער פּרווו צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ אין באַנייטן פּוילן.

כל־זמן די ווערסאַלער פּוילישע רעפּובליק האָט געלעבט, האָט מען וועגן דעם נישט געקאָנט שרייבן, אָבער איצט קאָן מען שוין.

אגב, פּיל איך אַ געוויסן חוב אויפצושרייבן די דעראינערונגען וועגן דאָזיקן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, ווייל איך בין פון די געציילטע לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט דעם דאָזיקן היסטאָרישן עפּיזאָד, און אפשר איינער פון די גאָר־גאָר געציילטע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין רעווידירטן לאָקאַל און געדענקען דאָס...

10) צו דער געשיכטע פון „הבימה“

איך ספק, צי נאָך איין באַרימטער טעאַטער אין דער אַלוועלטלע־כער טעאַטער־געשיכטע, האָט אַזאַ גראָען אָנהויב, אַזאַ אומבאַדייטנ־דיקן, ווי די „הבימה“. עס דאַכט זיך מיר אַמאָל, אַז אָט־אָ־דער גראָער אָנהויב איז אַ בכיוונדיקער טריק פון אַ גוטן רעזשיסאָר, וועלכער האָט אַזוי אָרום געוואָלט אונטערשטרייכן דעם שפּעטערדיקן בליענדיקן גלאַנץ פון דאָזיקן טעאַטער.

איין מאָמענט — אַ קליינעם, אַן אומבאַדייטנדיקן, אָבער אַ כאַראַקטעריסטישן — פון דאָזיקן אָנהויב וויל איך דאָ פאַרצייכענען.

אין גראָען ביאַליסטאָק האָט געלעבט אַ לערער פון העברעאיש — נ. צמח. און דעם דאָזיקן מלמד — ווי מען פלעגט ביי אונז רופן מיט ביטול די העברעאישע לערערס, — האָט געצויגן צו טעאַט־ראַלער קונסט. אַ מענטש פון שטאַרקן ווילן, האָט ער אָרגאַניזירט אַ קרייז ליבהאָבער און געשפּילט טעאַטער. איך געדענק נישט, אַז זיין ליבהאָבער־טרופּע זאָל האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די ביאַ־ליסטאָקער. דער בעסטער באַווייז איז טאַקע דער עפּיזאָד, וועלכן איך וויל דאָ דערציילן.

איין מאָל, אין אַ שפּעטן זומערדיקן נאָכמיטאָג, שטעלט מיך אָפּ אין גאַס נ. צמח, וועלכן איך האָב געקענט פון דער וויטנס, און לייגט מיר פאָר אַ „דזשאָב“, ווי מען וואָלט היינט ביי אונז געזאָגט.

וואָסי? היות ער קלייבט זיך פאָרן קיין ווין אויפן קאָנגרעס, כדי צו שפּילן העברעאישן טעאַטער, און ער נויטיקט זיך אין אַ סופליאָר, לייגט ער מיר פאָר איך זאָל ווערן אַ סופליאָר ביי זיין ליבהאָבער־טרופּע אויף דער צייט פון דעם טורנע.

איך קען נישט זאָגן מיט זיכערקייט, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז ערשט אַ דאַנק דעם דאָזיקן פאָרשלאָג איז מיר באַקאַנט געוואָרן דער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון צמח׳ס טרופּע.

איך קאָן זיך עד־היום נישט אָפּגעבן קיין קלאָרן דין־וחשבון, פאַרוואָס איך האָב אָן שום פאַרטראַכטן זיך אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן גאָרנישט שלעכטן פאָרשלאָג. אמת, עס האָט מיך קיינמאָל נישט געצויגן צו דעם הינטער־קוליסן־טייל פון טעאַטער; און צום ווינ־ציקסטן האָט מיך געקאָנט לאָקן די ראָל פון אַ סופליאָר, אָבער פון דער צווייטער זייט — אַ רייזע קיין ווין, צום קאָנגרעס, אַ טורנע

איבער עסטרייך! און דאָך האָב איך תיכף אָפּגעזאָגט מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט. ווייזט אויס, אַז צמח׳ס טעאַטער איז שוין געווען צו אומפּאָפּולער, איך האָב נישט געהאַט קיין מינדסטן צוטרוי צו אים.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן, — אַ טאָקע אויף נײַ־וועלט, ווו מיר האָבן דאַן געוווינט און ווו צמח האָט מיך געכאַפּט, — אַ פּאַרמעלער קאַמף. איך האָב כסדר איבערצייגט צמח׳ן, אַז איך טויג זיך נישט פאַר אַ סופליאָר, בפרט אין אַ העברעאישן טעאַטער: איך קען אַזוי ווייניק העברעאיש, איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ אַרבעט נישט געטאָן. און צמח האָט זיך געהאַלטן שטאָל־און־אייזן ביי זיינס: ער ווייס, אַז איך קען גוט העברעאיש, זיין אַ סופליאָר איז נישט קיין גרויסע תורה, ער וועט מיך שוין אויסלערנען.

לויט דער עקשנות, מיט וועלכער צמח האָט זיך געהאַלטן ביי זיין זיבעצניאָריקן קרבן, נעם איך אָן, אַז איך בין נישט געווען דער ערשטער, צו וועמען ער האָט זיך געווענדט, און אויך נישט דער ערשטער, וואָס האָט זיך פון דעם פאָרשלאָג אָפּגעטרייסלט.

ווי ווייט עקשנותדיק ער איז צוגעשטאַנען צו מיר, נעם איך נישט נאָר פון זכרון, נאָר אויך פון דעם פאַקט, וואָס איך האָב זיך געזען געצוווּנגען צוצושטעלן אים אַ צווייטן קאַנדידאַט, כדי זיך צו באַפרייען.

נאָך אַ לאַנגער שפּאַרעניש צי איך טויג צי איך טויג נישט, גיט מיך צמח אַ פרעג:

— איז אויב איר ווילט נישט, קענט איר מיר אפשר רעקאָמענדירן אַ צווייטן?

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דאָזיקן רעטונגס־פּאָרשלאָג:

— געוויס, איר דאַרפט זיך ווענדן צו משהלע זאַבלודאָווסקי, דעם אמתן קענער פון העברעאיש, אָט ער איז אָנגעמאָסטן פאַר אייך.

— איר ווייסט ווו ער וווינט?

— קומט.

און מיט דער גרעסטער גרייטקייט האָב איך אים אַוועקגעפירט אויף פּאָוואָנטשיזנע, קעגנאיבער דער רוסישער צערקווע, ווו זאַבלודאָווסקי האָט געוווינט. כ׳האָב צמחן צוגעפירט צו די פינצטערע קרומע טרעפּ אין הויף (ס׳איז שוין געווען טיפער פאַרנאַכט) און נישט

ווארטנדיק ביז ער וועט אראָפּקומען צוריק, בין איך שנעל אַנטלאָפן אהיים: זיך געראַטעוועט פון אַ געפאַר!

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז משהלע זאַבלודאָווסקי האָט אויך נישט אָנגענומען דעם פּאָסטן (משה זאַבלודאָווסקי איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די בעסטע און באַליבטסטע לערער פון העברעאיש און תנ"ך אין דער ביאַליסטאָקער העברעאישער גימנאַזיע), — ס'האָט אים אויך נישט געצויגן קיין ווין אַלס סופליאָר פון אַ טרופּע, וואָס קיינער האָט זי נישט געקענט און קיינער האָט אויף איר נישט געלייגט קיין האָפענונגען.

ערשט אין אַ 8־9 יאָר אַרום, ווען פון באָלשעוויסטישן מאָסקווע האָבן געגומען אָנקומען מאָדנע ידיעות וועגן אַ העברעאישן טעאַטער (אונטער צמח'ס אָנפירונג), וואָס באַזיגט די הערצער און באַהערשט די מוחות; ערשט אין אַ 17־18 יאָר אַרום, ווען „הבימה" איז געקומען קיין פּוילן און האָט אַלעמען פאַרבלענדט מיט אירע וואונדערלעכע פאָרשטעלונגען, — ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין יענעם זומערדיקן אָוונט, ווען נ. צמח האָט מיט אַזוי פיל מי געזוכט אַ סופליאָר פאַר זיין טעאַטער, האָט ער זיך געגרייט צו אַ רייזע, וואָס האָט איינגענומען די וועלט פון דער טעאַטראַלער קונסט.

און ווען איך האָב געלייענט בן־אַרים בוך וועגן „הבימה", ווו עס ווערט אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט די „עבודה"־אַרטיקע אַרבעט פון דאָזיקן טעאַטער, האָב איך באַדויערט, וואָס איך האָב נישט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו ווערן אַ סופליאָר פון צמח'ס ליבהאָבער־טרופּע. אין דעם גרויסן יאַריד פון דער וועלט — אפילו פון איר קונסט, — איז דאָ אַזוי פיל טומל און אַזוי ווייניק „עבודה"; און עס וואָלט אַ גאַנץ לעבן געווען געוואַרעמט דאָס געפיל, אַז איך האָב זיך באַטייליקט כאָטש אַלס ציגל־לייגער ביים אויפבוי פון דעם „הבימה"־אַפּאַראַט.

11) מיינע ביאַליסטאָקער ביבליאָטעק־קאַמפן

אַ קורצע הקדמה

אָנהויב 1938 (אָדער אפשר סוף 1937), האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק אין ביאַליסטאָק, איך זאָל שרייבן אַן ארטיקל פאַר זייערן אַ יובל־בוך, וואָס זיי גרייטן צו צום דרוק.

איך האָב פאַר זיי אָנגעשריבן אַ גרויסע ארבעט: „מיינע ביאַליסטאָקער ביבליאָטעק־קאַמפן". דאָס דערשיינען פונם יובל־בוך האָט זיך פאַרשפּעטיקט און אין אָקטאָבער 1939, ווען איך בין געקומען קיין ביאַליסטאָק — פון קאָוועל — אויף מיין וועג קיין ליטע, בין איך אריין אין דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק איז נאָך דאָן, דעם 6טן אָדער 7טן אָקטאָבער, נישט געווען באַזעצט דורך אַ סאָוויעטישן קאָמיסאַר, און חיים לעווינסקי, דער פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק, האָט מיט מיר גערעדט וועגן דעם יובל־בוך, וואָס וועט שוין נישט דערשיינען.

אינמיטן שמועס מיט אים האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין מיין ארטיקל איז באַשריבן אויך דער גורל פון די ביאַליסטאָקער ביבליאָטעקן בעת דער קורצער באָלשעוויסטישער הערשאַפט אין 1920. האָב איך געבעטן לעווינסקין ער זאָל מיר ארויסגעבן אויף אַ טאָג מיין מאַנוסקריפּט, איך זאָל אים קאָנען אָפּערירן פון דער נישט כשרער שטעלע.

הגם נישט גערן, האָט ער מיר צוליב געטאָן. כ'האָב איבער־געלייענט דאָס ארטיקל, געפונען די שטעלע — געפערלעך ביז גאָר!

כ'האָב די פּאָר זייטלעך אויסגעשניטן; כ'בין געזעסן אַ גאַנצן אָוונט און זיך געמיט צו פאַרלאַטען דעם בלויז אַזוי, מען זאָל אים נישט דערקענען.

נאָך דער שווערער אָפּעראַציע פון קאַסטרירן אַן אייגן קינד, האָב איך זיך צוגעזעצט צום ראַדיאָ און זיך דערוווּסט, אַז ווילנע גייט איבער אינגיכן צו קאָוונער ליטע. כ'בין אויף שנעל אָפּגע־פאָרן קיין ווילנע, כדי נישט דאַרפן שמוגלען קיין גרעניץ.

דאָס אָפּערירטע ארטיקל איז איבערגעבליבן ביי מיין שוועס־טער, און צוזאַמען מיט אַלע מיינע נאָנטע, מיט אַלע ביאַליסטאָקער

יידן איז אומגעקומען אויך דער מאַנוסקריפּט „מיינע ביאַליסטאָ־קער ביבליאָטעק־קאַמפן".

באַקומענדיק איצט אַן איינלאַדונג צו שרייבן פאַר דער יובילייִ־אויסגאַבע פון „ביאַליסטאָקער לעבן", איז מיר אַלס ערשטע טעמע, געקומען אין געדאַנק „מיינע ביאַליסטאָקער ביבליאָטעק־קאַמפן".

און זי האָט שוין קיין צווייטע נישט צוגעלאָזט.

מיין קאַמף פאַר אַ העברעאישער ביבליאָטעק

טראַכט איך וועגן מיין לעבן, מוז איך נעמען גלויבן אין באַשערטקייט: מיר איז באַשערט געווען שוין פון קינדווייז אָן צו פירן אַ קאַמף פאַר ביכער, — אויב נישט ווי אַ קריטיקער, איז ווי אַ קולטור־טוער און ביבליאָטעק־פאַרוואַלטער.

מיין ערשטער קאַמף פאַר אַ ביבליאָטעק איז פאָרגעקומען אין מיין גאָר פריער קינדהייט.

די ציונים האָבן אויף ניקאָלאַיעווסקי, נעבן דער בריק, טיף אין אַ הויף, געהאַט אַ העברעאישע ביבליאָטעק. איך פלעג דאָרט נעמען די וואונדערבאַרע ביכעלעך פון כל אגדות ישראל, וואָס פלעגן מיך באַצויבערן מער ווי אַלע איליאַדעס און אָדיסייעס אין דער וועלט; איך פלעג דאָרט נעמען די „נצנים" (אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט).

באַזונדערס האָב איך ליב געהאַט צו בייטן ביכער דאַן, ווען עס פלעגט שטיין, ביי דער זייט פון דער ביבליאָטעקאַרין, אַ הויכער, מאָגערער „רעאַליסט" (אַ שילער פון דער רעאַל־שולע), מיין שפּע־טערדיקער פריינט ד"ר בראַמסאָן, און געבן עצות די קינדער וואָסער בוך צו נעמען מיט אַ שעמעוודיקער האַרציקייט, וואָס פלעגט צוציען צו אים מיין קינדיש האַרץ.

גאָר ליב איז מיר דידאָזיקע ביבליאָטעק געוואָרן אַ דאַנק פאָלגנדיקן צופאַל.

מיין צווייטער רבי, אַ ייד מיט אַ הילצערנער פוס, וועלכער האָט געוווינט עק ניי־וועלט, נאָענט צו ביאַליסטאָטשאַנער גאַס, איז אַראָפּ פון זינען.

שוין נאָך מיין פאַרלאָזן זיין חדר, פלעגן סיי דער רבי, סיי די רביצין (אַ שטילע, איידעלע פרוי), קומען צו מיין מוטער נאָך איינגעמאַכטס, נאָך אַ ביסל געלט און סתם כדי אויסצוויינען דאָס ביטערע האַרץ.

ווען איר מאַן איז משוגע געוואָרן, איז די רביצין געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי אונדז. און אויך דער רבי פלעגט קומען און אָנטאָן צרות.

דער רבי איז פלוצלונג געשטאָרבן. אין טאָג פון דער לויה האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צו אים אין שטוב און צוגעלייגט אַן אויער צום אושאַק פון דער טיר — נאָר אויף אַזאַ אופן, האָב איך געוווּסט, קאָן מען הערן דעם געשריי פון טויטן (און אַז טויטע שרייען מוראדיק ביז צו דער קבורה, האָב איך געוווּסט אויף זיכער).

און בייטאָג זענען מיר, עטלעכע קינדער, מיטגעפאָרן צו דער לויה. ס׳איז געווען איינע פון די גרעסטע שניי־זאַווייעס, וואָס איך געדענק אין מיין לעבן. הימל און ערד האָבן זיך אויסגעמישט. דער ווינט האָט געשמיסן דעם פאַלנדיקן שניי אין פנים און פאַר־האַקט דעם אָטעם. און אינם געוואָי פונם ווינט האָב איך געהערט דעם טויטנס געשריי (ווי ער פלעגט שרייען אין זיין משוגעת, קלאַפּנ־דיק דערביי אין טיש מיט זיין אָפּגעשפּיליעטן הילצערנעם פוס), — אַ געשריי, וואָס איך האָב אים פאַרפעלט צו הערן דורכן אושאַק.

אין שפּעטן נאָכמיטאָג, אויפן וועג אַהיים פון באַגנוווקער בית־עולם, בין איך אַראָפּ נעבן דער ביבליאָטעק און אַריין אַהין ביטן אַ ביכל. כ׳האָב דאָרט געטראָפן דעם הויכן, מאָגערן „רעאַליסט״, און די וואַרעמקייט, וואָס האָט אַרומגענומען נאָך דער מוראדיקער זאַווייע, סיי פונם פלאַקערנדיקן אויוון, סיי פון די ביכער, סיי פונם „רעאַליסטס״ האַרציקייט, איז געווען אַזאַ קאָנטראַסט צום קאַלטן ווינט פון פרייען באַגנוווקער פעלד, אַז די ביבליאָטעק איז זייט דאַן געוואָרן מיין ליבסטער ווינקל אין גאַנץ ביאַליסטאָק.

און פלוצלונג איז די דאָזיקע ביבליאָטעק פאַרשוווּנדן. די ביכער, האָט מען מיר דערציילט, ליגן פאַרפּאַקט אין קאַסטנס ערגיץ אין אַ שפּייכלער, ביי אַ חשובן ציוני.

ווען עס איז מיט יאָרן שפּעטער געשאַפן געוואָרן די גרופּע „צעירי־ציון״, פלעגט דער קאָמיטעט אָפט ריידן וועגן דער נויטיקייט

צו עפענען צוריק די ביבליאָטעק. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז איך און נאָך איינער (דאכט זיך אז ירוחם לעווין ע"ה), זענען דעלעגירט געוואָרן צו די ציונים, צו פאָדערן ביי זיי אָדער זיי אַליין זאָלן צוריק עפענען די ביבליאָטעק אָדער זיי זאָלן אונדז, דער יוגנט, איבערגעבן די ביכער.

איך געדענק שוין נישט ווו די זיצונג פון ציוניסטישן קאָמיטעט איז פאָרגעקומען, — איך געדענק נאָר אַ גרויסן, זייער גרויסן צימער; אַרום אַ טיש זיצן אַ סך — אפשר ביי אַ מנין — יידן, פון וועלכע איך געדענק צום בעסטן דעם ד"ר זימאַן; און איך האַלט אַ רעדע, וואָס וואַלט זיך געפּאַסט, לויט דער לײַדנשאַפטלעכ־קייט און לויט דער שאַרפקייט פון די ווערטער פאַר אַ וואַל־מיטינג. איך האָב אַטאַקירט זייער פּאַסיוויקייט פאַר נישט עפענען צוריק די ביבליאָטעק און פאַר זייער ענגהאַרציקייט, וואָס זיי ווילן נישט אָפּ־געבן די ביכער טעטיקערע פאַר זיין; איך האָב געשריגן, אַז עס איז אַ פאַרברעכן צו האַלטן ביכער אין קאַסטנס און לאָזן זיי פוילן אין אַ שפּייכלער; איך האָב זיי געזידלט, אָנגערופן זיי „בטלנים", „פאַר־פוילטע נשמות" און געפאָדערט איבערצוגעבן אונדז, די „צעירי־ציון", די ביכער.

איך געדענק נישט, נאַטירלעך, גענוי מיין רעדע, אָבער איך זע נאָך איצט, ווי אַלע קאָמיטעט־מיטגלידער זיצן און קוקן זיך איבער

די ביבליאָטעק האָבן מיר נישט באַקומען. דער ערשטער קאַמף מיינער פאַר אַ ביבליאָטעק האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. דער איינציקער רעזולטאַט איז געווען, וואָס ד"ר זימאַן, אונדזער הויז־דאָקטאָר, האָט גלייך ביים ערשטן וויזיט זיינעם צו אונדז, דערציילט דער מוטער מיינער ע"ה, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. די אַטאַקע מיינע איז געווען אַזוי אומדערוואַרט און שאַרף, אַז דאָס האָט ביי אים, ווי ביי די איבעריקע, מסתמא, — נישט אַרויסגערופן קיין כעס, נאָר איבערראַשונג, פאַרווונדערונג.

ד"ר זימאַן וועלכער האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ ניצוץ פון ד"ר כאַזאַנאָוויטש, האָט שוין זייט דאַן קיין איין מאָל נישט פאַרפעלט ,ביים באַזוכן אונדזער שטוב, צו ריידן מיט התפעלות וועגן מיין אָנגריף.

— ער האָט דאָך אונדז געזידלט! ער האָט געשריגן אויף

אונדז „בטלנים", „פארפוילטע נשמות". איר הערט? אוי, האָט ער זיך געזידלט!

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיין טעמפּעראַמענט האָט זיך דורכגעבראָכן אויפן געזעלשאַפטלעכן באָדן. און דאָס איז געווען אין קאַמף פאַרן בוך.

מיין פלירט מיט דער ביבליאָטעק פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע

מיט די ביבליאָטעקן פון קאַופמאַן, אויף ניקאָלאַיעווסקי גאַס, און פון אברהם קאָטיק, קעגנאיבער דער צערקווע, בין איך געווען אין שלעכטע באַציאונגען. קיין קאָמפּן האָב איך מיט זיי נישט געפירט — דאָס זענען דאָך געווען פּריוואַטע ביבליאָטעקן; אָבער ליב האָבן האָט מען זיי נישט געקאָנט: אין רעכטן מיטן פון דיקענסעס „דייוויד קאָפּערפילד" (אין רוסיש), פלעגן פעלן צענדליקער זייטן און אַלע אָנשטרענגונגען מיינע צו דערגאַנצן, מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע, די פעלנדיקע זייטלעך — פלעגן מיך נישט באַפרידיקן.

האָב איך זיך איינגעבעטן ביי באַקאַנטע, מיטגלידער פון דעם האַנדלס־אָנגעשטעלטן־פאַראיין, זיי זאָלן פאַר מיר אויסאַרבעטן דאָס רעכט צו נעמען ביכער אין זייער פאַראיין־ביבליאָטעק.

און איך האָב באַקומען דאָס דאָזיקע רעכט.

די ביבליאָטעק, די בעסטע אין שטאָט צו יענער צייט, האָט זיך געפונען אין הויף פון דער האַנטווערקער־שולע.

די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אין לעצטן מויער פון ריזיקן הויף (ווו עס האָט זיך שפּעטער געפונען די יידישע קהילה, די „גנעסין־שולע", די ערשטע הכשרה־גרופּעס פון דער ציוניסטישער יוגנט). דאָס גיין אהין אין אָוונט, ווען די ביבליאָטעק האָט פונקציאָנירט, איז געווען פאַר מיר אַן איבערלעבונג.

די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען נישט נאָר אין לעצטן מויער, — אויך אויפן לעצטן שטאָק. און די טרעפּ זענען געווען מוראדיק ברייט און די שטאָקן — מוראדיק הויך, און די קאָרידאָרן אויף יעדן שטאָק — אומהיימלעך טיף און גרויס, און יעדער טראָט מיינער האָט אָפּגעהילכט ווייט און הויך, — און דער אָפּהילך פון

יעדן טראָט פֿלעגט אָפּהילכן אין קינדישן הערצל. און אויף צוריק־וועגס פֿלעגט טרעפּן גאַנץ אָפֿט, אַז לויפֿנדיק שנעל, מיט אימה, פֿון די טרעפּ, פֿלעג איך פֿאַרביילויפֿן דעם אַרויסגאַנג און אַראָפּלויפֿן צו די קעלערס, וווהין ס׳האָבן געפֿירט די זעלבע ברייטע טרעפּ, אַ פֿאַרלענגערונג פֿון די שטאָקן. און אַמאָל פֿלעג איך לויפֿן־פּלאָטערן עטלעכע מאָל, אַרויף און אַראָפּ, פֿאַרפּלאָנטערט אין אימה, ווי אין אַ פֿאַנג־נעץ פֿון אַ בייזוויליקן כּח, און ווען כ׳פֿלעג ענדלעך אַרויסלויפֿן אויפֿן הויף, פֿלעג איך זיין באַגאָסן מיט שווייס.

איך האָב דאַן נישט געוווּסט, אַז דאָס איז בלויז אַ פֿאַר־געשמאַק פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט אין דער ממשלה פֿון בוך, — אַ געפֿאַנגענשאַפֿט, פֿון וועלכער איך וועל שוין קיינמאָל נישט אַרויס.

איך האָב דאָס דאַן נישט געוווּסט, און כ׳פֿלעג לויפֿן איבערן ריזיקן הויף צו דער גאַס צו, אַהיימצו, ווי אַ באַפֿרייטער פֿון אַ טויט־געפֿאַר.

איך האָב נישט געוווּסט דאַן, אַז דאָס איז אַ וואָרענונג פֿון גורל, אַ נישט־פֿאַרשטאַנענע וואָרענונג.

* * *

דער ביבליאָטעקאַר איז געווען אַ דיקלעכער מענטש (צי האָט ער אַמאָל נישט געהייסן קאָך?), מיט אַ רונד גרוי בערדעלע איבערן פֿולן געזיכט. די ביבליאָטעק איז געווען אַ גרויסע און גוט־אויפֿ־געפּאַסטע, מיט גוטע קאַטאַלאָגן. איך אָבער האָב די קאַטאַלאָגן פֿיינט געהאַט, — דאָס איז געווען אַ מין טויטער סוראָגאַט (ערזאַץ) פֿאַר די לעבעדיקע ביכער. און איך פֿלעג אַריבערקוקן איבער דער אָפּצאַמונג אין ביכערלאַגער אַריין און עסן מיט די אויגן די ביכער, ווי וועלנדיק אַריינדרינגען אין זיי, אינעווייניק.

כ׳פֿלעג בעטן איין בוך נאָכן צווייטן, עפֿענען זיי, אַרומלויפֿן איבער די לעבעדיקע זייטלעך מיט די אויגן און אָפּגעבן צוריק פֿיל מאָל, ביז עס פֿלעגט מיך אַ צי טאָן צו איינעם פֿון די דערלאַנגטע ביכער.

איינמאָל האָט מיר דער ביבליאָטעקאַר אַריינגערופֿן צו זיך אין הייליקטום, איך זאָל אַליין אויסקלייבן אַ בוך. זייט דאַן בין איך פּטור געוואָרן פֿון די קאַטאַלאָגן, — כ׳פֿלעג אַרומגיין לענגאויס

די פּאָליצעס, קריכן אויפן לייטער, אַרויסנעמען און צוריק אַריינ־שטעלן ביכער און טרעפן די, וואָס איך האָב זיי באַדאַרפט.

איך געדענק נישט איך זאָל ווען האָבן גענומען אַ באמת שלעכט בוך.

איינמאָל, ווען אַ לייענער האָט פּראָטעסטירט, פאַרוואָס מען לאָזט אים נישט אַריין אין ביכערלאַגער, האָט דער ביבליאָטעקאַר געענטפערט, ווייזנדיק אויף מיר:

— ער זוכט תמיד אויס גוטע ביכער, — אים מוז איך אַריינ־לאָזן אינעווייניק.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, וואָס דער דאָזיקער געלאַסענער און שווייגנדיקער מענטש האָט גערעדט וועגן מיר און צו מיר, — אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז שווייגנדיקער־הייט גיט ער אַכטונג אויף מיין לייענען, אויף דעם הויפּטקוואַל פון מיין אויסבילדונג. און איך דערמאָן זיך תמיד אָן דאָזיקן מענטשן מיט אַכטונג און דאַנקבאַרקייט, — ער האָט מיר געטאָן אַ סך גוטס און פאַרשאַפט אַ סך פרייד.

מיין קאַמף פאַר אַ מוסטער־ביבליאָטעק

ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז מיין סאַמע ערנסטער ביבליאָטעק־קאַמף וועט זיך אָפּשפּילן אויפן זעלבן הויף און טיילווייז אין זעלבן מויער, וווּ מיין האַרץ האָט אַזוי אָפט שטאַרק געקלאַפּט פון פרייד — אין דער נאָענטער געזעלשאַפט פון טויזנטער ביכער — און פון אימה — אויף די ברייטע טרעפּ און אין די ריזיקע קאָרידאָרן פון אַ קהלשער געביידע?

ווען די באָלשעוויקעס זענען אין 1919 אַריין קיין ביאַליסטאָק, האָבן זיי אויך באַשלאָסן איבערצונעמען די שטאָטישע ביבליאָטעקן, — מאַכן פון אַלע ביבליאָטעקן איין צענטראַלע ביבליאָטעק. זיי האָבן, ווי זייער שטייגער איז, פריער ליקווידירט די עקזיסטירנדיקע און זייערע ביכער אַוועקגעפירט אין לאַסט־אויטאָס און זיי אַנגע־וואָרפן אויף אַ בוידעם פון זעלבן מויער, וווּ ס׳האָט זיך אַמאָל געפונען די ביבליאָטעק פון די האַנדלס־אַנגעשטעלטע.

היות די באָלשעוויקעס זענען אינגיכן אַנטלאָפן, איז נאָך זיי

געבליבן נישט קיין צענטראַלע ביבליאָטעק, נאָר אַן אָנגעוואָרפּענער באַרג ביכער און שימות.

די יידישע קהלה, אויף וועמעס הויף עס האָט זיך געפונען דער באַרג ביכער, האָט באַשלאָסן צו גרינדן — אין איר פּאָדערשטן בנינדל, ווו די קהלה־קאַנצעלאַריעס האָבן זיך געפונען — אַ קהלה־ביבליאָטעק. און איך בין איינגעלאַדן געוואָרן אויפצושטעלן די ביבליאָטעק און אָנפירן מיט איר.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט ברען, ווייל איך האָב באַשלאָסן צו שאַפן אַ ביבליאָטעק פון גאָר אַ ספּעציעלן מין: אַ „קולטור־ביבליאָטעק", ווי איך האָב זי אַ נאָמען געגעבן.

שוין ביי דעם ערשטן טריט, ביים סאָרטירן אויפן בוידעם די ביכער און ביים אַראָפּשלעפּן זיי אונטן, האָב איך געאַרבעט לויט אַ פּלאַן: ביכער, וועלכע האָבן, לויט מיין מיינונג, אַ קולטור־ווערט, זענען אָפּגעלייגט געוואָרן באַזונדער, און ביכער, וועלכע האָבן, לויט מיין מיינונג, אַ ווערט בלויז פון ליטעראַטור־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט, האָב איך אויך געלייגט באַזונדער. און איך האָב געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן אויך צוויי סאָרטן קאַטאַלאָגן. איין קאַטאַלאָג פאַר די לייענער, וואָס נעמען נאָר קולטור־ביכער, און אַ צווייטן, אַ פולן, פאַר מענטשן, וואָס ווילן שטודירן ליטעראַטור אָדער אַנדערע געביטן פון הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן, און פאַר זיי איז יעדע שמאַטע אינטערעסאַנט און אַמאָל אויך וויכטיק.

ביים צונויפשטעלן די קאַטאַלאָגן האָט מיר אַ סך געהאָלפן דער יונגער ווינדאַרטשיק, דער „טאָלסטאָוועץ", וועלכער האָט געליטן אויף דער קראַנקהייט פון הייליקן ווימ. חוצדעם האָב איך גע־גרינדעט, פון דער מיטלשול־יוגנט, אַ קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט העלפן נישט נאָר ביים קאַטאַלאָגירן די ביכער, צו דעזשורירן ביים בייטן ביכער און אין לייענזאַל, נאָר זי האָט אויך באַדאַרפט זיין דער קערן פון מיינעם אַ ברייטערן עקספּערימענט: צו שאַפן ביי דער ביבליאָטעק אַ מין קליינעם פאָלקס־אוניווערזיטעט. איך האָב באַשלאָסן איינצואָרדענען ביי דער ביבליאָטעק רעפעראַטן, וואָס זאָלן דער עיקר באַשטימט זיין פאַר די לייענער פון דער ביבליאָ־טעק.

איך האָב דורכדעם געוואָלט איינשטעלן אַן ענגערן קאָנטאַקט צווישן דעם פאַרוואַלטער, די לייענער און דער גרופּע יוגנט, וואָס איך האָב גרופּירט אַרום דער ביבליאָטעק, און אַזוי אַרום קאָנען

דערגרייכן מיין ציל, אַז די לייענער זאָלן נישט נעמען ביכער אויף בלינד, נאָר לויט אַ סיסטעם און דערביי זאָל דער פּאַרוואַלטער, ד.ה. איך, נישט דאַרפן שטיין כסדר לעם די קאַטאַלאָגן און דעם ביכער־אַרויסגעבער, נאָר אויך מיטגלידער פון דער יוגנט־גרופּע זאָלן קאָנען מיט דער צייט דיזשורירן און העלפן דעם לייענער ביים אויסוויילן פּאַסיקע ביכער.

די רעפעראַטן ביי דער ביבליאָטעק האָבן געזאָלט געטיילט ווערן אויף צוויי מינים: אויף ליטעראַרישע רעפעראַטן און אויף אוידיטאָריעס פאַר די לייענער, ווו מען זאָל ריידן וועגן בוך בכלל און וועגן קאָנקרעטע ביכער בפרט (לויטן פאַרלאַנג פון די לייענער). מיט איין וואָרט, איך האָב געשטרעבט דערצו, אַז די ביאַליסטאָקער קהלה־ביבליאָטעק זאָל ווערן נישט נאָר אַ מעכאַנישע אינסטיטוציע, וואָס קויפט איין ביכער און גיט זיי אַרויס דעם, ווער עס צאָלט איין חודש־געלט, נאָר אַ קולטור־אינסטיטוציע, אַ דערציאונגס־אַנשטאַלט פאַרן לייענער. איך האָב זיך באַטראַכט נישט נאָר ווי אַ פּאַרוואַל־טער פון עטלעכע טויזנט ביכער, נאָר ווי אַ דערציער פון עטלעכע הונדערט לייענער.

די עטלעכע אוידיטאָריעס, וואָס איך האָב באַוויזן איינצו־אָרדענען, האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג.

ווען איך וואָלט געהאַט די ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן" פון די יאָרן 1921—1922, וואָלט איך געוועזן געקאָנט, לויט די נאָטיצן און באַריכטן, אָנגעבן אַלע טעמעס; אָבער אויך די טעזיסן פון די רעפעראַטן זענען געבליבן אין מיין וואַרשעווער פאַרלוירענעם אַרכיוו. וועגן איין רעפעראַט געדענק איך בלויז, אַז ער האָט באַ־האַנדלט די שטרעמונגען פון דער מלחמה־ און נאָך־מלחמה־ליטע־ראַטור אין אייראָפּע; אַ צווייטע טעמע האָט באַהאַנדלט דעם פּרץ־מאַרקישיזם אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער גאָר קלאָר געדענק איך מיין ערשטן רעפעראַט, דעם אַריינפיר־אָוונט צו דער קולטור־טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק און צו דער לייענער־אוידיטאָריע. דער נאָמען פון רעפעראַט איז געוועזן „די ביבליאָטעק — ווי אַ קולטור־אינסטיטוציע". אַ קיצור פון דאָזיקן רעפעראַט האָב איך אָפּגעדרוקט אין „דאָס נייע לעבן" א.נ. „דאָס בוך". און אין עט־לעכע יאָר אַרום האָב איך אָט דעם רעפעראַט באַאַרבעט און אַרויס־געגעבן אין אַ קליינער בראָשור א.נ. „קולטור און בוך".

איך האָב געזאָגט (אינם קיצור פון מיין רעפעראַט „דאָס בוך״):

„...די ביבליאָטעק דאַרף ווערן דער קולטור־אַנשטאַלט, וואָס העלפט דעם בוך זיך אויסלעבן, וואָס העלפט שאַפן די מאָדערנע קולטור, ווייל קולטור איז נישט קיין פּועל יוצא פון אַ באַשטימטן פּרט. קולטור איז אַן אויסדרוק פון האַרמאָניע צווישן באַוווסטזיין פון מענטשן און זיינע געפילן; צווישן זיין דענקען און זיין לעבנס־פּיר, די קולטור דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין מענטשן, וואָס לעבן זי אויס אין ווירקלעכן לעבן; קולטור, כדי צו זיין אויף אַן אמת קולטור, מוז פאַרלאָזן איר אָרט אין די ביכער און אַרומגיין אין דער טאָג־טעגלעכקייט, נישט נאָר נישט ווערנדיק פאַרטונקלט דורך איר, נאָר אדרבא — צעגליענדיק זי מיט איר גייסטיקן פייער״...

די יוגנט־גרופּע (לויטן נאָמען געדענק איך בלויז איינעם, יוסף דינעס, אָבער אַ סך אַנדערע זע איך ווי לעבעדיקע פאַר זיך, בעתן שרייבן איצט) האָט זיך באַצויגן מיט אינטערעס צו דער אַרבעט פון בויען פאַר זיי און דורך זיי אַ נייעם מין ביבליאָטעק, וואָס איז גלייכצייטיק אַ קלוב און אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט; די ביבליאָ־טעק־פאַרוואַלטונג, באַשטימט דורך דער קהלה, האָט זיך אויך באַ־צויגן דערצו סימפּאַטיש, באַזונדערס דער עלטערער פון די ברידער קוריצקי, פון דער אַפּטייק אויף ניקאָלאַיעווסקי; אַ מענטש אַן אינ־טעליגענטער, אַ וווילער, אַ סקעפּטיש־געשטימטער, אַ ביסל (און אפשר מער ווי אַ ביסל) אַסימילירט אין יענער צייט, האָט ער זיך מיט גוטמוטיקער סימפּאַטיזירנדיקער סקעפּטיס באַצויגן צו די הייסע רעדעס מיינע אויף די זיצונגען, ווען איך פלעג פאַרטיידיקן מיינע פּלענער קעגן אַ צווייטן מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, אברהם קאָטיק, דער זון פון באַרימטן יחזקאל קאָטיק, דעם מחבר פון באמת ווערטפולע (סיי היסטאָריש, סיי ליטעראַריש) זכרונות. אַליין אַ משכיל, און אַמאָליקער באַלעבאָס פון אַן עפנטלעכער רוסישער ביבליאָטעק, אַ קולטור־טוער און שריפטשטעלער, האָט ער, דאַכט זיך, געדאַרפט זיין דער גרעסטער אָנהענגער פון אַזאַ פּראָיעקט, צום סוף איז גראָד ער געווען דער איינציקער שאַרפער קעגנער פון מיין פּראָיעקט.

אַ פולבלעכער, מיט אַ פיין געפלעגט בערדל (אין אַ לאָפּאַטקע־פאָרם), וואָס פלעגט אַראָפּהענגען אין אַ גוטער פאָרם פון די פולע, גלאַט־אויסראַזירטע באַקן, פון די פאות ביז אַ שטיקל פאַר דער

גאָמבע, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן מיינע פּלענער. מעגלעך, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָליע זיין כעס אויף דער קהלה, פאַרוואָס מען האָט אים נישט באַשטימט פאַר דעם פאַרוואַלטער פון דער קהלה־ביבליאָטעק, אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, פלעגט ער מיך איינלאַדן צו זיך אַהיים אויף דער באַן־גאַס, קעגנאיבער שוו. ראָך, ביי ניעמצאַוויטשן אין הויז; מיר פלעגן געלאַסן, קולטורעל, ריידן וועגן מיינע פּראָיעקטן, אָבער ווי נאָר עס פלעגט קומען אויף אַ זיצונג, פלעגט ער מיינע פּראָיעקטן און מיך אַטאַקירן אויפן שאַרפסטן אופן. און וואָס מער ער פלעגט פאַרלירן ביי די אָפּשטי־מונגען אין דער פאַרוואַלטונג, אַלץ פאַרביטערטער פלעגט ער ווערן.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז פירנדיק דעם פאָרזיץ ביי מיין ערשטן רעפעראַט (ער איז געווען קעגן דער לייענער־אוידיטאָריע „די ביבליאָטעק ווי אַ קולטור־אינסטיטוציע", האָט ער נאָך מיין רעפעראַט גענומען אַ וואָרט און מיך שאַרף קריטיקירט, באַשול־דיקנדיק מיך אין אוטאָפּיזם און דאָקטרינערישקייט.

איך האָב אים אַזוי שאַרף געענטפערט, אַז ער האָט מיך גע־וואָלט שטערן ריידן און ער האָט אפילו פאַרלאָזן זיין פאָרזיץ־אָרט. איך האָב איבערגענומען דעם פאָרזיץ און וויטער געפירט די אוידיטאָריע ביזן סוף.

קורץ נאָכדעם האָט ער פאַרלאָזן די ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג.

און קוריצקי האָט, מיט זיין אומעטיקן, פוילן שמייכל אין די אויגן, געזאָגט (מיט זיין שאַרפער רייש־אויסשפּראַך):

— נו, פּרעקראַסנאָ (גוט), זאָל ער אַוועקגיין...

דער שטערער איז אַוועק, אָבער איך קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז מיר אויף אַן אמת געלונגען צו פאַרוואַנדלען די ביבליאָטעק אין אַ קולטור־אינסטיטוציע, ווי איך האָב דאָס געוואָלט. צי עס האָט מיר געפעלט אויספיר־קראַפט, צי מיטהילף (צי ביידע צוזאַמען!), — די ביבליאָטעק איז געבוירן געוואָרן אונטערן צייכן פון אַ פיינער אידייע, אָבער זי האָט גענומען אַרויסוואַקסן פון דערדאָזיקער אידייע...

דעם קאַמף האָב איך געוווּנען; אָבער דעם זיג האָב איך נישט געקאָנט אויסנוצן ווי געהעריק.

איך האָב פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו דער ביבליאָטעק. און

איינגיכן האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין בערלין לערנען און כ'האָב פאַרלאָזן די קהלה־ביבליאָטעק.

מיין „חסד של אמת" פאַר דער קהלה־ביבליאָטעק

איך האָב געמיינט, אַז מיטן פאַרלאָזן דעם פּאָסטן פון פאַר־וואַלטער פון דער קהלה־ביבליאָטעק, און מיטן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק, ווי אַ שטענדיקן וווינאָרט, האָב איך פאַרענדיקט מיינע ביאַליסטאָ־קער ביבליאָטעק־קאַמפן.

אָבער דאָך איז מיר נאָך באַשערט געווען צו פירן נאָך איין ביבליאָטעק־קאַמף, — צוגעבנדיק, אַזוי אַרום, דעם לעצטן אַקאָרד צו מיינע ביבליאָטעק־קאַמפן.

די קהלה־ביבליאָטעק איז אין אַ צייט אַרום אונטערגעגאַנגען, און די שלום עליכם־ביבליאָטעק, וואָס איך האָב צוגעהאָלפן זי צו גרינדן, האָט גענומען פאָדערן מען זאָל איר איבערגעבן די ביכער פון דער קהלה־ביבליאָטעק.

איינמאָל, ווען עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ זיצונג פון דער קהלה, און אויפן סדר היום איז געשטאַנען די ביבליאָטעק־פראַגע, האָב איך זיך גראָד געפונען אין ביאַליסטאָק (צי איך בין געקומען פון בערלין, צי פון וואַרשע, — געדענק איך נישט), בין איך אַוועק צו דער זיצונג ווי אַ צוהערער.

די וויכוחים זענען געווען ליידנשאַפטלעכע. זיי האָבן מיר דערמאָנט מיין ערשטן ביבליאָטעק־קאַמף: די פאָרשטייער פון „בונד" האָבן פראָטעסטירט וואָס מען האַלט ביכער אין קאַסטנס און מען וויל זיי נישט אָפּגעבן די יעניקע, וועלכע קאָנען מאַכן אַ קולטור־געברויך פון זיי, ווי דאָס האָט באַוויזן די שלום עליכם־ביבליאָטעק.

פון די וויכוחים איז קלאָר געוואָרן, אַז די קהלה־מיטגלידער האָבן נישט דעם מינדסטן חשק צוריקצופּענען די ביבליאָטעק. זיי ווילן אָבער נישט אָפּגעבן די ביכער דער שלום עליכם־ביבליאָטעק, ווייל זי ליגט אין די הענט פון „בונד". זיי האָבן געמאַכט פון דעם אַ פראַגע פון פּאָליטיק צווישן „בונד" און ציוניזם.

דערדאָזיקער ענגהאַרציקער שטאַנדפּונקט האָט אַרויסגערופן ביי מיר (ווי תמיד) אַ שאַרפן ווידערווילן. כ'האָב געבעטן אַ וואָרט.

כ׳גערענק נישט, צי מען האָט מיר קיין וואָרט בכלל נישט געוואָלט געבן אָדער מען האָט מיר געגעבן און געוואָלט איבעררייסן אין מיטן; אָבער איך געדענק, אַז שואל גאָלדמאַן, אַ בונדישער מיטגליד פון דער קהלה, האָט אויסגערופן:

— איר מעגט זיך שעמען! ראַפּאָפּאָרט האָט געבויט די קהלה־ביבליאָטעק, געטראָגן פון בוידעם די ביכער, און איז געווען ביבליאָ־טעק־פאַרוואַלטער, און איר ווילט אים נישט אויסהערן? ער האָט פאַרדינט איר זאָלט אויפמערקזאַם אויסהערן וואָס ער האָט אייך צו זאָגן וועגן דער ביבליאָטעק.

איך האָב גערעדט און ווידער אַמאָל פאַרטיידיקט מיט היץ און צאָרן דאָס הייליקע רעכט פון בוך זיך אויסצולעבן — און נישט צו פוילן אין קאַסטנס אָדער אין פאַרשלאָסענע צימערן. איך האָב אַטאַ־קירט זייער ענגהאַרציקייט וואָס פאַרגינט נישט די ביכער דער טעטי־קער בונדישער שלום עליכם־ביבליאָטעק, וועלכע וועט האַלטן אָפן פאַרן לייענער אויך די העברעאישע ביכער.

— איך אַליין — האָב איך געזאָגט, — בין אַ צעירי־ציוניסט, און כ׳בין אַ שאַרפער קעגנער פון „בונד״, אָבער אויב די ציוניסטן ווילן נישט אָדער קאָנען נישט שאַפן אין ביאַליסטאָק אַ גוטע יידישע און העברעאישע ביבליאָטעק, דאַן בין איך דערפאַר, מען זאָל די געשלאָסענע קהלה־ביבליאָטעק אָפּגעבן דער גוט־פונקציאָנירנדיקער שלום עליכם־ביבליאָטעק, ווו די ביכער — וועלכע איך האָב גע־שלעפּט פון בוידעם, און מען וויל זיי שוין ווידער אַרויפוואַרפן אויף אַ בוידעם, — וועלן זיך קאָנען פריי אויסלעבן און דערפילן זייער אויפגאַבע.

דער לעצטער אַקאָרד פון מיינע ביאַליסטאָקער ביבליאָטעק־קאַמפן האָט געהאַט אַן אומדערוואַרטן דערפאָלג, אפשר דעם גרעסטן דערפאָלג אויפן דאָזיקן קאַמפּס־געביט: די קהלה האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן אירע אומטעטיקע ביכער דער שלום עליכם־ביבליאָ־טעק.

* * *

אין די ווייטערדיקע ביאַליסטאָקער ביבליאָטעק־קאַמפן האָב איך זיך שוין נישט באַטייליקט. דערפאַר אָבער איז נישט געווען קיין פאַל, איך זאָל קומען קיין ביאַליסטאָק און נישט זיין קיין גאַסט ביי דער שלום עליכם־ביבליאָטעק.

און דאָס איז גאָרנישט אָפּהענגיק געווען פון מיין ווילן.

עס איז גאָר קיין מעגלעכקייט נישט געווען אויסצוהיטן זיך פון דעם יונגן ריבקינד (פון די פּאַרב), איינעם פון די טרייסטע אַרבעטער פון דער שלום עליכם־ביבליאָטעק. דער קורצער אָטעם פלעגט אים נישט אָפּשטעלן פון ריידן מיטן העכסטן ענטוזיאַזם וועגן אַ נייער דערפינדונג זיינער צו פאַרבעסערן די סיסטעם פון אַרויסגעבן ביכער, פון קאַטאַלאָגיזירן, פון אַריינשטעלן ביכער אין די פּאָליצעס. דער איינדרוק איז געווען (און אַן איינדרוק אַ ריכ־טיקער), אַז דער דאָזיקער מענטש לעבט 24 שעה אין מעת־לעת מיט דער ביבליאָטעק און אירע טעכנישע נויטן. און ער איז נישט געווען קיין בן־יחיד אין דעם פּרט. די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון דער שלום עליכם־ביבליאָטעק איז גאָר קיינמאָל נישט מיד געוואָרן פון טראַכטן ווי צו פאַרבעסערן זייער ליבלינג־אינסטיטוציע.

דאָס געהער שוין אָבער נישט צום קאַפּיטל פון מיינע ביבליאָ־טעק־קאַמפן, נאָר צום קאַפּיטל פון ביבליאָטעק־דערגרייכונגען פון אַנדערע.

איך פלעג אָבער תמיד האָבן נחת פון דעם געדאַנק, וואָס איך האָב כאָטש באַוויזן גוט איינצואָרדענען די פאַראומגליקלעכטע ביכער פון דער קהלה־ביבליאָטעק.

צ ו ש ר י פ ט

דער שאָטן פון מיין אַמאָליקן אַרטיקל (דעם פאַרלאָרענעם אין ביאַליסטאָק) וועגן מיינע ביאַליסטאָקער ביבליאָטעק־קאַמפן איז שוין געווען פאַרטיק, ווען איך האָב צופעליק דורכגעקוקט דעם ביאַלי־סטאָקער לעקסיקאָן (1935), וואָס איז שוין היינט אַ זעלטנקייט. ווייל איך דאָ אויסבעסערן אַ פּאָר טעותן, וואָס איך האָב געפונען אין אים, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיינע „ביאַליסטאָקער ביבליאָ־טעק־קאַמפן", ווייל דאָ איז דער פּאַסיקסטער אָרט פאַר דעם.

אין דער נאָטיץ וועגן זיך לייען איך:

„1919 גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק מיטן לייענזאַל ביי דער דעמאָלטיקער דעמאָקראַטישער קהלה".

איך ספק צי דאָס איז געווען אין 1919: דאָס איז, מיין איך, געווען אין 1920, נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרלאָרן די באָלשעוויסטיש־פּוילישע מלחמה.

און חוצדעם האָב איך גענומען מער ווי אַן אַקטיוון אַנטייל — איך בין געווען דער פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק.

ווייטער: „באַטייליקט זיך אויך אין דער אָרגאַניזירונג פון דער שלום עליכם־ביבליאָטעק אין 1920, אין אַריבערפירן אַהינצו די ביכער פון דער אונטערגעגאַנגענער קהלה־ביבליאָטעק".

קיין בערלין בין איך אַוועקגעפאָרן אין יולי 1922. מיט אַ חודש פריער, אין יוני 1922, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון מיין פּאָסטן ווי פאַרוואַלטער פון דער קהלה־ביבליאָטעק. און די ביבליאָטעק האָט ווייטער פונקציאָנירט.

ווען זי איז אונטערגעגאַנגען געדענק איך נישט, אָבער יעדנפאַלס נישט פאַר 1922. און דער קאַמף פאַר אַריבערפירן די ביכער פון דער קהלה־ביבליאָטעק אין רשות פון דער שלום עליכם־ביבליאָטעק, איז פאָרגעקומען, לויט מיין מיינונג, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.

12) די צעירי־ציון־באַוועגונג

ה ק ד מ ה

נישט קיין געשיכטע פון ביאַליסטאָק און פון איר גייסטיקן לעבן, וויל איך שרייבן, — דאָס איז אַן אויפגאַבע צו וועלכער איך בין נישט באַרופן; איך וויל אפילו נישט שרייבן קיין אויטאָביאָגראַפיע אויפן פאָן פון מיין פערזענלעך־איבערגעלעבטן ביאַליסטאָק, — איך האָב אין אויג אַ פיל באַשיידענערע אויפגאַבע: געבן עטלעכע אימפּרעסיאָניסטישע בילדער צו דער גייסטיקער ביאָגראַפיע פון ביאַליסטאָק, פאַרבאַפּנדיק דערביי מיטן בליק אויך שטיקלעך פון מיין פערזענלעך לעבן, וואָס געהערן צו די דאָזיקע בילדער.

סוף־כל־סוף איז דאָך קלאָר, אַז די גייסטיקע ביאָגראַפיע פון ביאַליסטאָק קאָן זיך נישט באַגרענעצן בלויז מיט די גרויסע

געשטאַלטן, צי פון אַ ר׳ שמואל מאָהילעווער, צי פון אַ פסח קאַפּלאַן אָדער אַ ד״ר כאַזאַנאָוויטש. אויך פיגורן פון אַ קלענערן פאַרנעם, אַפילו איינטאָג־פליגן, וואָס קיינער האָט זיי נישט באַמערקט, גע־הערן צו דעם דאָזיקן בילד, ווייל ביאַליסטאָק, די קאָלעקטיווע גייסטיקע נשמה פון ביאַליסטאָק האָט זיי מעגלעך געמאַכט, האָט זיי סטימולירט צו זייער דויערנדיקער אָדער פאַרגענגלעכער גייס־טיקער טעטיקייט.

דאָס פאַרשווונדענע מאַנט, לאָזט נישט צורו, דאַרף נישט צורו לאָזן. עס מאָנט נישט נאָר אַ מצבה, נאָר אויך אַ המשך. דאָס בעס־טע פון דעם, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, דאַרפן מיר — אויף ווי־פיל מעגלעך — ראַטעווען פאַר דער צוקונפט. מיר באַוויינען נישט נאָר די טויטע, נאָר אויך דאָס, וואָס איז מיט זיי צוזאַמען פאַר־שווונדן: אַזוי פיל יידיש לעבן, יידישע גייסטיקייט, יידישע שעפע־רישקייט.

צו דער גרויסער באַלעבנדיקער מצבה, וואָס מיר ווילן שטעלן דעם פּוילישן און ליטווישן יידנטום, וויל איך צוטראָגן פונקען פון גייסט.

* * *

די באַוועגונג פון צעירי־ציון איז געווען אַן אמתע פאָלקס־באַוועגונג שוין מיט דעם אַליין, וואָס זי איז אויסגעוואַקסן כמעט ספּאָנטאַן, ווי פון זיך אַליין, אין פאַרשידענע שטעט און געגנטן פון צאַרישן רוסלאַנד.

ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן האָבן אין 5—6 יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה גענומען וואַקסן גרופּעס יונגטלעכע און קינדער, וועלכע האָבן אונטערן נאָמען „צעירי־ציון" גענומען טאָן ציוניסטישע אַרבעט.

מען פלעגט זיך צונויפקומען אין קליינע שטיבלעך, קאָנספּי־ראַטיוו, מען פלעגט באַקומען בראָשורן צום לייענען און נאַציאָנאַל־פאָנד־מאַרקעס צו פאַרשפּרייטן. די אַרבעט האָט אויסגעזען צו זיין זייער קליין, אַ מין שיק־יינגלעך ביי די דערוואַקסענע ציוניסטן, אָבער ווי יעדע אַרבעט, ווי יעדע טאָג־טעגלעכע טעטיקייט פאַר אַן אידעאַל, האָט זי פון זיך גאָר גיך גענומען שלאָגן פונקען פון גייסט.

די גרופּע, אין וועלכער איך האָב זיך פלוצלונג געפונען (ס'איז געווען אַזאַ נאַטירלעכער המשך פון דעם עקסטאַז אין יום־כפּור

ביי דער טראַגעדיע פון די עשרה הרוגי מלכות, פונעם עקסטאַז ביים לייענען קלמן שולמאַנס „מלחמת היהודים עם הרומאים"), איז באַ־שטאַנען פון אַנגעשטעלטע אין ביאַליסטאָקער מאַנופאַקטור גע־שעפטן, פון שילער און באַלעבאַטישע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין שטוב ביי יידישע למודים, סיי אַלגעמיינע, כדי נישט צו גיין שבת אין שולע. און איך געדענק ווי שנעל עס האָט דאָרט גענומען יוירן דער גייסט פון פּראָטעסט קעגן בלויז זיין שיק־יינגלעך ביים ציוניזם: מען האָט געפאָדערט אַרבעט, מעשים. די עלטערע אָנפּי־רערס פון די גרופּעס האָבן פּרובירט באַווייזן ווי וויכטיק עס איז די קליינינקע אַרבעט, אָבער די אומבאַפרידיקטקייט האָט נישט נאָכגעלאָזן, הגם מען האָט געמוזט מודה זיין, אַז פאַרקויפן מאַר־קעס און זאַמלען געלטער איז אויך א זאַך, וואָס מוז געטאָן ווערן.

די אומצופרידנקייט פון די צעירי־ציון מיטן פאַרקויפן מאַר־קעס, קומט מיר היינט פאָר ווי די אומצופרידנקייט פון באַגאַבטע קינדער מיט די שול־למודים: דאָס איז נישט פון פוילקייט, נאָר פאַרקערט: עס ווילט זיך זיי עפּעס מער.

און די צעירי־ציון־באַוועגונג איז געווען באַגאַבט. אויך איר ביאַליסטאָקער פאַרקערפּערונג, מיט וועלכער נאָר איך פאַרנעם זיך דאָ.

ווי געזאָגט: די דאָזיקע באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן אין פאַר־שידענע ערטער ווי פון זיך אַליין, ווי א רייפע געשיכטלעכע דער־שיינונג. און דער בעסטער באַווייז, ווי אָרגאַניש עס איז געווען דער אויפקום פון דער דאָזיקער באַוועגונג, קאָן זיין דאָס, וואָס נישט נאָר די באַוועגונג גופא איז אויסגעוואַקסן אין פאַרשידענע ערטער, נאָר אויך דער אינהאַלט אירער, דער גייסטיקער וווקס אי־רער האָט געשפּראָצט פאַר א מאָל אין פאַרשידענע ערטער.

דער „החלוץ" איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון טרומפּלדורן. טרומפּלדור האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידיי פון א הכשרה־קאָלאָניע יאָרן־לאַנג פאַר דעם אָפיציעלן געבורט פון דער חלוצי־שער באַוועגונג, פונעם „החלוץ". אָבער איך וויים נאָך אַן אָרט, וווּ דער „החלוץ", די חלוצישע הכשרה איז געבוירן געוואָרן: דאָס איז געשען אין ביאַליסטאָק, אויף גומיענער גאַס. און דאָס איז גע־שען אזוי ספּאָנטאַן, אז די געבורט פון „החלוץ" אין ביאַליסטאָק איז פאָרגעקומען אויף דער גאַס.

די צעירי־ציון־באַוועגונג האָט זיך אין ביאַליסטאָק גוט אַנט־

וויקלט, אַנגעפירט דורך נישט קיין ביאַליסטאָקער, איינעם פּע־קער, וועלכער האָט אין שטאָט געגעבן רוסישע לעקציעס. א פייער־דיקער ברונעט און נאָך מער פייערדיקער ציוני, האָט ער זיין גאַנצע פרייע צייט אָפּגעגעבן דער צעירי־ציון־באַוועגונג. די דאָזיקע באַ־וועגונג, געדריקט דורך דער קנעכטשאַפט אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט געזוכט פאַר אירע יונגע כוחות פאַרשידענע ווענטילן, א הוץ די שיק־אַרבעט ביי דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין די אָוונטן, באַזונדערס אין די שבת־צונאַכטסן, פלעגט זיך די צעירי־ציוניסטישע יונגוואַרג אַוועקלאָזן אין ביאַליסטאָקער וואַלד (האָט דען דער טרייער ביאַליסטאָקער וואַלד נישט געגעבן שוץ אונדזערע פאַרטיזאַנען אין זייער טויט־געראַנגל מיט די ווילדע בעסטיעס? ווען מיר אַמאָל וויסן די געשיכטע פונעם לעצטן ליבע־קאַפּיטל צווישן דער ביאַליסטאָקער יוגנט מיטן ביאַליסטאָקער וואַלד?), און ציוניסטישע בענקשאַפט־לידער פלעגן צונויפשמידן די רייען פון דער באַוועגונג. וואָס דאָס זאַמלען קאָפּיקעס פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד איז גע־ווען פאַר איר ווייניק.

צווישן איין ליד און דעם צווייטן — זיצנדיק אין א ראָד, אַמאָל אין דער פינסטער, אַמאָל ארום א שייטערהויפן, — פלעגט מען די דאָזיקע צעגליטע בענקשאַפט פאַרוואַנדלען אין מעשים. אין ביאַליסטאָקער וואַלד, ביים זינגען, זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע גרופּעס חלוצים (הגם זיי האָבן זיך דאַן נאָך אַזוי נישט גערופן), וועלכע זענען פאַר דער מלחמה אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל.

און אָט איינמאָל, נאָך א יום־טובדיקן אָוונט אין וואַלד, שטייענדיק אויף גומיענער גאַס נעבן א טוך־געשעפט, האָב איך א זאָג געטאָן צו פעקערן און צו די חברים מיינע פון דער צעירי־ציון־גרופּע: מען וואָלט באַדאַרפט דינגען א פלאַץ, וווּ די חברים, וועלכע קלויבן זיך פאָרן קיין ארץ ישראל, זאָלן זיך צוגרייטן צו זייער אַרבעט דאָרט.

נישט נאָר פאַר מיר און פאַר די אַנדערע יונגע חברים פון צעירי־ציון איז דאָס געווען, ווייזט אויס, א נייער געדאַנק. — אויך דער אַלטער ציוני פעקער האָט דאָס אויפגענומען ווי א נייעס.

— אָט דאָס איז א געדאַנק...

און זיינע אויגן, די ברענענדיקע, שוואַרצע, קלוגע אויגן האָבן א קוק געטאָן ווייט־ווייט...

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען אָפּגעדרונגען אויף כאַנייקעס (דאַכט זיך) א פּלאַץ, ווו די גרופּע „פריקאַזשטשיקעס", וואָס האָט זיך געקליבן קיין א״י, האָט דורכגעמאַכט א שטיקל פּרימיטיווע הכשרה.

פול מיט אימפּעט פון א באַוועגונג, וואָס פילט אין זיך א צו־קונפט, האָט צעירי־ציון, — אַליין נאָך שיק־יינגלעך ביי די ציונים, — גענומען פירן א גייסטיקע עקספּאַנסיע־טעטיקייט. א גרופּע פון א 5—6 (צווישן זיי אויך מיין ברודער אליהו, היינט אין ישראל, און ירוחם לעווין, געשטאָרבן מיט א יאָר צען צוריק אין עפולה, דער יינגסטער איליוויצקי, וועלכער אז 1919 אוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד, געוואָרן אַן אַגיטאַטאָר ביי דער רויטער אַרמיי און איז אומגעקומען אויף איינעם פון די פראָנטן פון בירגער־קריג און נאָך צוויי, וועמעס נעמען איך געדענק נישט) האָט אין א שיינעם פרימאָרגן באַשלאָסן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַרויסצוגעבן א העקטאָגראַפירטן זשורנאַל אין רוסיש פאַר דער אַסימילירטער ביאַליסטאָקער שול־יוגנט. און דער דאָזיקער פּראָיעקט איז שנעל פאַרווירקלעכט געוואָרן. מען האָט געשריבן און איבערגעזעצט (איך האָב פאַר יעדן נומער אי־בערגעזעצט אין רוסיש יהודה הלוי׳ס לידער, טשערניכאָווסקי׳ס, אויך לייב יפה׳ס נאַציאָנאַלע לידער אין יידיש), אָפּגעקלאַפּט אויף א העקטאָגראַף און פאַרשפּרייט. פון דער דאָזיקער שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע איז מען אריבערגעגאַנגען צו מינדלעכער — מיר האָבן גענומען שאַפן קרייזלעך פון דער שול־יוגנט אויף צו דערלערנען די יידישע ליטעראַטור און געשיכטע. צו דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מיר צוגעצויגן אויך פּעקערן.

די גייסטיקע פּאָטענצן פון דער ביאַליסטאָקער צעירי־ציון־באַוועגונג זענען געווען אַזוי שטאַרק און אימפּולסיוו, אז כמעט אַלע שפּעטערישע אויפטוען אירע האָט זי נישט נאָר אַליין, מיט אייגענע כוחות, פאַרווירקלעכט, נאָר אויך אַליין געבוירן די אי־דייען גופא, אָן שום אָנרעגונג פון דרויסן.

א גרויסן שוווּנג האָט די צעירי־ציון־באַוועגונג באַקומען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, בעת עס איז מעגלעך געוואָרן א לעגאַ־לע טעטיקייט אין אַן עפנטלעכן לאָקאַל.

דער לאָקאַל פון די צעירי־ציון, אויף דייטשישער גאַס, אין הויז פון העפּנערן, ווו אויפן בוידעם האָט זיך אַמאָל געפונען

א מאַסאָנען־לאָזשע, איז געווען אין דער ערשטער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע מער ווי א פּאַרטיי־לאָקאַל: דאָס איז געווען אַן אינטער־פּאַרטייאישער קלוב. די יוגנט פון אַלע פּאַרטייען, פון „בונד" ביז צעירי־ציון, ווי אויך אומפּאַרטייאישע יוגנט, האָט גע־שטראָמט אין די ראָזיקע איינציקע עפנטלעכע זאַלן אין ביאַלים־טאָק, ווו מען האָט געקענט הערן לעקציעס אויף פאַרשידענע טע־מעס, באַקומען ביכער און פירן הייסע דיסקוסיעס.

דערשפּירט פרייהייט פון באַוועגונג, האָט די צעירי־ציון־גרו־פּע פריי געלאָזן איר ענערגיע אין א גרויסער נאַציאָנאַלער קולטור־טעטיקייט. מען האָט איינגעאָרדנט לעבעדיקע ציטונגען, דיסקוסיע־אָוונטן, א פאָלקס־אוניווערזיטעט, ווו עס זענען געלייענט געוואָרן לעקציעס, וועלכע האָבן געמעגט געהאַלטן ווערן אין דעם בעסטן אוניווערזיטעט (למשל, דעם אַלטן איליוויצקיס, וועגן וועמען איך רעד באַזונדער, ווייל ער האָט דאָס פאַרדינט)...

מיר האָבן איינגעלאַדן אויף א רעפעראַט לייב ניידוסן, וועל־כער האָט דאַן אויפגעשיינט אין דער יידישער דיכטונג, ווי אַן אויס־טערלישער שטערן מיט זיינע נייע — פאַר יידיש — פאָרמען, מיט זיין שפּראַך־וואַגעניש און מיט זיין פאַר יידיש אַזוי זעלטענער עכטער „פּאָעטישקייט". ער האָט געלייענט א רעפעראַט וועגן דער יידישער דיכטונג. די שפּראַך און פאָרם פון רעפעראַט זענען גע־ווען נישט ווייניקער פּאָעטיש ווי זיינע לאַנגע האָר און בלויע גרוי־סע אויגן, וועלכע זענען אויף א לאַנגער צייט געוואָרן אַן אייגנ־טום פון ביאַליסטאָק, ווייל דער יונגער דיכטער, וועלכער איז גע־קומען אויף א פּאָר טעג, האָט זיך פאַרליבט אין פּסח קאַפּלאַנס עלטסטער טאָכטער און איז אפשר א האַלב יאָר געבליבן א ביאַ־ליסטאָקער תושב.

ניידוסעס באַזוך איז אויך געוואָרן דער דעביוט פאַר מיין קרי־טישער טעטיקייט (ביז דאַן האָב איך געשריבן און געדרוקט לי־דער אויף רוסיש, העברעאיש און עסייען אין יידיש): איך האָב בסוד סודות אָנגעשריבן א שאַרפע קריטיק קעגן זיין באַ־גייסטערונג מיט פרצעס נאָכמאַכונגען פון היינריך היינע, ווי אויך אַנדערע דיכטער אונדזערע, און אַרויפגעטראָגן די רעצענזיע הינ־טער די קוליסן פון דער קונסט־געזעלשאַפט, אין לאָקאַל פון די פייערלעשער, ווו עס איז פאָרגעקומען א לעבעדיקע צייטונג (אונ־טער דער רעדאַקציע פון פּסח קאַפּלאַן און יעקב פּאַט), און כ'האָב

אונטערגעשריבן נאָבאָדי, א פּסיידאָנים פון דער נאָדל ארויס. ארויס פון הינטער די קוליסן, פון קיינעם נישט באמערקט, בין איך דורך אן אנדער אריינגאנג אריין אין זאל. ווי גרויס איז געווען מיין אי־בערראשונג, ווען דער עולם האָט, נאָכן אויסהערן די רעצענזיע, ארויסגעברומט: „ראַפּאָפּאָרט". ניידוס האָט מיך אפילו געסטראַ־שעט, אז ער וועט ענטפערן, אָבער ער איז דאַן צופיל פארנומען געווען אויף צו פירן פּאָלעמיקעס... אָבער קיין גוטע באציאונגען צווישן מיר און דעם דיכטער זענען שוין נישט געווען, הגם איך האָב שטארק געהאַלטן סיי פונם רעפערענט, סיי פון דער פּאָרעם פון זיין רעפעראַט.

נישט אומזיסט זאָגט מען, אז מען דארף אָנהויבן מיטן רעכטן פוס... איך האָב אָנגעהויבן מיין ראָמאַן מיט דער יידישער דיכ־טונג מיטן לינקן פוס, און עס איז ביז איצט אוממעגלעך געווען אויסצובעסערן דעמדאָזיקן טעות...

דער אמאָליקער אָנהויב פון גרופּעס צו לערנען יידישע לי־טעראַטור מיט שילער פון די גימנאַזיעס, האָט זיך איצט ברייט פונאַנדערגעצווייגט: מיר האָבן געשאַפן, בוכשטעבלעך, א גרויסע נעץ פון אזעלכע גרופּעס און דער דערפּאָלג איז געווען א קאָלאָסאַ־לער. פון דידאָזיקע גרופּעס זענען ארויס לערער פון די יידישע שולעס (הגם פריער זענען זיי ווייט געווען פון יידיש און יידישע קולטור), און א סך זענען געוואָרן ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

ווען איך קוק צוריק אויף יענער קולטור־טעטיקייט אין די יאָרן 1915, 1916, 1917, מוז איך אפילו פון דער הייגטיקער פּע־רעספּעקטיוו זאָגן, אז זי איז געווען נישט נאָר א ברייטע און אימ־פּעדיקע, נאָר אויך אַן ערנסטע און ווערטפולע. א חוץ דעם, וואָס פון אונדזערע רייען גופא האָבן זיך ארויסגערוקט א רייע פּעאיקע, אינטעליגענטע פּאָליטישע און קולטורעלע טוער, האָבן מיר אויך צוגעצויגן צו דער ארבעט יעדן איינעם, וואָס האָט עפּעס געקענט געבן.

האָבן טאַקע די לעבעדיקע ציַיטונגען, די דיסקוסיע־אָוונטן און די סיסטעמאַטישע קורסן צוגעצויגן א גרויסן עולם און דער לאָקאַל פון די צעירי־ציון אין ביאַליסטאָק איז געוואָרן א קולטור־פאקטאָר אין א ברייטן פארנעם.

אין יענער צייט איז אין ביאַליסטאָק געווען אַ גרופּע דייטשישע זעלנער, יידישע אינטעלעקטואַלע, וועלכע האָבן דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן פון דער וויימאַרער רעפּובליק (צווישן זיי אַרנאָלד צווייג). די דאָזיקע גרופּע האָט „אַנטדעקט" די מזרח־יידן און זיך אויף אַלערליי אופנים באַמיט אויפצונעמען די יידישע קולטור (זיי האָבן אפילו געלערנט תלמוד). איינמאָל, אויף אַ קולטורעלן דיסקוסיע־נאָכמיטאָג פון די צעירי־ציון איז געווען איינער פון זיי (שפּעטער אַ געהיים־ראַט, גאָסלאַר, ווי מיר שיינט), איז ער מיט מיר געגאַנגען פון לאָקאַל אַ שטיק וועג און אויסגעדריקט סיי זיין אומצופרידנקייט מיט מיין קאָנקרעטער שטעלונג צום תנ"ך און ביאַליקן, — אַ שטעלונג, וועלכע איך פאַראורטייל היינט אַליין), אָבער ער האָט פאַרגעלייגט אַ נעענטערן קאָנטאַקט צווישן אונדז מיט זיי, אַזוי שטאַרק האָט אים אימפּאָנירט דער גייסטיקער אימפּעט פון דער גאַנצער דיסקוסיע, איר ערנסט און טאָן. און דאָס זענען געווען מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען קולטורעל אָן אַן ערך העכער פאַר די ביאַליסטאָקער צעירי־ציון, וואָס האָבן אין זייער פּראָווינציעלער שטאָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון אַ צו גרויסן גייסטיקן האָריזאָנט. זיי, די דייטשע אינטעלעקטועלע, האָבן אָבער אַרויסגעפילט די פּאָטענצן, וואָס האָבן געווירט אין דער ביאַליסטאָקער נאַציאָנאַלער יוגנט, וואָס האָט גענאָסן פון אַ האַרמאָנישער ג אַ נ צ ע ר יידישער דערציאונג אינדערהיים, אין חדר, אין גאַס, אין די צעירי־ציון־קרייזלעך.

אז די פּאָטענצן זענען געווען באמת גרויסע (ווי בכלל די נאַציאָנאַלע פּאָטענצן פון די יידישע שטעט און שטעטלעך), האָט באַוויזן צום בעסטן דער אינערלעכער גייסטיקער וווקס פון צעירי־ציון.

פּונקט ווי די צעירי־ציון גרופּעס האָבן זיך גלייך פון אָנהויב נישט געקאָנט באַגנוגענען מיט זאַמלען אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד און עס האָט פון זיי אַרויסגעשלאָגן דער געדאַנק פון החלוץ, פון גיין קיין ארץ ישראל פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק מיט טאַט, אַזוי האָט די נאַציאָנאַלע קולטור־טעטיקייט פּלוצלונג אויפגעהערט צו באַפרידיקן די צעירי־ציון, — עס האָט זיך זיי ספּאָנטאַן פאַרבענקט נאָך אַ פולער וועלט־אָנשויאונג — אַ נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער. כמעט סטיכיש האָט אין די ביאַליסטאָקער צעירי־

ציון אַנגעהויבן יוירן (אומאָפּהענגיק פון די יווירונג־צענטערן אין אָפּגעשניטענעם רוסלאַנד) דער פאַרלאַנג נאָך פאַרבינדן דאָס נאַ־ציאָנאַלע מיטן סאָציאַלן.

און מיר איז אויסגעפאַלן דער כבוד צו באַגרינדן דעם סאָציאַ־ליסטישן אני־מאמין פון די ביאַליסטאָקער צעירי־ציון. מיינע קורצע טעזיסן, מיט דער נישט גאָר לאַנגער באַגרינדונג, זענען אָנגענומען געוואָרן, אויב איך האָב קיין טעות נישט, סוף 1916 אָדער אָנהויב 1917.

די עטלעכע פאַרגעלטע בלעטלעך פון די טעזיסן, וועלכע זענען מיר געוועזן אַזוי טייער, ווי נאָך עטלעכע נאָטיצן פון פאַר 25—30 יאָר צוריק, זענען פאַרבליבן און פאַרניכטעט געוואָרן — ווי דאָס גרעסטע טייל פון אונדזער אַלעמענס לעבן — אין וואַרשע.

איך שרייב דאָ נישט קיין געשיכטע פון דער ביאַליסטאָקער צעירי־ציון־באַוועגונג (די דאָזיקע געשיכטע וואָלט באַדאַרפט שרייבן — איך האָב אים שוין אַמאָל געזאָגט וועגן דעם בעל־פּה — ירוחם לעווין, איינער פון די טייערסטע און בעסטע שעפער און פירער פון דער ביאַליסטאָקער צעירי־ציון־באַוועגונג). — איך האָב בלויז געוואָלט אָנצייכענען איר גייסטיקע דיאַגראַמע, אַלס שטריך אין דער גייסטיקער ביאָגראַפיע פון דער חרובער עיר ואם בישראל — ביאַליסטאָק.

ווען איך טראַכט וועגן דאָס גרויסע, וואָס ביאַליסטאָק האָט אַריינגעבראַכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, זאָג איך זיך: ר' שמואל מאָהילעווער און די ביאַליסטאָקער צעירי־ציון־באַוועגונג.

13) דער נביא פון גרויס־ציוניזם

אין ביאַליסטאָקער צעירי־ציון איז געווען אַ מיטגליד יוסף רובינשטיין.

זיינע עלטערן האָבן געוווינט אויפן מאַרק, קעגנאיבער דעם שטאָט־זייגער, אויף איין ליניע מיט דער ערשטער גומיענער גאַס (וואָס האָט אים, רובינשטיינען, שפּעטער פאַרשלונגען אויף איר בירזשע). זיינע עלטערן האָבן געהאַנדלט מיט פעדערן און פוך, און ביי זייער הויף איז געהאָנגען אַ שילד מיט אַ ווייסער קאַטשקע

אָדער גאַנץ, אויף וועלכער איך פלעג תמיד אַ קוק טאָן, כדי צו זיין זיכער, אַז מיין פּאַרטראַכטקייט האָט מיך נישט אָראָפּגעפירט פון וועג.

אָט דער רובינשטיין איז געווען איינער פון דער מאַסע (אויב ער האָט אַפילו געהערט אַמאָל צום קאָמיטעט).

ער האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. נישט אין צעירי־ציון נישט נאָכדעם, ווען ער איז געוואָרן אַ באַלעבעסל און אַ וואַליוטע־הענדלער.

אָבער אינצווישן — צווישן זיין צעירי־ציוניזם און זיין וואַ־ליוטע־הענדלעריי, — האָט ער דורכגעמאַכט אַ קורצן פּעריאָד פון אַזאַ אינטענסיוון גייסטיקן וווּקס, אַז אים קומט אָן שום ספק אַן אָרט אין אַ גייסטיקער ביאָגראַפיע פון ביאַליסטאָק.

אין איין שיינעם טאָג, ווי עס זאָגט זיך אין אַלע ראָמאַנען, האָבן מיר, רובינשטיינס נענטערע חברים, אויפגעהערט דערקענען אונדזער חבר.

אויב רובינשטיין האָט זיך בכלל מיט עפּעס אויסגעצייכנט, איז דאָס געווען זיין לייכטע באַציאונג צו ערנסטע פראַגן. איך גע־דענק שוין נישט צי ער פלעגט זיך גוט וויצלען, אָבער ער האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען.

העכער פון מיטעלן וווּקס, אַ מאָגערער, מיט אַ ביינערדיק פּנים און „מאָגערע" אויגן, פלעגט ער זיך וויגן נישט נאָר אין גאַנג, נאָר אויך איבער די סאַמע ערנסטע פּראָבלעמען פון יידישן און מענטשלעכן לעבן.

און מיטאַמאָל, אין 18טן צי אין 19טן יאָר, איז אים באַפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט דעמראָזיקן לייכטזיניקן בחור געמאַכט אויף אַ שטיקל צייט אַ מאַניאַק פון גייסט, פון אַ אידייע, וואָס ער האָט זי געפּרעדיקט מיט ליידנשאַפטלעכקייט פון אַן אמתן אַפּאָסטאָל, און מיט דער באַרעדעווודיקייט פון אַ טריבון. און זיין אַרגומענ־טאַציע איז געווען אַזוי בויגעוודיק, אַזוי שניידיק־לאָגיש, אַזוי פּיל־פאַרביק און פול מיט איינפאַלן, אַז גייענדיק מיט אים איבער ליפּאָווע גאַס שעהן לאַנג, פלעג איך מיט גרעניצלאָזער איבעראַשונג זיך פרעגן: ווער רעדט פון אים אַרויס? וואָס און ווער האָבן אַרויס־גערופן אין אים אַזאַ פאַרוואַנדלונג?

די אידייע זיינע איז געווען, אַז פּונקט ווי דאָס קריסטנטום האָט געשאַפן דעם טיפּ פון גרויס־אינקוויזיטאָר, אַזוי מוז דאָס

יידישע לעבן שאפן דעם טיפ פון א גרויס־ציוניסם, אדער פון א גרויסן ציוניסם, וואס זאל אלץ אין לעבן — אין אייגענעם, ווי אין פרעמדן — אונטעראָרדענען דער איינציקער אידייע פון פאַר־ווירקלעכן דעם ציוניזם. מיטן קליין־ציוניזם וועט מען גאָרנישט מאכן, — דאָס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט; אין יידישן לעבן מוז קומען און דאָס יידישע לעבן מוז באהערשן דער גרויסער ציוניסט, דער גרויס־ציוניזם. נאָר אזא גרויס־ציוניזם קאָן פאַר־ווירקלעכן דעם ציוניזם.

ער האָט נישט גערעדט וועגן דעם, נאָר געפּיבערט מיט דעם; ער האָט נישט גערעדט וועגן דעם, נאָר געזען די וויזיע פון דאָזיקן גרויסן ציוניסט.

אומצייליקע אָוונטן פלעג איך מיט אים שפּאַצירן און הערן זיינע רייד און דיסקוטירן מיט אים (פּונקט ווי דאָס פלעגן טאָן מיינע אַנדערע חברים) און הגם איך געדענק נישט מער די פּרטים נישט פון זיינע רייד און נישט פון מיינע אָפּוועַנדונגען, דאָך גע־דענק איך, אַז זיין גייסט איז דאַן געווען אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון אינספּיראַציע און אַרגומענטאַציע, און עס פלעגט קיינמאָל נישט מיאוס ווערן אים צו הערן, — זיינע רייד האָבן דאַן תמיד געהאַט דעם אַראָמאַט פון פרישקייט.

איך געדענק ווי כ׳פלעג אים צוריידן צו באַאַרבעטן זיין הויפּט־אידייע און זיינע געדאַנקען וועגן איר אין שריפט. און הגם פון אָנהויב פלעגט ער מיך אָפּוועַנדן מיט דער באַמערקונג, אַז זיין אידייע דאַרף נישט געשריבן, נאָר געלעבט ווערן, דאָך האָט ער מיט דער צייט מסכים געווען און ער האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז ער שרייבט וועגן זיין גרויס־ציוניזם.

צי דער פּרווו פון אויפשרייבן דאָס געטראַכטע און גערעדטע האָט אָפּגעטויט זיין אינספּיראַציע אָדער זיין אָפּגעשוואַכטע אינס־פּיראַציע (צעשטויבט ביסלעכווייז אין אומצאָליקע רייד) האָט אים געמאַכט געניויגט צום שרייבן, — ווייס איך נישט. אַ פאַקט איז אָבער געווען, אַז דער פלאַקער אין אים האָט זיך גענומען אָפּקילן, לעשן; ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט דאָס פאַרלייענען פאַר מיר זיין מאַנוסקריפּט, ביז — רובינשטיין איז געוואָרן „נאָרמאַל".

* * *

ווען איך פלעג אים אין שפעטערע יאָרן באַגעגענען אין ביאַ־ליסטאָק אָדער אין וואַרשע, וווהין ער פלעגט קומען געשעפטלעך, פלעגט ער פרוון ריידן וועגן זיין גרויס־ציוניזם מיט אַמאָליקן לייכט־זיניקן, ציניש שפּאַט; אָבער אין זיינע „מאָגערע" אויגן פלעגט דאָך אויפבליצן אַ בענקשאַפט נאָכן וווּנדערבאַרן „אינצווישן", ווען ער איז געווען ווי „אויסער זיך", באַהערשט דורך אַ גייסטיקער ליידנ־שאַפט פון גרויסן פאַרנעם.

נישט נאָר איך, אויך ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט באַפרייען פונם געפיל, אַז אין זיין וואָכעדיקן לעבן האָט זיך אַמאָל געהאַט אַנטפּלעקט אַ הייליקער ווונדער.

אמת, דער ווונדער איז שנעל פאַרשוווּנדן, אָבער עפּעס האָט אונטערגעזאָגט מיר און אים: היט זיך פאַר הייליקטום־פאַרשוועכונג; דאָ, אין וואָכעדיקן פאַרצינישטן מדבר געפינט זיך ערגעץ־ווו אַ הייליקער קוואַל, וואָס האָט זיך אַמאָל אַן עפן געטאָן און איז פאַרשוווּנדן, אָבער ער איז דאָ, טרעט נישט אויף אים מיט פאַר־שטויבטע שיך...

און איך האָב תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז זיין וואָכעדיק לעבן איז פאַרקריפּלט. ער פלעגט ריידן וועגן זיינע געשעפטן מיט אַ זייטיקן בליק אויף יענע אָוונטן, אויף ליפּאָווע גאַס, ווען ער פלעגט אויסזינגען זיין וויזיע וועגן גרויס־ציוניזם, און... ער פלעגט זיין אומגליקלעך.

ער פלעגט זיך שעמען נישט פאַר מיר, נאָר פאַר זיין מאָדנער צייטווייליקער פאַרוואַנדלונג, אין וועלכער איך פלעג אים דער־מאָנען, ווייל איך בין געווען איר הויפּט־עדות און איר הויפּט־באַוווּנדערער און פאַרערער.

אַ סך פלעגן הערן זיינע אימפּראָוויזאַציעס וועגן גרויס־ציוניזם, אָבער איך איינער האָב זיי גענומען ערנסט.

און גראָד דאָס האָט רובינשטיין נישט געקאָט פאַרגעסן: נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן...

מיין וויסן זיין סוד איז פאַרשטאָכן געווען אין אים ווי אַ פּרעמדקערפּער און געריסן, געריסן...

* * *

די וויזיע וועגן זשאבאָטינסקיס ציוניזם איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק; דער ערשטער רעוויזיאָניסט און אירגון צבאי־לאומי'ניק האָט געלעבט אין ביאַליסטאָק...

14) פון יענע טעג

בעת דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 און בעת דער רעאַקציע נאָך דער רעוואָלוציע אין 1906, איז ביאַליסטאָק געווען אַ קאָכיקער צענטער פון בונט און קאַמף, פון פּאָגראָמען און נקמה־קעגן־אַקטן.

פון יענע טעג און יאָרן וויל איך דאָ איבערגעבן פּערזענלעכע דעראינערונגען, ווי אַזוי די דעמאָלדיקע געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם באַוווסטזיין און אין די עמאָציעס פון אַ שפּירבאַר קינד.

אין ביאַליסטאָק איז מען אין יענער צייט צוגעוווינט געווען צו באָמבע־אַטענטאַטן, צו רעוואָלווער־אַטענטאַטן. נישט נאָר פּאַרברעכער קאַנטן און מאַרק־זיצערקעס פלעגט מען טויטן — אויך פּאָליציאַנטן און פּריסטאַווס, וועלכע האָבן זיך געהאַט באַטייליקט אין פּאָגראָמען, פלעגט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אַוועקלייגן.

דאָס איז שוין געהאַט געוואָרן אַ וואָכעדיקע מעשה.

אָבער איינמאָל האָב איך אַ באָמבע־אויפרייס אויפגענומען שבתדיק.

ס'איז טאַקע געווען אַ שבתדיקער טאָג, האָט דער טאַטע ע"ה גענומען מיך מיט מיין ייִנגערן ברודער, אליהו, און אונז געפירט אויף אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס, אַראָפּצו, אין דער געגנט פון דער קאָמערץ־שולע, וווּ עס איז מיט אַ טאָג פריער געהאַט פּאַרגעקומען אַ באָמבע־אויפרייס.

עס איז פריי טאָג פרי געפאָרן אַ דראָזשקע מיט צוויי יונגעלייט, און מיטאַמאָל האָט די באָמבע, וואָס זיי האָבן געפירט פאַר אַ צאַרישן פּאָליציי־באַאַמטן, אויפגעריסן, צעררייסנדיק אויף שטיקער די צוויי יונגעלייט, דעם דראָזשקאַזש, דעם פערד און די דראָזשקע.

די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט מיטן דאָזיקן צופאַל. האָט אונז דער פאָטער אויך געוואָלט מהנה זיין מיט אַ וויזיט אויפן אָרט פון דער געשעעניש.

די גאַס איז געווען שטיל און כמעט ליידיק. אַלץ איז שוין געווען אָפּגערעמט, אָבער שויבן האָבן נאָך געפעלט אין די אַרומיקע בנינים, ווענט זענען געווען צעקראַצט, בוימער, מיט וועלכע גאַנץ אַלעקסאַנ־דראָווסקע איז געווען באַזוימט פון ביידע זייטן, זענען געווען פאַר־וווּנדעט. אויף צווייגן זענען נאָך וווּ נישט איז געהאָנגען שטיקלעך סחורה און קלעפּיקע שפּורן פון בלוט און מאַרך, אויף וועלכע דער פאָטער האָט אונז אָנגעוויזן, דערציילנדיק געניי אַלץ וואָס די שטאָט האָט געוווּסט צו דערציילן וועגן דאָזיקן אומגליקספאַל מיט די רעוואָ־לוציאָנערן.

יעדע מינוט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט־אָט גייט צו אַ פּאָליציאַנט און אַרעסטירט אונדז פאַרן באַטראַכטן די צעבראָכענע שויבן, די צעקראַצטע ווענט און די שפּורן פון בלוט און מאַרך. עס איז געווען אומהיימלעך, אָבער אויך אינטריגירנדיק.

באַזונדערס האָבן מיך אינטערעסירט די שטיקלעך מאַרך אויף די בוימער, אויף וועלכע דער פאָטער האָט אונדז אָנגעוויזן און וואָס איך האָב זיי געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. כ'האָב צום ערשטן מאָל איבערגעלעבט די מיסטעריע פון לעבן און טויט: נעכטן נאָך איז דער מאַרך געווען אין קאָפּ און געטראַכט, גע־ווּסט, און אָט היינט איז ער נישט מער ווי עפּעס קלעפּיקס אויף אַ צווייג פון אַ בוים. איז דאָס מעגלעך!?

איך בין כמעט ווי זיכער אַז איך האָב מיט אָט די ווערטער נישט געטראַכט דעמאָלט, אָבער איך בין נישט ווייניקער זיכער, אַז מיט קיין אַנדערע ווערטער קאָן מען נישט איבערזעצן אין דער מענטשלעכער שפּראַך, אין אַ אַרטיקולירטן געדאַנק, יענע שטימונג, וואָס האָט זיך פאַר מיר געשפּינט פון די שטיקלעך מאַרך אויף די צווייגן, און האָט איינגעשפּינט מיך, די גאַס, מיין גאַנצע וועלט אין אַ אומהיימלעכער געהיימניש.

און ווען עס האָט זיך פון ווייטנס באַוויזן אַ פּאָליציאַנט, און דער טאַטע האָט אונדז געזאָגט: „גייט גלייך, קוקט נישט אויף די ביימער", האָב איך זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן נישט אומצודרייען דעם קאָפּ, כדי נאָכאַמאָל אַרויפצוקוקן צו די הויכע צווייגן, אויף וועלכע דער אויפרייס האָט פאַרטראָגן שטיקלעך מענטשלעכן מאַרך . . .

די רעוואָלוציע האָט אין יענעם שבתדיקן טאָג גענומען שמעקן

פֿאַר מיר מיט עפּעס אייביק־מענטשלעכס, מיט גייסטיקער מיס־טעריע...

* * *

אין דער באַרימטער דעמאָנסטראַציע פֿון 17טן אָקטאָבער — אַ דעמאָנסטראַציע וואָס האָט זיך געצויגן ריזיק־לאַנג דורך דער שטאָט, צו דער תפיסה, ווו מען האָט געדאַרפֿט באַפֿרייען די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע און ווו עס איז פֿאָרגעקומען אַ שיסעריי און אויך אַ צאַרישע שחיטה (אויב איך געדענק ריכטיק), — אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע האָב איך זיך אויך באַטייליקט.

אין שטאָט האָט יענעם טאָג געהערשט אַן אומרואיקע שטימונג. דער יום־טוב איז געווען דורכגעאָדערט מיט אומרו. דער רבי האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק אָפּצולאָזן די קינדער נאָך אַ שעה־צוויי לערנען.

דער חדר האָט זיך געפֿונען נעבן אַנגערס גאַס, און ווען איך בין אַרויס דורך דעם געסלעך־לאַבירינט אַרום שול־הויף, אויף ליפּאָווע גאַס, כדי צו גיין פֿון דאָרט אַהיים, אויף ניי־וועלט, איז די גאַנצע גאַס געווען איין גרויסער פֿליסנדיקער טייך מענטשן.

עס האָט געהערשט אַ פֿייערלעכע, ערנסטע שטימונג. דער מענטשנטייך האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט, באַפּלאַטערט מיט פֿענער און טראַנספּאַרענטן, און ער פֿלעגט פֿאַרגליווערט ווערן, דער מענטשנשטראָם, אויסהערן געוואָרפֿענע לאָזונגען, ענטפֿערן מיט הוררא־געשרייען און נעמען פֿליסן ווייטער.

איך, אַ קליין יינגל, האָב זיך אַריינגעגאָסן אין דאָזיקן מעכ־טיקן טייך ווי אַ טראָפּעלע. אַ מאָדנעם געפֿיל האָב איך דאַן געהאַט: עס איז מיר אי געווען יום־טובדיק און אי שרעקלעך. ביז דאַן פֿלעג איך אויך אַמאָל ווערן אַ טראָפּן פֿון אַ טייך, באַזונדערס שמחת־תורה צו הקפות אָדער, להבדיל, בעתן פֿאַרבלאָנדזשען אין אַ קריסט־לעכער פּראָצעסיע; אָבער דאַן פֿלעג איך פֿילן אָדער נאָר דעם יום־טוב — דער טייך איז געווען אַ היימישער, אַ נאָענטער, אָדער נאָר אַ ווילדע שרעק — דער טייך איז געווען פֿרעמד און פֿיינטלעך, דראָענדיק מיך צו פֿאַרגיסן יעדע מינוט; איצט אָבער איז דער מעכטיקער טייך געווען אַ מאָדנער — אי פֿרעמדלעך, אי נישט

פיינטלעך; איך האָב זיך פאַרלאָרן אין אים, נישט געוווּסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך און נישט ווי זיך צו באַהעפטן מיט אים.

איך האָב זיך לאַנגזאַם באַוועגט, פול מיט אימה, באַזוימט מיט אַ געפיל פון וויכטיקייט, פון פייערלעכקייט, און געוואַרט אויפן גליקלעכן מאָמענט, ווען דער שטראָם וועט מיך דערטראָגן צום ראַנג ניי־וועלט, איך זאָל זיך קאָנען אַרויסגליטשן פון אים און אַריינלויפן אין דער רואיקער ניי־וועלט־גאַס, אין דער רואיקער היים.

פאַר איין זאַך האָב איך באמת געהאַט מורא: טאָמער קאָן איך זיך נישט אַרויסרייסן פון שטראָם, און ער וועט מיך אַוועקטראָגן פאַרביי מיין גאַס, פאַרביי מיין היים...

איך האָב זיך ביסלעכווייז גענומען אַדורכשטופּן צום סאַמע ראַנד פונם מענטשנשטראָם — צווישן די מענטשן, צווישן זייערע פיס. און מיר איז געלונגען.

אָבער ווי נאָר איך האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון שטראָם, זיך דערפילט אַליין, אָפּגעטיילט פון אים, בין איך שטיין געבליבן און אים נאָכגעקוקט ווי ער פליסט ווייטער.

און כ'האָב געהאַט אַ דאָפּלט געפיל: אי איך האָב הנאה געהאַט וואָס איך בין שוין אַליין, אַ מענטש פאַר זיך, אי איך האָב מקנא געווען די מענטשן, וועלכע וועלן ווייטער געטראָגן דורכן מענטשנשטראָם...

און ביזן היינטיקן טאָג איז מיר געבליבן דאָס דאָזיקע דאָפּלטע געפיל פון אַ מענטשנמאַסע: אי איך האָב מורא פאַר איר (ווען איך ווער אין איר אַ טראָפּן), אי זי ציט מיך צו זיך (ווען איך געפין זיך מחוץ איר).

און שפּעטער, ווען עס זענען דערגאַנגען צו אונדזער גאַס און צו מיין היים די ערשטע קלאַנגען וועגן די געשעענישן ביי דער ביאַליסטאָקער תפיסה, האָב איך זיך געפילט ווי אַ העלד: איך בין דאָך אַ שטיקל צייט מיטגעגאַנגען מיט דער דעמאָנסטראַציע, איך בין דאָך געווען אַ טייל פון איר, איך בין געווען — אין אַ געוויסן זין — זי...

הוספות

1) דער סופער מנחם מענדל

(נישט אין ליטעראַטור, נאָר אין לעבן)

מיט העכער פיר צענדליק יאָר צוריק, האָב איך געטראָפן אין בערלין, אין יידישן סטודענטן־פאַראיין, אַ מענטשן, וואָס ווען שלום עליכם וואָלט אים געטראָפן פאַרן שאַפן זיין מנחם מענדל, וואָלט זיין בוך וועגן דאָזיקן יידישן טיפּ געווען מער מנחם־מענדלש ווי עס איז איצט.

יעדער ליטעראַרישער טיפּ באַזירט זיך אויף עלעמענטן פון לעבן. דער שרייבער באַמערקט אָט די עלעמענטן, גראָבט זיי אויס פיצלעכווייז פון לעבן. קאָנדענסירט די ברעקלעך ווירקלעכקייט און שאַפט אַ לעבעדיקן טיפּ, וואָס מען דערקענט אין אים די עלעמענטן פון דער רויער ווירקלעכקייט און מען זאָגט: דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטער טיפּ — מען באַגעגנט אים אָפט אין לעבן, נאָר נישט אין קיין ריינער, שלימותדיקער פאָרעם...

עס טרעפט אָבער אַז דאָס לעבן שאַפט אַ טיפּ, וואָס איז שלימות־דיקער פאַר דעם, וואָס די ליטעראַטור האָט געשאַפן לויט די פיצלעך לעבן, וואָס דער שרייבער האָט באַגעגנט, צונויפגענומען און אויס־געקנאָטן אין עפּעס גאַנצעס...

אַזאַ שלימותדיקן סופער־מנחם מענדל האָב איך געטראָפן, ווי אויבן געזאָגט, אין בערלין, אין 1922—1924.

דער ייד האָט געהייסן הורוויץ. זיין פאָרנאָמען געדענק איך נישט, אין מיין געמיט לעבט ער אָבער ווי מנחם מענדל הורוויץ...

אויב ער האָט אַזוי נישט געהייסן, האָט ער באַדאַרפט אַזוי הייסן...

ער איז געווען העכער פון מיטעלן וווקס, ער האָט געטראָגן ברילן, ווי אויך אַ קליין בערדעלע. אין זיינע אויגן איז געלעגן אַ מילדקייט, וואָס מען זעט עס אַמאָל אין אַ יובל... עפּעס אַן איבער־ערדישע מילדקייט, וואָס קומט אָדער פון גרויסער גוטסקייט אָדער פון גרויסער חכמה, אָדער פון ביידע זאַכן צוזאַמען...

ווען איך האָב אים באַמערקט צוערשט, געדענק איך נישט, — עס איז שוין אַזוי לאַנג אין דעם. היות איך שרייב נישט קיין בעלעטריסטיק, וועל איך נישט צעמענטירן מיינע אביסל צעשוווי־מענע זכרונות מיט צוטראַכטענישן, — זאָלן זיי בעסער זיין קירצער, פראַגמענטאַרישער, איידער צוגעפּוצט, אַרומגעשווירן...

איך געדענק נישט ווען איך האָב אים באַמערקט צוערשט, — אָבער איך געדענק גוט ווען ער האָט צוערשט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק: אין יידישן סטודענטן־פאַראיין, אויף פרידריכ־שטראַסע, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ דיסקוסיע־אָוונט וועגן סאָציאַ־ליזם. האָט אומגעריכט גענומען אַ וואָרט אַ שלאַנקער יונגערמאַן מיט גוטע, מילדע אויגן. הגם מען האָט געקאָנט רעדן אין יידיש, — און כמעט אַלע סטודענטן האָבן פאַרשטאַנען און גערעדט יידיש, — האָט ער גערעדט דייטש, און נישט נאָר איז זיין דייטשישע שפּראַך געווען גוט — זייער גוט, — נאָר אויך זיינע געדאַנקען (ער האָט שאַרף און וויציק קריטיקירט דעם מאַרקסיזם) זענען געווען פּרעציז, איבערצייגנדיק, ממש שלאַגפאַרטיק.

אין זיין רעדן האָט זיך געשפּירט, אַז ער רעדט נישט צוגעגרייטערהייט, אַז ער האָט גענומען דאָס וואָרט צופעליק (ער האָט נישט פיגורירט אויף דער רעדנער־רשימה), אָבער זיין רעדע האָט אויף מיר, דעם לעבנסלאַנגן אַנטי־מאַרקסיסט, געמאַכט אַן איינדרוק. עס איז אין איר נישט געווען קיין איבערגעקייטס, נאָר פרישע אָריגי־נעלקייט, אַ לייכטקייט פון פיל וויסן, אַ זיכערקייט פון אַ מענטשן, וואָס קאָן דענקען, וואָס דענקט זעלבשטענדיק, נישט אויף אַ שאַבלאָ־נעם אופן.

זיין רעדע איז געווען די בעסטע, די איינדרוקפולסטע, די בילד־לעכסטע נישט נאָר יענעם אָוונט, — איך געדענק בכלל נישט קיין איין רעדע אויף קיין שום אָוונט אין סטודענטן־פאַראיין (איך נעם אַרויס פון כלל דעם וויכוח־אָוונט צווישן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און ד״ר י. נ. שטיינבערג וועגן „מאַקסימאַליזם אויף דער יידישער גאַס״), וואָס זאָל האָבן געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, ווי יענע רעדע פונם אומבאַקאַנטן הורוויץ...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך אים, ביי אַ געלעגנהייט, אַריינגעצויגן אין אַ שמועס. איך האָב אים געפרעגט פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס ער לערנט.

ער האָט מיר נישט נאָר גערן געענטפערט, נאָר מיט חשק אויפ־געדעקט פאַר מיר אַ שטיק פון זיין ביאָגראַפיע:

ער שטאַמט פון אַ קליין שטעטעלע אין פּוילן (דעם נאָמען פונם שטעטעלע האָב איך פאַרגעסן), פון אַ זייער אָרעמער משפחה. אַלס קליין יינגל האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ שניידער אויף דער לער. קיין וועלטלעכע בילדונג האָט ער בכלל נישט באַקומען אין זיין יוגנט; זיין יידישע בילדונג איז געווען — אַ פּאָר יאָר תלמוד תורה.

עס האָט אים אָבער געצויגן צו דער וועלט פון גייסט. און אדאנק זיין שאַרפן קאָפּ און גוטן זכרון, האָט ער פון דער לופט ממש, פון צופעליק געכאַפּטע ביכער זיך אַ סך אויסגעלערנט.

היות אים האָט געצויגן אין דער ברייטער וועלט אַריין, האָט ער זיך, אַלס יונגער בחור, אַרויסגעכאַפּט פון שטעטעלע און דער־שלעפּט זיך אין דער שווייץ.

דאָרט האָט ער זיך באַקענט, אין די רעוואָלוציאָנער־עמיגראַנ־טישע קרייזן, מיט מענטשן, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן וועלט־באַרימט: לונאַטשאַרסקי, טראָצקי און נאָך אַנדערע, אָבער איך געדענק נישט וועמען נאָך ער האָט מיר אַלץ אָנגערופן.

זיין סיסטעם פון לערנען איז געווען אַזאַ: היות ער האָט זיך שנעל אַליין אויסגעלערנט לייענען דייטש, פלעגט ער אַריינגיין אין אַן עפנטלעכער ביבליאָטעק, אַרויסנעמען דייטשישע ביכער פון די פאַליצעס און לייענען שטייענדיקערהייט. אַ דאַנק זיין שאַרפן קאָפּ, פלעגט ער שנעל כאַפּן דעם אינהאַלט און אים טיף באַנעמען, במילא — גוט פאַרדייען.

וואָס ער טוט אין בערלין האָט ער מיר נישט געזאָגט, אָבער שפּעטער האָב איך זיך פון אים גופא דערוווּסט, אַז ער פאַרנעמט זיך דאָ נישט מיט שטודירן אַ באַשטימטן פאַך, נאָר מיט מנחם מענדלשע געשעפטן און ער לערנט ווייטער אויפן זעלבן אופן, ווי אַמאָל: ער נעמט אַרוים אין ביבליאָטעק אַ בוך, לייענט אים שנעל איבער, אַסי־מילירט אים נאָך שנעלער און ער קען אַ סך געביטן פון וויסן מער ווי די אויסשטודירטע.

אַז דאָס איז נישט קיין פּוסטע באַרימעריי, האָב איך זיך אין אַ קורצער צייט אַרום איבערגעצייגט.

שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס איך האָב געוווּסט פון ענלעכע פאַלן, אַז יידישע קעפּלעך קאָנען אויסשטודירן טיפע ענינים שנעלער און בעסער פאַר אוניווערזיטעט־סטודענטן, ממש אויף איין פוס.

איינמאָל, טרעפנדיק זיך מיט אים אין סטודענטן־פאַראיין, גיט ער מיך אַ פרעג: „איר וואָלט חשק געהאַט דורכצולייענען מיינע צוויי בראָשורן אין מאַנוסקריפּט?"

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דעם.

קומענדיק שפּעט ביינאַכט אהיים, האָב איך געפונען אין מיין צימער אויפן טיש צוויי מאַנוסקריפּטן אין דייטש (מאַשין־שריפט)

מיט אַ בריוועלע פון מיין באַלעבאָסטע, אַז אַ יונגערמאַן האָט דאָס געבראַכט פאַר מיר.

צומאָרגנס גאַנץ פרי האָב איך אַרויפגעצויגן דעם שטאָר און גענומען לייענען אין בעט הורוויצעס מאַנוסקריפּטן. איין מאַנו־סקריפּט איז געווען אויף אַ פילאָזאָפישער טעמע, דער צווייטער — וועגן איינשטיינס טעאָריע פון רעלאַטיוויקייט.

ביידע בראָשורן האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זייער פאָרעם: דער סטיל איז געווען נישט טראַפאַרעט, מען קאָן זאָגן אַז אַפילו אָריגינעל; די בילדלעכקייט פון אַ סך שטעלן איז געווען ממש באַצויבערנדיק. די אַרבעט וועגן איינשטיינס טעאָריע האָב איך געקאָנט אָפּשאַצן בלויז לויט דער פאָרעם אירער, — וועגן אינהאַלט אירן האָב איך נישט געקאָנט אורטיילן זעלבשטענדיק. צו יענער צייט האָב איך שוין געהאַט געלייענט אַ סך ביכער וועגן דער דאַן סענסאַציאָנעלער (סוף 1922 — אָנהייב 1923) איינשטיין־טעאָריע, אָבער באַגריפן ווי געהעריק האָב איך זי קיינמאָל נישט, אַפילו נישט אין אירע פּאָפּולערסטע אויסטייטשונגען.

דאַקעגן די פילאָזאָפישע בראָשור הורוויצעס האָט מיר געוויזן אַ מענטשן, וואָס באַוועגט זיך פריי און זעלבשטענדיק אויף די פילאָ־זאָפישע שליאַכן, און האָט אַפילו אָפּט די שעפערישע העזה צו מאַכן זעלבשטענדיקע טריט.

ווען איך האָב אים אָפּגעגעבן אין פאַראיין זיינע מאַנוסקריפּטן, האָב איך אים געזאָגט מיין מיינונג סיי וועגן דער פילאָזאָפישער בראָשור און סיי וועגן דער איינשטיין־בראָשור און כ׳האָב אים גע־פרעגט וואָס ער טראַכט צו טאָן מיט זיי.

און דאָ איז געקומען איין סענסאַציע נאָך דער צווייטער. איך געדענק שוין נישט צי ער האָט אַרויסגעלייגט פאַר מיר ביידע סענסאַ־ציעס גלייך אויפן אָרט אָדער ער האָט זיי אַנטפּלעקט פאַר מיר איינציקווייז, אין משך פון עטלעכע טעג אָדער אַפילו וואָכן.

קודם כל האָט ער מיר געזאָגט, אַז די בראָשורן האָט ער שוין געוויזן דעם רעדאַקטאָר פון די „פילאָזאָפישע מאָנאַטס־העפטע" (פּראָפ. שטיין, אויב איך געדענק ריכטיק) און יענער איז גרייט זיי צו דרוקן — די פילאָזאָפישע בראָשור אין זיינע „מאָנאַטסהעפטע" און וועגן איינשטיינען אין זיין פאַרלאַג ווי אַ בראָשור. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז די פילאָזאָפישע בראָשור וועט, נאָכן דערשיינען אין די „מאָנאַטסהעפטע", אַרויסגיין אין זיין, שטיינס, פאַרלאַג ווי אַ בראָשור.

אויף מיין אויסגעשריי, אַז בעסער קאָן גאָר נישט זיין, האָט הורוויץ גענומען מיר אויפווייזן, אַז דאָס איז גאָר נישט אַזוי גוט, אַז עס קאָן זיין אַ סך בעסער; ער האָט מיר גענומען אַרויסווייזן נישט נאָר זיינע גרויסע גייסטיקע פעאיקייטן, נאָר אויך זיינע מנחם מענדלשע סופּער־פעאיקייטן.

* * *

אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי איך זאָל באַשרייבן „מנחם־מענדל" הורוויצן, צי נישט. הגם די דאָזיקע געשעענישן זענען נאָך דאַן געווען נענטער אין שטח פון דער צייט און במילא פרישער אין מיין זכרון, און איך האָב נאָך דאַן אויך געהאַט מיינע נאָטיצן וועגן אים, געמאַכט אין בערלין, דאָך האָב איך אַפילו דאַן געפילט אַז דידאָזיקע טעמע שטייגט איבער מיינע כוחות. אַ פשיטא שוין היינט, ווען די פרישקייט פון די בערלינער נאָטיצן פאַרמאָג איך שוין נישט און די פרישקייט פון זכרון איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס אַמאָל; אָבער עפּעס פיל איך אַ נויטווענדיקייט צו באַפרייען זיך, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, פון מיינע הורוויץ־זכרונות.

אין איין שיינעם טאָג האָט מיר הורוויץ „געמאָלדן" צוויי זאַכן: 1) אַז זיינע בראָשורן האָט שוין פּראָפ. שטיין אָפּגעשיקט קיין לייפּציג, וווּ עס זעצן זיך די „פילאָזאָפישע מאָנאַטסהעפטע" און עס ווערט געזעצט שטיינס בראָשורן־ביבליאָטעק; זיין פילאָזאָפישע אַרבעט וועט אַריין אין איינעם פון די נאָנטסטע נומערן פון שטיינס זשור־נאַל, און די איינשטיין־בראָשור וועט דערשיינען ווי נאָר זי וועט אויסגעזעצט ווערן; און 2) ער ספקט צי ער האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט געגעבן דעם פּראָפ. שטיין סיי דעם אַרטיקל, סיי די בראָ־שור.

אויף מיין פאַרוווּנדערטער איינווענדונג, אַז איך זע נישט וואָס ס'קאָן זיין בעסער, ווייל אַדאַנק די „מאָנאַטסהעפטע" וועט ער קריגן אַ נאָמען און ער וועט קאָנען אַרבעטן און אַנטוויקלען זיינע פעאיקייטן, — האָט הורוויץ געענטפערט:

— די „מאָנאַטסהעפטע" צאָלן זייער ווייניק און איך האָב אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען פון מיינע אַליין אַרויסגעגעבענע בראָ־שורן אַ סך געלט אויף אַן אַנדער אופן.

— וואָסער מעגלעכקייט?

דאָ האָט מנחם מענדל פּאַנאַנדערגעשפּרייט די פליגלען פון זיין מנחם מענדלשער פאַנטאַזיע, גענומען פאָכען מיט זיי און זיך געלאָזט פליען.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בריוו און מיר געוויזן:

— איר זעט, אָט האָט איר אַ בריוו צו מיר פון לונאַטשאַרסקין, פון לענינגראַד. אַזעלכע באַרימטע באַקאַנטע, וואָס האָבן געהאַלטן פון מיר, זיך אינטערעסירט מיט מיר, האָב איך אין דער שווייץ געהאַט אַ סך... אַנדערע, ווי לונאַטשאַרסקי און נאָך, זענען דאָרט היינט נישטאָ, אָבער אַ סך פריינט און באַקאַנטע זענען נאָך דאָרט געבליבן... איך וועל אַליין אַרויסגעבן מיינע בראָשורן; כ'וועל שרייבן לונאַטשאַרסקין און נאָך אַ פּאָר באַרימטע פריינט, זיי זאָלן אונטערשרייבן מיינעם אַ בריוו צו די אַדרעסאַטן, צו וועלכע כ'וועל אַרויסשיקן מיין ביכל, און כ'וועל באַקומען פאַר יעדער בראָשור אַ גאָלדענע מטבע...

איך האָב געזען פאַר זיך אַ מנחם מענדל אין מיטן זיין חלום־פלי, — אַ פלי, וועלכן מען קאָן נישט אָפּהאַלטן; פונקט ווי ס'איז דאָ אַ לונאַטיק־גאַנג, אַזוי איז דאָ אַ מנחם־מענדל־פלי, און ס'איז אוממעגלעך אים אָפּצושטעלן און שטערן...

איך האָב פּרובירט אים אויפווייזן ווי פאַלש זיינע אויסרעכענונגען זענען; אַז דאָס אָפּדרוקן זיינע אַרבעטן אין פּראָפ. שטיינס זשורנאַל און אין זיין פאַרלאַג איז טויזנטמאָל מער ווערט — אפילו פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט — ווי זיינע חלומות וועגן לונאַטשאַרסקים הילף, וועגן די גאָלדענע שווייצאַרישע רענדלעך...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט מיר הורוויץ דערציילט אין סטודענטן־פאַראיין, אַז ער האָט באַשלאָסן צוצופאָרן קיין לייפּציג און אָפּנעמען זיינע טיילווייז אויסגעזעצטע מאַנוסקריפּטן...

ער האָט מיר געוויזן אַ טעלעגראַמע, וואָס ער האָט געשיקט קיין לייפּציג, מען זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט אַרום זיין בראָשור און אַרטיקל און היינט ביינאַכט פאָרט ער אַרויס אַהין מיטן עקספּרעסצוג, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן, מען זאָל חס ושלום נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן זיין בראָשור און אים קאַליע מאַכן דעם רעגן פון גאָלדענע רענדלעך...

— קיין שום קעגן־אַרגומענטן מיינע האָבן נישט געהאָלפן,

ער איז געפאָרן קיין לייפּציג, אָפּגענומען די מאַנוסקריפּטן (איך שטעל זיך פאָר ווי מען האָט דאָרט געקוקט אויף אים!), ער האָט אַליין אָפּגעדרוקט איין בראָשור (וועלכע געדענק איך שוין נישט); ער האָט פאַרפאַסט אַ בריוו צו די אַדרעסאַטן, צו וועמען ער האָט אַרויסגעשיקט דעם בריוו (לונאַטשאַרסקי, ווי די אַנדערע, האָבן אים אַפילו נישט געענטפערט), צו די הוצאות אויף דער נסיעה קיין לייפּציג, אויף אַרויסגעבן זיין בראָשור, האָט ער נאָך צוגעלייגט אויף פּאָסט־געלט קיין שווייצאַריע...

ווען איך האָב אים אין אַ צייט אַרום געפרעגט, וויפל גאָלדענע רענדלעך ער האָט באַקומען פאַר די הונדערטער צעשיקטע בראָשורן, — האָט ער גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן מיט זיין מילדן, אָנט־וואָפּנענדיקן שמייכל, וואָס האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים, פונם מויל ביז די אויגן, און ער האָט געענטפערט מיט זעלבסט־איראָניע:

— קיין איינער האָט זיך נישט אָפּגערופן...

* * *

דאָס אויבנדערציילטע איז געווען בלויז אַן אָנהויב...

איינמאָל האָב איך געטראָפן הורוויצן אין גאַס, נעבן דער „קייזער ווילהעלם געדעכטניס קירכע" (אַזוי דאַכט זיך האָט מען זי גערופן)...

ער איז געבליבן שטיין ווי איינלאַדנדיק מיך אויף אַ שמועס.

כ'בין אויך געבליבן שטיין און מיר האָבן זיך צערעדט...

ער האָט מיך אָפּגעשטעלט נישט אומזיסט, — ער האָט אַ פּלאַן צו לייזן די מאַטעריעלע נויט פון דער יידישער סטודענטנשאַפט אין בערלין...

ער האַנדלט מיט פּאַפּיראָסן, וואָס דייטשישע פרויען שטאָפּן אויס פאַר אים אין די שטיבער, און ער ווייסט גוט ווי דאָס צו פּראָדוצירן. ער קען אויך גוט דעם מאַרק, לייגט ער פאָר צו שאַפן אַ סטודענטן־קאָאָפּעראַטיוו, מיט וועלכן ער וועט אָנפירן, אויס־צואַרבעטן פּאַפּיראָסן פאַר גאַנץ בערלין, מיט הונדערטער קיאָסקן. די פּאַפּיראָסן וועלן קאָסטן ביליק און מען וועט לייכט קאָנען קאָנ־קורירן מיט דער מלוכה...

אַז איך האָב אים געפרעגט ווי אַזוי וועלן מיר קריגן קאָנצע־סיעס אויף קיאָסקן און ווי אַזוי וועלן מיר אויסבאַהאַלטן פון דער

פּאָליציי אזוי פיל „לינקע" קיאָסקן, — האָט זיך אויף זיין פּנים צעלייגט זיין באַצויבערנדיקער שמייכל און ער האָט א זאָג געטאָן מיט א טאָן, ווי ער וואָלט דערציילט אַן אַנעקדאָט...

— אָט דאָ ליגט טאַקע די שוועריקייט... דאָס וועט מען דאַרפן ארומריידן איף א זיצונג...

ער האָט געבעטן דער פאַרוואַלטונג פון סטודענטן־פאַראיין איינצואָרדענען א זיצונג, אויף וועלכער איך בין אויך געוועזן; ער האָט פאָרגעלייגט זיין פּלאַן, איך האָב אים ווידער געשטעלט מיין פראַגע, מען האָט אויך געשטעלט אנדערע פראגעס און דער סוף איז געוועזן אַזאַ, וואָס האָט זיך געלאָזט פאָראויסזען: דער מענטש האָט געלעבט ווי אין חלום; זיין פּלאַן איז געוועזן דורכגעטראַכט מיט אַלע פּרטים, — נאָר דעם העלפאַנט האָט ער נישט באַמערקט, נישט געוואָלט באַמערקן, — ווי אזוי מאַכט מען אז די פּאָליציי זאָל נישט באַמערקן עטלעכע הונדערט קיאָסקן אויף די רוישיקע גאַסן פון בערלין פון די 20־ער יאָרן, ווו מען פאַרקויפט ביליק אומ־לעגאַלע פּאַפּיראָסן...

איך האָב דאַן באַגריפן ווי די מנחם מענדלשע פּסיכיק אר־בעט: נישט נאָר איך און אנדערע האָבן באַמערקט דעם אומזין פון זיין פּלאַן, נאָר אויך הורוויץ האָט אים באַמערקט און ווי גע־העריק איינגעזען, ווען מען האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט דע־רויף. ער האָט דאָס מודה געווען און דאָך — ווייטער גערעדט וועגן פּלאַן, — ער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך אָפּ־רייסן פון זיין זיסן חלום. — ער האָט אים ווייטער געשפּונען קעגן דער לאָגיק, קעגן זיין פאַרשטאַנד. ער איז געווען ווי היפּנאָטיזירט דורך אים און ער האָט זיך געקלאַמערט אין אים, אין זיינע גרויסע מעגלעכקייטן, ווען נישט איין קליינינקייט, וואָס האָט צעשטערט זיין פּלאַן; האָט ער פאַרקוקט די דאָזיקע קליינינקייט, ווען אַנדערע און ער גופא האָבן זי באַמערקט, — און האָט ווייטער געטרוימט וועגן זיין גרויסן פּלאַן.

אוודאי האָט ער געזען אז די גרויסע מעגלעכקייטן זענען דאָ נאָר אין דער פאַנטאַזיע, אָבער פון דערדאָזיקער פאַנטאַזיע האָט ער נישט געקאָנט — און נישט געוואָלט — זיך אָפּרייסן.

און דאָס איז אפשר די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון מנחם מענדעליזם: אין די מאָמענטן, ווען זיי דערזעען די ווירקלעכקייט, ווייסן זיי אז זיי טרוימען איראַציאָנעל, אָבער זיי ווילן נישט זען

דיווירקלעכקייט; זיי זענען פעאיק זיך איינצווויגן מיט קינדער־מעשהלעך...

און באמת: וואָס זענען זייערע געניאַלע פּלענער שולדיק, אַז כדי זיי פּראַקטיש צו פאַרווירקלעכן, מוז מען פריער באַזייטיקן אַ פּאָר פאַרדראָסיקע קלייניקייטן: מען דאַרף אָפּשאַפן די פּאָליציי, דעם מלוכה־אַקציז אויף פּאַפּיראָסן און אַזוי ווייטער...

און גראָד אָט די קלייניקייטן, וואָס זיי קאָנען נישט באַזייטיקן, זענען אַזוי לעבנסוויכטיק פאַר דער לעבנספעאיקייט פון זייערע גרויסע, פּראַקטישע פּלענער...

טאָ וואָס זענען זיי שולדיק?

אָבער אויף איין געביט קאָנען זיי אָט די קלייניקייטן נישט שטערן, — אויפן געביט פון פרייען פלי פון דער מנחם־מענדלשער פאַנטאַזיע.

איז קלאַמערן זיי זיך אין דער דאָזיקער פרייהייט און פאַר־בלייען זיך מיט איר אין אַ וואַקכאַנאַליע פון טרוימען...

* * *

איינמאָל, נאָך מיטאָג, איז אין פאַראיין געוואָרן אַ שטיקל בהלה: מען איז אַרומגעלאָפן, און אַלץ איז געלאָפן אַרום מנחם מענדל הורוויץ. געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר, האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז הורוויץ האָט זיך באַקענט מיט מענטשן פון דער שוואַרצער בערזע, און אַז ער וועט בייטן דאָלאַרן פאַר אַלע סטו־דענטן, ד. ה. אַ גרעסערע סומע, וועט ער באַקומען פאַרן דאָלאַר, אַ סך מער ווי בעת יעדער בייט זיין דאָלאַר צו צוויי זעלבשטענ־דיק. און הורוויץ נעמט זיך אונטער בייטן פאַר אַלעמען ביי זיינע באַקאַנטע דאָלאַרן־בייטער אויף דער שוואַרצער בערזע.

האָב איך אויך אַריינגעלייגט אין געשעפט מיין דאָלאַר צו צוויי.

מען האָט צונויפגעלייגט די איינציקע דאָלאַרן, זיי געביטן ביי די רייכערע אויף גרעסערע באַנקנאָטן, אַ פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד האָט געפירט דעם חשבון — פאַרשריבן ווער וויפל עס האָט גע־געבן, צונויפגערעכנט דעם סך־הכל און הורוויץ איז אוועק באַגליקן דעם עולם.

אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט ער זיין צוריק און יעדער

איינער וועט באקומען — ביי יענער מוראדיקער אינפלאציע — א סך מער ווי געוויינלעך, ווען ער בייט אין א באנקגעשעפט אָדער ביי א שווארץ־בערזעניק זיין מיזערנעם איינצלנעם דאָלאר.

די ערשטע שעה האָט מען נישט באמערקט דאָס ווארטן, — מען פלעגט סיי ווי מערסטנטיילס פארברענגען אויף פרידריכ־שטראסע א פּאָר שעה פון די מיטאָק־שעהן. אָבער ווען דער ווייזער האָט זיך גענומען רוקן נענטער צו פינף, האָט מען אָנגעהויבן קוקן אויף די זייגערס: וואָס זאמט ער זיך? ווו איז ער פארשוווּנדן געוואָרן?...

און די ווייזערס אויף יעדנס האַנט־זייגער האָבן זיך גערוקט און דער אומרו איז געוואָרן גרעסער. ארום זעקס האָט מען שוין נישט געמורמלט, נאָר אויפן קול געפרעגט: וואָס איז געשען מיט הורוויצן?

קיין זינדיקע מחשבות וועגן אים האָט קיינער נישט געהאַט! — זיין אָרנטלעכקייט איז געווען מחוץ יעדן ספק, — אָבער וואָס איז פּאָרט געשען? אַן אָבלאווע אויף דער בערזע? עפּעס סתם אן אומגליק? מען איז דאָך מער נישט ווי א מענטש, — מאָלע וואָס עס קאָן געשען מיט א מענטשן?

ארום האַלב־זיבן איז אריינגעקומען אין סטודענטן־פאראיין הורוויץ. אָבער כמעט קיינער האָט אים נישט דערקענט. יעדער איי־נער האָט געפרעגט צי איז דאָס ער, צי נישט ער?

קיין סימן באָרד איז נישט געווען אויף זיין פּנים; די האָר פון קאָפּ ארומגעראזירט; די אויגן פארשטעלט נישט מיט זיינע נאָרמאַלע ברילן, נאָר מיט גראָבע, טונקעלע.

וואָס איז געשען?

ווען הורוויץ האָט זיין גוט־באַקאַנטן בערזע־מעקלער דער־לאנגט זיינע גרויסע דאָלאר־באנקנאָטן, האָט דער מעקלער אים גע־הייסן ווארטן א רגע — ער וועט זיי גיין ווייזן זיין שותּף, צי זיי זענען נישט קיין פאַלשע. און דער ייד האָט געהאַט א ניוך אויף די זאכן: ווען ער איז צוריקגעקומען מיט א תּשובה פון שותּף, אז ווי דאָס הארץ וואָלט אים געזאָגט — זיי זענען געפעלשטע, האָט הורוויץ צוערשט נישט געוואָלט גלויבן, אָבער דערנאָך האָט ער אליין געזען, אז ס׳איז אמת — פאַלשע דאָלארן!

אָבער הורוויץ האָט זיך נישט געלאָזט: אין פאראיין און ביי

איז גלאז' דא זנענע ו'נענט זיי געוועט נוטע, ריבקיקע דאָלארן —
פּאָלש זענען זיי געוואָרן ערשט אויפן וועג צו און פון שותּף...

איז געוואָרן א קריגעריי, א טומל און הורוויץ האָט גערופן
פּאָליציי און דער ענין איז אריבער צום בערלינער פּאָליציי־שעף
פון יענער געגנט (אזוי האָט הורוויץ דערציילט), ווו די דאָלארן־
בערזע האָט זיך געפונען...

זיך אויסגעטענהט מיט דער פּאָליציי, וואָס האָט פארשריבן
די טענות פון בײדע צדדים, איז הורוויץ גלייך פון דער פּאָליציי
אריין צו א שערער און זיך געלאָזט אָפּראזירן באָרד און פּאות,
דעם קאָפּ האָר, — די חברה זאָל אים נישט דערקענען פאר איבער־
געבן דעם ענין דער פּאָליציי. און פון דעם נעמען זיך אויך די דיי־
קע, טונקעלע ברילן, — מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, ווייל הורוויץ,
ווייזט זיך אַרויס, קען גוט די שווינדלערס און דערביי האָט ער גע־
נומען שמייכלען מיט זיין גוטן, תמימותדיקן שמייכל.

איך האָב געקוקט אויף אים און מיין האַרץ איז פול געוואָרן
מיט מיטלייד צום דאָזיקן מענטשן, ווי טביה איז פול געוואָרן מיט
רחמנות צו מנחם מענדלען אין „א בוידים", ווען דער קרוב זיינער,
מנחם מענדל, קומט צו אים נאָכן אָנווערן אויף דער בערזע זיינע,
טביהס, אָפּגעשפּאָרטע פּאָר רובל...

הורוויץ איז געווען בלייך ווי א פריש געקאַלכטע וואַנט. און
זיין געענדערטע צורה האָט נישט נאָר געביטן די געשטאַלט, נאָר
אויך די מראה, אָבער אזוי, אז עס האָט געשניטן ביים האַרצן.
איך וואָלט געקאָנט שווערן, אז דער מענטש האָט נאָך יענעם טאָג
קיין מיטאָק נישט געגעסן, הגם ער האָט געטענהט, אז ער איז נישט
הונגעריק (און מ'האָט אים געמעגט גלויבן, אז ער האָט פארלוירן
דעם אַפּעטיט).

איך בין געזעסן מיט אים און ער האָט נישט אויפגעהערט צו
ריידן, און מען האָט געזען און געפילט, אז ער אָטכייקעט זיך מיטן
ריידן וועגן זיינע הלומות...

ער האָט מיר דאַן דערציילט וועגן א נאַרוואַסיקן געשפּרעך
מיטן פּאָליציי־שעף, וועמען ער האָט פּאָרגעלייגט צו שאַפן א נייעם
סאָרט זיכערקייטס־סיסטעם קעגן גנבות. למשל: מען בויט אויס א
צענטראַלע, ווי א צענטראַלע פון א טעלעפאָן־סטאַציע. יעדער איי־
נער קאָן ווערן אַן אַבאָנענט. און ווען מען רייסט אויף די טיר אין
א וווינונג אָדער אין א געשעפט, צינדט זיך אָן א לעמפּעלע אין

דער צענטראַלע קענן גנבות... דאָס איז פּשוט, — האָט ער מיר געזאָגט, — אָבער הונדערט פּראָצענט זיכער.

גיב איך אים א פרעג: דאָס איז אַלץ געֶרעדט געוואָרן אַז די גנבים קומען דורך דער טיר, ווו עס זענען דאָ דראָטן, וואָס פאַר־בינדן די קראָם מיט דער צענטראַלע, אָבער וואָס טוט מען אויב די גנבים רייסן אויף א וואַנט אָדער א דאַך, ווי עס טרעפט אָפּט?

גיט ער שנעל א טראַכט און זאָגט מיט זיין אומפאַרגלייכלעכן שמייכל: וואָלט טאַקע געווען בעסער, ווען עמעצער שלאָפט דאָרט אין דער קראָם...

און ער גיט צו: דער פּאָליציי־שעף האָט מיר דאָס טאַקע אויך געזאָגט, און ער לאַכט מילד, ווי פון זיך אַליין...

און דאַן האָט ער מיר אויך דערציילט, אַז ער האָט געמאַכט א דערפינדונג פון א זעץ־מאַשין, וואָס מען קאָן אויסקלאַפּן אויף איר נישט אותיות, נאָר גאַנצע ווערטער, גאַנצע זאַצן.

אמת, איך האָב אפילו נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי דאָס איז מעגלעך, אָבער פונוואַנען זאָל איך פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן?...

האָט ער מיר פרובירט אויפקלערן און דערציילט וועגן א לאַנ־גער קאָרעספּאָנדענץ מיט דער שווייץ וועגן פּראָדוצירן זיין דער־פינדונג, אָבער... עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז עמעצער האָט שוין געמאַכט די זעלבע דערפינדונג פון לאַנג...

אמת, איך האָב וועגן אַזאַ דערפינדונג נישט געהערט ביז היינט, אָבער חושד זיין אים אין א פּשוטן ליגן האָב איך נישט געקאָנט.

— אויב דאָס איז נישט אמת, איז דאָס אויך נישט קיין ליגן, נאָר א פאַנטאַזיע־געשפּענסט, א פּסיכאָלאָגישע אויסקרימעניש...

ער האָט מיר יענעם פאַרנאַכט און אָוונט דערציילט וועגן נאָך עטלעכע כימערעס, וואָס אַנדערע פון זיי געדענק איך שוין אינ־גאַנצן נישט, און פון אַנדערע געדענק איך נאָר שטיקלעך און ברעק־לעך, — אָבער אין גאַנצן גענומען איז דאָס געווען אַן אומעטיקער אָוונט, זייער אַן אומעטיקער...

* * *

עס זענען אַוועק לאַנגע וואָכן און איך האָב הורוויצן נישט געזען. ענדלעך איז מיר איינגעפאַלן צו פרעגן א געמיינזאַמען באַ־קאַנטן אונדזערן פון סטודענטן־פאַראיין צי ווייסט ער אַמאָל נישט וואָס עס הערט זיך מיט הורוויצן...

האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער ווייס יאָ וועגן אים: אַן אויטאָ האָט אים איבערגעפאָרן, ער געפינט זיך אין דעם און דעם שפּיטאָל, ווו ער באַזוכט אים פון צייט צו צייט, — אויב איך וויל, קאָן איך מיט אים מיטגיין ביי זיין נאָענטסטן באַזוך אין שפּיטאָל...

* * *

איך האָב הורוויצן באַזוכט אין שפּיטאָל.

עס איז שוין דאָ אין דעם איבער פערציק יאָר, — איך געדענק נישט גענוי צי 42 אָדער 43.

סאַראַ סך יעדער מענטש און בפרט יעדער ייד האָט פאַר דער דאָזיקער צייט איבערגעלעבט, דאַרף איך מיינע לייענער נישט דערציילן; אָבער ווען איך דערמאָן זיך שוין יאָ אין הורוויצן, גיט אַ שטראַל אויף אין מיין געמיט מיין דאָזיקער באַזוך ביי אים.

ווער קאָן פארגעסן זיין שמייכל און זיין לייכטן און לויכטנדיקן געמיט, ביים דערציילן מיר וואָס עס איז מיט אים געשען. אַ זייטיקער, וואָס וואָלט זיך נישט צוגעהערט צו זיין דערציילונג, נאָר זיך בלויז צוגעקוקט צו אים ביים דערציילן, וואָלט זיכער געווען געמיינט, אז עס ווערט דאָ דערציילט עפּעס לייכטס, עפּעס קאָמישס און אפילו עפּעס פריידיקס. מיט וואָסער געמיטלעכן געלעכטער ער האָט מיר דערציילט, ווי מען האָט אים איבערגעפאָרן, ווי ער הערט נישט אינגאַנצן אויף איין אויער און אויפן צווייטן אַ ביסעלע; ווי ער האָט פארלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט די פרויען, וואָס שטאָפּן אוים ביי זיך אין די שטיבער די אומלעגאַלע פּאַפּיראָסן פאַר אים און זיי ווייסן נישט געווים ווו ער איז פארשוווּנדן, און זיי נויטיקן זיך דאָך אזוי אין די פּאָר גראָשן, וואָס זיי פארדינען ביי אים, ווייל דאָס זענען אַלץ פרויען פון פּאָליטישע ארעסטירטע, וואָס מוזן אַליין אויסאַרבעטן אויף חיונה פאַר זיך, פאַר די קינדער און אויך פאַר די מענער, פאַר וועלכע זיי מוזן טראָגן עסנווארג אין די תפיסות...

ווי האָט ער געקאָנט אזוי געמיטלעך ריידן וועגן דעם אַלעם?...

איך זע נאָך איצט זיין געמיטלעכן פּנים־אויסדרוק. איך הער נאָך איצט די מיט געלעכטער פארגאָסענע שטים; איך הער נאָך איצט די געלעכטער־אויסברוכן פון דאָזיקן פארקריפּלטן מאַן, וואָס זיין גאַנצע שטיקל עקזיסטענץ איז ווי אונטערגעשווענקט געוואָרן

און זי האַלט זיך קוים־קוים אויפֿן וואַסער, גרייט יעדע מינוט צו פֿאַרזינקען אין אים, אין דאָזיקן אונטערשוועקענדיקן וואַסער...

שוין 42—43 יאָר און איך לעב נאָך אַלץ איבער, ביים דערמאָנען זיך דאָס, ביים דערציילן דאָס, יענע האַלבע שעה וואָס איך בין געזעסן ביים בעט פֿון דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווי דער גליקלעכסטער, וואָס האָט געהערשט איבער דעם צושטאַנד זיינעם, — ווייל זיין געמיט איז באַהערשט געווען פֿון גאַנץ אַנדערע געזעצן, ווי ביי אַנדערע מענטשן...

ביים אוועקגיין האָט ער אונדז געבעטן אַריינצוגיין צו עטלעכע פֿרויען, פּאַפּיראָסן־שטאָפּערקעס, און זיי דערציילן וואָס עס איז מיט אים געשען און אַז ווי נאָר ער וועט אַרויסגיין פֿון שפּיטאָל, וועט ער זיין ביי זיי און דערלײדיקן די חשבונות...

מיר האָבן זיי אויפֿגעזוכט. דערהערט אַז מיר זענען הורוויצעס פֿריינט, האָבן זיי פֿריי גערעדט וועגן דעם מאָדנעם מענטשן, וואָס האַלט קיינמאָל קיין וואָרט נישט און דאָך איז ער נישט קיין ליגנער און איז זייער אָרנטלעך. זיי האָבן כסדר איבערגעחזרט אַז ער איז אַ מאָדנער מענטש, וואָס מען קאָן אויף אים נישט זיין אין כעס, ווייל ער האָט אַזאַ גוטן שמייכל, ווייל ער איז אַזוי גוט און מיטפֿילנדיק.

זיי האָבן זיך באַקלאָגט אַז זיי פֿעלט דאָס געלט, וואָס ער קומט זיי שוין פֿון לאַנג, אָבער זיי קאָנען נישט אויפֿהערן אַרבעטן פֿאַר אים, ווייל ס'איז זיי אַ שאָד דער מענטש.

מערקווירדיק איז געווען דאָס, וואָס הגם עס איז זיי געווען אָנגעזאַליעט אויף די נשמות, האָבן זיי צום מיינסטן גערעדט וועגן זיין שמייכל, וועגן זיין גוטסקייט, וועגן זיין מאָדנעקייט, וועגן זיין אויסטערלישקייט...

די דאָזיקע פּשוטע, אָרעמע פֿרויען האָבן אים ריכטיק אָפּגעשאַצט. עס האָט זיך געפֿילט אין זייערע רייד, אַז זיי האָבן געפֿילט אין אים עפּעס אַזוינס, וואָס זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט קלאָר באַצייכענען אין ווערטער (און ווער וואָלט דאָס יאָ געקאָנט?...).

זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף אים, אָבער גלייכצייטיק געהאַט גרויס דרך ארץ פֿאַר אים.

נאָך דעם שמועס מיט אים אין שפּיטאָל, האָב איך זיי גוט פֿאַרשטאַנען...

* * *

אין א שטיקל צייט ארום בין איך אָפּגעפּאָרן אויף א יאָר קיין ריגע. פון דאָרט קיין ווארשע, וווּ איך בין שוין געבליבן ביזן אויסברוך פון היטלער־שטורעם.

פאר די דאָזיקע 14—15 יאָר האָב איך א סך מאָל גערעדט מיט באקאנטע וועגן דאָזיקן מערקווירדיקן מענטשן. עס האָט זיך שטארק געוואָלט וויסן וואָס מיט אים איז געוואָרן, עס האָט זיך געוואָלט דערציילן אין שריפט וואָס איך האָב געוווּסט וועגן אים פון מיינע באגעגענישן מיט אים. אָבער כ'בין קיינמאָל נישט גע־קומען דערצו...

בלויז איינמאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און כ'האָב אָנגעפרעגט ביי א געמיינזאַמען באקאנטן אין אַמעריקע צי ווייס ער נישט וואָס עס איז געוואָרן מיטן דאָזיקן מענטשן.

דער ענטפער איז געווען א טרויעריקער: הורוויץ האָט חתונה געהאַט מיט א דייטשישער „קאָנסיערזשקע" (אויף פּראָסט יידיש הייסט עס, מיט א פּשוטער סטרוזשקע).

אין א קורצער צייט ארום נאָכן האָניק־חודש האָט זי אים אויפגעהערט אריינצולאָזן אין שטוב, און ער האָט, אפילו ווינטער־צייט, געמוזט שלאָפן אין דרויסן, וווּ ער האָט נאָר געקאָנט אָנ־שפּארן זיין געניאלן, אָבער צעטומלטן קאָפּ.

ער האָט זיך ארומגעוואלגערט ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די היטלער־זאווערוכע און הורוויץ איז פארפאלן געוואָרן, — קיינער פון די באקאנטע פונם בריוו־שרייבער האָט אים מער נישט געזען...

2) פון דער שאַטנזייט

(ברעקלעך זכרונות)

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען גענוי אין וועלכן יאָר דאָס איז געווען, — אין 1937 אָדער אין 1938, אין ווארשע.

* *

איך בין אין איינעם אַן אָוונט ארויפגעגאנגען צו מיין פריינט, דעם „פריילאנד"־טוער זלמן מייזנער, און דאָרט געטראָפן עטלעכע

מענטשן, צווישן זיי דעם פּאַפּיר־סוחר מענדעלסאָן, שלמה מענדעלסאָנס ברודער.

... מענדעלסאָן, אַ שטילער מענטש, איז דאָס מאָל געווען דער ראש המדברים, און ביים טיש האָט זיך געפילט אַ געשפּאַנטקייט.

זלמן מייזנער, זיצנדיק אויבנאָן, האָט געזאָגט צו מענדעלסאָנען:

— דערציילט אויך ראַפּאַפּאָרטן וואָס איר האָט אונדז דערציילט.

...מענדעלסאָן האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און איז גלייך צוגעטראָטן איבערצוחזרן פאַר מיר וואָס ער האָט אָקאָרשט געהאַט דערציילט און וועגן וואָס עס איז, ווי כ'האָב זיך אָריענטירט, אָנגעגאַנגען צווישן עולם פון אַ 6—7 מענטשן אַ דיסקוסיע.

און אָט וואָס מענדעלסאָן האָט דערציילט:

ער, מענדעלסאָן, שטעלט שוין פון לאַנג צו פּאַפּיר דעם „דזשאָינט" אין וואַרשע פאַר זיינע פאַרשידענע אויסגאַבן און אַנדערע באַדערפעניש. אָבער די לעצטע טעג האָט מען איינגעקויפט פּאַפּיר ביי אַ צווייטן פּאַפּיר־סוחר. האָט ער הוקר־ודורש געווען ביי זיינע באַקאַנטע „דזשאָינט"־אָנגעשטעלטע און זיך דערוווסט, אַז פאַרן זעלבן פּאַפּיר, וואָס ער שטעלט צו, האָט דער „דזשאָינט" דאָס מאָל געצאָלט אַ סך אַ גרעסערן פּריז ווי געוויינלעך ביי אים. ער האָט זיך אויך דערוווסט, אַז דער „דזשאָינט"־איינקויפער (ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען, אָבער איך געדענק אים נישט איצט) איז געווען אַ שותּף צום געלט וואָס דער „דזשאָינט" האָט געצאָלט איבערן נאָרמאַלן פּרייז.

מענדעלסאָן האָט פּראָטעסטירט אין „דזשאָינט", אָבער קיינער וויל אים נישט הערן; ער איז שוין געווען ביי דער פּרעסע, אָבער אַלע שאָקלען מיט די קעפּ און דאַך זאָגן זיי זיך אַלע אָפּ צו שרייבן וועגן דעם, וויל אַיין ציימונג האָט דער „דזשאָינט" „געבאָרגט" געלט אויף אַ מאָדערנער דרוק־מאַשין; ביי אַ צווייטער האָט מען ווייך געמאַכט דאָס האַרץ פונם רעדאַקטאָר דורך איבערגעבן אים צו רעדאַקטירן איינס פון דעם „דזשאָינט"ס קליינע, אָבער גוט באַצאָלטע חודשלעכע זשורנאַלעכלעך...

לויפט ער אַרום, מענדעלסאָן, און שרייט „קאַראַאול!", „קאָרופּציע!", אָבער זיין שטים איז ווי אַ קול קורא במדבר...

דאָס איז נישט געווען דער ערשטער קאָרופּציע־סקאַנדאַל,

וועגן וועלכן איך האָב געהערט אין וואַרשע, אָבער דאָך האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן שנעלער צו קלאַפּן סיי צוליב דער מעשה־נורא גופא, סיי פונם געפיל פון הילפלאָזיקייט.

אפילו היינט, נאָך דער רייכער דערפאַרונג פון מלחמהדיקן ווילנע און שאַנביי, ווען איך וויס אויף זיכער, אַז נישטאָ וואָס צו מאַכן אין אַזעלכע פאַלן, ווייל א טייל איז פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע ענינים דורך אָפּלעקן א ביינדל פאַרן פאַרשווייגן זיי און א טייל וויל זיך נישט אויפרעגן און זיי דערליידיקן דאָס דורך א צינישן שמייכל אונטער די וואָנסעס, — אפילו היינט קאָן איך נאָך נישט א טראַכט טאָן וועגן יענעם פאַל אָן א טיפער האַרץ־קלאַפּעניש: ווי אומבאַהאָלפן מענדעלסאָן, מיט זיין גאַנצן צד אין טיש, האָט זיך גע־וואָרפן פון דער עוולה, וואָס ער האָט זי אפשר אויפגענומען מער פון דער פערזענלעכער זייט (ער איז פערזענלעך געווען דער באַ־עוולטער) ווי פון איר געזעלשאַפטלעכער, אָבער דאָך האָט זי באַ־דאַרפט זיין אַן ענין פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר דער פּרעסע, פאַר די פּובליציסטן אונדזערע, וואָס האָבן טאָג־פּרעסע שטענדערס, און דאָך...

אָבער צו וואָס ריידן אַבסטראַקט, טעאָרעטיש, אַז איך האָב געהאַט קאָנקרעטע באַווייזן ווי אַזוי מען האָט דעם „ענין אויפגע־נומען"...

* * *

איך האָב אין משך פון די נאָענטסטע וואָכן, נאָך יענעם אָוונט ביי מייזנערן, עטלעכע מאָל געפּרעגט מענדעלסאָנען וואָס עס הערט זיך מיטן ענין „דזשאָינט"־פּאַפּיר; ער פלעגט א מאַך טאָן מיט דער האַנט א רעזיגנירטער:

— קיינער וויל נישט שרייבן וועגן דעם, די פאַראינטערע־סירטע „דזשאָינט"־לייט פאַרמאַכן אַלעמען דאָס מויל מיט א מתנה, מיט א הלוואה, מיט א שטעלע... אפילו די „לינקע" צייטונגען ווילן נישט רעאַגירן אויפן דאָזיקן סקאַנדאַל... טעאָרעטיש קעמפן קעגן קאָרופּציע, בפרט ביי אַנדערע, איז אדרבא ואדרבא, אָבער קעמפן קעגן א קאָנקרעטן פאַל ביי זיך, ווען מען קאָן דערביי עפּעס פאַרלירן, איז גאָר אַן אַנדער זאַך, און מען דאַרף זיך נישט אויפ־רעגן ווי א יונג, נאַאיוו בחורל — מען דאַרף אויסרעכענען צי עס לוינט, צי נישט...

ווי אמתדיק דאָס אויבנגעזאָגטע איז, האָב איך זיך אין גיכן צוויי מאָל איבערצייגט מיט אייגענער דערפאַרונג...

אין איינעם אַן אָוונט, זיצנדיק אין ליטעראַטן־פאַראיין (שוין נישט אויף טלאָמאַצקע 13, נאָר אויף גראַניטשנע 9), פאַררוקט אין א טיפן פאָטעל אין א ווינקל, האָב איך געזען צוויי פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון פאַראיין, ווי זיי גייען אַרויס פון סעקרעטאַריאַט־צימער, ווו עס פלעגן פאָרקומען די פאַרוואַלטונגס־זיצונגען), טיף פאַרזונקען אין א שמועס.

ווען זיי זענען מיך פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך געהערט אַז זיי ריידן וועגן מענדעלסאָן־ענין. דער זין פון זייער שמועס, וואָס איז דערגאַנגען צו מיר, איז געווען: מענדעלסאָן איז גערעכט, אָבער שרייבן וועגן דעם דאַרף מען נישט... מען קאָן דאָס אויסנוצן אויף אַן אַנדערן אופן.

איינער פון די צוויי איז געווען א הויפּט־מיטאַרבעטער פון „נאַש פּשעגלאָנד" און דער צווייטער — איינער פון די טאַלענטירטסטע יידיש־זשורנאַליסטן אין וואַרשע, וואָס זיין צייטונג האָט מיט א קורצער צייט צוריק באַקומען פון „דזשאָינט", בתורת־הלוואה, א גרויסאַרטיקע דרוק־מאַשין...

די צווייטע באַשטעטיקונג פון דעם וואָס עס קומט פאָר ביים פאָלק פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, האָב איך באַקומען בקרוב א דאַנק א מאָדנעם צופאַל:

איך בין געקומען צופעליק אין „היינט" זוכן דעם רעדאַקטאָר פון „וועלט־שפּיגל", יעקובאָוויטש, האָט מען מיר געהייסן וואַרטן אויף אים.

אינצווישן קלינגט דער טעלעפאָן. מען רופט צום טעלעפאָן פּ—ן. איז מען אים געגאַנגען אַריינרופן, ווייל ער, ווי דער רעדאַקטאָר פון „היינטיקע נייעס", איז געווען אין דער דרוקעריי, ווו עס איז געדרוקט געוואָרן דער לויפנדיקער נומער פון „היינט"ס אָוונט־צייטונג.

פּ. איז אַריין און פון פּ—ס ריידן אין טעלעפאָן און נאָכן אַוועקלייגן אים, האָב איך באַקומען א פול בילד פון דעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

פּ. האָט געזאָגט אַז יאָ, די „היינטיקע נייעס" דרוקט וועגן דער מעשה־מענדעלסאָן. נאָכן אויסהערן די רעאַקציע דערויף פון צווייטן צד, האָט ער געזאָגט, אַז די גרעסטע טייל עקזעמפּלאַרן

איז שוין אָפּגעדרוקט און ער קאָן נישט פאַרניכטן די אָפּגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן, ווייל דאָס וועט קאָסטן פּאַפּיר און אַרבעט און די צייטונג וועט אַביסל פאַרשפּעטיקן...

נאָך א לענגערן שמועס האָט זיך פ. אָפּגעריסן פון טעלעפאָן און געשיקט איינעם פון די אָנגעשטעלטע אין דער דרוקעריי מיטן באַפעל אָפּצושטעלן די דרוק־מאַשין. דאַן האָט ער ווידער גערעדט און זיך געדונגען וויפל דאָס האַרף קאָסטן. ענדלעך האָט ער אַוועק־געלייגט דאָס טרייבל און געזאָגט א צעשטראַלטער צו די אַרומיקע:

— מיר האָבן שוין אויף צוויי וואָכן געהאַלט... איצט דאַרף מען גיין עפּעס אַריינגעבן אָנשטאָט דעם מענדעלסאָן־ענין.

כאַראַקטעריסטיש איז, אז פ. האָט זיך אפילו נישט אומגע־קוקט צי עמיצער א פרעמדער איז דאָ דערביי צי נישט, אזוי ציניש האָט ער זיך באַצויגן צו אַזאַ ענין ... (מיר דאַכט זיך, אז ער האָט מיך געהאַט געזען).

ענדלעך איז אַריינגעקומען יעקובאָוויטש, אויף וועמען איך האָב געוואַרט און איך האָב דערליידיקט (אין דער אמתן נישט דערליידיקט) מיין ענין (וועגן וועלכן איך וועל דערציילן א צווייט מאָל) און כ'בין אַוועק.

אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן א פאַרשמאַיעטן מענדעלסאָן.

— וווּ לויפט איר?

— אין די „היינטיקע נייעס”; היינט דאַרף דאָרט זיין וועגן מיין ענין, וועגן וועלכן איך האָב אייך דערציילט. פ. האָט צוגע־זאָגט...

— איר קאָנט רואיק גיין צוריק. עס איז שוין נאָך אַלעמען...

און כ'האָב אים דערציילט וואָס איך האָב געהערט.

ווען מען דערלאַנגט אים מיט א קליאַניצע איבערן קאָפּ, וואָלט מען אים נישט צעדולט מער ווי מיט מיינע פּאָר ווערטער...

און ער איז דאָך סוף־כל־סוף אַוועקגעלאָפן צו די „היינטיקע נייעס”.

— אפשר וועל איך כאַפּן א נומער מיטן אָפּגעדרוקטן פּאַפּיר־ענין...

ער האָט, נאַטירלעך, קיין נומער נישט באַקומען...

אין א קורצער צייט אַרום האָט מענדעלסאָן דערציילט, אז דער „דזשאַינט” האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן עפּעס אן עקאָנאָמישן

חודש זשורנאַלכל (דעם נאָמען האָב איך פאַרגעסן) און פּ. איז גע־וואָרן זיין רעדאַקטאָר...

* * *

אין משך פון א קורצער צייט האָבן מיר זיך געוואַלדיק אַנט־וויקלט אין דער קאָרופּציע־קונסט. זי איז געוואָרן ראַפינירטער ווי ביי די אַמאָליקע בעלי־טאַקסע... מיר האָבן אָנגעיאָגט און אַרוי־בערגעיאָגט אין א קורצער צייט פון אונדזער וועלטלעכקייט די אַמאָליקע גבאים פון די תלמוד תורות...

איך ווייס אַז דאָס וואָס איך האָב דאָ היינט דערציילט איז ווי א טראָפּן אין ים, אָבער אַזעלכע זאַכן זענען ביי אונדז ווי טאַבו, — מען טאָר דאָס נישט באַרירן...

און איך זאָג דאָס אויפן סמך פון א רייכער דערפאַרונג פון זען, הערן און פאַרטרוילעכער אינפאָרמאַציע...

איינער פון די דאָזיקע קאָרומפּירטע און קאָרומפּירנדיקע נפשות, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, ווען איך האָב נישט געוואָלט אָנ־נעמען זיין פאָרשלאָג אָנצוגעבן דעם החלוץ־ביוראָ אין וואַרשע א העכערן פּרייז פאַר זעצן און דרוקן דעם החלוץ־זשורנאַל, וואָס איך בין געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער טייל פון דאָזיקן זשורנאַל: „איר לעבט אַליין נישט און איר לאָזט אַנדערע נישט לעבן"...

איינע פון די שענסטע יידישע מידות, דאָס עוסק זיין אין גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט באמונה, ווערט היינט ביי א סך באַטראַכט ווי א מידה פון א רשע, ווי א סימן פון שלעכטקייט, ווי דאָס האָט יענער אין וואַרשע שאַרף פאָרמולירט: „איר לעבט אַליין נישט און איר לאָזט אַנדערע נישט לעבן"...

דאָס איז דאַן געווען דער אָנהויב, — היינט, ביי די גרויסע בודזשעטן פון אונדזערע גרויסע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך ביי אונדז אַנטוויקלט די אַפּעטיטן און די טעכנישע פעאיקייטן ביז פּער־פעקציע...

עס מערן זיך די, וואָס לאָזן אַנדערע לעבן, אויף וויפל זיי זענען זיי נויטיק, כדי זיי אַליין זאָלן קאָנען גוט לעבן...

טאָמער שאַדט דאָס צום לעבן פון א ביסל אומפעאיקע צום לעבן, גייט זיי נישט אָן!...

3) זכרונות פון אַ רעפערענט

אויף מיין וועג צו דער עפנטלעכקייט האָב איך מורא געהאַט פאַר אַ סך זאַכן, אָבער דער עיקר פאַר עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען; איך בין בכלל אַ שעמעוודיקער, אָן זעלבסטזיכערקייט, אָבער באַזונדערס האָב איך דאָס געפילט דאַן, ווען איך פלעג נעמען אַ וואָרט אין אַ עפנטלעכער דעבאַטע אָדער ווען איך פלעג טראַכטן וועגן האַלטן אַ רעפעראַט.

איך פלעג דורכטראַכטן ביז די קלענסטע פּרטים וואָס איך האָב צו זאָגן, כדי צו מאַכן קלאָר פאַר אַנדערע, וואָס עס איז אַזוי קלאָר פאַר מיר, אָבער ווען איך פלעג שוין האַלטן ביים בעטן אַ וואָרט, פלעגט מיר גאָר ווערן קלאָר, אַז איך וועל פאַרגעסן דעם עיקר, אַז איך וועל נישט באַוויזן אויסצודריקן דאָס, וואָס איצט איז מיר אַזוי קלאָר ווי דער טאָג. ערשט נאָכן דורכלאָזן די געלעגנהייט פלעגט מיר ווידער קלאָר ווערן ווי גערעכט איך בין אין מיין אינערלעכער אַרגומענטאַציע קעגן דעם רעדנער אָדער קעגן די דיסקוסיע־אַנטיילנעמער.

עטלעכע מאָל אָבער, אין ענגערע פאַרזאַמלונגען פון אַ גרופּע פריינט אָדער אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פון „צעירי־ציון", ווען איך פלעג מיט אַ גרויסן ווילן־אָנשטרענגג ברעכן מיין אינערלעכן ווידערשטאַנד און כ'פלעג שפּרינגען פון בריק אין וואַסער, האָבן עטלעכע רעדעס מיינע אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז מיר איז קלאָר געוואָרן טעאָרעטיש, מיטן אַבסטראַקטן שכל, אַז מיין שרעק פאַר עפנטלעך רעדן איז אַן אומזיסטע, אַ נערוועז־פּאַטאָלאָגישע.

באַזונדערס געדענקט זיך מיר איין פאַל, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַ דעבאַטע וועגן דעם מצב אין דער „צעירי־ציון"־פּאַרטיי. אויפגעבראַכט קעגן דער שער צווישן רייד און מעשים אָדער ריכטיקער: צווישן רייד און נישט־טאָן, צווישן רעזאָלוציעס און אויספירן זיי, האָב איך גענומען אַ וואָרט און געהאַלטן אַ ליידנשאַפטלעכע רעדע, וואָס אין אַ פאַר יאָר אַרום איז מיר נאָך אָנטקעגנגעקומען איר ווירקונג, ווען איך האָב געטראָפן אָנטיילנעמער פון יענער פאַרזאַמלונג און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי געדענקען נאָך אַלץ דעם איינדרוק פון מיינע דעמאָלטיקע רייד.

אַט די צופעליקע קאָנפראָנטאַציע מיט מיינער אַ רעדע פון יאָרן צוריק האָט מיך אַ סך באַווירקט צו ווערן זיכערער ביי זיך,

און ווען איך האָב איבערגענומען די שטעלע פונם פאַרוואַלטער פון דער ביאַליסטאָקער קהלה־ביבליאָטעק (נאָך דער באָלשעוויסטיש־פּוילישער מלחמה פון יאָר 1920) האָב איך באַשלאָסן צו פאַר־ווירקלעכן מײַנעם אַ פּראָיעקט וועגן אַ קולטור־ביבליאָטעק (ווי איך האָב דאָס אָנגערופן), ד. ה., אַז די ביבליאָטעק זאָל נישט סתם מע־כאַניש אויסבאָרגן ביכער, נאָר זי זאָל אַי שטיין אין פּערזענלעכן גייסטיקן קאָנטאַקט מיט די לייענער און אַי זי זאָל זײַ גייסטיק באַווירקן דורך רעפעראַטן און עפנטלעכע שמועסן בײַ דער ביבליאָ־טעק.

אָנגעהויבן אָט די טעטיקייט האָב איך מיט אַ רעפעראַט וועגן די אויפגאַבעס פון אַ קולטור־ביבליאָטעק. דער עיקר־געדאַנק פון דאָזיקן רעפעראַט איז געווען, אַז די קולטור דאַרף נישט שטיין אויף די פּאָליצעס, נאָר אַרויסגיין אין גאַס — און נעמען ווירקן אין לעבן. און דאָס צו דערגרייכן דאַרף זײַן די אויפגאַבע פון דער ביבליאָטעק־פירונג.

איך געדענק אויך נאָך אַ רעפעראַט מײַנעם בײַ דער ביבליאָ־טעק — וועגן פּרץ מאַרקישעס אַ רעפעראַט אין ביאַליסטאָק. צוויי שעה האָב איך גערעדט און געדונערט קעגן מאַרקישעס כאַליאַסטרע־צעזונגענעם רעפעראַט און אַליין נישט געווען זיכער צי דאָס בין איך, צי נישט.

איינער פון די מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג איז געווען אברהם קאָטיק (דער זון פון באַרימטן מעמואַריסט יחזקאל קאָטיק), אַ באַלעבאָס פון אַ רוסישער ביבליאָטעק אין שטאָט, אַ קולטור־טוער. איז ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך נישט פאַר־שטיין די לײַדנשאַפטלעכקייט פון זײַן קעגנערשאַפט צו מײַן אידייע וועגן אַ ביבליאָטעק ווי אַן אַקטיווע קולטור־אינסטיטוציע. די עקסטראַ אַרבעט, וואָס עס האָט געקאָסט דאָס רעדן מיט די ביבליאָ־טעק־אַבאָנענטן, כדי צו וויסן וואָסערע ביכער זיי צו רעקאָמענדירן, דאָס האַלטן און איינאָרדענען רעפעראַטן און דיסקוסיעס האָב איך געשענקט דער ביבליאָטעק אומזיסט, ווײַל ס'איז געווען מײַן „האָבי״, איך האָב זיך אַביסל אויסגעלעבט אין דעם — טאָ וואָס האָט גע־טריבן אברהם קאָטיקן צו שטורעמען קעגן דעם אויף פאַרוואַלטונג־זיצונגען און אין פּריוואַטע שמועסן? זאָל זײַן, אַז דער ביבליאָטעק־באַלעבאָס אין אים האָט רעוואָלטירט קעגן דעם אופן ווי איך „פאַר־

קריפּל" דעם קאָנסערוואַטיוון, פון „אייביק און" איינגעשטעלטן סדר פון ביבליאָטעק־פירונג?

איך וואָלט געקאָנט פאַרשטיין דאָס זיין קעגן מיין געדאַנק, קעגן מיין פאָרשטעלונג וועגן די אויפגאַבן פון א ביבליאָטעק; אָבער אין מיין געדאַנק איז נישט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל באַרעכ־טיקן די ליידנשאַפטלעכקייט פון זיין ארויסטריט גלייך נאָכן רעפע־ראַט — און דער דיסקוסיע — ווי אויך דערנאָך אויף די פאַרוואַל־טונג־זיצונגען.

אָבער וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען די סיבה פון אברהם קאָטיקס רעוואָלט קעגן מיינע ביבליאָטעק־„רעפאָרמען", האָבן זיי ביי מיר ארויסגערופן א העפטיקן ווידערשטאַנד. און היות די פּריוואַטע וויכוחים, ווי אויך די קריגערייען אויף די פאַרוואַלטונג־זיצונגען האָבן צו גאָרנישט געפירט, האָב איך איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכן וויכוח צווישן מיר און קאָטיקן אין זאַל פון דער ביבליאָ־טעק. דאָס ערשטע וואָרט האָב איך געגעבן אברהם קאָטיקן, וועלכער האָט שאַרף קריטיקירט מיינע נייע איינפירן, און דאַן האָב איך אין א שאַרפער, לאַנגער רעדע צעקלאַפּט זיינע אַרגומענטן.

איך געדענק נישט, נאַטירלעך (אין 46 יאָר אַרום!), גענוי נישט קאָטיקס אַרגומענטן און נישט מיינע אַרגומענטן, אָבער דער רעזולטאַט (נישט איך האָב פאַרלאָזן די ביבליאָטעק, נאָר קאָטיק — די פאַרוואַלטונג) באַווייזט מיר, אַז אויך אין אָפענער, פון פריער נישט צוגעגרייטער פּאָלעמיק בין איך נישט געבליבן הינטערשטעליק: די פאַרזאַמלטע ביבליאָטעק־לייענער און די פאַרוואַלטונג האָבן באַ־שטעטיקט מיין נייעם דרך אין פירן א ביבליאָטעק.

דאָס איז געווען מיין ערשטער עפנטלעכער קולטור־קאַמף און דאָס איז געווען א שטיקל רפואה קעגן מיין כראָנישער שרעק פאַר עפנטלעכע אַרויסטריטן.

* * *

דאָס איז געווען א שטיקל רפואה, אָבער א לאַנגזאַם־ווירקנ־דיקע, מיט רעצידיוו־פעריאָדן ביז צום היינטיקן טאָג. און אַפילו אין די פעריאָדן, ווען די שרעק פאַר עפנטלעכן רעדן אַז נישט אַקוט (שאַרף), מוז איך ביי יעדן עפנטלעכן אַרויסטריט מאַכן גרעסערע אָדער קלענערע אָנשטרענגונגען צו ברעכן מיין אינערלעכן ווידער־שטאַנד.

* * *

עס איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ שעמעוודיקייט, ביי אַזאַ בראַנישער אימתא דצבורא איז מיין וואַרשטאַט — דער שרייב־טיש, נישט די רעדנער־טריבונע. און בעת זייער אַ סך שרייבערס און פּערטל־שרייבערס פלעגן ציען חיונה אָדער צוגאָב־חיונה פון האַלטן רע־פעראַטן אויף דער פּראָווינץ, פלעג איך ליבערשט זיצן אין וואַרשע אָן חיונה, איידער אַרומפאָרן אויף דער פּראָווינץ מיט חיונה...

באַקאַנטע פּראָווינץ־אַרומפאָרערס פלעגן אַפילו מיט פאַרוווּנ־דערונג מיך אָפּט פרעגן:

— פאַרוואָס זיצט איר אין וואַרשע? לויט אייערע אַרטיקלען, לויט אייערע פּריוואַטע שמועסן וואָלט איר באַדאַרפט האָבן דער־פּאָלג אויף דער פּראָווינץ מיט רעפעראַטן: איר האָט גענוג מאַ־טעריאַל, איר האָט הומאָר, סאַרקאַזם, טעמפּעראַמענט.

און איך פלעג מאַכן פרווון צו ווערן אַ „מענטש": כ'פלעג אַנאָנסירן אַ ריי רעפעראַטן, מיט וועלכע איך בין גרייט אַרומצו־פאָרן.

אָבער עס איז גענוג געווען די קלענסטע שטערונג, מיין ווידער־ווילן זאָל זיך אָנכאַפּן אין איר ווי אין אַ רעטונגס־ברעט. למשל, איך האָב אין 1926 אַנאָנסירט, אַז איך פאָר אַרום האַלטן רעפע־ראַטן לויט איינלאַדונגען. באַקום איך אַ בריוו מיט אַן איינלאַדונג, אין וועלכער מען פרעגט מיך אָן וועגן וואָס איך וועל רעדן. ענטפער איך, אַז איך לייג פאָר אַ רעפעראַט וועגן ראָמען ראָלאַן. קריג איך דערויף אַ פּאָסט־קאַרטל, אַז איך זאָל פאָרלייגן אַ רעפעראַט אויף אַן אַנדער טעמע, ווייל „ראָמען ראָלאַן איז ביי אונדז אין שטעטל נישט באַקאַנט!"

איז מיין ענטפער געווען קורץ און שאַרף: „איך וועל וואַרטן ביז ראָמען ראָלאַן וועט באַקאַנט ווערן אויך ביי אייך..."

איינמאָל האָב איך אַנאָנסירט אַ רעפעראַט אין פּאַרטיי־לאָקאַל פון „צעירי־ציון" אין וואַרשע.

ס'איז געקומען אַ קליינער עולם. דאָס אַליין קאָן שוין ביי אַ נישט געניטן, שעמעוודיקן, אומזיכערן רעדנער אָוועקהרגענען די שטימונג; היינט שטעלט זיך פאָר מיין שטימונג, ווען דער דורך דער פּאַרטיי־באַשטימטער פאָרזיצער האָט, ביים אַנאָנסירן מיין רעפע־ראַט, זיך שרעקלעך פאַרפּלאָנטערט אין די פאָר ווערטער און ס'האָט

געגומען אַ פּאָר מינוט ביז ער האָט זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט פונעם רעפּעראַט־טיטל און פון ראָמען ראָלאַנס נאָמען, וואָס ענדלעך האָט ער אים צעקאַליעטשעט אויף „ראַ׳מען ראַ׳לאַנט״.

כ׳האָב געדאַרפט אָנהויבן, אָבער די צונג האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוהויבן: די ליידיקע בענק און דער אַנאַלפאַבעטישער פאָרזיצער האָבן אַרויסגעלאָקט פון מיין געשלאָסענעם מויל אומגעריכטע ווערטער וועגן דעם, אַז אויב דער פאָרזיצער האָט אַפילו נישט געקאָנט אויסלערנען דעם נאָמען פון רעפעראַט און פונעם שרייבער, וועגן וועלכן איך דאַרף רעדן, האָט נישט קיין זין צו רעדן...

איך האָב געוווּסט און כ׳ווייס, אַז מיין אינסטינקטיווער באַשלוס איז געווען שרעקלעך, אָבער דאָך האַלט איך, אַז כ׳האָב געמאַכט די לאָגישסטע דעציזיע, הגם זי איז אין אַ גרויסער מאָס דיקטירט געווען דורך אָנכאַפּן זיך אומבאַוווּסטזיניק אין אַ תירוץ נישט צו טאָן אַ נישט־באַליבטע זאַך.

דאָס איז געווען אַ מין רעשטל פון אַן „עסקייפּיזם״, וואָס איך האָב אים נישט גובר געווען אינגאַנצן עד היום...

און נאָך יעדן אַזאַ רעציזידיוו איז ווידער אַ צייט שווערער געווען גובר צו זיין די שעמעוודיקייט, די אומאַנטשלאָסנקייט, די אימתא דצבורא...

* * *

אַ גרויסע שטערונג אויפן וועג צו אַ רעפעראַטן־קאַריערע איז געווען אויך דאָס, וואָס איך האָב נישט געהאַט הינטער זיך קיין פּאַרטיי. די גרעסטע טייל רעפערענטן אין פּוילן האָבן זיך געשטיצט אויף פּאַרטייען, אָדער אויף זייער מיטאַרבעט אין דער טאָג־פּרעסע, וואָס האָט זיי — באַרעכטיקטערהייט צי נישט — פּאָפּולער געמאַכט.

ערשט ווען איך האָב געגומען מיטאַרבעטן אין „וואָכנשריפט״ און דערנאָך אין דער „אַרבעטער־צייטונג״, און די פּראָווינץ האָט זייער גוט אויפגענומען מיינע וועכנטלעכע אַרטיקלען, הגם מען האָט דאָרט גוט געוווּסט, אַז נישט איך געהער צום „בונד״ און נישט צו די „לינקע פּועלי־ציון״, האָב איך באַקומען אַ באַדן פאַר האַלטן רעפעראַטן אויף דער פּראָווינץ.

און וועגן עטלעכע עפּיזאָדן פון דאָזיקן פּעריאָד וויל איך

דערציילן, ווייל זיי פאַרמאָגן, ווי מיר דאַכט זיך, עפּעס מער ווי פּערזענלעכס: דורך די פּערזענלעכע דערפאַרונגען און איבערלע־בונגען שטראַלט אַרויס דאָס פּנים פון אַ גאַנצער עפּאָכע, פון אַ קולטור־אַטמאָספער, וואָס מיר האָבן זי פאַרלאָרן אויף שטענדיק, צוזאַמען מיט די טרעגער פון דערדאָזיקער קולטור־אַטמאָספער.

דאָס נעמען אַרומפאָרן מיט רעפעראַטן האָט נישט נאָר פאַר־קלענערט מיין שרעק פאַרן עפנטלעכן רעדן, נאָר עס האָט געשאַפן ביי מיר אַ קעגנגעזעצטן געפיל — אַ געפיל פון ליבע צום דאָזיקן דירעקטן מעדיום פון קולטור־ווירקזאַמקייט. אָט דאָס געפיל האָט נישט אַרויסגעשטויסן אינגאַנצן די אימתא דצבורא, די שרעק פאַרן עולם, נאָר מיין באַציאונג צו עפנטלעכע אַרויסטריטן איז געוואָרן אַמביוואַלענט — פון איין זייט איז געווען שרעק און ווידערווילן און פון דער צווייטער — ליבע און באַגייסטערונג.

אָט די געפילן פלעגן זיך בייטן, אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען: אַ שלעכטע דערפאַרונג מיט אַ רעפעראַט, ווי, למשל, אַ קעלט, וואָס פלעגט אויף מיר יאָגן פון עולם, אָדער פון אַ פּוסטלעכן זאַל, פלעגט אַרויסלאָקן דעם ווידערווילן, די שרעק פאַר מיין פּילאָויגיקן „מלאך המוות" — דעם עולם; אַ דערפאָלג ביי אַ פולן זאַל פלעגט סטימו־לירן די ליבע און די באַגייסטערונג, מיינע רעדנער־מעגלעכקייטן און אימפּראָוויזאַציע־פּאַטענצן.

אָט פון דער דערפאַרונג מיינער ווייל איך ברענגען אַביסל ביישפּילן, וואָס שווימען אויף אין מיין זכרון און געמיט און אָדער זיי זענען מיך ממש מחיה אָדער זיי דערדריקן מיך נאָך היינט, אין אַ פערטל יאָרהונדערט אַרום.

* * *

איך האָב געהאַט אָנגעשריבן אַ נעגאַטיוון אַרטיקל וועגן י. פּערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר". אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישע געשעעניש: י. פּערלע איז אַרויס פון „מאָמענט" און איז אַריין אין דער „פאָלקסצייטונג". און אין שייכות מיט זיין בייטן די פערד איז געשען אַ ליטעראַרישער סקאַנ־דאַל: דער זעלבער רעצענזענט, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט שאַרף קריטיקירט (נאָך שאַרפער פאַר מיר), פּערלעס

„יידן פון אַ גאַנץ יאָר" און עס באַצייכנט ווי אַ שונדיסטיש און פּאָרנאָגראַפיש ווערק, האָט איצט, לכבוד פּערלעס ווערן אַ מיט־אַרבעטער פון דער „פאָלקסצייטונג", אָנגעשריבן אַן אַרטיקל מיט לויב־געזאַנגען פאַר פּערלעס בוך און פאַר פּערלעס באַקומען אַ פּרעמיע פאַרן דאָזיקן בוך.

געוויס, מען האָט געקאָנט און אפשר אויך געדאַרפט באַגריסן פּערלעס אַוועקגיין פון די ביליקע זנות־ראָמאַנען, — אָבער פלוצט־האַלבן רעהאַביליטירן אַ ווערק, וואָס מען האָט, אַט טאַקע נאָר וואָס, געהאַט שאַרף פאַראורטיילט (נישט דערמאָנענדיק דערביי די פריער־דיקע שטעלונג צום ווערק און נישט פּרוּווּנדיק אפילו צו פאַר־ענטפערן אָדער אויפצוקלערן אַט די מיינונג־ענדערונג) איז, לויט מיר, געווען אַ ביסל צו פיל... געפייפט אויף דער וועלט.

נאָכן פאַרעפנטלעכן אַן אַרטיקל אין דער „אַרבעטער־צייטונג" וועגן דאָזיקן סקאַנדאַליעזן ענין, — אַן אַרטיקל, אין וועלכן איך האָב מיט ציטאַטן קאָנפראָנטירט דיביידע רעצענזיעס פון זעלבן רעצענזענט וועגן זעלבן בוך, האָב איך באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן י. פּערלעס שונד־שאַפן.

וועגן דאָזיקן אַרטיקל, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ בראָשור פון אַ פיר־פינף דרוק־בויגן (פאַרברענט אין וואַרשע) האָט געוווּסט מיין פריינט משה גראָסמאַן.

קומט ער איינמאָל צו מיר (אין 1937) מיט אַ פּלאַן : איך זאָל האַלטן אַ רעפעראַט וועגן פּערלען אין „גוויאַזדאַ" ביי די לינקע פּועלי־ציון.

נאָכן אַרומריידן גענוי דעם ענין האָב איך מסכים געווען.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט צו מיר משה גראָסמאַן ע"ה מיט אַן אויסגעבריייטערטן פּלאַן : די לינקע פּועלי־ציון ווילן איינ־אָרדענען וועגן י. פּערלעס שונד־שאַפן נישט קיין רעפעראַט, נאָר אַן עפנטלעכן משפט. איך זאָל זיין פּראָקוראָר; א. קאַציזנע — פאַרטיידיקער; אידאַ קאַמינסקאַ — עקספּערט; חוה סלוצקי — די יידישע לערערין (היינט אין ישראל) — אַן עדות. (ווער עס זאָל זיין פאָרזיצער — געדענק איך נישט...).

איך האָב מסכים געווען.

ווען איך בין געקומען צום משפט אין לאָקאַל פון „גוויאַזדאַ" (דער לינק־פּועלי־ציוניסטישער ספּאָרט־קלוב) בין איך דערשראָקן

געוואָרן: א גרויסע אָפּגעלאָזענע פּאַבריק־געביידע; איך האָב זי געהאַט געזען צום ערשטן מאָל און זי האָט מיך דעפּרימירט. אָבער אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז מײַן דעפּרימירט זײַן פאַרשווונדן געוואָרן אין איבעראַשונג: דער ריזיקער פּאַבריק־זאַל איז אָנגעפּילט געוואָרן פון עק ביז עק. אויף די ביישטידלעך פון די ריזיקע, אומגעהייער הויכע פּענסטער זענען צוערשט געשטאַנען, דערנאָך ממש געהאָנגען חמרים מענטשן, וואָס האָבן אַי געוואָלט האָבן ערטער, אַי טאַקע פון וואַנען צו קאָנען זען דאָס געריכט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין בינע, נאָר איז געזעסן און געשטאַנען אַרום אַ טיש. ווהין מען האָט נישט געוואָרפן אַ בליק, האָט ער אומעטום — פון פאָרנט, פון הינטן, פון די זייטן — אָנגעשטויסן זיך אויף אַ געדיכטער מענטשן־מאַסע. איך האָב זיך דערשראָקן — כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט גערעדט פאַר אַזאַ עולם.

משה גראָסמאַן, וואָס איז תמיד געווען אימפּולסיוו־אַקטיוו, האָט מיר צוגעשיקט אַ צעטעלע, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז מען מוז שוין אויפהערן פאַרקויפן בילעטן — די פאַרוואַלטונג האָט מורא עס זאָל עפּעס נישט געשען. קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז די טעמע און דער צוזאַמענשטעל פון געריכט זאָלן אַזוי אָנרייסן...

איך געדענק: אין וואַרשע איז גראָד געווען צו גאַסט — פון אַמעריקע — דער באַרימטער אַרטיסט און רעציטאַטאָר פון דער ווילנער טרופּע, נח נאַכבוש. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק, הינטער דעם „ריכטער"־טיש (ער האָט געזען אונדזערע פּלייצעס), האָט ער מיך אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל און מיר געזאָגט:

— אין אַמעריקע קאָן מען דאָס נישט זען אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט; איך וועל דערציילן אין ניו־יאָרק וואָס דאָ טוט זיך, — אויב זיי וועלן גלויבן...

צי ער האָט דערציילט ווייס איך נישט, אָבער אין יענעם מאָמענט האָט דאָס אויך אין מײַנע אויגן אויסגעזען אומגלויבלעך.

מײַן באַשולדיקונגס־רעדע האָט געדויערט אָנדערטהאַלבן שעה. דער פאַרטיידיקער, אַלטער קאַציזנע, האָט אויך גערעדט נישט קורץ. דער עקספּערט — אידאַ קאַמינסקאַ — האָט אַרויסגעוויזן איר גאַנצע אינטעליגענץ. אַז אינטערעסאַנטע עדות־דערקלערונג האָט אָפּגעגעבן

די רויטהאָריקע — און בכלל רויטע — חוה סלוצקי.

נאָך מיין האַלב־שעה'איקן ענטפער דעם פאַרטיידיקער, האָט זיך דער אָוונט געענדיקט אַרום האַלב צוויי און דער עולם האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער אָוונט האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

דער שרייבער טייכמאַן האָט מיר אַפילו פאַרגעלייגט אַ שותּפות: ער וועט איבערנעמען די ראָל פון פאַרטיידיקער און מירן אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיטן משפּט איבער דער פּאָנאָג־דערגעגאַסענער פּערלעגראַפיע אין דער יידישער פּרעסע (אַנשטאָט דעם פרעמדוואָרט פּאָרנאָגראַפיע, האָב איך פאָרגעלייגט צו באַנוצן דאָס יידישע וואָרט „פּערלעגראַפיע"...).

היות איך בין ליטעראַריש נישט געווען שוה בשוה מיט טייכמאַנען, האָב איך די שותּפות נישט אָנגענומען, הגם דאָס איז געווען אַ טעותדיקער באַשלוס פון דער פּראַקטישער זייט.

אָבער פּראַקטישע פעלערן האָב איך געמאַכט און איך מאַך זיי אויך היינט מיט אַ מערקווירדיקער אינסטינקט־זיכערקייט...

* * *

מיין קטיגור־ראָל לגבי פּערלעס ליטעראַרישן אַראָפּגיין פון דרך הישר האָט געהאַט אַ שטיקל מאָדנעם עפּילאָג, וואָס ווארפט אַ סנאָפּ ליכט אויף די ווארשעווער ליטעראַרישע זיטן.

אין אַ פּאָר חדשים נאָכן ליטעראַרישן משפּט אין „גוויאַזדאַ", איז אין ליטעראַטן־פאַראיין צוגעקומען צו מיר א. קאַציזנע מיט פאָלגנדיקן פאָרשלאָג: דער ליטעראַטן־פאַראיין (איך געדענק נישט צי ער האָט זיך נאָך דאַן געפונען אויף טלאָמאַצקע 13 אָדער שוין אויף גראַניטשנע 9) וויל איבערחזרן אונטער זיין, קאַציזנעס, פּאָרזיץ מיין רעפעראַט וועגן פּערלען.

דער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ חשד־געפיל: קיין גוטע פריינט אין ליטעראַטן־פאַראיין האָב איך בכלל נישט געהאַט קיין סך; בפרט אין דער פאַרוואַלטונג. איז ווי קומט עס, וואָס הגם איך האָב זיך וועגן דעם נישט געווענדט צו דער פאַרוואַלטונג, בעט מיך די פאַרוואַלטונג, פון אייגענער איניציאַטיוו, צו האַלטן אַ רעפעראַט קעגן דעם אין דער פאַרוואַלטונג גוט־געזעענעם פאַראיין־מיטגליד און פאַרוואַלטונגס־חבר פּערלע?

אָבער הגם דער פֿאָרשלאָג איז מיר פֿאָרגעקומען קשה, האָב איך אים אָנגענומען.

אין באַשטימטן אָוונט בין איך געקומען. קאַציזנע איז אויך געקומען; אַן אויסנאַם איז געווען דער עולם. עס זענען געקומען פֿון צוויי ביז דריטהאַלבן צענדליק ליטעראַטן, דער עיקר פֿון די יונגע.

דער רעפֿעראַט איז פֿאָרגעקומען אין אַ קליינעם צימער (דאַכט זיך פֿאָרט אַז אין נייעם לאָקאַל אויף גראַניטשנע, אָבער זיכער בין איך נישט).

ווען איך האָב געענדיקט מיין רעפֿעראַט, איז גלייך אויפֿגעקלערט געוואָרן די רעטעניש פֿון דער פֿאַרוואַלטונגס (אָדער קאַציזנעס) אינטערעס אין אים.

ווי עס שיינט, האָט דער מאָראַלישער דערפֿאָלג פֿון משפּט איבער פּערלען נישט געלאָזט רוען נישט פּערלען און נישט זיינע נאָענטע פֿריינט. האָט זיך פּערלע מסתמא דורכגערעדט מיט קאַציזנען און נאָך אַ פּאָר פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און מען האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון אַ אַנטי־ראַפּאָפּאָרט אַקציע, וואָס האָט זיך גלייך אַנטפּלעקט נאָך מיין רעפֿעראַט אין ליטעראַטן־פֿאַראיין.

ווי נאָר איך האָב געענדיקט ריידן, האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס האָט אַריינמאַרשירט, ווי אַ גרופּע זעלנער, אַ גרופּע שרייבער (ווי מען האָט מיר דערנאָך דערציילט, זענען זיי געשטאַנען די גאַנצע צייט פֿון רעפֿעראַט הארט אויף יענער זייט טיר) מיט י. פּערלען בראש. ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָט דער פֿאָרזיצער פֿון אָוונט, א. קאַציזנע, דערקלערט, אַז איך האָב שוין פֿאַרענדיקט מיין רעפֿעראַט און איך קאָן פֿאַרלאָזן די בינע, ווייל ער, אַלס פֿאָרזיצער, וועט איצט אָפּהאַלטן אַ צווייטע פֿאַרזאַמלונג און ער וועט געבן דאָס וואָרט ווועמען ער וועט האַלטן פֿאַר נויטיק כדי צו באַהאַנדלען מיין רעפֿעראַט.

אַז איך האָב געוואָלט עפּעס דערווידערן, האָט ער דערקלערט, אַז ער נעמט ביי מיר צו דאָס וואָרט.

די קאָנספּיראַציע איז געווען בולט, אָבער זי האָט זיך נישט איינגעגעבן.

איך האָב אין אַ העכערן טאָן ווי געוויינלעך דערקלערט, אַז דאָס דערשיינען פֿון פּערלען מיט זיין סוויטע, און די דערקלערונג־

פון פאַרזיצער זענען אַ בפירושע קאָנספּיראַציע קעגן מיר; אַז אויב זיי ווילן באַהאַנדלען מיין רעפעראַט, קאָנען זיי איינאָרדענען אַ ספּעציעלן אָוונט פאַר דעם, אָבער דער היינטיקער אָוונט קאָן אָדער פאַרענדיקט ווערן בכלל, אָדער עס קאָן פאָרקומען אַ דיסקוסיע אונטער קאַציזנעס פאָרזיצעריי, אָבער ער קאָן מיך פון אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין פאַר מיין רעפעראַט, נישט אויסשליסן.

א. קאַציזנע האָט עטלעכע מאָל מיך געוואָלט איבעררייסן, אָבער איך האָב אים נישט געלאָזט, און דער גרעסטער טייל פון קליינעם עולם צוהערער איז געווען אויף מיין זייט, ווייל די מיאוסע קאָנספּי־ראַציע איז שוין געווען צו בולט.

אגב, פון דער פאַרלאָרנקייט פון דער קליינער גרופּע, וואָס האָט געוואָלט מיך אויסשליסן און איבערנעמען די פאַרזאַמלונג, איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז די קאָנספּיראַציע איז נישט געלונגען: עס איז בכלל געקומען אַ קליינער עולם, אָבער בפרט איז קליין געווען די צאָל פון פּערלעס צד.

געזען אַז ער וועט דאָ גאָרנישט מאַכן, האָט א. קאַציזנע דער־קלערט דעם אָוונט פאַר פאַרענדיקט, און דער עולם האָט זיך גע־נומען פאַנאַנדערגיין...

ווען איך בין אַראָפּ פון דער בינע, האָב איך נאָך געהאַט די סאַטיספאַקציע, וואָס די דיכטערין רייזל זשיכלינסקי איז צוגעקומען צו מיר און געזאָגט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער אי וועגן רעפעראַט, אי וועגן מייז אַקעגנשטעלן זיך קאַציזנעס אינטריגע...

איך באַדויער עד היום זייער און וואָס 1) איך האָב נישט אויסגענוצט דעם מאָראַלישן דערפאָלג פון משפט איבער י. פּערלעס שונד און 2) וואָס איך האָב נישט געמאַכט קיין אָנשטרענ־גונגען אַרויסצוגעבן די בראָשור וועגן שונד, וואָס האָט זיך אַריבער־געכאַפּט פון פּערלעס דריישטערנדיקע ראָמאַנען אין זיינע קינסט־לערישע ווערק.

* * *

בעת דעם אומקום־נדחה אין ליטווישן ווילנע, איז מיר באַ־שערט געווען צו געניסן דעם גרעסטן נחת רוח פון צוויי רעפעראַטן.

איינער פון די צוויי, „פרץ, באַנטשע שוויַיג און די פּראָבלעם פון דער יידישער קולטור־ירושה" איז אַ מאָדנער פאַל, אָבער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין גורל אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיטן 1939 האָב איך פון פאַריז באַקומען אַ בריוו פון טשע־ריקאָווערן (ביי וועמען איך האָב אין בערלין געאַרבעט ווי אַן איבער־זעצער פון אַ גרויסער טייל פון זיין בוך וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע אין 1918-1919), איך זאָל אים שיקן אַן אַרטיקל פאַרן נאָענטסטן נומער פון זיין זשורנאַל (אָדער ריכטיקער: זאַמלביכער) „אויפן שיידוועג".

איך האָב אים פאָרגעלייגט די טעמע, וואָס האָט מיך גראָד דאַן באַשעפטיקט: „פרץ, באַנטשע שוויַיג און די פּראָבלעם פון דער יידישער קולטור־ירושה".

ער האָט באַשטעטיקט די טעמע און איך האָב זי גענומען צו־גרייטן.

ווען איך האָב דעם 6טן סעפּטעמבער 1939 פאַרלאָזן וואַרשע, איז אויף מיין שרייבטיש געבליבן ליגן אַ גרויסער קאָנווערט אַדרע־סירט צו טשעריקאָווערן, — עס האָט בלויז געפעלט די מאַרקע. דעם קאָנווערט מיטן אַרטיקל האָב איך געהאַט צוגעגרייט אָפּצושיקן צו טשעריקאָווערן אין די לעצטע טעג פון אויגוסט און ער איז שוין פאַרבליבן נישט אַוועקגעשיקט.

אָבער דאָ הויבט זיך אָן די קייט גלגולים פון דאָזיקן אַרטיקל.

* * *

ווען י. סטאָלאַרסקי, דער סעקרעטאַר פון קולטור־אַרבעט צווישן די פּליטים אין ווילנע אין די יאָרן 1940-1941, האָט מיך געבעטן זיך באַטייליקן אין דער פּרץ־אַקאַדעמיע פון 1940 פאַר פּליטים, האָב איך באַשלאָסן האַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „פּרץ, באַנטשע שוויַיג און די יידישע קולטור־ירושה", וואָס איז געבליבן ליגן אויף מיין שרייבטיש ווי אַן אַרטיקל.

איך האָב דעם רעפעראַט געהאַלטן און דער פאָרזיצער פון דער אַקאַדעמיע, דער אַלטיטשקער ד"ר וויגאָדסקי, האָט מיר געגעבן עפּנטלעך דעם קאָמפּלימענט, אַז שוין צענדליקער יאָרן האָט ער נישט געהערט אַזאַ רעפעראַט.

אָבער הגם עס איז געווען אַ שעת חירום, איז דאָך נישט איינ־געשטעלט געוואָרן קיין קולטור־וואַפנשטילשטאַנד צווישן די יידישע שרייבערס.

דער טאַלענטירטער שרייבער נפתלי וויינינג, וועלכער האָט אויך געדאַרפט אַרויסטרעטן אויף דער אַקאַדעמיע, איז נישט דערשינען — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווי ס'האָט מיר איבערגעגעבן י. סטאַ־לאַרסקי, אַרויסצוטרעטן אויף דער אַקאַדעמיע, אויב איך וועל אַרויסטרעטן. און היות ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ נייער ווילנער טאָג־צייטונג, אַרויסגעגעבן דורך ד"ר וויגאָדסקי, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַפילו אַ נאָטיץ וועגן דער אַקאַדעמיע, וואָס י. סטאַלאַרסקי האָט אים געגעבן, ווי דער סעקרעטאַר און אָרגאַ־ניזאַטאָר פון דער אַקאַדעמיע.

אויפגעבראַכט פון דער דאָזיקער קליינלעכקייט (נאָך אין אַזאַ צייט!) האָב איך גערעדט מיט פר' סטאַלאַרסקי, אַז דער ענין שמעקט שוין מיט סקאַנדאַל, וואָס מען טאָר נישט דולדן און פאַרשווייגן. פר' סטאַלאַרסקי האָט מיר צוגעזאָגט צו ריידן וועגן דעם מיט ד"ר וויגאָדסקין, אָבער דער אַלטיטשקער כלל־און קולטור־טוער האָט אים מיט פאַרדראָס געענטפערט, אַז ער קאָן נישט פאַרשאַרפן די באַציאונגען מיט זיין רעדאַקטאָר. עס איז טאַקע אַ סקאַנדאַל, אָבער אין דאָזיקן פאַל, צוליב דרכי שלום וועגן, איז ער הילפלאָז, מוז ער שווייגן...

דער צייטונגס־פאַרשפּרייטער פון דער קאָוונער „דאָס וואָרט" (אַ רעכטע פּועלי־ציוניסטישע טאָג־צייטונג אין קאָוונע), גלייכצייטיק אויך זייער ווילנער קאָרעספּאָנדענט, האָט זיך געווענדט צו מיר איך זאָל אים צושטעלן אַ באַריכט וועגן דער אַקאַדעמיע אָדער לכל הפּחות פון מיין רעפעראַט, כדי ער זאָל דאָס אַוועקשיקן צו זיין צייטונג.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שרייב נישט קיין צייטונגס־באַריכטן וועגן מיינע אייגענע רעפעראַטן; אויב ער איז דער ווילנער קאָרעספּאָנדענט פון דער קאָוונער „דאָס וואָרט", דאַרף ער שרייבן דעם באַריכט.

איך האָב טאַקע אָפּגעהיט מיין פּרינציפּ, אָבער ווען די צייטונג מיטן באַריכט פון מיין רעפעראַט איז אָנגעקומען קיין ווילנע, האָב איך מיינע אויגן נישט געגלויבט.

צי דער בחור איז געווען א גוטער צייטונגס־פאַרשפּרייטער, ווייס איך נישט, אָבער אַז ער איז געווען פון יענע צייטונגס־מיט־אַרבעטער, וואָס ווייסן נישט פון קיין צורת אות און פאַרשטייען אפילו נישט וואָס זיי הערן אויף א רעפעראַט, איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. היינט בין איך שוין געוווינט צו אַזעלכע צייטונגס־מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן, אָבער דאַן איז דאָס פאַר מיר געווען א חידוש. עס איז, ווייזט אויס, גענוג געווען וואָס ער איז געווען א מיטגליד פון דער פּאַרטיי, שרייבן האָט ער שוין נישט באַדאַרפט קענען; און פאַרשטיין וואָס עמיצער רעדט — אויך נישט.

באין ברירה האָב איך זיך אָװעקגעזעצט און ווידער פאַר־וואַנדלט אין אַן אַרטיקל מיין רעפעראַט, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אַרטיקל.

דער דאָזיקער אַרטיקל איז געדרוקט געווען אין קאָװנער „דאָס וואָרט" און כ'האָב אים געלאָזן, צוזאַמען מיט אַנדערע געדרוקטע אַרטיקלען און מאַנוסקריפּטן, ביי מיין פריינט ראובן ליכטשטיין, א ווילנער יידישער לערער און שרייבער, א מיטגליד פון דער ווילנער גרופּע „פרייע שריפטן".

איך בין אַפּגעפאָרן פון ווילנע קיין וולאַדיוואָסטאָק סוף פעב־רואַר 1941, און יוני 1941 זענען שוין די נאַציס געווען אין ווילנע און צוזאַמען מיט ראובן ליכטשטיינען און זיין פאַמיליע, זענען אומגעקומען אויך מיינע מאַנוסקריפּטן צוזאַמען מיט מיין ווילנער אַרכיוו, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען מיין געדרוקטער אַרטיקל „פּרץ, באַנטשע שווייג און די יידישע קולטור־ירושה".

געקומען קיין שאַנכיי אין מאַי 1941, האָב איך מיין ערשטן רעפעראַט אין דאָרטיקן יידישן קלוב באַשלאָסן צו האַלטן וועגן „פּרץ, באַנטשע שווייג און די יידישע קולטור־ירושה" אין יידיש.

עס איז געקומען אַן עולם פון א 60־70 יידן; זיי זענען העפלעך אויסגעזעסן די צוויי שעה, וואָס דער רעפעראַט האָט געדויערט און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט קיינער פון די צוהערער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט אויף יידיש; אפילו די, וואָס קאָנען עטלעכע יידישע ווערטער, האָבן מיין ליטעראַרישן יידיש וועגן אַזעלכע ענינים נישט פאַרשטאַנען; עטלעכע, למשל, האָבן זיך געקלאָגט אויף מיר (אויף רוסיש): „ער רעדט עפּעס וועגן באַנטשע שווייג, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַלגע־מיין־באַוווּסטע זאַך. ווער אָבער איז באַנטשע שווייג?"

דער איינציקער אין זאַל (ריכטיקער אויף דער בינע) וואָס האָט געקאָנט און געדאַרפט פאַרשטיין, איז געווען אַ יידישער זשורנאַ־ליסט פון ווארשע, וועלכער איז געקומען קיין שאַנכיי סאָלאָ, אַ סך פריער פאַר אונדזער גרופּע, און איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון איינ־ציקן יידישן זייטל פונם רוסיש־יידישן זשורנאַל „נאַשאַ זשיזן" („אונדזער לעבן"). אָבער ער האָט אויסגענוצט דאָס וואָס די אַנ־דערע האָבן ניט פאַרשטאַנען און ווען דער רעדאַקטאָר פון „נאַשאַ זשיזן" האָט אים, דעם „אוטשאָני יעווריי", געפרעגט וואָס איך האָב גערעדט, האָט ער געענטפערט: ..ער (ד.ה. איך. — י. ר.) האָט געפּלוידערט".

און דאָס איז געוואָרן די אָפיציעלע מיינונג וועגן מיר ביז... ביז איך האָב פּרובירט איבערזעצן מיינעם אַן אַרטיקל וועגן טאַגאָרן אין רוסיש (דער אַרטיקל איז אַריין אין מיין בוך „טראָפּנס גלויבן", זייט 83) און כ'האָב דערזען, צו מיין שטוינען, אַז איך קאָן נאָך שרייבן אין רוסיש, הגם זייט 1915, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין ביאַליסטאָק בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך זיך נישט באַנוצט מיט דער רוסישער שפּראַך אין שריפט און וואָרט אין משך פון 25 יאָר.

היות נאָך מיין אַרטיקל וועגן טאַגאָרן, האָט מיך די „נאַשאַ זשיזן" איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן וועכנטלעך (אויף רוסיש), האָב איך באַשלאָסן צו באַאַרבעטן מיין רעפעראַט אין אַ רוסישן אַרטיקל. און דאָ איז אַרויס די אַל פון זאַק. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דער מיאוסער ראָל פון יידישן זשורנאַליסט (נישט קיין נאָווינע פאַר אים) און דער אינטעליגענטער עולם איז געווען ביכלל אָפּצושאַצן פון זיין רוסישער באַאַרבעטונג מיין יידישן רעפעראַט. דער רוסי־שער רעדאַקטאָר פון „נאַשאַ זשיזן" (היינט אין ישראל, אַרבעט מיט אין רוסישן זשורנאַל „שאַלאָם") האָט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי קאַלט באַצויגן צו מיר און ער האָט מיר דערקלערט פאַרוואָס — און ער איז געווען גערעכט: ווער וויל דאָס האָבן צו טאָן מיט אַ פּלוידערזאַק?

— אויך דער פּרעזיצער פון דער יידישער קהילה אין שאַנכיי (מר. ראַדאָמישלסקי) האָט אין רוסישן קלוב אויסגעדריקט זיין אַנט־ציקונג מיטן אַרטיקל.

ענדלעך האָב איך מיין פיל־מאָל רעקאָנסטרואירטן אַרטיקל וויבער געהאַט אַן אָפּגעדרוקטן, אָבער נישט אין יידיש.

ווען איך בין געקומען קיין מעלבורן, האָב איך קודם כל גע־
נומען איבערזעצן אויף יידיש מיינע אויף רוסיש געדרוקטע עסייען,
און איינער פון די ערשטע איז געווען מיין עסיי „פּרץ, באַנטשע
שוויג און די יידישע קולטור־ירושה" און כ'האָב אים אָפּגעדרוקט
אין דער „צוקונפט" (אַט דער עסיי איז אַריין אין מיין בוך „זוימען
אין ווינט", ז"ז 45־57).

אַט דער עסיי מיט זיין „פלוידערייי" האָט געהאַט, ווי אַ מין
קאָמפּענסאַציע פאַרן בלבול אויף אים מצד אַ געוויסנלאָזן זשורנאַ־
ליסטל, די גרעסטע אַנערקענונג פון די אומגעריכטסטע זייטן...

דער נישט לאַנג צוריק געשטאָרבענער יעקב לעשטשינסקי האָט
מיר, נאָכן אָפּדרוקן דעם דערמאָנטן אַרטיקל אין דער „צוקונפט"
(ווי אויך מיין שאַנכייער אַרטיקל וועגן מענדעלען) געשריבן אַ
בריוו, אַז ער איז אַזוי צופרידן פון מיינע אַרטיקלען, אַז ער האָט
זיי געמוזט פאַרלייענען פאַר זיין פרוי און ער לייגט מיר פאָר צו
באַאַרבעטן מיין אַרטיקל „פּרץ, באַנטשע שוויג און די יידישע
קולטור־ירושה" אין אַ בוך.

מיין „פלוידערייי", לויטן רעדאַקטאָר פון יידישן זייטל אין
„נאַשאַ זשיזן", האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אויף וועלכן איך האָב
זיך גאָר קיינמאָל נישט געריכט...

* * *

ווען איך דאַרף צוטרעטן צו די זכרונות וועגן מיין צווייטן
און צוויי מאָל איבערגעחזרטן רעפּעראַט אין ווילנע, לעב איך איבער
אַ געפיל פון אומהיימלעכקייט: ווי טרעט מען צו צו באַשרייבן
געשעענישן, וואָס זענען אומבאַגרייפלעך פאַר מיר גופא, און די,
וועלכע זענען דידאַזיקע רעפּעראַטן נישט בייגעווען, וועלן דאָס נישט
נאָר נישט פאַרשטיין, נאָר אויך נישט גלויבן, ווייל דאָס איז אין
אַ גרויסער מאָס אומגלויבלעך, ווייל אומבאַגרייפלעך. אָבער איך
וויים אויף זיכער, אַז עטלעכע מענטשן פון די, וואָס האָבן געהערט
דעם רעפּעראַט, זענען געבליבן לעבן און עפּעס וועט זיך אפשר
אָפּרופן אין זיי פון יענער שטימונג, און זיי וועלן זיין עדות פאַר
דעם, וואָס איז פאַר מיר אומפאַרגעסלעך, און אפילו אין אַ געוויסן
זין איבערנאַטירלעך.

איך האָב אָפט געטראַכט וועגן דעם צי זאָל איך באַרירן אָט

דעם עפּיזאָד אין מיינע „זכרונות פון אַ רעפערענט" און שטעלן מענטשן פאַרן נסיון פון נישט גלויבן מיר, פון חושד זיין בכשרים אָדער איך זאָל זיך בעסער אויסשטעלן אויף דער געפאַר פון גע־האַלטן ווערן פאַר אַ ליגנער אָדער אַ בעל מגזם איידער אויף אַן אמת פעלשן דורך פאַרשווייגן, אָדער דורך פאַרוואַנדלען עפּעס באמת וויכטיקס אין קליינלעכס...

און כ'קליב אויס דאָס שווערערע, דאָס מער אומדאַנקבאַרע, — איך וויל זאָגן דעם אמת, ווי איך האָב אים איבערגעלעבט, ווי איך האָב אים געזען און אויפגענומען.

איינמאָל האָט מיך איינער פון די מיטגלידער פון די לינקע פּועלי־ציון פאַרבעטן צו האַלטן אַ רעפעראַט ביי זיי אין לאָקאַל.

איך האָב מסכים געווען און אָנגעגעבן די טעמע — „צי דער־פילט די יידישע ליטעראַטור איר אויפגאַבע?".

דאָס איז אַ טעמע, וואָס האָט מיך נישט איינמאָל אָנגערעגט צו שרייבן אויף איר עסייען. איך האָב אַפילו אין אַ קליינעם זאַמל־ביכל, אַרויסגעגעבן דורך די לינקע פּועלי־ציון אין ווילנע, אויך גע־שריבן אַן עסיי אויף דערדאָזיקער טעמע (דעם זאַמלביכל האָב איך נישט און כ'ווייס נישט צי ער איז ערגעץ־ווו דאָ).

אין באַשטימטן אָוונט בין איך מיט מיין פרוי געקומען אין לאָקאַל פון די לינקע פּועלי־ציון. מיר האָבן לאַנג געוואַרט מיטן אָנהויב. אָבער עס איז געווען אומזיסט: צוזאַמען מיט מיר און מיין פרוי איז אין צימער געווען עפּעס מער ווי אַ האַלבער טוץ מענטשן — אָבער ווייט פון אַ טוץ.

געוויינלעך דעפּרימירט מיך אַזאַ צושטאַנד, — דאָס מאָל האָט מיך עפּעס גאָרנישט געאַרט. אדרבא: איך געדענק בולט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, אַז אַנדערע אין צימער (כ'וואָלט אַפילו געקאָנט אָנרופן נעמען, ווען דאָס זאָל זיין נויטיק) זענען נערוועז אַרומגע־גאַנגען אין מיטן רעפעראַט פון אָרט צו אָרט; איך האָב אָבער גע־רעדט רואיק, מיט אַ מאָדנער לייכטקייט. בילדלעכע פאַרגלייכן, וואָס האָבן אילוסטרירט מיינע געדאַנקען, זענען מיר אַנטקעגנגעקומען מיט אַ מאָדנער נאַטירלעכקייט און נאָך מאָדנערער טרעפלעכקייט: איך האָב אַ סך אימפּראָוויזירט אין יענעם אָוונט און דאָס אימפּראָ־וויזירטע האָט נישט נאָר נישט צעשטערט דעם געוועב פון צוגע־גרייטן רעפעראַט, פון זיינע טעזיסן, נאָר דאָס האָט אָן שוועריקייטן

געפונען זיין נאַטירלעכן אָרט נישט געקוקט אויף זיין אומגעריכטן אויפֿבליץ. איך בין געווען מאָדנע איבערראַשט און באַרוישט פֿון דעם אַלעם בעתן ריידן, ווי עמיצער וואָלט זיך געהאַט צוגעקוקט און צוגעהערט פֿון דער זייט און דאָס ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. איך האָב דערביי געהאַט אַ מאָדנעם געפֿיל, כמעט אַ וויזיע: די טעמע קוועלט כסדר אָן אין מיר, ווי געשפּייזט פֿון אונטערערדישע קוואַלן, און כ'האָב מורא זי זאָל מיך נישט פֿאַרגיסן און אַוועקטראָגן אין אַ זייט, ווייט פֿון דער טעמעם דרך המלך.

גאַנץ אָפֿט אין פֿאַרלויף פֿון רעפֿעראַט, האָב איך געהאַט אַ פֿאַרלאַנג מאַכן אַן איבעררייס און פֿאַרצייכענען אַ פּלוצלונגן געדאַנק, אַ פּלוצלונגן פֿאַרגלייך, וואָס ווער ווייס צי כ'וועל זיי שפּעטער, אין דער היים, נאָך געדענקען.

ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אויך די געציילטע צוהערערס פֿילן עפּעס פֿון דעם וואָס איך פֿיל; אפשר נישט דאָסזעלבע וואָס איך, אָבער זיי פֿילן אַז עפּעס קומט פֿאָר אין מיר, וואָס גיט זיך זיי איבער, הגם זיי וויסן נישט גענוי וואָס. איך האָב באַמערקט אַז פֿון צייט צו צייט איבערראַשט אויך זיי אַ פֿאַרגלייך, וואָס אילומינירט מיין געדאַנק, וואָס מאַכט אים פּלאַסטישער, איבערצייגנדיקער...

עס איז געוואָרן שפּעטלעך, איך האָב געפֿילט אַז כ'דאַרף פֿאַרענדיקן, אָבער דאָס מאָל האָב איך נישט געפֿילט די געוויינלעכע פֿאַרלייכטערונג פֿונם געפֿיל, אַז אַלץ איז געגאַנגען כשורה, און איך האַלט ביים סוף, — אדרבא, מיר איז עפּעס געווען אַ שאָד צו פֿאַרענדיקן, דער קנויל געדאַנקען און בילדער איז נאָך געווען אין מיטן, ס'דאַרף נאָך אַוועק אַ שטיק צייט ביז ער וועט זיך אָפּוויקלען אין גאַנצן, ווייל דער קנויל האָט זיך ערשט גענומען אָפּוויקלען, דער סוף האַלט נאָך ביים אָנהויב...

ווען איך האָב פֿאַרענדיקט דעם נישט פֿאַרענדיקטן רעפֿעראַט, האָבן די פּאָר צוהערער עפּעס גערעדט צו מיר, אָבער געדענקען געדענק איך נאָר איין זאַך פֿון דעם, וואָס זיי האָבן מיר געזאָגט:

— דעם רעפֿעראַט דאַרף מען איבערחזרן פֿאַר אַ ברייטערן עולם...

* * *

דערדאַזיקער רעפעראַט האָט אין מיר ווי אויפגעריסן אַ קוואַל. גלייך צוזאַמענגענומען האָב איך געמען טאָן דאָס, וואָס איך פלעג וועלן טאָן אָפט נאָך אַ רעפעראַט, אָבער בלויז זעלטן פלעג איך דאָס פאַרווירקלעכן: כ'האָב גענומען אַרויפטראָגן אויפן פּאַפּיר דאָס, וואָס איך האָב גערעדט. איך האָב יעדע פרייע מינוט פאַרווענדט דערויף. און איך האָב גאָר בקרוב דערפילט, אַז דאָס וואָס איז געשען בעתן רעפעראַט, נעמט זיך איבערחזרן ביים פאַרשרייבן אים: איך האָב לויט קאַרגע נאָטיצן, צוגעגרייטע צום רעפעראַט, ווי אויך לויט זכרון־נאָטיצן, געמאַכטע בעתן רעפעראַט, גענומען פאַרשרייבן וואָס איך האָב גערעדט — סיי דאָס צוגעגרייט־פאַרצייכנטע, סיי דאָס אימפּראָוויזירטע, — אָבער יעדער טעזיס פון די נאָטיצן און יעדער געדענקטער צוגאָב ביים ריידן, האָט זיך גענומען אויסברייטערן, אָבער אַזוי, אַז צוערשט האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס וועט זיך צעוואַקסן צו אַ גרעסערער בראָשור און דערנאָך איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב געמאַכט דעם חשבון אָן באַלעבאָס, — דער מאַטעריאַל צעוואַקסט זיך צו אַ בוך־פאָרמאַט.

איך האָב שוין געהאַט פאַרשריבן נישט איין העפט, ווען איך האָב באַמערקט, אַז לויט מיינע רעפעראַט־נאָטיצן האַלט איך נאָך ביים „אַריינפיר" צו דער טעמע.

איך געדענק נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט — צי אַ וואָך, צי אַ חודש, אָבער אין איינעם אַ פאַרנאַכט, אַ זייגער פינף, איז זלמן מייזנער, וועלכער האָט געוווינט מיט אַ שטאָק נידעריקער פאַר מיר (איך האָב געוווינט אויפן דריטן שטאָק) אַריינגעקומען און מיר געזאָגט:

— איר זיצט און שרייבט (אין דער אמתן האָב איך — פון אומגעדולד — געשריבן שטייענדיק) און די באָלשעוויסטישע טאַנקען פאָרן שוין איבער די ווילנער גאַסן...

איך האָב דערפילט ווי עפעס רייסט זיך אָפּ אין מיר... דאָס האָט זיך איבערגעריסן דער פאָדעם פון מיין בוך אויף דער טעמע: „צי דערפילט די יידישע ליטעראַטור איר אויפגאַבע"...

אמת, פאַר דער צייט, וואָס איך האָב געטיילט מיט די באָלשעוויקעס ווילנע, האָב איך אַ סך געשריבן אין שטוב און אין „ייוואָ"־ביבליאָטעק, אָבער די אַרבעט אויפן אימפּראָוויזירטן בוך האָט זיך איבערגעריסן. די קוואַלן פון אימפּראָוויזירטן שאַפן אויף דער דאַ־

זיקער אָפּט דורך מיר באַרירטער טעמע (זייט 1921), זענען אויס־געטריקנט געוואָרן. צום דאָזיקן בוך האָט מען באַדאַרפט האָבן כאָטש אַ רעלאַטיווע אינערלעכע רואיקייט, — אַ זאַך, וואָס ביי די באָלשעוויקעס האָב איך דאָס נישט געקאָנט האָבן...

דער טייל מאַנוסקריפּט, וואָס איך האָב שוין געהאַט אָנגע־שריבן, ווי אויך די צוואַקסענע העפטן מיט נאָטיצן, געבוירענע און פאַרצייכנטע בעתן שרייבן און בעתן טראַכטן אויף דערדאָזיקער טעמע, זענען אומגעקומען ווי אַ סך אַנדערע שריפטן פון דער ווילנער תקופה...

איך בין קיין ווילנע געקומען אָן איין פאַרשריבענעם אות פון דער וואַרשעווער תקופה, און איך בין קיין שאַנכיי געקומען אָן איין פאַרשריבענעם אות פון דער ווילנער תקופה...

* * *

בעת דער צווייטער באָלשעוויסטישער תקופה אין ווילנע, אַ שטיקל צייט נאָך מיין רעפעראַט ביי די לינקע פּועלי־ציון, האָבן מיר די רעכטע פּועלי־ציון (דורך שפּיזמאַן) פאַרגעלייגט צו האַלטן דעם זעלבן רעפעראַט ביי זיי אין קיך אויף זאַוואַלנע גאַס (אַזוי דאַכט זיך מיר האָט געהייסן די גאַס, וווּ זייער קיך האָט זיך גע־פונען).

ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן די לינקע פּועלי־ציון זיי רעקאָמענ־דירט מיין רעפעראַט. אגב, זאָגט עס ווידער עדות אויף דער קוואַ־ליטעט פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן: אַלע פּליטים האָבן געפיבערט מיט וויזעס, מיט אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון דער פּאַסטקע, אָבער דערהערט וועגן אַ רעפעראַט, וואָס אַנדערע רימען, האָט מען אין דער אומרואיקסטער שטימונג אים געוואָלט אַליין הערן און אויך אים לאָזן הערן אַנדערע.

ווען איך בין געקומען אין דער קיך אויף זאַוואַלנע גאַס, איז שוין דער לאַנגער עסצימער געווען פול. מען האָט מיך צוגעפירט צו אַ קליין טישעלע, וואָס איז אויך ממש געווען אַרומגעקלעפּט מיט יונגע צוהערערס, חלוצים און פּועלי־ציון־מיטגלידער. ווען איך פלעג מאַכן אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, האָב איך מורא געהאַט עמיצן אָנצורירן. איך זע נאָך היינט די פּנימער פון יונגע בחורים,

וואָס זיצן איבערגעבויגן מיט די פּנימער איבערן צווייטן טייל טישל, וואָס ביים ערשטן טייל זיינעם שטיי איך ווי צוגעשפּאַרט פון אַלע זייטן.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון אָוונט האָבן צעשטעלט אין דרויסן וואַכן, וואָס זאָלן אַלאַרמירן ביי דער קלענסטער סכנה, ווייל אַזאַ גרויסע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג ביי די באָלשעוויקעס איז געווען נישט קיין לייכטע זינד...

איך האָב אָנגעהויבן מיין רעפעראַט צום צווייטן מאָל מיט אַ שטילער תפילה אין הארצן, ווי דאָס פלעגן טאָן די יידישע שליחי צבור, אַז איך זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, אַז איך זאָל זיין אַ שליח־צבור, וואָס איז ראוי צו שטיין ביים עמוד...

און מיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן.

געוויינלעך איז מיר שווער איבערצוחזרן מיינעם אַ רעפעראַט און איך האָב מורא פאַר דעם, ווייל מערסטנטייל איז אין מיינע רעפעראַטן דאָ אַ גרויסער פּראָצענט אימפּראָוויזאַציע און דאָס רופט ביי מיר אַרויס אומזיכערקייט און מורא עס זאָל זיך עפּעס נישט פאַרהאַקן...

דעם אָוונט אָבער איז מיין תפילה אָנגענומען געוואָרן: איך האָב גערעדט לייכט, די פאַרגלייכן זענען מיר אַנטקעגנגעקומען ווי אויף אַ כישוף־באַפעל, די געדאַנקען האָבן זיך געקייטלט און אַרויס־געבראַכט בולט וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. עס איז אין רעפעראַט נישט געווען אַזאַ שעפערישקייט, ווי אין קליינעם צימער ביי די לינקע פּועלי־ציון (אַזעלכע זאַכן חזרן זיך זעלטן איבער), אָבער דאָך האָב איך איבערגעלעבט וווּנדערבאַרע מאָמענטן, וואָס דאָס האָבן מיר באַשטעטיקט די פּנימער פון די בחורים, וואָס זענען גע־זעסן כמעט אָנגעשפּאַרט מיט די פּנימער אויפן טישעלע און די אויגן זייערע האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין מינוט.

ווי וויניק מענטשן פון יענעם איבערגעפּאַקטן זאַל זענען מסתמא געבליבן לעבן! אפשר זענען דאָ געציילטע, וואָס אין זייערע געמיטער איז געבליבן אַ לעבעדיקער שפּור פון יענעם אָוונט, ווי ער לעבט אין מיר...

דער אָוונט איז אַדורך בשלום; די אויסגעשטעלטע וואַכן האָבן נישט געדאַרפט אַלאַרמירן; איך דערמאָן זיך אָפט אָן יענעם אָוונט,

ווי אין אַ חסד־מאָמענט אין מיין לעבן, פון וועלכן איך שעפּ וויטאַמינען פאַר מיין גייסט אין צייטן פון אַ גייסטיקן ליקוי־חמה...

איך האָב אין וואַרשע און אין ווילנע פאַרלאָרן אַ סך מאַנו־סקריפּטן, אָבער צווישן די עטלעכע, וואָס איך באַדויער כסדר גאָר שטאַרק זייער אומקום, געפינען זיך אויך דער נישט פאַרענדיקטער (דער קוים אָנגעהויבענער) מאַנוסקריפּט פון דאָזיקן רעפעראַט, ווי אויך די געמאַכטע נאָטיצן צו אים...

אויב עמיצער וועט מיר זאָגן, אַז דאָס איז אַ קליינלעך, עגאָ־איסטיש געפיל, וועל איך מיטן פאַרשטאַנד מסכים זיין מיט דעם, ווייל איך פיל דאָס אָפּט אַליין, אָבער איך וועל דאָך ווייטער אַ פאַרשעמטער צערטלען מיין דאָזיקן געפיל, ווייל סיי־ווי וועל איך נישט קאָנען עס אויסוואָרצלען פון זיך...

מיין שכל שעמט זיך מיט דעם, אָבער מיין געפיל שטאָלצירט דערמיט...

* * *

פון שאַנכיי האָב איך אַ ים זכרונות ווי אַ שרייבער, ווי אַ מענטש, ווי אַ ייד, אָבער זייער ווייניק ווי אַ רעפערענט; און דאָס ביסל זכרונות וואָס איך האָב ווי אַ רעפערענט זענען נישט פון ווילנער ווערטפּולקייט (הגם איין רעפעראַט אויף דער ווילנער טעמע, האָט אַ שייכות מיט ווילנע).

וועגן מיין ערשטן פּרץ־רעפעראַט אין יידיש האָב איך שוין דערציילט; בלייבט מיר נאָך צו דערציילן וועגן מיין שלום־אַש־רעפעראַט אין רוסיש און וועגן אַ רעפעראַט אין יידיש, אויף אַ ווילנער אַלטער טעמע, פאַר אַ גרופּע דייטש־יידישע ציוניסטן, אין האַנג־קיו, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די שאַנכייער געטאָ... (נישט צו פאַרגלייכן מיט די געטאָס אין פּוילן...).

אָבער וועגן דעם אַן אַנדער מאָל...

א י נ ה אַ ל ט :

זייט

פראַגמענטן פון אַ לעבן :

א.) ווי איך האָב זיי געזען — — — — — — — 5
ב.) ת. עדות — — — — — — — — — — 42
ג.) דער ריינער געווים — — — — — — — — 66
ד.) פּראָפ. שלמה׳קע (סאַלאָמאָן) קאַהאַן — — — — 79
ה.) איישישאָק איז געבליבן אָן פּלייש — — — — — 87
ו.) ער איז גערעכט געווען — — — — — — — — 99
ז.) אדם נאַקעט... — — — — — — — — — 105
ח.) אַ פּליטימשער סדר אין וולאַדיוואָסטאָק — — — 112
ט.) ווערטער און מעשים... — — — — — — — 120
י.) א. אייזען ע״ה — — — — — — — — — 132
יא.) פּ. י. גאַרין (גערמאַנישסקי) — — — — — — 136
יב.) יום כפור אויף אַ שיף צווישן דייטשישע
פּליטים — — — — — — — — — — — 143

פון מיין ביאַליסטאָקער זכרונות־אוצר :

אַקאָרדן פונעם לייט־מאָטיוו — — — — — — — 150
א.) צוליב אַ צווילינג־אַנצוג :
1) מען וואַרפט מיך אַרוים פון בית־מדרש ... — 157
2) מיינע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן
דאָס דאַזיקע בלוט — — — — — — 160
ב.) איך ווייז אַרוים מיין עקשנות... — — — — 165
ג.) ערשטע אויפבליצן פון סאָציאַלן באַוווסטזיין — 168

פון די ביאַליסטאָקער מערקווירדיקייטן :

א.) יהושע סאַרנע — — — — — — — — — 172
ב.) צו ד״ר כאַזאַנאָוויטשעס ביאָגראַפיע — — — — 178

זייט

געשטאַלטן, וואָס האָבן מיך גייסטיק באַווירקט:

1) דודל חלוץ — — — — — — — — — — 181
2) דער מאָרפיניסט — — — — — — — — 184
3) ברוך ראַזענטאַל — — — — — — — — 186
4) דער „אומנאָרמאַלער" — — — — — — — 189
5) דער גולם מיטן שם המפורש — — — — — 191
6) ליאַלע בראַמסאָן — — — — — — — — 200
7) איליוויצקי — — — — — — — — — — 204
8) דער עין יעקב-רבי — — — — — — — 207
9) דער נזיר — — — — — — — — — — 209
10) ש. לעוו — — — — — — — — — — 214
11) ד"ר הערמאַן פראַנק — — — — — — — 218

צו דער גייסטיקער ביאָגראַפיע פון ביאַליסטאָק:

א.) א. ש. הערשבערג — — — — — — — — 231
ב.) פסח קאַפּלאַן — — — — — — — — — 238
ג.) מיינע באַציאונגען מיט חיים רובינשטיין — — 245
ד.) ד"ר יוריסעם קאַשמאַר-רעפּעראַט — — — — 256
ה.) יעקב ראַוויטש — — — — — — — — — 259
ו.) שיינע מיין אַם — — — — — — — — — 268
ז.) די רעוואָלוציע פון 1905 — — — — — — 274
ח.) די גנעסין-שולע — — — — — — — — 282
ט.) ווידערשטאַנד-פּרווו אין ביאַליסטאָק
מיט קרוב 50 יאָר צוריק — — — — — — — 286
י.) צו דער געשיכטע פון „הבימה" — — — — 293
יא.) מיינע ביאַליסטאָקער ביבליאָטעק-קאַמפן — 296
יב.) די צעירי-ציון-באַוועגונג — — — — — — 310
יג.) דער נביא פון גרוים-ציוניזם — — — — — 318
יד.) פון יענע טעג — — — — — — — — — 322

הוספות:

1) דער סופער מנחם-מענדל — — — — — — 329
2) פון דער שאָטנזייט — — — — — — — — 343
3) זכרונות פון אַ רעפערענט — — — — — — 349